STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09053

*Copyright in this work is held by Fundación IWO Buenos Aires, Argentina. The Yiddish Book Center is grateful to the copyright holders for permission to include this work in the Steven Spielberg Digital Yiddish Library.*

# DER YIDISHER MUZSHIK

Mordecai Spector

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-09053-0

D:\YIDDISH\Titles\9780657090531T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

מרדכי ספעקטאָר

# דער
# יידישער מוזשיק

★

יוסף ליפשיץ־פאָנד
פון דער ליטעראַטור־געזעלשאַפט ביים ייוואָ
בוענאָס־איירעס

**Mordche Spektor — Der Idisher Mushik**

---

**Mordje Spektor — El Colono Judío**

Copyright 1963, by
ATENEO LITERARIO EN EL IWO
Pasteur 633 - 3er piso
Buenos Aires

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Queda hecho el depósito que previene la ley 11.723

מרדכי ספעקטאָר

# דער יידישער מוזשיק

ראָמאַן

פֿראַגמענטן פֿון פֿאָרשאַרבעטן
צו דער כאַראַקטעריסטיק
ז כ ר ו נ ו ת
בילדער

אַרײַנפֿיר און רעדאַקציע
פֿון
שמואל ראָזשאַנסקי

15טער באַנד פֿון ציקל

# מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור

אַרויסגעגעבן פון

י ו ס ף ל י פ ש י ץ - פ אָ נ ד

פֿון דער

ליטעראַטור־געזעלשאַפֿט ביים יוואָ

אין אַרגענטינע

אונטער דער רעדאַקציע פון

שמואל ראָזשאַנסקי

קאָרעקטאָר: שעפסל נײַהויז

טיראַזש: 1.000 עקז׳

יאָר: ה׳ תשכ״ג — 1963

ליטעראַטור־געזעלשאַפט ביים ייוואָ אין אַרגענטינע

# תוכן


זייט

ביאָגראַפֿישע שטריכן ........................... 6

בילד ........................................ 7

מרדכי ספּעקטאָר ווערק ........................ 8

שמואל ראָזשאַנסקי — מרדכי ספּעקטאָר, דער עמך־שרײַבער צווישן די קלאַסיקערס ............ 11

דער ייִדישער מוזשיק (ראָמאַן) .................... 17

צו דער כאַראַקטעריסטיק ........................ 262

שמעון דובנאָוו — וועגן ספּעקטאָרס נאַטור און סבֿיבֿה ...... 262

יעפֿים ישורין — מרדכי ספּעקטאָר־ביבליאָגראַפֿיע .......... 264

ש. ר. — נאָכבאַמערקונגען ........................ 369

# ביאָגראַפישע שטריכן

געב' 5טן מיי 1958 אין אומאַן, קיִעווער גובערניע, אין אַ סביבה פון טאַלנער חסידים. דערצויגן אין חסידישן גייסט, כאָטש דער טאַטע, דער שטרענגער חסיד, איז אים פרי אָפּגעשטאָרבן, ווען ער, מרדכי, איז קוים 4 יאָר אַלט געווען. ביי זיינע מלמדים איז נגינה, אַ שנעפּסל און שיריים ביים רבינס טיש געווען מער אָנגעלייגט ווי זיצן און לערנען, און זיי האָבן אָנגעטראָפן די נאַטור, צוגעפּאַסט צו דעם שטייגער לעבן. אַ פריילעך, לוסטיק יינגל. הנאה האָבן פון פּעלד, אַן עס און אַ טרונק מער ליב געהאַט ווי זיצן פאַרשפּאַרט אין בית־מדרש. שטאָלצירט מיט די שטאַרקע פעטערס, וועלכע האָבן דערלעבט צו די אַכציקער, ניינציקער און אַפילו אַריבער די הונדערט יאָר, ווי ער דערציילט אין זיינע מעמואַרן מיין לעבן.

*

שוין אין יונגינקן ס. איז אויפגעקומען אַ לעבעדיקער אינטערעס צו וועלטלעכער בילדונג. די לאָזונגען פון דער השכלה זיינען צו אים פרי דערגאַנגען. צו ערשט זיך אַריינגעקראָגן אין אומאַנער שול פאַר ערדאַרבעט, נאָך דעם, צו די 17 יאָר, אַנטלאָפן קיין זשיטאָמיר, אויף אַריינטרעטן אין דער ראַבינער־שול. אָבער נישט געווען קיין פּלאַץ און נישט די משפחה האָט אים געלאָזט בלייבן אין דער פרעמד: מיט פּעטש האָבן קרובים, חסידים, אים צוריקגעבראַכט אַהיים.

אַ פאָלקסגייער, איינער פון די טיפּישע אידעאַליסטן פון דער צייט, אַ מיליטערישער אינזשיניער, ווינדער, פירט אים אַריין אין וועלטלעכע לימודים. פּונקט טרעפט דעמאָלט, אַז צו זיינע 19 יאָר פאַרלירט ער די מאַמע, גייט ער אַוועק פון זיין געבוירנשטאָט, כאָטש מיט איר נאָמען באַניצט ער זיך, ווען ער הייבט זיך אָן דרוקן: ער רופט זיך אָן ספּעקטאָר פון אומאַן.

שרייבן האָט ער אָנגעהויבן נאָך צו די 15 יאָר און גלייך — אין יידיש.

*

1878. אין וויניצע. ווינט ביי אַ ברודער און פאַרנעמט זיך מיט מסחר. דער קאָפּ איז אָבער אַריינגעטאָן אין ייִדי' און רוס' ביכער: מענדעלע, ליִנעצקי, טורגעניעוו, דאָסטאָיעווסקי. דער העברעיִש־יידישער שרייבער אליעזר צווייפל ווערט זיין ערשטער דערמוטיקער.

אַזוי ווי ער פאָרט־אַוועק נאָך די פּאָגראָמען פון 1881 קיין מעזשיבוזש (ווו עס האָט געווינט דער בעל שם טוב), כדי דאָ זיך גרייטן צום אוניווערסיטעט, אויך לערנען אַ מלאכה, צו קענען פאַרלאָזן רוסלאַנד, געפינט ער די רו צו קענען שרייבן אָן אויפהער. פון דאַנען שיקט ער אַוועק קאַפּיטלען פון אַ ראָמאַן אָן אַ נאָמען צום רעדאַקטאָר פון יודישעס פאָלקס־בלאַט, אַלעקסאַנדער צעדערבוים, אין פּעטערבורג, און דאָ דעבוטירט ער טאַקע אין 1883. נאָכן דרוקן אַ ריי פעליעטאָנען פאַרעפנטלעכט ער זיין צווייטן גרויסן ראָמאַן, דער יידישער מוזשיק, וואָס האָט אַזאַ גרויסן דערפאָלג, אַז צ. פאַרבעט אים אין דער רעדאַקציע פון יפ״ב.



מרדכי ספעקטאָר

אָט דאָס בוך, עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט, שאַפט ספעקטאָרן אַ שם פון אַ ראָמאַניסט וואָס פאַרכאַפּט די לייענער־מאַסע.

*

זיין ערשטע פרוי, אַ שרייבערין, איזאַבעלאַ, די טאָכטער פון שרייבער און צענזאָר א. ש. פרידבערג, סטימולירט אים. גענויגט צו פאַרשיידנאַרטיקער צייטונג־שרייבעריי, באַפרידיקט זיך נישט ס. בלויז מיט שרייבן ראָמאַנען און דערציילונגען. ער פאָרט אַריבער אין 1887 פון פעטערבורג קיין וואַרשע, נאָכן אָנמאַטערן זיך און פאַרלירן געלט ביים קריגן אַ דערלויבעניש אויף אַרויסגעבן אַ טאָגצייטונג, און דאַרף זיך באַגענוגענען מיטן אַרויסגעבן יאָרביכער פאַר ליטעראַטור און פובליציסטיק, הויז־פריינד. אויף פינסקיס איניציאַטיוו (ספעקטאָרס צווייטע פרוי איז געוואָרן פינסקיס שוועגערין), רעדאַקטירט ס. צוזאַמען מיט פרצן, אין 1894, יום־טוב־בלעטליך, און נאָכן אָפּטיילן זיך גיט ער אַליין אַרויס עטלעכע נומערן וואָכעדיגע בלעטליך, אין זעלביקן יאָר 1895 — דער לאַמטערן, זאַמלביכער וואַרשעווער יוד׳ קאַלענדאַר און דאָס ווידער־קול. ווי נאָר ס׳הייבט־אָן דערשיינען אין קראָקע דער יוד, אין 1899, ווערט ער אַ טיכטיקער מיטאַרבעטער, דרוקט ־אונטערן פסעוודאָנים אמת עטלעכע יאָר אַ רובריק פון שטעט און שטעטלעך, רעדיזשירט וואָכנבלעטער דאָס ווילנער טאָגבלאַט די צייט (1906), אַרבעט־מיט אין די וויכטיקסטע צייטונגען, אין פריינד, טאָג, וועג, רעדי׳ 1907—1909 דאָס טאָגבלאַט אונדזער לעבן, גרינדעט אין 1909 די נייע וועלט, וואָס פאַראייניקט זיך נאָך דעם מיטן וואַרשעווער מאָמענט.

*

אין 1914, בעתן קריג, לאָזט זיך ס. אַוועק קיין אָדעס. געצוווּנגען בעתן פאַרבאָט אויף יִדיש צו דרוקן זיך אויף רוסיש.

נאָך ביטערע איבערלעבונגען אין רעוואָלוציע און לאַנגע וואַנדערונגען אָנגעקומען אין ניו־יאָרק אין 1921, ווו ער האָט ווידער אויפגעלעבט און געוואָרן זייער פראָדוקטיוו ווי אַ ראָמאַניסט און מעמואַריסט פון רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד, פון יענער וועלט. מיטגעאַרבעט פריִער אין צייט, נאָך דעם אין יוד׳ טאַגבלאַט, פאַרעפנטלעכט אַ סך דערציילונגען אין קליינע העפטלעך.

ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים באַפרייען זיך פון אימיגראַנטישער חבלי־לידה, איז ער געשטאָרבן: דעם 15טן מאַרץ 1925.

# מרדכי ספעקטאָרס ווערק

עניים ואביונים אָדער גליקלעכע און אומגליקלעכע, ס״ט פּטרבורג, בדפוס ה׳ צבי הירש פּינק, תרמ״ו — 1885.

דער שטומער גוטער יוד, אַן ערציילונג פון דער לעצטער רוסיש־טערקי־

**שער קריג, בהוצאות פ׳ ר׳ ישראל ראזומאָווסקי בבאַרדיטשוב, וואַרשע 1889, זז׳ 76.**

רב טרייטעל, **ערצעהלונג אין צוויי טהייל, בהצאות של ר׳ ישראל ראַזו־מאָווסקי בבאַרדיטשוב, וואַרשע 1889.**

אַ ווייבערשע נשמה, **ראָמאַן, ברדיטשוב 1891, זז׳ 32.**

חיים יענטעס, **ערצעהלונג, דרוק פון יעקב שעפשיל, ברדיטשוב 1892, זז׳ 32.**

דער היינטיגער יודישער מוזשיק, **ראָמאַן, ברדיטשוב תרנ״ב — 1892, זז׳32.**

פורים און פסח, **בילדער און ערצעהלונגען, הובא לבית הדפוס ע״י מאיר עפשטיין הלוי מו״ס, ברדיטשוב תרנ״ג — 1893, זז׳ 36.**

רב טרייטעל, **ערצעהלונג אין 2 טייל, ערשטער טייל, ווילנא תרנ״ד 1894, זז׳ 88.**

דער יודישער מוזשיק, **אַ ראָמאַן אין צוויי ביכער און אין פיער טהייל, יצחק פונק בוכהאַנדלער אין ווילנא, 1894, זז׳ 304.**

דער היינטיגער מוזשיק, **ראָמאַן, וואַרשע תרנ״ה־1894, זז׳ 32.**

אַ ווייבערשע נשמה, **ראָמאַן, דרוק פון יעקב שעפטיל, ברדיטשוב 1894.**

יודישע סטודענטען און יודישע טעכטער, **ראָמאַן, דרוק פון יעקב שעפטיל, ברדיטשוב תרנ״ה־1895, זז׳ 124.**

רב טרייטעל, **ערצעהלונג אין 2 טהייל, צווייטער טהייל, ווילנאָ תרנ״ו־1896, זז׳ 59.**

העלדען פון ירושלים, **אַ היסטאָרישע ערצעהלונג נאָך דניאל מאָרדאָווצעוו, באַארבייטעט דורך מ. י. פרייד, וואַרשע תרנ״ט־1899, זז׳ 102.**

די יודישע וועלט, **אַ זאַמלונג ערצעהלונגען, דרוק יעקב קעלטער, וואַרשע תרנ״ט־1899, זז׳ 200.**

ספורים וציורים, **תרגום א. נ. גנסין, הוצאת „חושיה״, ורשה תרס״א־1900, זז׳ 76.**

דיא דריי פארשוין, **ערצעהלונג פון די 70ער און 80ער יאָהרען, זז׳ 63.**

די פריילין קלאַראַ אָדער יודישע סטודענטען, **ראָמאַן, דרוק פון חיים יעקב שעפטיל, ברדיטשוב תרס״ד־1903, זז׳ 124.**

עניים ואביונים אָדער גליקליכע און אומגליקליכע, **ערשטער טייל, דפוס שרגא הייבגארבער, ווילנאָ 1903, זז׳ 310.**

אַ רעגען, **ערצעהלונג, „האור״, וואַרשע 1905, זז׳ 18.**

אַ פינסטערע חתונה, **ערצעהלונג, פאַרלאַג „ביכער פאַר אַלע״, וואַרשע תרס״ה־1905, זז׳ 21.**

אַ שטרייק פון קבצנים, **ערצעהלונג, פ׳ „ביכער פאַר אַלע״, וואַרשע 1905, זז׳ 11.**

שטעהט־אויף צו סליחות, ערצעהלונג, וואַרשע 1905, זז׳ 12.
יום־טוב־שטימונגען, פ׳ „השחר״, וואַרשע 1906, זז׳ 223.
אין שטוב און אין גאַס, „היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני״, נ״י 1909, זז׳ 74.
גאָלדעלע, „היברו פּאַבל׳ קאָ.״, נ״י 1909, זז׳ 18.
פּרץ־ישראל־פּושקע, „היברו פּאַב׳ קאָ.״, נ״י 1909, זז׳ 149.
וועג־לייט, (בילדער), „היברו פּאַב׳ קאָ.״, נ״י 1909, זז׳ 121.
שמערל׳ס שמחה, „היברו פּוב׳ קאָ.״, זז׳ 13.
העלדען פון דער צייט, דריי פאַרשוינען (ערצעהלונג פון די 70ער און 80ער יאָהרען), פ׳ „פּראָגרעס״, וואַרשע 1909, זז׳ 71.
שרה פעסי, „היברו פּאַב׳ קאָ.״, נ״י, זז׳ 11.
צוויי פעסלעך וויין, „היברו פּאַב׳ קאָ.״, נ״י, זז׳ 15.
שלום־פּייוקע, „היברו פּאַב׳ קאָ.״, נ״י, זז׳ 9.
מאַן און ווייב, „היברו פּאַב׳ קאָ.״, נ״י, זז׳ 19.
שמעריל׳ס שמחה, „היברו פּאַב׳ קאָ.״, נ״י 1909, זז׳ 24.
יודישע עשירות, „היברו פּאַב׳ קאָ.״, נ״י 9—10, זז׳ 53.
דער היינטיגער יודישער מוזשיק, „היברו פּאַב׳ קאָ.״, נ״י 1910, זז׳ 30.
די פערבלאָנדזשעטע, ערצעהלונג, וואַרשע תרע״א 1911, זז׳ 148.
טעג פון נאַכט, פ׳ „פּראָגרעס״, וואַרשע 1912, זז׳ 159.
יום־טוב ערצעהלונגען, פ׳ „השחר״, וואַרשע 1912, זז׳ 232.
אַ ראָמאַן אָן אַ נאָמען, וואַרשע 1913, זז׳ 155.
היימישע בילדער, פ׳ „פּראָגרעס״, וואַרשע 1913, זז׳ 156.
קינדער־דערצעהלונגען, פ׳ „פאַר אונזערע קינדער״, קישינעוו־ווילנאָ 1914, זז׳ 24.
יום־טוב־דערצעהלונגען, וואַרשע 1913, זז׳ 232.
יודישער נחת, „היברו פּאַב׳ קאָ.״, נ״י 1919, זז׳ 27.
עשיר ורש, ירושלים 1924, זז׳ 25.
שמד און פאַרצווייפלונג, ראָמאַן, פ׳ „אחיספר״, וואַרשע 1927, זז׳ 415.
די קללה פון שיינקייט, ראָמאַן, פ׳ „אחיספר״, וואַרשע 1927, זז׳ 498.
מיין לעבען, ערשטער טייל, קינדעריאָרן, פ׳ „אחיספר״, וואַרשע 1927, זז׳ 298. — צווייטער טייל, יוגנטיאָרן, זז׳ 168. — דריטער טייל, זז׳ 168.

## מרדכי ספּעקטאָרס ביכער אָן דאַטעס וועו אַרויסגעגעבן

מאָמענט־פאָטאָגראַפיעס, (ווי אַזוי שרייבן יודישע שריפטשטעלער), פ׳ א. גיטלין, וואַרשע, זז׳ 81.
סודות, ראָמאַן אין צוויי טייל, פ׳ „אחיספר״, וואַרשע, זז׳ 450.
קאַליקעס, ראָמאַן, פ׳ „אחיספר״, וואַרשע, זז׳ 145.

# מרדכי ספּעקטאָר, דער עמך־שרייבער צווישן די קלאַסיקערס

## מיט חוש פֿאַר צײַט

פֿאַר לייענערס, וועלכע זײַנען צוגעקומען צו ייִדישער ליטעראַטור נאָך ספּעקטאָרס טויט און זײַנען מיט איר געשיכטע נישט באַקאַנט, איז געוויס מאָדנע, וואָס ספּעקטאָרס נאָמען ווערט נאָך אַנאַנד צונויפֿגעפּאָרט משפּחהדיק צווישן די קלאַסיקערס. עס איז דאָך גענוג איבערצולייענען אַ זײַטל, כּדי צו זען אַז ער איז נישט פֿון זייער ניווא, קינסטלעריש און אינטעלעקטועל ווײַט פֿון עקספּערימענטן, פּשוט, איינפֿאַך, עמכדיק.

פֿון דעסט וועגן האָט אונדזער גרעסטער היסטאָריקער „באַגריסט די ערשטע טריט פֿון ספּעקטאָר און שלום עליכם"[1]. פֿון 1894 זײַנען „געבליבן אויף די שער־בלעטער די נעמען פֿון פּרץ און ספּעקטאָר"[2], שותּפֿים אין דער רעדאַקציע פֿון די יום־טובֿ־בלעטלעך. קלײַבט זיך ספּעקטאָר אַרויסצוגעבן אַ טאָגצײַטונג, פֿאַרהאַנדלט ער מיט מענדעלע מוכר ספֿרים, אַז די רעדאַקציע זאָל זײַן „אויף אונדזערעביידע נעמען"[3]. און דער גרויסמײַסטער פֿון ייִדישן הומאָר שרײַבט צו אים אין זײַנע בריוו נישט אַנדערש ווי „לזוגתי היקרה מרת ספּעקטאָר שתּחי'... איך שטעל מיר פֿאָר, וואָס פֿאַר אַ פּנים מיר ביידע וועלן האָבן בײַ אונדזערע אור־אור־אייניקלעך, אַ שטייגער, אין אַ פֿופֿציק אָדער הונדערט יאָר אַרום"[4].

---

[1] שמעון דובנאָוו — פֿון „זשאַרגאָן" צו ייִדיש, ווילנע 1929, ז' 19.

[2] דוד פּינסקי — „געשיכטע פֿון די יום־טוב־בלעטלעך", אין די צוקונפֿט, ניו־יאָרק, מײַ 1945, ז' 322.

[3] פֿון ספּעקטאָרס בריוו צו מענדעלע מוכר ספֿרים, פּעטערבורג, 4 יוני 1886, מענדעלע און זיין צייט, מאָסקווע 1940, ז' 27.

[4] פֿון שלום עליכמס בריוו צו ספּעקטאָרן, קיִעוו, 2 נאָוועמבער 1902, דאָס שלום עליכם־בוך, נ"י 1926, ז' 196.

זײַנען אָט די געפֿילן, באַציִונגען, פֿאַקטן און אָפּשאַצונגען הוילע צופֿאַלן, טעותים, צעקריגט מיט דער לאָגיק פֿון דער געשיכטע?

ניין. פֿאַרקערט. וואָס שײַך ספּעקטאָרן איז ריכטיק, אַז „אויב די קריטיק האָט אים נישט באַמערקט, האָט אים דאָס פֿאָלק באַמערקט". אָבער ס'איז מער ווי נאַיִוו צו וועלן אַרײַנטײַטשן אין דעם אַ מין צו להכעיס: אַז „ווי עס טרעפֿט מיט די נישט־אָפּגעשאַצטע, האָט מען ספּעקטאָרן דווקא אַ סך געלייענט"[5]... ווערן אָפּגעשאַצט און געלייענט ווערן זײַנען אָפֿט גאָר נישט קיין מחותנים... עס איז אויך נישט קיין נײַס, אַז מינדלעכע אָנערקענונג זאָל נישט אָפּגעשפּיגלט ווערן אין שריפֿט. פֿריִער ספּעקטאָר און נאָך דעם ז. סעגאַלאָוויטש זײַנען געווען אַזעלכע ייִדישע שרײַבערס.

בעת ספּעקטאָר איז פֿאַר דעם קריטיקער אינעם 20סטן יאָרהונדערט „אַ טעמפּעראַמענטפֿולער פּובליציסט, דער אַקטועלסטער פֿון אַלע ייִדישע בעלעטריסטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן שרײַבן אין די אַכציקער יאָרן" און דערפֿאַר איז „די דערמאָרדונג פֿון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, די פּאָגראָמען, די חיבת־ציון־באַוועגונג: און אַ סך אַנדערע געזעלשאַפֿטלעכע פּאַסירונגען אַרײַנגעפֿלאָכטן אין זײַנע ווערק"[6], האָט ער גאָר אויסגעזען אין 1888, אין די אויגן פֿון אונדזערן אַ קלאַסיקער, ווי ער „מאַכט שוין אַ ביסל צו פֿיל געברויך פֿון דער פֿאַנטאַזיע, וועלכע טראָגט אים אויף אירע פֿליגל אַזוי הויך. אַז עס הייבט אים אָן צו שווינדלען דער קאָפּ"[7]...

אין די דאָזיקע צוויי פֿאַרשיידענע אָפּשאַצונגען זעען מיר דעם אונטערשייד צווישן דער קריטיק פֿון ערשטן מאָמענט און דער קריטיק מיט דער דיסטאַנץ פֿון ליטעראַטור־געשיכטע. די באַציִונגען

---

[5] ש. העפּנער — „שטריכן צו דער ספּעקטאָר־ביאָגראַפֿיע", ספּעקטאָר־בוך, וואַרשע 1929, ז' XIII.

[6] ש. ניגער — דערציילערס און ראָמאַניסטן, ב' 1, נ"י 1946, ז' 113.

[7] שלום עליכם — אידישע ליטעראַטור (כרעסטאָמאַטיע), קיִעוו 1928, ז' 159.

פֿון טאָג ווירקן אַזוי שטאַרק מיט דער מאָס און וואָג, וואָס איז אָנגענומען אין אָט דער עפּאָכע, אַז מיט אַ צײַט שפּעטער קענען אַפֿילו די גרעסטע ווערטן פֿאַרלירן אַ סך פֿון זייער ווערט. ווען מ׳שטייט צו נאָענט צום בילד, איז לײַכט צו איבערטרײַבן אָדער איבערשאַצן. די ליטעראַטור־געשיכטע, שטייענדיק פֿון אַ דיסטאַנץ, זוכט נישט צו באַשוולהן דעם נעכטן און נישט לאָזן פֿאַרלירן גיין אמתע ווערטן פֿאַרן מאָרגן. אַ מאָל וועגט־אריבער דאָס עסטעטישע, אַן אַנדער מאָל דאָס עטישע. אַ מאָל נייטיקט זיך אַ דור מער אין עמאָציאָנעלע ווערקערס, אַן אַנדער מאָל אין אינטעלעקטועלע זוכענישן. אַ מאָל פֿאַרשטעלט דער סאָציאַלער אויפֿברויז קינסטלערישע אַמביציעס און אַן אַנדער מאָל איז דער הונגער נאָך נאַציאָנאַלער דערלייזונג מכפּר אויף קינסטלעכן פּאַטאָס און אײַנגעדאַרטער שעפֿערישקייט.

די ליטעראַטור־געשיכטע, די ראַדיאָגראַפֿיע פֿון יחידישע אומרוען און פֿאַרשיידנאַרטיקע פֿאָלקס־פּראָצעסן, קאָנסטאַטירט און רעווידירט, פֿאַרריכט עוולות און באַגייט אויך אַליין „עוולות“... ווײַל פּונקט ווי די ליטעראַטור־געשיכטע דעקט־אויף אויסבאַהאַלטענע שטערן, אַזוי קומט איר אויס טייל מאָל צו ווײַזן, אַז געוויסע שטערן זײַנען גאָר קיין שטערן נישט...

מרדכי ספּעקטאָרס ראָלע אין דער יידישער ליטעראַטור איז געווען: צודינען די קלאַסיקערס. נישט ער איז מיטגעגאַנגען מיט די קלאַסיקערס, נאָר ער איז צוגעגאַנגען צו די קלאַסיקערס. ער האָט צוגעפֿירט דעם לייענער צו די קלאַסיקערס. „ספּעקטאָרס ערשטע ראָמאַנען זײַנען דער שטופּנווײַזער איבערגאַנג פֿון דעם מעשׂה־ביכל צו ליטעראַטור“, ווײַל אויב „מענדעלע איז אַ נס, פּרץ אַ ווונדער, שלום עליכם אַן איבערראַשונג“, איז ספּעקטאָר „די נאַטירלעכע, לאָגישע, פֿאַרשטענדלעכע דערשײַנונג אין דער דעמאָלטיקער עפּאָכע“, בעסער געזאָגט, „ספּעקטאָר האָט דעם לעזער צוגענומען פֿון שמ״רן און

האָט אים פֿאַר דער האַנט געפֿירט צו מענדעלען, צו פּרצן, צו דעם וואָלאָזשין פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור״ [8].

מ׳פּאָרט ספּעקטאָרן מיט דינעזאָנען, כאָטש זיי „זײַנען געווען די שאַרפֿסטע צוויי היפּוכים, וואָס מען קאָן זיך נאָר אויסמאָלן — פֿיזיש, גײַסטיק און ליטעראַריש... דער ערשטער — אַ בעל־גוף, שווערער קאָפּ, רויטער קאַרק, ברייטע אַקסלען; דער צווייטער — דין, איידל, אַ שמאָל, ווייך פּנים״ [9]. פֿאַר וואָס פּאָרט מען זיי צונויף? ווײַל ביידע האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פֿאַר די קלאַסיקערס, פֿאַר די גרעסטע וואָרטמײַסטערס אונדזערע. יעדער איינער אויף אַן אַנדערן דרך. דינעזאָן — מיט באַוויינען די קרבנות פֿון אָבסקוראַנטיזם און אומ־גערעכטיקייט; ספּעקטאָר — מיטן כּוח פֿון עמך, וואָס טראָגט אַריבער אַלע צרות, אַבי מ׳קען נאָר עסן... „בײַ קיין דערציילער עסט מען נישט אַזוי פֿיל ווי בײַ ספּעקטאָרן״ [10].

מרדכי ספּעקטאָר שילדערט יענע ייִדישע מאַסע פֿון סוף 19טן און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט, וואָס האָט זיך אַ לאָז געטאָן — צו דער אַכילה... אַפֿילו ווען אַ ספֿר און אַ בוך איז אָנגעלייגט, וויל מען רײַך ווערן און מ׳וויל פּראַווען שׂמחות, און מ׳זוכט בפּירוש עולם הזה, און דווקא נישט שטענדיק מיט שלעכטע כּוונות, ווײַל אַ ייִד מעג אויך האָבן ברייטע פּלייצעס, און נישט דאַרפֿן וואַרטן פֿון איין יום־טובֿ צום צווייטן, אויף צו מאַכן אַ לחיים... אַזוי האָט ספּעקטאָר גע־פֿונען אויך צווישן נגידים זײַן בעל־חלומות, וואָס שטעלט אַלץ איין, כּדי צו ווערן דער ייִדישער מוזשיק.

ספּעקטאָר געפֿינט אידעאַליסטן גראָד צווישן ייִדן מיט געזונטע גופֿים.

---

[8] אַ. מוקדוני — „דער ערשטער פֿון די לעצטע״, ספּעקטאָר־בוך, וואַרשע 1929, זז׳ 98־99.

[9] אַ. אַלמי — מאָמענטן פֿון אַ לעבן, ב״א 1948, ז׳ 178.

[10] ד״ז, ז׳ 179.

## „עס לייענט זיך געשמאַק"

גערוויינטלעכע הנאה — דאָס האָט מרדכי ספּעקטאָר אַרײַנגע־בראַכט אין דער ייִדישער ליטעראַטור — ווי עס האָט הנאה דורכ־שניטלעך עמך און ווי עמך דאַרף הנאה האָבן. אָן דער ראַפֿינירטקייט פֿון די קלאַסיקערס, אָן דער טיפֿקייט, אָן דעם לומדישן קנייטשן מיטן שטערן, ווי בײַ מענדעלען, ווײַט פֿון פּרצעס גאונישע אויפֿבליצן, אויך נישט אין דער ספֿערע פֿון שלום עליכמס שאַרפֿזיניקע המצאהלעך. ספּעקטאָר איז דער שרײַבער פֿון גלײַכן גאַנג. ער האָט אַ סך בלעטער, ווו דער לייענער רופֿט־אויס (אמת, אָן באַוווּנדערונג): „עס לייענט זיך געשמאַק". די קלאַסיקערס שרײַבן ווי פֿאַר ספֿרים; ספּעקטאָר מאַכט אַפֿילו פֿון סיפּורים (זײַן נישט־פֿאַרענדיקטן ראָמאַן וועגן בעש"ט) אַ פֿליסיקע מעשׂה, וואָס ס'איז אַ מחיה צו לייענען.

אַז ספּעקטאָר לאָזט איבער פּרצן מיט פּינסקין בײַ די יום־טובֿ־בלעטליך, גיט ער אַרויס אַ זשורנאַל, וואָס ער רופֿט־אָן וואָכעדיקע בלעטליך... דאָס איז ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש.

אונטער מענדעלעס השפּעה שרײַבט ספּעקטאָר זײַן ראָמאַן עניים ואבֿיונים, ווו ער „מערקט גוט דעם אונטערשייד פֿון קלאַסן בײַ ייִדן, אָבער ער ליאַרעמט נישט, שעלט נישט, מוסרט נישט אַפֿילו, נאָר האָט בלויז אַ קאַפּיטשקע תּרעומות אויף די גבֿירים, און נישט מער... און דאָס איז עכט ייִדיש... ביסטו אַ גבֿיר, טאָ גיב!" [11].

מיט אָט דעם געזונטן פֿאָלקס־חוש האָט ספּעקטאָר דערשפּירט די באַוועגונג פֿון חיבת־ציון גאַנץ אַנדערש ווי בעלי־חלומות. ער שטעלט־פֿאָר דעם אידעאַליסט ווי אַ פּראַקטישן מענטשן. שלום רויט־מאַן, דער ייִדישער מוזשיק, דער אידעאַליסט פֿון מרדכי ספּעקטאָר, איז אַן עמך־מענטש; לאָיעוו, דער אידעאַליסטישער ייִדישער גוט־באַזיצער אין שלום עליכמס פֿונעם יאַריד, איז אַן אַריסטאָקראַט.

---

[11] דער לעבעדיקער — „דער האַרציקסטער ייִדישער שרייבער, ספּעקטאָר־בוך, וואַרשע 1929, ז' 176.

מרדכי ספּעקטאָר, וועלכער איז אפשר דער איינציקער ייִדישער שרײַבער אין 19טן יאָרהונדערט, וואָס האָט אָנגעהויבן גלײַך פֿון ייִדיש, נישט אויספּרובירנדיק אַפֿריִער זיך אין לשון קודש אָדער רוסיש, האָט ערנסט און שמייכלענדיק שטענדיק אַרויסגעוויזן אַ טיפֿע ליבשאַפֿט צו ייִדיש און איז נישט איין מאָל אַרויסגעטראָטן לטובת ייִדיש און געקעמפֿט קעגן דער גרינגשאַצונג און קעגן דער אָנגעבלאָזענער גרויסהאַלטערײַ פֿון קלאָמפּערשטע „ריסטאָקראַטן". ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז דער ערשטער באַנד פֿון זײַנע זאַמלביכער הויז־פֿרײַנד (1887) האָט זיך געעפֿנט מיט יעקבֿ דינעזאָנס אַרטיקל „די יודישע שפּראַכע און איהרע שרײַבער", ווו עס ווערט דערציילט, אַז ייִדישע ביכער זײַנען נאָך מיט הונדערטער יאָרן צוריק געדרוקט און געלייענט געוואָרן, און ער האָט דערבײַ דערמאָנט אליה בחור... ספּעקטאָר האָט דעבוטירט צוזאַמען מיט שלום עליכמען אין איין יאָר (1883) און אין איין בלאַט (יוד' פֿאָלקס־בלאַט), נאָר „אין קעגנזאַץ צו שלום עליכמען, בײַ וועמען ייִדיש האָט געהייסן כּסדר נאָר „זשאַרגאָן", האָט ספּעקטאָר תּמיד גערעדט נאָר פֿון ייִדיש"[12]. ווי שלום עליכם האָט ליב געהאַט ייִדיש און דאָס אַרויסגעוויזן פֿון 1888 — שטעלט־פֿעסט אונדזער ערשטער עסטעטישער קריטיקער — האָט ספּעקטאָר „דאָס געטאָן נאָך פֿאַר שלום עליכמען"[13]. אין נאָמען פֿון שמד, צו וועמען ער אַליין האָט באַלאַנגט, מיט זײַן געזונטן חוש פֿאַרן פּשוטן לעבן, פֿרײַנדשאַפֿט, גוטברודערישקייט, ערלעכקייט, געמיטלעכקייט, שפּאַס און אַ סך הומאָר, פֿריילעכקייט אָן איבעריקע חכמות.

שמואל ראָזשאַנסקי

---

[12] ש. ל. ציטראָן — די געשיכטע פון דער יודישער פּרעסע, ווילנע 1923, ז' 142.

[13] בעל־מחשבות — געקליבענע שריפטן, נ"י 1953, ז' 102.

# דער יידישער מוזשיק

## די שטאָט קאָכט זיך

אין דער שטאָט נעזווינק איז פֿאָרגעקומען אַזוינס, וואָס זינט די וועלט שטייט האָט זיך נאָך אַזאַ מעשׂה נישט פֿאַרלאָפֿן.

ר׳ שלום רויטמאַן, איינער פֿון די שענסטע שטאָט־באַלעבאַטים, האָט פּלוצלינג פֿאַרקויפֿט זײַן שניטקראָם, די שטוב מיט דעם מעבל און דאָס גאַנצע איבעריקע באַלעבאַטישקייט, און איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון שטאָט אין דאָרף סטעפּקיוּוקע. איז ווו מ׳איז געגאַנגען און ווו מ׳איז געקומען, האָט מען נאָר גערעדט פֿון ר׳ שלומען:

— סטײַטש! ווער האָט זיך געקענט ריכטן אויף אים, ער זאָל אַזוינס טאָן! אונדזער שענסטער באַלעבאָס איז ער געווען. אויף דער שענסטער מזרח־שטאָט איז ער געזעסן. מיט דער ערשטער הקפֿה איז ער שׂמחת־תּורה געגאַנגען. די גרעסטע עליה צו דער תּורה האָט מען אים געגעבן. און פֿאַר וואָס נישט?

ר׳ שלום איז געווען אַן ערלעכער ייִד. ער האָט געקענט לערנען. אַ נדבֿה האָט ער ליב געהאַט צו געבן דער ערשטער. פֿאַר זײַן שטיל־קייט און פֿײַנקייט האָט אים יעדער ליב געהאַט. קיין פֿליג אויף דער וואַנט האָט ער נישט געטשעפּעט. הײַנט, ווער האָט זיך דאָס אויף אים געקענט ריכטן, ער זאָל אַזאַ זאַך אָפּטאָן?

— אַ מענטש, פּלוצלינג פֿון דער העלער הויט, פֿאַרקויפֿט די שטוב, די שניטקראָם, אַלץ, און פֿאָרט אין דאָרף אַרײַן ווערן — אַ ייִדישער מוזשיק! דאָס פּאַסט פֿאַר אַ גראָבן יונגאַטש, פֿאַר אַן אָרע־מאַן, אָדער פֿאַר אַן אַרענדאַר — אַ קרעטשמער. זיי פּאַסט צו אַקערן און גראָבן גלײַך מיט די פּויערים. אַזוינע זײַנען פֿריִער געווען וואַ־סער־פֿירערס, טרעגערס, בעלי־עגלות, מעגן זיי גראָבן ערד. אָבער ווי קומט דאָס גאָר צו אַזאַ אײדעלן ייִדן ווי ר׳ שלום רויטמאַן? אַזאַ

שיינער באַלעבאָס זאָל ווערן אַ דאָרפֿמענטש? מען קען דאָס גאָר נישט פֿאַרשטיין. אים האָט זיך, מײַנע שונאים, גאָר דער קאָפּ איבערגעקערט און דער שׂכל אָפּגענומען!

— הערסטו!? — איז איינער צווישן עולם אויפֿגעשפּרונגען — איך שרײַ שוין לאַנג דאָס!

— הערט נאָר, ייִדן! — האָט אַ גרויער ברייטלעכער ייִד זיך אַרײַנגעשטופּט אין מיטן רעדל — איך מוז אײַך זאָגן דעם אמת, אַז איך האָב ביז אַהער אין דעם נישט געגלויבט. איך האָב זיך אַלץ געטראַכט: עט, וואָס עס קען זיך מאַכן מיט אַ מענטשן! ווער קען עס פֿאַרשטיין? נאָר אַז איך האָב אים הײַנטיקן זונטיק, ווען עס האָט זיך בײַ אונדז אין שטאָט געשטעלט דער יאַריד, געזען אויפֿן מאַרק פֿאָרן אויף זײַן פֿויערישן וואָגן און פֿאַרקויפֿן פּראָסע מיט קאַרטאָפּליעס, גלײַך ווי אַלע מוזשיקעס, גלייב איך שוין אויך, אַז ר׳ שלום איז משוגע געוואָרן! איך האָב געמיינט, אַז ער וועט זיך כאָטש שעמען צו קומען אין שטאָט אַרײַן! גלייבט מיר, ייִדן, אַז איך בין דערציטערט געוואָרן, ווען איך האָב דערזען, ווי ער גייט־אַרום צווישן די קראָמען גלײַך מיט אַלע מוזשיקעס און קויפֿט־אײַן אויף דער גאַנצער וואָך פֿאָדעם, נאָדלען, טרוקענע פֿיש, בוימל און נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס אַ פּויער דאַרף האָבן אין דאָרף. איך האָב זיך געשעמט אים צו קוקן גלײַך אין די אויגן, אַזוי ווי איך וואָלט עפּעס בײַ אים געגנבֿעט. ר׳ שלום האָט אַפֿילו מיר געזאָגט אַ „גוט מאָרגן״ און געוואָלט מיט מיר אָנהייבן צו ריידן, נאָר איך ווייס נישט פֿאַר וואָס, איך האָב מיך עפּעס געשעמט און בין אַוועק מײַן גאַנג און אים אַ וואָרט נישט געענטפֿערט.

איינער האָט זיך צעלאַכט:

— עס איז בײַ אים אַ נײַס ר׳ שלומען צו זען זונטיק אויפֿן מאַרק מיט זײַנע פּאָר אָקסן אײַנגעשפּאַנט אין גרויסן וואָגן מיט שטרוי. וואָס פֿאַר אַ לײַטישער מענטש באַגעגנט זיך הײַנט מיט אים און רעדט מיט דעם ייִדישן מוזשיק אַ האַלב וואָרט? וואָרעם אַזאַ ייִד ווי ר׳ שלום, וואָס האָט פֿריִער פֿון אַלע ייִדישע זאַכן געוווּסט און

זיי מקיים געווען, האָט איצט פּלוצלינג זיך איבערגעקערט, קען איך זאָגן, אַז דאָס איז גלייַך ווי געשמדט! הײַנט, וועלכער לײַטישער ייִד קען זיך מיט אים באַגעגענען?

אַ צײַט לאַנג האָבן די נעזווינקער ייִדן געקאָכט, געפּילדערט און גערעדט וועגן ר׳ שלום רויטמאַן, וועמען מ׳האָט אָנגעהויבן רופֿן אין דער גאַנצער געגנט: דער ייִדישער מוזשיק.

## ר׳ שלום רויטמאַן

ער איז געווען איינער פֿון אַ סך ייִדן אין אוקראַיִנע און פּאָדאָליע, וואָס זיצן זייער גאַנץ לעבן בײַ זייערע קראָמען, האַנדלען און וואַנדלען, נאָר זיי טראַכטן גאָר וועגן עפּעס אַנדערש. זעלטן, ווען זיי ווײַזן זיך אַרויס, ווער זיי זײַנען באמת...

ר׳ שלום רויטמאַן האָט נישט געוואָלט אַזוי ווי זיי אָפּלעבן זײַן וועלט און זײַנע טיף באַהאַלטענע געדאַנקען מיטנעמען אין קבֿר, און נישט פֿאַרווירקלעכן זיי אין לעבן, און אויף אַלע נעזווינקער ייִדנס ווונדער אַרויסגעוויזן ווער ער איז באמת.

ר׳ שלום איז געווען אַ ייִד פֿון לערנען און ליב געהאַט אַ ספֿר, מיט וועלכן ער האָט זיך קיין מאָל נישט געשיידט. ער האָט ליב געהאַט ייִדן און נאָך מער די ייִדן, וואָס האָבן געלעבט צוריק מיט טויזנטער יאָרן אויף זייער אייגענער ערד, אין ארץ־ישׂראל, ווי יעדער ייִד האָט געהאַט זײַן ווײַנשטאָק, שאָף און קעמלען.

אַז מ׳האָט אים געזען זיצן בײַ זײַן שניטקראָם, האָט מען געמיינט, אַז ר׳ שלום קוקט־אַרויס אויף קונים, נאָר ער איז גאָר געווען פֿאַרטראַכט וועגן די אַמאָליקע ייִדן, וועלכע זײַנען געווען שטילע ערדאַרבעטערס, האָבן געגעסן זייער ברויט, וואָס זייערע הענט האָבן זייערע פֿעלדער פֿאַראַקערט און פֿאַרזייט. טראַכטנדיק וועגן דעם, האָט זיך זײַן האַרץ דערוואַרעמט פֿאַר פֿרייד און ער איז שטאָלץ געווען, וואָס די אַמאָליקע ייִדן זײַנען זײַנע זיידעס.

נאָר ווען ער פֿלעגט וועגן דעם אויפֿהערן טראַכטן און זיך אַרומקוקן, וואָס עס טוט זיך אַרום אים, פֿלעגט ער אַ דערציטערטער ווערן, זעענדיק ווי אין זײַן שטעטל נעזווינק זײַנען די ייִדן שענקאַרעס, פּראָצענטניקעס, פֿאַקטוירים,[1], קרעמערס, ווינטכאַפּערס, וואָס מאַכן זיך פֿאַר פּאַיאַצן בײַ דעם פּוילישן פּריץ, חנפֿענען דעם שליאַכטשיץ[2], אַבי נאָר כאַפּן אַ קערבל און נעמען וואָס מער פּראָצענט פֿאַר מעקלערײַ אָדער פֿאַר לײַען געלט.

ווען שלום רויטמאַן פֿלעגט וועגן דעם טראַכטן און פֿאַרגלײַכן אַמאָליקע ייִדן מיט די הײַנטיקע, פֿלעגט ער זיך אָנכאַפּן בײַם קאָפּ און זיך פֿרעגן:

— ווי קומט דאָס צו ייִדן?

ר׳ שלום האָט זייער גוט געקענט די סיבות. ער איז געווען באַקאַנט מיט דער געשיכטע פֿון זײַן פֿאָלק און נישט איין מאָל, אין די לאַנגע ווינטערנעכט, ליב געהאַט צו דערציילן זײַן ווײַב פֿריידע וועגן דער געשיכטע פֿון ייִדישן פֿאָלק. פֿריידע, זיצנדיק מיט אַ זאָק נעבן דער וואַרעמער הרובע, האָט ליב געהאַט, ווען איר שלום האָט דערציילט און גערעדט מיט איר:

— עס איז מיר אַ בזיון גאָר אויף דעם מויל אַרויפֿצוברענגען. די שׂונאים הערן אונדז נישט אויף צו שטעכן די אויגן מיט אונדזערע פּרנסות און באַשולדיקן אונדז אין אַלדאָס בייז. נאָר שולדיק אין דעם זײַנען טאַקע די שׂונאים אַליין. ווײַל זינט מען האָט די ייִדן אַרויסגעטריבן פֿון זייער לאַנד ארץ־ישׂראל און זיי זײַנען צעשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט, צווישן פֿרעמדע פֿעלקער, וועלכע האָבן אויף זיי געקוקט מיט שלעכטע אויגן, ווי אויף שפּינען, האָט מען ייִדן צו קיין אָרנטלעכער אַרבעט נישט געוואָלט צולאָזן. נאָר ייִדן האָבן דאָך אויך מײַלער און ווילן אויך לעבן גלײַך מיט

---

[1] מעקלערס, פֿאַרמיטלערס, באַפּולמאַכטיקערס.

[2] פּוילישער אַדלמאַן, פּריץ, ערדבאַזיצער (אַריסטאָקראַט).

אַלע באַשעפֿעניש, האָט מען זיי בלויז געלאָזט האַנדלען מיט אַלטע שמאַטעס.

פֿריידע האָט אָנגעהויבן זיפֿצן איבער דער שרעקלעכער עוולה, וואָס די גוייִשע פֿעלקער האָבן געטאָן דעם ייִדישן אויסדערוויילטן פֿאָלק און פֿון גרויס יסורים פֿאַרלוירן צוויי „אייגלעך״ אין איר געשטריקטן זאָק.

— שאַ, זיפֿץ נישט, יום־כּיפּור איז שוין אַוועק. צו תּשעה־באָבֿ איז נאָך ווײַט און באַלד וועט זײַן שׂמחת־תּורה. איך האָב פֿײַנט, אַז מען זיפֿצט! שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר, אַז מיר, ייִדן, האַלטן אין זיפֿצן. איך האַלט נישט פֿון תּשעה־באָבֿ! איך האָב ליב, אַז מען טוט. פֿון טאָן קען עפּעס אַרויסקומען. פֿון זיפֿצן גאָר נישט! געדענק, פֿריידע, עס וועט אַ מאָל קומען אַ טאָג, וואָס איך וועל ווערן אויס שניטקרעמער! איך וויל עס נים זײַן און קען עס ניט זײַן! דו הערסט!?

— שאַ, שטילער אַ ביסל, דו האָסט שוין ווידער דײַנס אָנגעהויבן?

עס זײַנען אַרײַנגעקומען זייערע צוויי קינדער, חיימל און חוהלע, צוגעגאַנגען צו די עלטערן זאָגן „אַ גוטע נאַכט״ און געוואָלט גיין שלאָפֿן, נאָר ר׳ שלום האָט זיי אָפּגעהאַלטן און אָן ווערטער זיי ביידע אַרויפֿגעזעצט אויף זײַנע קני, לאַנג געדריקט זיי צום האַרצן און דערנאָך זיי אָפּגעלאָזט.

— גייט, קינדערלעך, שלאָפֿן געזונטערהייט! זײַט רויִק, כּל־זמן איך לעב, וועל איך נישט דערלאָזן, אַז איר זאָלט זײַן קרעמערס, ווי אײַער טאַטע־מאַמע.

די קינדער, נישט פֿאַרשטייענדיק וואָס דער טאַטע האָט געזאָגט, זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון צימער מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, זיכער, אַז דער טאַטע האָט זיי געוויס צוגעזאָגט צו געבן אַ גוטע, שיינע זאַך.

ווען די קינדער האָבן הינטער זיך פֿאַרמאַכט די טיר, האָט ר׳ שלום ווײַטער אָנגעהויבן דערציילן:

— האַנדל! האַנדל! אַז די ייִדן, אַרויסגעטריבענע פֿון אַלערליי לענדער, זײַנען געקומען אין פּוילן, און די פּאָליאַקן האָבן באַדאַרפֿט קויפֿן אָדער פֿאַרקויפֿן, וואָס איז פֿאַר זיי געווען שלא בכּבוד, האָבן זיי דאָס אויסגעפֿירט דורך דעם דערנידערטן, געפֿאַלענעם ייִדן. דער גר, דער יתום, דער עלנטער ייִד האָט זיי געמוזט פֿאָלגן. ווער שמועסט, האַלטן קרעטשמעס, שענקען און נאָך אַזוינע פּרנסות, האָט מען מיט געוואַלט אָנגעהאָנגען ייִדן.

— וואָס הייסט מיט געוואַלט? — האָט פֿריידע מיט פֿאַרוווּנדערונג געפֿרעגט — נאָר בײַ כּלעמער נאַראָנים קען זיך טרעפֿן אַזאַ מעשׂה, מען זאָל מיט געוואַלט אַוועקגעבן אַזאַ גוטע פּרנסה ווי אַ קרעטשמע אָדער אַ שענק.

— ביסט אַ ייִדענע און פֿאַרשטייסט נישט, וואָס איך רייד... אַזוי איז דאָס געווען אַמאָל אין פּוילן. די ייִדן האָבן זיך אויפֿגעפֿירט לײַטיש, נישט געשיכּורט, נישט געהוליעט ווי די פּאָליאַקן, און אָנגעקליבן אַ מזומן קערבל. דער פֿאַרפּלוטעטער[3] פּריץ האָט דאָס דערשמעקט און האָט אָנגעהויבן לײַען בײַם ייִדן געלט אויף פּראָצענט, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז ייִדן זײַנען געוואָרן פּראָצענטניקעס, מעקלערס און מה־יפֿית־זינגערס צוליב דעם גראָשן... און מיט דער צײַט זײַנען זיי שוין אַזוי צוגעוווינט געוואָרן צו זייערע פּרנסות, אַז ערדאַרבעט אָדער אַ מלאָכה איז בײַ ייִדן געוואָרן אַ בזיון. איצט בין איך אַליין אַ קרעמער, איך האַנדל און וואַנדל, כאָטש איך קען דאָס נישט אַריבערטראָגן, ווײַל זײַן אַן ערלעכער סוחר איז זייער שווער. אונדזער שניטקראָם איז נישט פֿאַר מיר, ווײַל איך קען נישט אָפּמעסטן פּופּצן ווערשקעס פֿאַר אַן אַרשין, ווי דאָס רוב אַנדערע קרעמערס. איך קען פֿאַלש זיך נישט אָפּשווערן דאָס געביין בײַ ווײַב און קינדער, אַז די סחורה קאָסט מיך טײַערער פֿון דעם מקח, וואָס דער קונה ביט־אָן. איך קען נישט חנפֿענען דעם פּריץ און דערביי הערן, ווי ער רופֿט מיך מיט די שענדלעכסטע נעמען, און

[3] צעטומלטער, פּלאָפּלערישער.

איך זאָל אים זאָגן וויעלמאָזשני פּאַן[4]... איך קען דאָס נישט, פריידע. איך בין ביי זיך נישט וויניקער שטאָלץ, וואָס איך בין אַ ייִד, ווי דער פּריץ איז ווי אַ פּאָליאַק... איך קען זיך נישט לאָזן טרעטן מיט די פיס און קושן דעם פּריצס בייטש, ווי עס טוען אַלע אַנדערע ייִדן. איך קען נישט!

אַזוי פלעגט זיך ר׳ שלום אָפּט קלאָגן פאַר זיין פרוי און זי האָט אין דער שטיל געזיפצט, וואָס איר מאַן רעדט עפּעס אַזעלכע ווער־טער, וואָס מען הערט נישט פון קיין אַנדערע ייִדן. פריידע, די שטילע, רויִקע, איבערגעגעבענע צו איר מאַן און קינדער, האָט אַ מאָל געפרעגט איר מאַן, פאַר וואָס זשע איז ער אַ שניטקרעמער גע־וואָרן, ווען אַזאַ פּרנסה געפעלט אים נישט, האָט ער איר געענטפערט:

— איך ווייס נישט... עס האָט זיך אַזוי געמאַכט...

און באמת, האָט ר׳ שלום אַליין נישט געוווּסט, ווי אַזוי ער איז אַ סוחר געוואָרן. ווען ער איז אַראָפּ פון קעסט, האָט ער שוין געהאַט אַ ווייב מיט צוויי קינדער. ער האָט געמוזט עפּעס טאָן. דאָס מזומנע געלט אויפצועסן איז נישט קיין חשבון. אויף לאַנג קען עס נישט געדויערן. איז ער דערוויַיל געוואָרן אַ שניטקרעמער צוליב זיין ווייב, ווייל זי האָט געקענט דעם מסחר פון שניטקראָם ביי אירע עלטערן, און איז געבליבן ביים געשעפט גאַנצע זעקס יאָר. ער האָט זיך פאַרדינט אַ נאָמען פון אַן ערלעכן סוחר און אַ שטילן באַלע־באָס. ער האָט קיינעם נישט אָפּגענאַרט און איז נישט געשטאַנען ביי דער קראָם שלעפּן פון דער גאַס קונים ביי די פּאָלעס. איבער זיין ערלעכקייט איז די הכנסה פון זיין קראָם קוים גענוג געווען צו דעקן די הוצאות. ער האָט צוגעזען, ווי אַנדערע קרעמערס, זיינע קאָנקורענטן, מאַכן אַ סך בעסער פון אים, און ער האָט אין דעם קיינעם נישט באַשולדיקט, נאָר זיך אַליין.

— אַ געשעפט דאַרף מען ליב האָבן און מ׳דאַרף קענען אַ ביסל צושווינדלען... — פלעגט ער זאָגן.

---

[4] (פויל׳) הויכגעשאַצטער האַר.

אָפּט פֿלעגט זיך ר׳ שלום אויסריידן דאָס האַרץ פֿאַר דעם לע־רער, ר׳ קלמן טעפּליקער, וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן. ער וואָלט געקענט זײַן דער גרעסטער מלמד אין שטאָט, נאָר ער איז געווען אַ שטענדיקער קראַנקער מיט אַ שוואַך האַרץ און נישט גע־טאָרט לערנען מיט קינדער. נאָר אַזוי ווי מען מוז לעבן און מען דאַרף זיך מפֿרנס זײַן, האָט ער זיך פֿאַרנומען מיט לערנען שרײַבן. דאָס, האָט ער געפֿונען, איז פֿאַר אים גרינגער ווי מלמדות. אָט דעם לערער האָט ר׳ שלום זייער ליב געהאַט, ווײַל ער איז געווען אַ תּלמיד־חכם און זייער אַן אָרנטלעכער מענטש. געווען אַן עלטערער מענטש. זײַן פֿרוי איז געשטאָרבן און די קינדער זײַנען זיך צעפֿאָרן איבער דער וועלט.

— איר מיינט, ר׳ שלום, אַז נאָר איר זײַט אייך־איינציקער ייִד, וואָס טראַכט אַוועקצוואַרפֿן די מסחרים און זיך נעמען צו שטילער רו:קער ערדאַרבעט? — האָט ר׳ קלמן געענטפֿערט — אַ סך, זייער אַ סך ייִדן, זיצנדיק בײַ זייערע קראָמען, טראַכטן וועגן דעם, נאָר קיינער האָט נישט אין זיך אַזוי פֿיל שטאַרקייט, ער זאָל עס פּועלן בײַ זיך און איבערגיין פֿון מחשבֿות צו מעשׂים. איך אַליין טראַכט וועגן דעם, נאָר גאָט האָט מיך געשטראָפֿט, איך בין אַ קראַנקער און צו ערדאַרבעט דאַרף מען זײַן אַ געזונטער מענטש.

ר׳ קלמן טעפּליקער האָט אַ טראַכט געטאָן און זיך ווידער אָנגערופֿן:

— אָ, ווען איך בין אַ געזונטער מענטש, וואָלט איך געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט! איך וואָלט פֿאַר אַ שטיקל ערד אַוועקגעגעבן די בעסטע קראָם מיט סחורה און וואָלט אַליין געאַקערט די ערד. קוקט נאָר, ווי שיין זײַנען די פֿעלדער און ווי מקנא בין איך יעדן פּויער, וואָס לעבט אין די דערפֿער און באַאַר־בעט זײַן פֿעלד. איך ווייס און פֿיל, אַז אַ סך ייִדן טראַכטן אַזוי ווי מיר. אָט אַזוי טראַכט יעדער ייִד, אַפֿילו יעדער שאַכער־מאַכער, ווי אונדזערע שׂונאים רופֿן אַזעלכע ייִדן. גלייבט מיר, ר׳ שלום, אַז יעדער פֿון זיי וואָלט געוואָלט פֿאַרבײַטן זייערע ייִדישע פּרנסות אויף

אַ שטיקל ערד און זיך לעבן רויק, גלײַך מיט אַלע... נאָר אַזאַ ייִד ווייסט נישט ווי אַזוי עס אָנהייבן צו טאָן. ער האָט מורא אָנצוהייבן, מען זאָל נישט לאַכן פֿון אים... ער וואַרט, אַנדערע ייִדן זאָלן אָנהייבן זיך באַשעפֿטיקן מיט ערדאַרבעט און ער וועט נאָכטאָן... אַליין זײַן דער ערשטער האָט ער מורא... ער שעמט זיך אַפֿילו עמעצן צו זאָגן, וואָס ער טראַכט בײַ זיך אין האַרצן.

— איר וועט זען, ר׳ קלמן — האָט זיך אָנגערופֿן ר׳ שלום רויט־מאַן — עס וועט קומען אַ טאָג, ווען איך וועל זײַן דער ערשטער ייִד אין אונדזער געגנט, וואָס וועט אַוועקוואַרפֿן די שטאָט, די קראָם מיט מײַן גאַנצער באַלעבאַטישקייט... איך וועל אַרויס אין דאָרף און ווערן אַ פּויער... איך וועל ווײַזן אונדזערע משׂכּילים, אונדזערע געבילדעטע ייִדן, וועלכע האַלטן אין איין דרשענען, אַז ייִדן דאַרפֿן ווערן ערדאַרבעטערס און אַליין קריכן זיי פֿון דער הויט, גיבן־אַוועק דעם לעצטן גראָשן און שיקן זייערע קינדער אין די גימנאַזיעס, אין די אוניווערסיטעטן, מאַכן פֿון זיי גויִים, אַז די קינדער שעמען זיך אַליין מיט זייערע עלטערן... איך וועל מײַנע קינדער מאַכן פֿאַר ייִדישע ערדאַרבעטערס.

— אויף ווען זשע וואַרט איר, ר׳ שלום? איר זײַט איצט בײַ אײַערע בעסטע קרעפֿטן, די בעסטע יאָרן... אַזאַ עניין קען מען נישט אָפּלייגן, ווען מען ווערט עלטער. אײַער פֿריידע, ווייס איך, וועט אײַך אין קיין זאַך נישט שטערן, אײַערע קינדער זײַנען נאָך קליין, זיי זאָלן אײַך וועלן זאָגן אַ דעה. איר קענט איצט אַלץ טאָן, וואָס איר וועט נאָר וועלן... הײַנט, פֿאַר וואָס לייגט איר עס אָפּ?

— איך ווייס דאָס אַלץ זייער גוט און איך טו שוין טאַקע אין דעם... איך גרייט צו מײַן ווײַב, זאָל לעבן, צו דעם געדאַנק, אַז מיר זאָלן אַריבערפֿאָרן אין דאָרף. איך זוך צו קויפֿן גוטע ערד, איך וויל דאָס טאָן בסוד פֿאַר יעדן... אַלע אין שטאָט וועלן לאַכן און חוזק מאַכן פֿון מיר. זאָלן זיי דאָס טאָן, ווען איך וועל שוין אין שטאָט נישט זײַן...

ר׳ קלמן האָט מיט שׂמחה זיך אָנגערופֿן:

— וועל איך, הייסט עס, נאָך דערלעבן צו זען, ווי אַזאַ ייִד, ווי איר, וואַרפֿט־אַוועק האַנדל־וואַנדל און ווערט אַן ערדאַרבעטער, גלײַך ווי אונדזערע זיידעס אויף זייער אייגענער ערד אין ארץ־ישׂראל!

— פֿאַר וואָס זאָלט איר נישט דערלעבן עס צו זען? זאָל נאָר גאָט העלפֿן, איך זאָל זיך אין דאָרף אײַנאָרדענען, וועל איך אײַך נעמען צו זיך אין דאָרף אַרײַן.

— עט, ווי קום איך אין דאָרף? — האָט ר׳ קלמן אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און אָנגעוויזן מיט דער צווייטער האַנט אין דער זײַט, וווּ עס געפֿינט זיך דער בית־עולם פֿון שטאָט — אָט דאָרטן איז מײַן אָרט אין גיכן... וואָס וועל איך, אַ קראַנקער מענטש, טאָן אין דאָרף? זיצן בײַ אײַך אויפֿן קאַרק און עסן אומזיסט אײַער ברויט?

— איר זאָלט מיר מוחל זײַן, ר׳ קלמן, קיינער ווייסט נישט וועמענס מאָרגנדיקער טאָג איז. אין דאָרף וועט איר זיך אויך בײַ מיר פֿאַרדינען אײַער ברויט.

אויף ר׳ קלמנס קראַנק געזיכט האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל פֿון גליק.

## אַ רעוויזאָר איז געקומען

אין דער שטאָט נעזווינק איז אַראָפּגעקומען פֿון דער גובערניע אַ טשינאָווניק[5], וועלכן מען האָט גערופֿן רעוויזאָר[6]. אַז די ייִדן זײַנען געוווּיר געוואָרן, צו וואָס פֿאַר אַ צוועק דער טשינאָווניק איז געקומען, האָבן זיי פֿרי פֿאַרמאַכט די קלייטן. מ׳איז געגאַנגען אין שול אַרײַן אָפּדאַוונען מנחה און אין דער גרויסער קלויז הערן נײַס. אין קלויז האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק. אַלע האָבן

[5] (רוס׳) מלוכה־באַאַמטער.

[6] אינספּעקטאָר (דאָס וואָרט רעוויזאָר פּלעגט אָנוואַרפֿן אַ פּחד).

נאָר גערעדט פֿון דעם טשינאָווניק. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז ער וויל די ייִדן זאָלן אָפּשערן די פּיאות און אָפּקירצן די לאַנגע קאַפּאָ־טעס; אייניקע — אַז מען וויל מאַכן פֿון דער שטאָט אַ גובערניע; אַנדערע — אַז ר׳ משה מאָנטעפֿיאָרע וויל אָפּקויפֿן אַלע ייִדן בײַ רוסלאַנד, אַ רענדל אַ ייִד און צו האַלבע רענדלעך פֿאַר קינדער מיט ווײַבער, און ער וויל זיי באַזעצן אין ארץ־ישראל; אַנדערע האָבן דערציילט, אַז מ׳וויל ייִדן געבן ערד מיט געלט, זיי זאָלן זיך אַלע שמדן, ווײַל דעם ערשטן גראַף פּאָטאָצקיס ווײַב סאָפֿיע האָט דערויף נאָך איר טויט פֿאַר דעם צוועק אָפּגעזאָגט אַ סך ערד און געלט.

נאָר דער איינציקער ר׳ שלום רויטמאַן האָט גוט פֿאַרשטאַנען דעם אמתן צוועק פֿון טשינאָווניקס קומען. ער איז דערפֿון אַזוי צעטראָגן געווען, אַז ער איז אַפֿילו נישט געגאַנגען פֿאַר נאַכט אין קלויז אַרײַן דאַווענען מנחה, כאָטש ער האָט פֿאַר פֿרי פֿאַרמאַכט די קלייט גלײַך מיט אַלע. ער איז געגאַנגען גלײַך צו זיך אַהיים. ווען זײַן ווײַב פֿריידע האָט אים דערלאַנגט טיי, האָט ער איר געזאָגט:

— באַלד וועט קומען צו מיר ר׳ קלמן, זאָלסטו אונדז לאָזן אַליין, איך האָב מיט אים וויכטיקס צו ריידן.

פֿריידע איז באַלד געגאַנגען צו איר אַרבעט. שלום האָט פֿאַר־מאַכט נאָך איר די טיר, כּדי דאָס געשריי פֿון די קינדער זאָל אים נישט שטערן. באַלד איז אָנגעקומען ר׳ קלמן טעפּליקער.

— זייער גוט, וואָס איר זײַט געקומען — האָט אים ר׳ שלום זייער פֿרײַנדלעך באַגעגנט — איידער דער טשינאָווניק פֿאָרט־אַוועק, מוז אַלץ געטאָן ווערן. אַז נישט איצט, ווען דען? ביז ווען וועל איך מיך אַליין אָפּנאַרן? מײַן גאַנץ לעבן טראַכט איך צו ווערן אַן ערד־אַרבעטער, איך האָב פֿײַנט האַנדל, צום סוף בין איך אַליין אַ סוחר... ווי לאַנג נאָך וועל איך טראַכטן, ווי אַ ייִדענע? איך בין שוין לעת־עתּה אַלט דרײַסיק יאָר — די בעסטע יאָרן! און וואָס?...

ר׳ קלמן האָט די גאַנצע צײַט געשוויגן, געהערט ווי ר׳ שלום גיסט־אויס זײַן גאַנץ האַרץ, וואָס האָט זיך בײַ אים אָנגעקליבן פֿון פֿיל יאָרן.

— פֿון וואָס זשע איז דאָ אַזוי פֿיל צו ריידן — האָט ר׳ קלמן זיך אָנגערופֿן — דער טשינאָווניק איז געקומען העלפֿן די ייִדן, וועלכע ווילן ווערן ערדאַרבעטערס, אַפֿילו די וואָס האָבן נישט קיין געלט צו קויפֿן, וועט מען זיי אומזיסט געבן ערד... הײַנט, ווער שמועסט, איר, וואָס איר ווילט אויף אײַער אייגענעם חשבון קויפֿן ערד און זײַן אַ באַלעבאָס פֿאַר זיך, וועט מען אײַך אַוודאי מיטהעלפֿן זיך אײַנאָרדענען אין וועלכן דאָרף איר וועט נאָר וועלן!

— אַוודאי מוז איך עס איצט טאָן און אויפֿהערן צו טראַכטן. בלײַב איך ווײַטער אַ קרעמער, וועל איך סוף־כּל־סוף אויך אַרײַנפֿאַלן צו די פּראָצענטניקעס! און מײַנע קינדער וועלן אויך מוזן טאָן אַלע שלעכטע זאַכן, אַבי צו לעבן. און ווער וועט אין דעם שולדיק זײַן, ווען נישט איך?

## אַ ייִדישע טאָכטער

די באַקאַנטע טריט, וואָס שלום האָט געהערט צוגיין צו דער טיר, האָבן נאָך זײַן גליק פֿאַרגרעסערט. ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון זײַן אָרט, ווי פֿון אַ גוטן חלום, און געעפֿנט די טיר. פֿריידע איז אַרײַנגעקומען מיט אַן אַרבעט אין דער האַנט.

— דער סאַמאָוואַר איז שוין באַלד קאַלט. אפֿשר געבן אײַך טיי?

— טיי שאַדט נישט. ווי זאָגט איר, ר׳ קלמן? — האָט ר׳ שלום געפֿרעגט.

— אַוודאי, אַ גלעזל טיי איז אַ גוטע זאַך — האָט ר׳ קלמן צוגעשאָקלט מיט דעם קאָפּ.

ווען פֿריידע האָט געבראַכט צוויי גלעזער טיי, האָט ר׳ שלום צו איר געזאָגט:

— גוט, פֿריידע, וואָס דו ביסט איצט דאָ. זעץ דיך! כ׳וויל דיר דערציילן עפּעס נײַס. מיט ר׳ קלמנען האָב איך שוין וועגן דעם גערעדט, איצט וויל איך מיט דיר איבעררײדן.

— נו, איך וועל אײַך שוין זאָגן אַ גוטע נאַכט — האָט ר׳ קלמן, אָפּטרינקענדיק די טיי, זיך אָפּגערופֿן — זאָל זײַן אין אַ מזלדיקע שעה!

האָט ר׳ שלום זיך אָנגערופֿן צו זײַן ווײַב, ווען ר׳ קלמן איז אַוועקגעגאַנגען.

— דו ווייסט, פֿריידע, וואָס איך וועל דיר זאָגן?

— וואָס קען איך וויסן וואָס דו וועסט זאָגן? — האָט פֿריידע געענטפֿערט און אַוועקגעלייגט איר אַרבעט, דעם זאָק מיט די שפּיזלען, אויפֿן טיש — אַז דו וועסט מיר דערציילן, וועל איך וויסן.

— יעדע זאַך מוז האָבן אַ סוף... — איז ר׳ שלום נישט קאַרג אויף רייד — איך האָב דיר שוין נישט איין מאָל געזאָגט, אַז דער מסחר איז מיר נמאס און ביז הײַנט בין איך געבליבן נאָר בײַם זאָגן. איצט אָבער איז בײַ מיר געבליבן, אַז מיר זאָלן פֿון אונדזער קראָם אָפּשנײַדן און איך וויל ווערן אַן ערדאַרבעטער. דאָס דענק איך שוין פֿון מאָרגן אָן אָנהייבן אין דעם צו טאָן, ווײַל די וואָך איז אין אונדזער שטאָט אָנגעקומען אַ טשינאָווניק פֿון דער גובערניע. ער זאָגט, אַז די ייִדן, וואָס ווילן ווערן ערדאַרבעטערס, וועט די רעגירונג מיטהעלפֿן מיט געלט אויף אויסצוצאָלן אין יאָרן. איך וויל נישט זײַן געבונדן און מוזן נעמען אַזאַ ערד, וואָס מען וועט מיר געבן. אפֿשר וועט מיר נישט געפֿעלן? האָבן צו טאָן מיט טשינאָווניקעס און אַרומלויפֿן איבער קאַנצעלאַריעס, איז נישט פֿאַר מיר! האָב איך באַשלאָסן צו זײַן אַליין אַ באַלעבאָס איבער מיר. פֿאַר אונדזער שטוב מיט דער קראָם און די איבעריקע באַלעבאַטישקייט וועלן מיר קענען קויפֿן שיינע עטלעכע דעסיאַטין[7] ערד. זעסטו, פֿריידע, איין זאַך וועל איך יאָ בעטן בײַם טשינאָווניק, ער זאָל מיר אָנווײַזן גוטע ערד צו קויפֿן, און אויף דער ערשטער צײַט זאָל מען מיר געבן אַ פּאָר מענטשן, וואָס האָבן אַ ידיעה אין ערדאַרבעט, זיי זאָלן מיר אַ ביסל צווײַזן.

---

[7] אַרום אַ העקטאַר.

איך בין זיכער אין מיר. מען זאָגט דאָך עפּעס, אַז אַ ייִד איז צו אַלעמען פּעיִק. נו, וואָס זשע זאָגסטו, פּריידע, צו מײַן פּלאַן?

— וואָס פֿרעגסטו מיך? דו האָסט מיר שוין נישט איין מאָל געזאָגט, אַז אַ ייִדענע מוז שטענדיק פֿאָלגן, וואָס איר מאַן זאָגט. דו האָסט מיך נישט וואָס צו פֿרעגן, שלום! איך ווייס, אַז וואָס דו טראַכסט און וואָס דו טוסט, איז נאָר פֿון אונדזער טובֿה וועגן. הײַנט, וואָס קען איך דיר זאָגן? דו ווילסט אָפּשנײַדן פֿון דער קראָם און מאַכן אַ נײַ געשעפֿט? טאָ זאָל גאָט געבן מזל און ברכה!

— ניין, מײַן ווײַב, דאָס איז נישט קיין נײַ געשעפֿט. דאָס, וואָס איך וויל איצט אונטערנעמען, פֿאַרלאַנגט, אַז איך און דו און אונדזערע קינדער, זאָלן לעבן, וועלן דאַרפֿן שווער האָרעווען. מילא, איך און די קינדער וועלן זיך צוגעווינען צו דער אַרבעט, אָבער דו, פּריידע? דאַרפֿסט וויסן, אַז ערדאַרבעט קען זיך נישט באַגיין אָן אַ באַלעבאָסטע...

פּריידע האָט פֿון איר מאַנס ווערטער זיך געפֿילט ווי באַליידיקט און זיך אָנגערופֿן:

— כ׳לעבן, שלום, עס וווּנדערט מיך אויף דיר, ווי זאָלסט אַזאַ נאַרישקייט זאָגן. וואָס הייסט אַרבעטן? וואָס הייסט האָרעווען? גיי איך דען איצט אַרום ליידיק און פֿאַרלייגט די הענט? וועלכע פֿרוי אין דער גאַנצער וועלט האָרעוועט דען אַזוי ווי אַ ייִדישע טאָכטער?

פּריידע האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מאַן און מיט אַ זיפֿץ זיך אָנגערופֿן:

— זע נאָר, ווי דו זעסט־אויס? איך האָב דען צײַט אַכטונג צו געבן אויף דיר איבער דער קראָם? אַוודאי, ווען איך זאָל קענען אויף דיר מער אַכטונג געבן, ווי אַ ווײַב אויף אַ מאַן, וואָלסטו אַנדערש בײַ מיר אויסגעזען!

— וואָס האָסטו, פּריידע, דען אַזוינס דערזען אויף מיר, וואָס איך געפֿעל דיר נישט? — האָט ר׳ שלום זיך אָנגערופֿן מיט אַ שמייכל — נישט צו פֿאַרזינדיקן, איך זע־אויס גלײַך ווי אַלע מענטשן, ווי אַ קרעמער, אַ סוחר, וואָס דאַרף שטענדיק דרייען מיטן קאָפּ. זעסטו,

פֿריידע, ווען גאָט וועט העלפֿן, מיר וועלן וווינען אין דאָרף, אויף אונדזער פֿעלד, אונטער אַ ברייטן הימל, אויף פֿרײַער פֿרישער לופֿט, וועלן מיר ביידע מיט אונדזערע קינדער גאָר אַנדערש אויסזען.

— זאָל אונדז נאָר גאָט געבן אַ גוטע פּרנסה, אַז דאָס נײַע געשעפֿט, וואָס דו ווילסט מאַכן, זאָל זײַן מיט הצלחה!

## אין דאָרף סטעפּקיווקע

אין דאָרף סטעפּקיווקע איז געווען אַ גרויסער יום־טובֿ. געוואָרן צען יאָר זינט ר׳ שלום רויטמאַן איז מיט זײַן הויזגעזינד אַרויסגעפֿאָרן פֿון שטאָט אין דאָרף. דער דאָזיקער יום־טובֿ איז אויסגעקומען אין דער שענסטער צײַט פֿון יאָר, אין קאָסאָוויצע־צײַט, ווען מען שנײַדט אויף פֿעלדער און נאָך דעם שנײַדט מען אַראָפּ דאָס דריטע מאָל דעם פֿרישן שמעקעדיקן גרינעם היי, וואָס די פּויערים רופֿן עס סענאָקאָס.

באַקאַנטע פּויערים און פֿרײַנד זײַנען געקומען אין ר׳ שלומס הויז, אים מיט זײַן פֿאַמיליע אָפּגעבן מזל־טובֿ פֿאַר די צען יאָר, אין וועלכע ר׳ שלום מיט זײַן הויזגעזינד האָבן אַזוי שווער געאַרבעט ביז ער האָט דערלעבט פֿון זײַן פֿעלד אַראָפּצונעמען אַ גוטע גערעטעניש.

בײַ נאַכט האָט ר׳ שלום נישט געקענט אַנטשלאָפֿן ווערן. ער האָט געטראַכט וועגן זײַנע איבערלעבונגען אין די פֿאַרגאַנגענע צען יאָר. זײַנע געדאַנקען זײַנען געפֿלויגן גיך ווי אַ בליץ. זיך דערמאָנט אין דעם אומגליק, וואָס איז שיִעור נישט געקומען אויף זײַן הויז און וואָס ער האָט אַלץ אַריבערגעטראָגן זינט ער האָט אָפּגעלאָזט די קלייט, פֿאַרקויפֿט די שטוב און אַרויסגעפֿאָרן פֿון דער שטאָט נעזוויניק קיין סטעפּקיווקע, וויפֿל צרות מיט יסורים ער האָט אַריבערגעטראָגן ביז ער האָט דערלעבט איצט צו ליגן רויִק אויף זײַן פֿעלד, אויף אייגענעם אָפּגעשניטענעם גרינעם שמעקעדיקן היי. ער האָט

פֿון זיך געמאַכט אַ תּל. ער איז זיך צעגאַנגען מיט זײַנע פֿרײַנד, געקומען אויף לײַטיש געלעכטער און אַלץ דערפֿאַר, וואָס ער האָט איבערגעביטן די שמאַטעס, די סחורה פֿון דער קראָם, אויף שוואַרצע ערד מיט אַ פּאָר אָקסן און אַ פֿערד. ווי אַזוי מען פֿאַראַקערט, פֿאַר־זייט דאָס פֿעלד, האָט ער נישט געוווּסט, דערפֿאַר איז אים אין אָנהייב נישט געגאַנגען. אַן אַלטער גענײטער פּויער האָט אים געלערנט. נאָר מיט פֿרעמדע הענט איז גוט פֿײַער צו שאַרן. אַ יאָר, צוויי האָט שלום געאַרבעט אומזיסט. זײַן ערד האָט ווייניק געבראַכט. ער האָט געמוזט אַריבערטראָגן קאַלט און וואַרעם. אויפֿן דריטן יאָר האָט בײַ אים אָנגעהויבן די תּבֿואה בעסער צו געראָטן. חוץ וואָס ער האָט געהאַט ברויט פֿאַר זיך און זײַן פֿאַמיליע אויף אַ גאַנץ יאָר איז אים נאָך איבערגעבליבן צו פֿאַרקויפֿן. ער האָט שוין געזען אַ מזומנעם גראָשן פֿאַר זײַן אַרבעט. די באַלעבאָסטע, פֿריידע, האָט אויך אָנגעהויבן קלײַבן געלט פֿון איר אַרבעט. פֿון די בהמות און שאָף האָט זי געהאַט מילך, פּוטער, קעז, וואָל און פֿלייש. זי האָט געהאָדעוועט גענדז, קאַטשקעס, הינער און פֿון זיי געלט געמאַכט. זייערע קינדער זײַנען אויך נישט געזעסן מיט פֿאַרלייגטע הענט. זיי האָבן מיטגעהאָלפֿן דער מוטער אין איר אַרבעט און שפּעטער האָבן זיי שוין געאַרבעט גלײַך מיט דעם פֿאָטער אין פֿעלד. אַלע האָבן געאַרבעט. פֿון יעדער מינדסטער זאַך איז געוואָרן געלט. שלום איז פֿון יאָר צו יאָר רײַכער געוואָרן. ער האָט שוין צוגעקויפֿט ערד. זײַנע בהמות, שאָף און פֿערד האָבן זיך אַלע מאָל פֿאַרמערט און אין זײַן אײַזערנעם קאַסטן האָבן זיך געזאַמלט קערבלעך[8]. ער, זײַן ווײַב פֿריידע און די קינדער חווה און חיים זײַנען געזונט, און פֿון דעם הײַנטיקן נײַעם שניט איז דאָ אַ סך היי און אַלע זײַנע שפּײַכלערן זײַנען פֿול מיט ברויט, אַז עס איז שוין נישטאָ ווּ צו לייגן, און מען מוז בויען נײַע שפּײַכלערן.

אָפּט ליגט שלום אונטערן בלויען הימל אויפֿן פֿרישן היי און טראַכט איבער אַלץ, וואָס האָט זיך מיט אים איבערגעטאָן די לעצטע

[8] (פֿאָלקס־לשון) רובל.

צען יאָר. מיט שטאָלץ האָט ער צו זיך געזאָגט, אַז עס איז אים גוט, אַז ער האָט זײַן צוועק דערגרייכט: ער האָט זײַן ערד, זײַנע שאָף און רינדער, אַזוי ווי זײַנע עלטער־עלטערזיידעס אין ארץ־ישׂראל.

קוקנדיק אויף דעם וועלדל, אויפֿן באַרג, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער איז אין ירושלים. אָט דאָרטן איז די מערת־המכפּלה פֿון די אָבֿות, אַ ביסל ווײַטער זעט מען אַרויס די איבערגעבליבענע וואַנט פֿון דעם בית־המקדש, וואָס איז חרובֿ געוואָרן, און ער, שלום, וווינט נישט ווײַט פֿון ירושלים... אין אַ חודש אַרום, ווען ער וועט אַראָפּפֿירן פֿון די פֿעלדער דאָס גאַנצע ברויט, וועט ער גיין מיט זײַן ווײַב און קינדער עולה רגל זײַן קיין ירושלים, אין בית־המקדש, צום כּהן גדול, און מיטברענגען אַ מתּנה, אַ גרויסן טאָפּ פּוטער און אַ מעסטל נײַעם ווייץ, און ער וועט הערן אין בית־המקדש דאָס געזאַנג און שפּילן פֿון די לוויים, און ער וועט מיט דעם גאַנצן האַרצן לויבן גאָט פֿאַר דאָס גערעטעניש.

מיט זיסע געדאַנקען איז שלום אײַנגעשלאָפֿן.

נישט מער ווי אַ האַלב וויאָרסט פֿון דעם אָרט, ווו שלום איז איצט געשלאָפֿן, אין עק דאָרף, איז געשטאַנען שלומס שטוב פֿון עטלעכע חדרים געדעקט מיט אַ שטרויענעם דאַך. די שטוב אַרומגענומען מיט אַ גרויסן פּלויט פֿון גרינע געפּלאָכטענע שטעכלקעס, האָט אַרויסגעקוקט אין פֿעלד אַרײַן. פֿון דער זײַט האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער גאָרטן מיט אַלערליי פּרוכטביימער. קעגנאיבער איז געשטאַנען אַ לאַנגע געביידע, אַ שטאַל פֿאַר די פֿערד און בהמות, און אַ שײַער פֿאַר דעם ברויט. אין הויף האָט מען געזען עטלעכע סקירדעס[9] היי, שטרוי און זאַנגען, נאָך נישט קיין אויסגעשלאָגענע תּבֿואה. ווײַטער אַ ביסל איז געשטאַנען אַ וואָגן, עטלעכע ברעטער און קלעצער, אַן אָפּגענוצטער אַקער און נאָך זאַכן צו ערדאַרבעט. פֿריידע מיט איר טאָכטער חווה האָבן נישט לאַנג אַוועקגעלייגט זייער טאָג־

[9] סנאָפּעס, בונטן.

אַרבעט און זײַנען שוין געזעסן אויף דער פּריזבע[10] אין דרויסן און געטרונקען טיי. זיי האָבן געוואַרט אויף שלומען מיט חיימען.

חיים איז געקומען אַליין, אָן דעם פֿאָטער. אַז ער האָט אַוועקגעלייגט די קאָסע, האָט אים פֿריידע געפֿרעגט:

— דער טאַטע וועט הײַנט נישט קומען נעכטיקן?

— ניין. דו האָסט פֿאַרגעסן, אַז נאָכן שניט האָט דער טאַטע ליב צו שלאָפֿן אין פֿעלד?

— דײַן מלמדס בחור האָט עפּעס אַ סך הײַנט אָנגעקאָסעט? — האָט אים געפֿרעגט די שוועסטער בשעת זי האָט אים דערלאַנגט אַ גלאָז טיי — איך בין פֿרי אַוועקגעגאַנגען, האָב איך נישט געזען.

— ער טויג דערצו אויך נישט! פֿון אים וועט שוין קיין פּויער ניט זײַן. מיר האָבן געמיינט, אַז בײַם שנײַדן היי וועלן מיר קענען האָבן פֿון אים נוצן, נאָר אומזיסט. ער האָט גענומען די קאָסע און האָט אָנגעהויבן דרייען מיט איר אַהין און אַהער ביז ער האָט זיך סקאַליעטשעט די פֿיס.

חווה מיט חיים האָבן זיך צעלאַכט.

ווען שלום איז אַרויס אין דאָרף אַרײַן, האָט ער מיט זיך מיטגענומען אַן אָרעמען ייִדן, וואָס האָט געקענט גוט לערנען און שרײַבן. ער איז אויך געווען אַ שוחט און האָט געלערנט מיט שלומס קינדער.

דער מלמד האָט געהאַט אַ ייִנגל אין איינע יאָרן מיט חיימען. שלום האָט דעם מלמד ליב געקראָגן, פֿאַר אים אויסגעבויט אויף זײַן ערד אַ שטיבל, אים געגעבן אַלץ וואָס מען באַדאַרף און געוואָלט פֿון אים מאַכן אַ פּויער. עס איז אָבער געווען אומזיסט. לעמל — אַזוי האָט דאָס ייִנגל געהייסן — איז געבוירן געוואָרן אין אַן אומגליקלעכער שעה און צו קיין שום זאַך נישט געטויגט. תּמיד געווען ווי דערשלאָגן, פֿאַרטומלט. זײַן פֿאָטער, דער מלמד, האָט אים קוים מיט צרות אויסגעלערנט דאַוונען. דאָך האָבן אַלע דערפֿלײַט אים ליב געהאַט. יעדער האָט אויף אים געקוקט מיט רחמנות. „גאָט

[10] אַ באַנק פֿאַר דער שטוב, פֿאַרן אַרײַנגאַנג.

האָט אים געשטראָפֿט״ — האָבן אַלע דאָרף־גויים און שלומס פֿאַמיליע אויף אים געזאָגט.

— מען טאָר נישט, מײַנע קינדער, לאַכן פֿון קיין אומגליקלעכע!
— האָט פֿריידע אָנגעזאָגט אירע קינדער, ווען זיי האָבן זיך צעלאַכט איבער לעמלס פֿעלדאַרבעט — איר זײַט נאָך יונג, פֿאַרשטייט איר נישט. וואָס איז ער שולדיק, אַז גאָט האָט אים אַזוי אומגליקלעך באַשאַפֿן?

— נאָר צו וואָס קומט לעמל צו נוץ? — האָט חיים געפֿרעגט.

— עס איז טאַקע אַ וווּנדער, נאָך וואָס גאָט באַשאַפֿט אַזעלכע מענטשן... — האָט חווה באַמערקט.

— און, ווידער, מײַן קינד, קען מען גאָר נישט וויסן. מען קען גאָטס ווונדער גאָר נישט באַקלערן. קוקסט אָן דעם נאַר, דעם שוטה, דעם לעמל, קען ער חתונה האָבן און דווקא האָבן אַ לײַטיש ווײַב מיט לײַטישע קינדער און זײַנע קינדער קענען זייער ניצלעך זײַן אויף דער וועלט. ווייניק זעט מען אַזוינע בײַשפּילן אויף דער וועלט?

אַזוי האָט שלומס פֿאַמיליע גערעדט וועגן לעמלען. דערנאָך איז מען איבערגעגאַנגען אויפֿן שניט, ווי דאָס היי איז געראָטן בײַ די שכנים, די קריסטלעכע פּויערים. פֿריידע האָט דערמאָנט, מען זאָל נישט פֿאַרגעסן פֿון דעם נײַעם היי אָפּצופֿירן אַ וואָגן פֿאַר דעם מלמדס קו, און חווה האָט געזאָגט, אַז מען וואָלט שוין געמעגט אָנהייבן רײַסן די ווײַנשל אין גאָרטן, ווײַל זיי זײַנען שוין רויט. אַזוי זײַנען זיי געזעסן און געפּלוידערט ביז די לבֿנה איז שוין געשטאַנען אין מיטן הימל און פֿריידע האָט געזאָגט, אַז עס איז צײַט צו שלאָפֿן, ווײַל די לבֿנה לאָזט זיך שוין אַראָפּ...

אָבער זיי זײַנען אַזוי גיך נישט געגאַנגען שלאָפֿן. די נאַכט איז געווען זעלטן שיין. כאָטש עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, האָט די גוטע לופֿט און דער ריח פֿון סענאָקאָס אויף די נאָר וואָס אָפּגעשניטענע פֿעלדער זיי אויפֿגעפֿרישט, און עס האָט זיך קיינעם נאָך נישט געוואָלט גיין שלאָפֿן.

זיצנדיק אַזוי האָבן זיך אַלע ווידער דערמאָנט, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט און געליטן די צען יאָר פֿון זינט זיי זײַנען אַרויסגעפֿאָרן פֿון שטאָט אין דאָרף, און ווי אייניקע שלעכטע מענטשן, וואָס האָבן זיך דערוווּסט, אַז שלום האָט פֿאַרטראַכט צו פֿאַרקויפֿן די שניטקראָם און ווערן אַ פּראָסטער פּויער, האָט עס זיי אַזוי פֿאַרדראָסן, אַז זיי האָבן אונטערגעצונדן די שניטקראָם. נאָר גאָט האָט געהאָלפֿן, מען האָט די שׂריפֿה באַלד אָפּגעלאָשן און מען האָט די סחורה אָפּגעראַטעוועט. דעמאָלט האָט שלום באַשלאָסן וואָס גיכער אַלץ פֿאַרקויפֿן און אויספֿירן זײַן פּלאַן צו ווערן אַן ערדאַרבעטער.

— און געלויבט גאָט דערפֿאַר, וואָס מיר זײַנען אַרויסגעפֿאָרן פֿון שטאָט אין דאָרף! — האָבן אַלע געבענטשט דעם וואָס לעבט אייביק.

## ר׳ ייִדל דער שדכן

אין דער גאַנצער צײַט, וואָס שלום האָט געוווינט אין דאָרף, האָט ער זייער גוט געלעבט מיט אַלע שכנים, מיט דעם פּריץ יאַן זאַרעצקי, צו וועלכן דאָס דאָרף סטעפּקיווקע האָט געהערט, און מיט אַלע קריסטלעכע פּויערים, מיט וועלכע זײַנע פֿעלדער האָבן געגרענעצט. דער רעש פֿון די נעזווינקער ייִדן, וואָס שלום איז געוואָרן אַן ערדאַרבעטער, איז די צען יאָר שטילער געוואָרן. אָבער די ייִדן פֿון נעזווינק זײַנען געווען דערווײַטערט פֿון אים, חוץ די עטלעכע וואָס פֿלעגן קומען אַלע יאָר אײַנקויפֿן בײַ ר׳ שלומען און בײַ דעם פּריץ פֿון דאָרף די תּבֿואה, אַזוי אַז מען האָט כּמעט אין ר׳ שלומען פֿאַרגעסן. נאָר ייִדל, דער שדכן פֿון נעזווינק, האָט אין אים נישט פֿאַרגעסן. אין זײַן שדכנות־ביכל איז שלום שוין לאַנג געווען פֿאַרשריבן: שידוך מכּפֿר סטעפּקיווקע, בתולה חווה בת שלום מוזשיק, זוגתו פֿריידע, נדן כּמה שירצה, קעסט לעולם. כּסף יש ויש, יחוס לא...

ייִדל שדכן פֿלעגט אָפֿט קומען צו פֿוס אין דאָרף סטעפּקיווקע

ריידן פֿאַר שלומס מיידל אַ שידוך און מניה־וביה[11] האָט ער שוין בײַ זיך אין ביכל פֿאַרשריבן דעם מלמדס בחור לעמל. ער פֿלעגט דערבײַ כאַפּן אַ לאַנגן טרונק בראָנפֿן מיט אַ ברייטער מילכיקער וועטשערע און דערנאָך געהאַט צו דערציילן אין דער גרויסער קלויז גאַנצע חידושים, אַז בײַ שלום מוזשיק האָט מען אים געגעבן אַזוינע מילכיקע וואַרעניקעס, וואָס אין איין שיסל האָבן זיך קוים אויסגע־ליגט צוויי וואַרעניקעס, און ער, יידל שדכן, פֿלעגט באַין אופֿן נישט קענען אויפֿעסן מער ווי צען שטיק; חוץ דעם, די קאַשע מיט פּוטער, וואָס דעם מוזשיקס מלמד עסט, וועט עס נישט אויספֿירן אין שטאָט דער גרעסטער גביר, וואָס צאָלט פֿינף־און־צוואַנציק קערבלעך פֿאַר שישי...

— כ׳לעבן, ר׳ שלום, עס איז שוין צײַט, איר זאָלט אַ שידוך טאָן מיט אײַער בתולה. אײַער חיים וואַקסט שוין באַלד אונטער... — פֿלעגט יידל אָפּט זאָגן צו שלומען.

— וואָס מײַן חימל וואַקסט־אונטער, אַרט מיר גאָר ווינציק, נאָר מיט מײַן טאָכטער וואָלט איך יאָ אַ שידוך געטאָן. נאָר וועמען קענסטו מיר געבן פֿאַר אַ חתן, אַז איך הייס גאָר בײַ אײַך שלום מוזשיק ? !

— אָבער ר׳ שלום, איר זײַט דאָך אַ קלוגער ייד, מען דאַרף אײַך קיין פֿינגער אין מויל נישט אַרײַנלייגן. איר דאַרפֿט אַליין פֿאַרשטיין, ווו איר האַלט מיט אײַך: אַ ייד, אַ חסיד, אַ מיוחס, אַ שיינער באַלע־באָס אָדער אַ גרויסער סוחר — וועט מיט אײַך קיין שידוך נישט טאָן, פֿאַרשטייט איר מיך... יעדער ייד וויל, אַז זײַן קינד זאָל ווערן אַן איידעמל, זיצן אַ פֿיר־פֿינף יאָר אויף קעסט און דער נדן זאָל דערווײַל וואַקסן אויף פּראָצענט, פֿאַרשטייט איר מיך... אויך זאָל ער גיין אַלע טאָג מיט דעם טלית־זאַק דאַוונען אין קלויז און נאָך מיטאָג גיין לערנען און זיך אַמפּערן מיט אַלע איבעריקע איידעמלעך אין קלויז איבער אַ פּשטל, פֿאַרשטייט איר מיך... עס איז נאַריש, מען

[11] גלייך אויפֿן אָרט, איינס און צוויי.

קען פֿון דעם אמת נישט אַוועקגיין: יעדער פֿאָטער, ווען ער מאַכט חתונה אַ קינד און ברענגט זיך געננוג אויס, וויל האָבן נחת פֿון זײַן קינד. נישט פֿון אײַער ערד גראָבן, איר זאָלט מיר מוחל זײַן, וועט אַ לײַטישער ייִד האָבן נחת.

ר׳ ייִדל שדכן האָט אָנגענומען זײַן בערדל און נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן אײַנטענהן מיט ר׳ שלומען:

— איר מוזט דאָך אַליין זייער גוט פֿאַרשטיין, אַז נאָר דער בחור, וואָס געפֿינט זיך בײַ אונדז אין קלויז, איז פֿאַר אײַער טאָכטער אַ חתן. בײדע אין אײנעם איז נישטאָ בײַ קײנעם... וואָרעם ווען דער בחור זאָל האָבן עלטערן און זאָל ניט זײַן אַזוי אָרעם, וואָלט ער מיט אײַך קיין שידוך נישט געטאָן, פֿאַרשטייט איר מיך...

שלום האָט געזאָגט ייִדלען, ער זאָל אים אויפֿהערן דולן אַ קאָפּ מיט זײַנע פּוסטע שידוכים, נאָר בײַ זיך אין האַרצן האָט ער שטאַרק נאָכגעטראַכט אויף ייִדלס ווערטער מיט זײַן נאַרישן פֿאַרשטייט איר מיך, פֿון דעם אמת קען מען נישט אַוועקגיין, אַ ייִדישע טאָכטער פֿאַרזיצט נישט... די טאָכטער איז טאַקע געזונט, שיין, שוין אַ מיידל צו לײַט, פֿון דעסט וועגן איז אים געווען שווער אַ שידוך צו טאָן.

ר׳ שלום האָט זי דערצויגן ווי אַ פּויער דאַרף דערציִען קינדער: קלאָר אין אַלע פֿעלדאַרבעטן, אין באַלעבאַטישקייט. חווה האָט ליב איר אַרבעט, זי קען אין אַלע אַרבעטן מיטהעלפֿן, זי מוז האָבן אַ מאַן אַ פּויער! ווען מען אָבער גיט מען איר פֿאַר אַ מאַן? טאַקע ווײַטער אַ פּראָצענטניק, אַ לופֿטכאַפּער? אַז אַפֿילו דאָס וויל מען איר נישט געבן! ייִדל שדכן רעדט איר אַ שידוך עפּעס אַ פֿרעמדן בחור, וואָס וואַלגערט זיך אין קלויז, און דעם אַנטיק וואָלט מען זײַן טאָכטער אויך נישט גערעדט, ער זאָל ניט זײַן אַזוי אָרעם! דער שדכן איז אָבער גאָר נישט שולדיק. שדכנות איז זײַן פּרנסה. ייִדל וואָלט געוויס געוואָלט געבן חווהן אַן אָרנטלעכן חתן. נאָר וואָס קען ער טאָן?

— פֿון דעם אמת קען מען פֿאָרט נישט אַוועקגיין: מען רופֿט מיך שלום מוזשיק אָדער דער ייִדישער מוזשיק. הײַנט, וועלכער באַלעבאַטישער ייִד וועט מיט אַזוינס, ווי איך, זיך וועלן משדך זײַן?...

אַז שלום האָט אַ קוק געטאָן אויף זײַן שיינער, געזונטער און געראָטענער טאָכטער, האָבן זיך אים די טרערן געשטעלט אין די אויגן. ער האָט זיך אַזוי פֿיל געמוטשעט אין זײַן לעבן, אַזוי פֿיל צרות אַריבערגעטראָגן, אַז נאָך זײַן טויט זאָלן איבערבלײַבן עטלעכע צווײַגן יידישע פּויערים און פֿון די צווײַגן זאָלן מיט דער צײַט אַרויסשפּראָצן אַ סך פּויערים... נאָר איצט! איצט זעט ער אַליין, נאָך בײַם לעבן, אַז די רויזן, וואָס ער האָט פֿאַרזייט, קענען נישט וואַקסן איבער די דערנער — ער האָט געפֿלאַנצט אַ גאָרטן אויף אַ שלעכטן שטיק ערד...

שלום האָט זיך שטאַרק פֿאַרטראַכט... איצט ערשט האָט ער דערזען, אַז פֿון סטעפּקיווקע ביז ירושלים איז זייער ווײַט, נישט ווי עס האָט זיך אים אַמאָל אויסגעוויזן, אַז דאָ באַלד, הינטערן וועלדל, איז שוין ירושלים און נאָכן שניט וועט ער גיין אין בית־המקדש אַרײַן גאָט דאַנקען. ווו זײַנען די יאָרן, אַ חמשה עשׂר בשבֿט פֿלעגן זיך אַלע יידישע מיידלעך אָנטאָן אין די שענסטע ווײַסע קליידער און אַרומגיין אין די גערטנער פֿון ירושלים. דאָרטן פֿלעגן זיי זיך באַגעגענען מיט די יונגעלײַט און טאַנצן און זינגען:

קוקט אייך גוט צו, בחורים און יונגע לייט,
ועמען איר קלייבט פאַר אַ ווייב היינט.

אַזוי האָבן יידישע טעכטער זיך אַמאָל געקליבן חתנים און חתונה געהאַט אָן שדכנים. מען האָט נישט געוווּסט פֿון אייביקע קעסט, יידישע נחתלעך, איידעמלעך, אומזיסטע פּרעסערס. נאָר דער איז געגאַנגען אין גאָרטן אַרײַן זיך אויסקלײַבן אַ כלה, ווער עס האָט שוין געקענט געבן אַ ווײַב ברויט, אַזאַ וואָס האָט געהאַט זײַן ערד, זײַן ברונעם. עס האָט אים נאָר געפֿעלט אַ באַלעבאָסטע, וואָס זאָל אים מיטהעלפֿן און אויך אַליין אַרבעטן.

פֿון שלומען פֿלעגט יידל שדכן גיין צום מלמד און מיט אים אײַנטענהן:

— ביז וואַנען וועט איר אויסהאַלטן אײַער ביקל, אײַער לעמל?

פֿאָלגט מיך, און טוט אַ שידוך מיט דעם מיידל נחמה פֿון נעזווינק. גלייבט מיר, אַז איר האָט דאָ נישט לאַנג וואָס צו טראַכטן, פֿאַרשטייט איר מיך... ווען נחמה זאָל ניט זײַן קיין יתומה און זאָל נישט האָבן אַזאַ שלעכטן פֿעטער און אַ מומע, בײַ וועלכער זי געפֿינט זיך איצט, פֿאַרשטייט איר מיך, וואָלט זי אײַער לעמל אויף דער שוועל צו זיך נישט געלאָזט. ווי זאָגט מען עפּעס: ביידע אין איינעם איז נישטאָ בײַ קיינעם... פֿאָלגט זשע מיך, כּל־זמן איר פֿעטער וויל נאָך, טראַכט נישט און טוט אַ שידוך!

ייִדל איז זיך אַ סך יאָרן אָפּגעגאַנגען די פּיס פֿון נעזווינק קיין סטעפּקיווקע און פֿון סטעפּקיווקע קיין נעזווינק. אַ סך שיסלען וואַרעניקעס אויפֿגעגעסן און טויזנט מעשׂיות דערציילט פֿון זיי אין דער גרויסער קלויז און טאַקע צום סוף אויסגעפֿירט דעם שידוך — לעמל איז אַ חתן געוואָרן פֿאַר דער יתומה נחמה.

נחמה איז געווען אַ געזונט, שיין מיידל. אירע עלטערן זײַנען איר זייער יונג אָפּגעשטאָרבן. אירס אַ פֿעטער, אַ שטיקל כּל־ווּלכניק אין שטאָטזאַכן, אויך אַ בעל־טובֿהניק, אַ בעל־עצה פֿאַר יתומים און אַלמנות און אַ גבאי אין אַ שולעכל, האָט ער די יתומה צוגענומען פֿאַר אַן אייגן קינד. נחמה איז בײַ אים געווען אַ דינסט אַ יאָר צען. דער פֿעטער האָט איר צוגעזאָגט צו געבן נדן, ווי אַן אייגן קינד, נאָר אַזוי ווי עס האָט זיך געמאַכט אַ שידוך — אַ שמאַלצגרוב, און מ׳קען צו אים קומען אָן אַ גראָשן נדן, ווײַל דער חתן איז אַ ביסל נישט אַזוי ווי מען דאַרף, האָט דער פֿעטער באַטראַכט, אַז פֿאַר אַן עלנטן קינד איז דער שידוך זייער אַ פֿײַנער. דער פֿעטער האָט מיט איר געטאָן דעם שידוך למזל און גערופֿן אַלע שענסטע באַלעבאַטים פֿון נעזווינק צום קנס־מאָל און געמאַכט זייער אַ שיינע וועטשערע. אַלע האָבן אים געלויבט פֿאַר זײַן פֿרומקייט און גוט האַרץ, ווי ער האָט רחמנות אויף יתומים. און נחמה, וועלכע האָט שוין לאַנג נישט געקענט אַריבערטראָגן די צרות פֿון דער מומען, איז איידער צו זײַן אַן אייביקער עבֿד כּנעני, האָט צוגעשטימט חתונה צו האָבן פֿאַר

לעמלען: „וואָס עס וועט זײַן מיט מיר, זאָל זײַן, אַבי נישט לענגער בלײַבן בײַם פֿעטער מיט דער מומען“.

אַז לעמל האָט חתונה געהאַט, האָבן די גויִים אין דאָרף געזאָגט: „דער חזיר עסט שטענדיק אויף דאָס בעסטע עפּעלע“.

נאָר מיט ר׳ שלומען האָט יִידל שדכן גאָר נישט געקענט מאַכן. ער איז זיך אומזיסט אָנגעגאַנגען די פּיס. חווה, שלום מוזשיקס טאָכטער, האָט אָן אים חתונה געהאַט. די געשיכטע איז אַזוי געווען: אַז שלום האָט אײַנגעזען, אַז אין זײַן געגנט קען ער מיט זײַן טאָכטער קיין שידוך נישט טאָן און אַז אַ יִיד אַן ערדאַרבעטער קען ער פֿאַר איר נישט באַקומען, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז שוין לאַנג, נאָך אין יאָר 1829, האָבן זיך יִידן ערדאַרבעטערס באַזעצט אין נאָוואָראָסיע[12]; האָט ער אַוועקגעשריבן אַ בריוו דעם דאָרטיקן רבֿ, וואָס האָט צו זאָגן איבער די יִידישע קאָלאָניעס, אים דערציילט ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַן ערדאַרבעטער און דערנאָך געשריבן אין דעם בריוו:

אַזוי ווי איך בין אין דער היגער געגנט, אין אוקראַיִנע איין איינציקער יִידישער ערדאַרבעטער און אַלע יִידן קוקן אויף מיר ווי אויף אַ משוגענעם, וואָס דאָס אַרט מיך גאָר ווינציק, ווײַל איך וואָלט מיך נישט געביטן אויף זייער קלאָרקייט, און איך בין שטאָלץ, וואָס גאָט האָט מיר געגעבן כּוח צו גרינדן אַ קאָלאָניע פֿאַר מײַנע קינדער און קינדסקינדער, אָבער איין זאַך טוט מיר זייער וויי, איך האָב דערצויגן מײַנע קינדער צו גאָט און צו לײַט, ווי אַן ערדאַרבעטערס קינדער דאַרפֿן דערצויגן ווערן, נאָר דאָס, וואָס איך קען פֿאַר מײַן טאָכטער נישט קריגן אַ מאַן אַן ערדאַרבע־טער, מאַכט מיר גרויסע יסורים. מײַן גאַנצע אַרבעט איז נאָר גע־ווען צו מאַכן מײַנע קינדער פֿאַר ערדאַרבעטערס, קען איך בײַ מיר נישט פּועלן, מײַן טאָכטער אַוועקצוגעבן אַ פּראָצענטניק, אַ פּאַק־

[12] אַ רעזולטאַט פֿון די רעפֿאָרעם־פּראָיעקטן פֿון מיניסטער דיערזשאַווין, אונטער דער הערשאַפֿט פֿון צאַר אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, צו קאָלאָניזירן יִידן אין דרום־רוסלאַנד (פֿון 1804).

טאָר און אַפֿילו אַ סוחר. נאָר אַזוי ווי מען האָט אין אײַער געגנט שוין לאַנג געגרינדעט ייִדישע קאָלאָניעס, און דאָרט זײַנען שוין געווים בײַ אײַך אויסגעוואַקסן פֿײַנע יונגע לײַט, בעט איך אײַך מיר צו שדכנען אַ חתן פֿאַר מײַן טאָכטער, וועלכע איז אַלט צוואַנ־ציק יאָר. זי איז געזונט, שיין, געראָטן און גוט דערצויגן. זי קען זייער גוט מיטהעלפֿן אין אַלע אַרבעטן, זי פֿאַרשטייט אַרומצוגיין אַרום שאָף. זי איז אַ גרויסע בריה, זייער פֿלײַסיק און האָט די אַרבעט ליב. איך לויב זי, נישט דערפֿאַר וואָס איך בין איר פֿאָטער, נאָר איך האָב דאָס רעכט זי צו לויבן, ווײַל זי פֿאַרדינט עס. ערד אין נדן אַרײַן קען איך איר נישט געבן, ווײַל די גאַנצע ערד, וואָס איך פֿאַרמאָג, האָב איך באַשטימט פֿאַר מײַן זון, נאָר שאָף, בהמות, דאָרף־מכשירים און עטלעכע הונדערט קערבלעך קען איך איר יאָ געבן.

**אין אַ קורצער צײַט איז אָנגעקומען אַן ענטפֿער פֿון דעם רבֿ, אַז אין גיכן וועט קומען קיין סטעפּקיווקע אַ יונגער מאַן, וואָס וויל זיך באַקענען מיט ר׳ שלום רויטמאַנס טאָכטער.**

*

נאָכן שניט, אַז מען האָט שוין אָנגעהויבן אַראָפּנעמען דאָס ברויט פֿון פֿעלד, פּראָסע [13] און גערשטן האָבן שוין אויך אָנגעהויבן פֿאַרטיק ווערן, איז אַראָפּגעקומען קיין סטעפּקיווקע אַ יונגער מאַן און האָט שלומען אָפּגעגעבן אַ בריוו פֿון דעם רבֿ פֿון די נאָוואָראָסיער קאָלאָ־ניעס. אין בריוו איז געשטאַנען, אַז דער יונגער מאַן קומט־אַרויס פֿון אַן אָרנטלעכער משפּחה, וואָס האָט נאָך אין יאָר 1829 אויסגעוואַנדערט פֿון אוקראַינע, אַז זײַן פֿאָטער גיט אים נדן עטלעכע מאָרג [14] ערד און, אויב די קינדער וועלן זיך געפֿעלן, דאַרף ער קיין בעסערן שידוך ניט זוכן.

---

[13] הירזש. — [14] (פּוילישע באָדנמאָס) 16,875 קוואַדראַט איילן.

דער יונגער מאַן איז דערוויַיל געבליבן ביַי שלומען אין שטוב. אַ ציַיט לאַנג מיט חווהן געאַרבעט אין איינעם אויף שלומס פֿעלדער און מיט דער ציַיט האָבן ביידע זיך צוגעבונדן איינער צום אַנדערן.

זיַינען אַראָפּגעקומען זיַינע עלטערן מיטן דאָרטיקן רבֿ און מ'האָט געשטעלט למזל אַ חופּה. אויף דער חתונה האָבן זיך געפֿרייט אַלע סטעפּקיווקער דאָרפֿליַיט און דער רבֿ האָט באַקומען פֿון ביידע צדדים זייער אַ שיינעם רח"ש [15]. און כאָטש יידל שדכן האָט דעם שידוך נישט אויסגעפֿירט, פֿון דעסט וועגן האָט ער גוט געהוליעט אויף דער חתונה און אַהיימגעטראָגן פֿולע קעשענעס מיט לעקעך, עטלעכע פֿלעשער בראָנפֿן, צוויי געבראָטענע הינער און נאָך אַזוינע זאַכן.

חווה איז מיט איר מאַן באַלד נאָך דער חתונה אַוועקגעפֿאָרן אין דער יידישער קאָלאָניע, וווּ זיי האָבן באַקומען אַ שטיק ערד און האָבן זיך איַינגעאָרדנט.

*

אַ קורצע ציַיט נאָך דעם איז שלום קראַנק געוואָרן. ער האָט געפֿילט, אַז ער דאַרף שטאַרבן און געזאָגט:

— יאָ, איצט קען איך שטאַרבן... איך האָב אַלץ אויסגעפֿירט און געטאָן אַלץ, וואָס איך האָב געדאַרפֿט טאָן. מען דאַרף שוין אַנדערע לאָזן אויף מיַין אָרט...

איין מאָל, ווען זיַין מצבֿ האָט זיך פֿאַרערגערט, האָט ער צוגערופֿן דאָס וויַיב און דעם זון, און שטיל געזאָגט:

— איך דאַרף שטאַרבן... איך ווייס, אַז יעדער דור מוז לעבן לויט זיַין שטייגער... ווען דאָס זאָל אַזוי נישט זיַין, וואָלט די וועלט נישט קלוגער געוואָרן, זי וואָלט געבליבן שטיין אויף איין אָרט... דערפֿאַר, מיַין קינד, וויל איך דיר נישט זאָגן קיין דעות, ווי אַזוי דו זאָלסט לעבן אויף דער וועלט... לעב דיר לויט דיַין שׂכל און

---

[15] (ראשי־תיבות: רב, חזן, שמש) באַצאָלט, ווי דער מנהג איז, פֿאַר אַלע וואָס פֿירן דורך די חתונה־צערעמאָניעס.

לויט דער צײַט. איך קען מיך פֿאַרלאָזן אויף דיר... נאָר איין זאַך זאָג איך דיר אָן: דו זאָלסט זיך קיין מאָל ניט צעשיידן מיט אונדזער ערד! דו זאָלסט נישט אַוועקוואַרפֿן די ערדאַרבעט, ווי רײַך דו זאָלסט ניט זײַן! זאָלסט תּמיד אַליין אַרבעטן מיט אַלע פּראָסטע אַרבעטערס און זאָלסט דיך נישט פֿאַרלאָזן אויף פּרעמדע. נאָר דער איז אַ מענטש, וואָס אַרבעט אַליין. דײַנע קינדער זאָלסטו אויך געוויינען צו דער אַרבעט, נישט וויניקער ווי איך דיך.

ער האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און ווײַטער גערעדט:

— אַז דו וועסט חתונה האָבן, זאָלסטו דיר נעמען אַ ווײַב, ווי דיר געפֿעלט. דערויף וויל איך דיר קיין דעה נישט זאָגן. די אייגענע פּרײַהייט זאָלסטו אויך געבן דײַן זון. נאָר דײַנע טעכטער זאָלסטו געבן מאַנען ערדאַרבעטערס... פֿאַר מײַן גאַנץ פֿאַרמעגן, וואָס איך לאָז דיר איבער און אויף וועלכן איך האָב יאָרן לאַנג שווער און ביטער געהאָרעוועט, זאָלסטו מקיים זײַן מײַנע לעצטע ווערטער! גיב מיר די האַנט פֿאַר דײַן טרײַער מוטער, אַז דו וועסט מקיים זײַן מײַנע ווערטער. כּל־זמן זי וועט לעבן, וועט זי זײַן אונדזער עדות און נאָך איר טויט וועלן צווישן אונדז בלײַבן די אייביקע צוויי עדות: הימל און ערד...

*

שלום רויטמאַן איז געשטאָרבן. פּויערים האָבן שטאַרק גע־טרויערט נאָך אים, אייניקע אַפֿילו געוויינט. אַ גרויסע שׂמחה איז נאָר געווען בײַ חבֿרה קדישא. מען האָט געוואָלט „אָפּלעקן אַ ביינדל“ פֿון דעם מת. מען האָט זיך אײַנגעגעסן אין די אבֿלים און געפֿאָדערט אַ גרויסע מטבע פֿאַר דער קבֿורה. חבֿרה קדישא איז געזעסן און געשיכּורט, און דערבײַ אַלץ געחשבונט, וויפֿל מ׳זאָל נעמען.

— איך זאָג: זעקס הונדערט דרײַצן קערבלעך! — האָט איינער זיך אָנגערופֿן — דאָס איז אַ גלײַכע ציפֿער, ווײַל עס איז געגליכן צו די תּרי״ג מצוות... און דעם יורש וועט עס אויך געפֿעלן צו געבן תּרי״ג קערבלעך.

— און איך זאָג — איז אויפֿגעשפּרונגען אַ נײַער חבֿרה־מאַן, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פֿיס פֿון פֿיל טרינקען — ווי באַלד מ׳זאָגט תרי״ג מצוות, טאָ זאָל עס שוין זײַן מיט צוויי ריישן, תררי״ג, דאָס הייסט, גלײַכע אַכט הונדערט דרײַצן קערבלעך...

— דו ביסט משוגע צי וואָס? וואָס הייסט גלײַכע? צו וואָס דאַרפֿן זיך נאָכשלעפּן די דרײַצן? זאָל שוין זײַן אַכט הונדערט, וועט זײַן גלײַך.

— די דרײַצן לאָז איך איבער פֿאַר חיימען דעם יורש, ער זאָל זיי אָפּדינגען...

מיט אַ גרויס געלעכטער איז בײַ אַלע געבליבן, אַז מען זאָל פֿאַרלאַנגען פֿון די יורשים אַכט הונדערט דרײַצן רובל פֿאַר דער קבֿורה, און מיט פֿרישע כּוחות האָט מען זיך ערשט גענומען צו די גלעזער ווײַן.

אויף מאָרגן גאַנץ פֿרי, ווען חיים האָט געבראַכט דעם מת אין שטאָט אַרײַן און איז געקומען צו דער נעזווינקער חבֿרה קדישא, און זיי האָבן אים געזאָגט, אַז זיי פֿאַרלאַנגען אַכט הונדערט דרײַצן רובל פֿאַר זײַן טאַטנס קבֿורה, האָט ער נישט גערעדט קיין האַלב וואָרט, אַרויסגענומען זײַן בײַטל און אָפּגעציילט דאָס גאַנצע געלט ביז דער לעצטער קאָפּיקע.

דעם זעלביקן טאָג איז געווען אַ רויִקע שטילע לוויה און מ׳האָט דעם ייִדישן מוזשיק געבראַכט צו קבֿורה.

חבֿרה קדישא איז דערנאָך אַרײַן אין אַ שענק. מען האָט געטרונקען, פֿאַרביסן מיט גריוון און געבראָטענע גענדז און זיך געקריגט ביז עס איז געקומען צו פּעטש... די מחלוקת האָט זיך גענומען דערפֿון, פֿאַר וואָס מען האָט פֿון חיימען נישט פֿאַרלאַנגט פֿאַר דער קבֿורה גלײַכע טויזנט קערבלעך.

דעם זעלביקן אָוונט האָט ייִדל דער שדכן און דער קראַנקער ר׳ קלמן טעפּליקער געלערנט אין קלויז עטלעכע פּרקים משניות פֿאַר ר׳ שלומס נשמה וועגן.

## פאַני אסתרקע

נאָך ר׳ שלום רויטמאַנס טויט איז אַוועק אין גאַנצן אַ יאָר צוואַנציק. און ווי האָט זיך זײַן הויז אין דער דאָזיקער צײַט איבער־געביטן!

אין עק דאָרף, וווּ ר׳ שלומס שטוב מיט דעם שטרויענעם דאַך איז אַמאָל געווען, שטייט איצט אַ הויז מיט בלעך באַדעקט און גרין געפאַרבט דער דאַך. אויפֿן הויף עטלעכע שטאַלן פֿאַר בהמות און מאַגאַזינען פֿאַר די תּבֿואות. אין אַ באַזונדער געפאַרבטער שטאַל שטייט אַ קאַרעטע מיט אַ פֿיר גוטע פֿערד פֿאַר אַ פּוילישן געשפּאַן — באַשפּיץ [16].

די ביימעלעך, וואָס ר׳ שלום האָט מיט אַ סך יאָרן צוריק געפּלאַנצט אַרום זײַן שטוב, זײַנען שיין אויסגעוואַקסן און איצט איז דאָרטן אַ גאָרטן מיט סטעזשקעס, אויסגעשיט מיט געלן זאַמד. ר׳ שלומס הויז זעט איצט אויס ווי אַ פּריצישער הויף און פֿרעמדע, וואָס פֿאָרן פֿאַרבײַ דאָס דאָרף סטעפּקיוּקע און פֿרעגן „ווער דאָ וווינט?” ענטפֿערט מען:

— דאָ וווינט פּאַן חיים מיט זײַן ווײַב פּאַני אסתּרקע...

די אַלע פֿאַרענדערונגען האָט ר׳ שלומס זון חיים געמאַכט אַ דאַנק זײַן צווייטער פֿרוי אסתּר, מיט וועלכע ער האָט צוריק מיט אַ יאָר זיבעצן חתונה געהאַט.

נאָך זײַן פֿאָטערס טויט האָט חיים אײַנגעזען, אַז ווײַטער פֿירן אין דאָרף אַ בחוריש לעבן איז גאָר נישט גוט און האָט באַלד, צו זײַן מוטערס פֿרייד, חתונה געהאַט. נאָר גאָט האָט אים געשטראָפֿט מיט אַ קראַנק ווײַב. ער האָט מיט איר געלעבט אַ קורצע צײַט און זי איז געשטאָרבן, נישט איבערלאָזנדיק קיין קינדער. פֿאַר חיימען איז דאָס געווען אַ גרויסער קלאַפּ, און וואָס ווײַטער, האָט ער זיך

---

[16] (געמיש פון פויליש מיט יודיש: נאַ שפּיץ) בראש.

מער איבערצײַגט, אַז פֿאַר אַן ערדאַרבעטער איז נישט גוט, ווען ער האָט נישט קיין פֿרוי און לעבט אָן קינדער, וואָס זאָלן אים מיטהעלפֿן אין דער אַרבעט.

דער אַלטער שדכן, יידל, וואָס פֿלעגט נאָך צו זײַן פֿאָטער קומען ריידן פֿאַר זײַנע קינדער שידוכים, האָט איצט אויך נישט געשוויגן און האָט אָנגעהויבן אָפֿט אַרײַנקומען צו חיימען אים ריידן שידוכים. צווישן אַלע אַנדערע אויך גערעדט חיימען אַ מיידל, טאַקע פֿון דער שטאָט נעזוויק, מיט דעם נאָמען אסתּר. זי איז געווען יונג און נישט קיין מיאוסע, אַ בלאָנדע, מיט שיינע העלע האָר און בלויע אויגן, און נאָך אירע יאָרן איז זי געווען זייער אַ קלוגע. ווער עס האָט זי נאָר געזען, איז זי געפֿעלן פֿון דער ערשטער באַקאַנטשאַפֿט. אירע עלטערן זײַנען, ווי אַלע נעזווינקער ייִדן, געווען פֿרומע און איר פֿאָטער איז געפֿאָרן צום רבין. ער האָט פֿאַר זײַן קלוגער, שיינער טאָכטער געוואָלט נעמען אַן איידעמל אַ לערנער, אַ חסידישן יונגן מאַן, נאָר אסתּר האָט פֿון אַזעלכע חתנים נישט געוואָלט וויסן. זי האָט זיך געהאַלטן פֿאַר אַ הײַנטוועלטיקע און נאָר געוואָלט אַ דײַטש[17], דערבײַ קיין מורא נישט געהאַט דאָס אָפֿן אַרויסצוזאָגן. זי איז געווען דאָס איינציקע מיידל אין שטאָט, וואָס האָט געהאַט אַזוי פֿיל עזות צו ריידן מיט די עלטערן, ווען ס'איז געקומען צו שידוכים. איר פֿאָטער האָט זי נישט איין מאָל באַשטראָפֿט דערפֿאַר, נאָר עס האָט נישט געהאָלפֿן, און אירע עלטערן האָבן געזאָגט: מען קען דאָך אַ קינד מיט געוואַלט נישט פֿירן צו דער חופּה! און זיך פֿאַרלאָזט אויף דעם, וואָס לעבט אייביק, און וואָס עס וועט זײַן פֿון אים באַשערט, וועט זײַן באַוווערט...

אַ שיין מיידל, איז זי שטאַרק געפֿעלן די הײַנטוועלטיקע יונגע לײַט. מיט איייניקע האָט זי געפֿירט ליבעס, נאָר אַלע ליבעס האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָר נישט, און אסתּר איז עלטער געוואָרן. אירע עלטערן זײַנען געווען זייער באַזאָרגט און זיי פֿלעגן זאָגן: „זאָל אסתּר שוין חתונה האָבן פֿאַר וועמען זי וויל, נאָר זאָל מען איר שוין צודעקן דעם קאָפּ“...

יידל שדכן האָט שוין נישט איין פּאָר שיך אומזיסט צעריסן, גייענדיק צו אסתרן איר ריידן שידוכים, ביז ער איז איין מאָל אַרײַנגעלאָפֿן צו איר מלא גדולה:

— אָט איצט, אסתר, פֿאַרשטייסטו מיך, קענסטו קומען צו אַ גליקלעכן שידוך! ווי זאָגט מען עפּעס: „עס וועט אויסקומען, די ציג זאָל זײַן גאַנץ און דער וואָלף זאַט", פֿאַרשטייסטו מיך... אי דײַן טאַטע וועט באַשטיין, אי דיר וועט געפֿעלן דער שידוך. דו האָסט דאָך מסתמא געהערט, אַז דער גביר־אַדיר, שלום מוזשיקס זון, חיים פֿון דאָרף סטעפּקיוּוקע, איז נישט לאַנג אַן אַלמן געבליבן... ער, קען מען זאָגן, איז נאָך אַ יונגער מאַן. געלט האָט ער גענוג און קיין פּיאות גאָרנישט. דאָס געפֿעלט דאָך דיר? אַײַ, חיים איז נישט קיין אַריסטאָקראַט, וועסטו דערנאָך קענען פֿון אים מאַכן, וואָס דו וועסט נאָר ווילן, פֿאַרשטייסטו מיך... און גלייב מיר — האָט יידל נישט אויפֿגעהערט אײַנצוטענהן מיט איר — אַז פֿון דיינע אַלע ליבעס און שמיבעס וועט גאָר נישט ווערן. איך זיץ שטענדיק און קוק און לאַך פֿון די יינגלעך און מיידלעך, וואָס שפּילן ליבעס, און סוף־כל־סוף קומען זיי אָן צו מיר און קענען זיך פּאָרט אָן מיר, יידל שדכן, נישט באַגיין! און יידל שדכן כאַפּט שדכנות...

אסתרן איז דאָס אַרײַן אין קאָפּ: זאָלן אַלע אירע באַקאַנטע זען, אַז אסתר האָט טאַקע אירס אויסגעפֿירט און האָט נישט חתונה פֿאַר קיין בית־מדרשניק. זאָלן זיי זען, אַז אסתר האָט חתונה פֿאַר אַן אַנ־דער מין מאַן... אַײַ, אַלע רופֿן אים שלום מוזשיקס זון? „נו, נישקשה, מען מעג זיך אויף מיר פֿאַרלאָזן... אַז איך וועל נאָר ווערן זײַן ווײַב, וועט מען אים בײַ מיר רופֿן: דער יידישער פּאָמעשטשיק[17] אָדער דער פּאַן[18]... און ווידער, איך וויל גאָר נישט וויסן. איך וועל זײַן אַ יונג ווײַבל, וועל איך בעסער לעבן ווי אַן אַלטע מויד, זיצנדיק בײַם טאַטן אויפֿן קאָפּ..."

---

[17] גוטבאַזיצער.

[18] (פּויליש) הער, האַר, מאַן פון אַדלקלאַס; פּאַני — מאַדאַם, פּריצטע.

ווען חיים איז געקומען אסתּרן אָנקוקן, האָט זי אים דערציילט, אַז איר גאַנץ לעבן טראַכט זי נאָר צו ווױנען אין דאָרף און זיך פֿאַרנעמען מיט ערדאַרבעט. זי האָט פֿײַנט די שטאָט מיט דעם גאַנצן טאַראַראַם, און טאַקע נאָר דעריבער האָט זי אַזוי גיך נישט חתונה געהאַט.

חיים האָט זיך געהאַלטן פֿאַר גליקלעך, וואָס גאָט האָט אים באַשערט אַזאַ ווײַב און נאָך דערצו נישט קיין מיאוסע, אַ געזונטע. ווער שמועסט, אַז אסתּר האָט אים צום יאָר נאָך זייער חתונה געהאַט אַ זון, איז ער געווען איינער פֿון די גליקלעכסטע. די מוטער האָט אים אַנדערש נישט געוואָלט רופֿן, ווי נאָר סאָלאָמאָן.

אַז סאָלאָמאָן איז אַלט געוואָרן זעקס יאָר, האָט אסתּר אָנגעהויבן אײַנריידן חיימען, אַז זי וויל נישט, ער זאָל דערצויגן ווערן אין דאָרף צווישן די פּראָסטע פּויערים, נאָר מען זאָל אים שיקן אין אַ גרויסער שטאָט לערנען בײַ די דאָרטיקע לערערס. נאָר ווי חיים האָט ליב געהאַט זײַן ווײַב, האָט ער פֿאָרט נישט פֿאַרגעסן אין זײַן פֿאָטערס צוואָה. חוץ דעם האָט נאָך געלעבט אין עדות — די אַלטע מאַמע. און כאָטש פֿריידע איז שוין געווען אַלט און קראַנק, דאָך האָט מען זי נאָך געפֿאָלגט, און די אַלטע, קראַנקע פֿריידע האָט לעת־עתּה גובר געווען די יונגע, געזונטע אסתּר. חיים האָט זײַן ווײַב אין דעם נישט צוליב געטאָן און דערצויגן זײַן זון ווי אַן ערד־אַרבעטער. אסתּר האָט זיך איבערגעצײַגט, אַז איר מי איז אומזיסט און האָט געשוויגן. דערפֿאַר האָט זי אָבער געפּועלט, אַז אויף דעם אָרט פֿון דעם הויז מיט שטרוי געדעקט זאָל מען אויפֿבויען אַ שיינעם הויף און אויך קויפֿן אַ קאַרעטע מיט פֿיר פֿערד. חיימס גוט האַרץ האָט דאָס איר נישט געקענט אָפּזאָגן, און זי האָט שוין אַליין געהייסן מאַכן אין גאָרטן שיינע סטעזשקעס, מאַרמאָרנע פֿיגורן און בײַדלעך פֿון גרינע בלעטער, און בײַ קיינעם נישט געפֿרעגט. די פֿיגורן האָט זי געקויפֿט, ווען זי איז געווען אין דער גרויסער שטאָט קיִעוו.

# אַ נײַ לעבן

אסתּרן האָט אָנגעהויבן ווערן אומעטיק אַליין צו שפּאַצירן און פֿאָרן אין דער ברייטער אויסגעבעטער קאַרעטע. איר מאַן איז שטענדיק געווען פֿאַרנומען מיט זײַן אַרבעט. סאָלאָמאָן, ווי אַ קינד וואָס איז געבוירן און אויסגעוואַקסן אין דאָרף, האָט זייער ליב געהאַט דאָס פֿעלד. זײַן גאַנץ פֿאַרגעניגן איז געווען צו זײַן צווישן די שאָף און צוקוקן ווי די זאַנגען פֿולן זיך אָן, וואַקסן העכער פֿון טאָג צו טאָג, און גיין פֿאַר נאַכט אין סאָסנע־וועלדל, ווען דעם קרעטשמערס מיידל, רחל, פֿלעגט קומען פֿאַרנעמען פֿון דער פּאַשע אירע שאָף מיט דער קו, און זייער אָפֿט פֿלעגט ער מיט רחלען און מיט אירע שאָף גיין צוזאַמען אַהיים.

זעלטן פֿלעגט סאָלאָמאָן פֿאָרן מיט זײַן מוטער אין שטאָט אַרײַן, אַזוי אַז אסתּר איז כּמעט תּמיד אַליין געזעסן אין דער קאַרעטע. נאָר זינט דעם סטעפּקיווקער פּריצס זון, פּאַן קאַרל, איז געקומען צו פֿאָרן פֿון וואַרשע, וווּ ער האָט שטודירט, נאָר מ׳האָט אים פֿאַר זײַן שלעכטער אויפֿפֿירונג אַרויסגעוואָרפֿן פֿון דער שול, האָט זיך פֿאַר אסתּרן אָנגעהויבן אַ נײַע וועלט, אַ נײַ לעבן: צו אסתּרן אין שטוב פֿלעגט שוין אָפֿט קומען געזעלשאַפֿט. פֿריִער פֿלעגן צו חיימען אויך אַ מאָל קומען געסט: דער אַלטער פּריץ, פּאַן זאַרעצקי און דער גלח. נאָר, ערשטנס, פֿלעגן זיי קומען זייער זעלטן. צווייטנס, אַז זיי זײַנען זיך יאָ אַ מאָל צוזאַמענגעקומען, האָבן זייערע שמועסן אסתּרן גאָר ווייניק אינטערעסירט, ווײַל זיי פֿלעגן ריידן פֿון באַלעבאַטישע זאַכן. חיים האָט זײַנע געסט זייער געשאַצט, ווײַל זיי האָבן נאָך געקענט זײַן פֿאָטער און זײַנען אים געווען די בעסטע פֿרײַנד. ער פֿלעגט מיט זײַן ווײַב אויך אַ מאָל צו זיי פֿאָרן צו גאַסט. נאָר אסתּרן איז אַלץ געווען אומעטיק. אָבער זינט פּאַן קאַרל איז געוואָרן אַ היימישער בײַ איר אין הויז, האָט אסתּר אויפֿגעלעבט. ער פֿלעגט מיט איר פֿאָרן אין וואַלד, אין שטאָט; ער פֿלעגט זי באַגלייטן אין די קראָמען, ווען

זי האָט באַדאַרפֿט עפּעס אײַנקויפֿן. אסתּר האָט זייער גוט געוווּסט, אַז די, וואָס קענען זי נישט, האַלטן זי פֿאַר אַ געבוירענע פּריצטע און פֿאַר אַן אמתע פּאַני. אַ דאַנק פּאַן קאַרלען איז זי באַקאַנט געוואָרן מיט פּוילישע גוטבאַזיצערס, מיט זייערע ווײַבער און קינדער. זי איז גליקלעך געווען, אַז מען האָט נישט געהאַלטן פֿאַר אַ ייִדישע. דערפֿאַר איז זי אָבער רויט געוואָרן, אַז עמעצער איז, חס־ושלום, געוווּיר געוואָרן ווער זי איז... איבער הויפּט איז זי זייער צופֿרידן געווען מיט פּאַן קאַרלס באַקאַנטשאַפֿט דערפֿאַר, ווײַל ער האָט זי שטענדיק גערופֿן פּאַני אסתּרקע. און, ווידער, איז פּאַן קאַרל געווען אַ שיינער, לעבעדיקער יונג, שטענדיק פֿריילעך. בײַם טיי אָדער בײַם מיטאָג האָט ער געקענט דערציילן זייער שיינע סצענעס פֿון וואַרשעווער לעבן, נאָכמאַכן אַלע פּוילישע אַקטיאָרן, אַקטריסעס און קאָמיקערס. אין דעם איז ער געווען אַ מײַסטער. ער האָט נאָכגעמאַכט סצענעס פֿון וואַרשעווער ייִדן אין די לאַנגע קאַפּאָטעס מיט פּיאות און פֿון די מוזשיקעס אין דאָרף, און אסתּר האָט פֿון זײַן דערציילן אָנגעקוואָלן און נישט אויפֿגעהערט צו לאַכן.

חיים, וואָס האָט זיך מיט פּאַן קאַרלען נאָך געקענט ווי אַ קינד און מיט אים צוזאַמען געשפּילט אויפֿן פֿעלד און אין איינעם געלערנט לייענען און שרײַבן בײַם דיאַק [19] פֿון סטעפּקיווע, איז זייער צופֿרידן געווען, וואָס זײַן פֿרײַנד פֿון די קינדעריאָרן, דער זון פֿון דעם אַלטן פּריץ, קען פֿאַרברענגען בײַ אים אין הויז די צײַט פֿריילעך.

פּאַן קאַרל איז אַוודאי געווען צופֿרידן. ערשטנס, איז פּאַני אסתּרקע געווען אַ שיינע בלאָנדינקע. זי איז שוין אַלט געווען אַרייבער דרײַסיק, אָבער זי האָט פֿיל ייִנגער אויסגעזען, אַזוי אַז ער האָט זיך מיט איר נישט באַדאַרפֿט שעמען קעגן די אַנדערע יונגע לײַט פֿון זײַנע פֿרײַנד. אסתּר האָט נאָך געקענט רויט ווערן ווי אַ יונג מיידל. נישט איין מאָל האָבן די יונגע לײַט פּאַן קאַרלען אײַנגערוימט אין אויער אַרײַן, אַז זיי זײַנען אים מקנא, וואָס ער דרייט

---

[19] סעקרעטאַר אין קלויסטער.

זיך אַרום דער שיינער, רײַכער „זשידוווקע“. די באַציִונגען צווישן אים און פּאַני אסתּרקע זײַנען אַלע טאָג נעענטער געוואָרן און בײַ פּאַן חיימען אין הויז האָט זיך אָנגעהויבן גאָר אַ נײַ לעבן.

איין מאָל, ווען בײַ איר צו הויז איז געווען פּאַן קאַרל צוזאַמען מיט זײַן פֿרײַנד וואָדאָפּיאַנאָוו, דער שרײַבער פֿון וואָלאָסט [20], וועלכער פֿלעגט אויך אָפֿט אײַנגעלאַדן ווערן אויף טיי, האָט אסתּר געזאָגט פּאַן קאַרלען, ווען ער האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן וואַרשעווער לעבן:

— ווען איך זאָל קענען פּועלן בײַ מײַן מאַן, וואָלט איך מײַן סאָלאָמאָנטשיקן אויך געשיקט קיין וואַרשע אין גימנאַזיע זיך לערנען.

— און איר קענט אַזאַ קלייניקייט בײַ אײַער מאַן נישט פּועלן?

— האָט פּאַן קאַרל פֿאַרוווּנדערט געפֿרעגט.

— מײַן מאַן לאָזט דערווײַל נישט — האָט אסתּר געענטפֿערט

— נאָר ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ווען סאָלאָמאָנטשיק וועט עלטער ווערן און וועט שוין גוט זיך באַקענען מיט דער ערדאַרבעט, וועט ער אים שיקן אין שטאָט לערנען. איך האָף, אַז איך וועל אים שיקן קיין וואַרשע.

— אַוודאי וועט אים אײַער מאַן שיקן צו אײַערע מלמדים לערנען! — האָט וואָדאָפּיאַנאָוו זיך געוועטלט און צעלאַכט.

אסתּר האָט זיך פֿאַרשעמט און רויט געוואָרן, און נאָך אַ קורצער שטילשווײַגעניש זיך אָנגערופֿן צו וואָדאָפּיאַנאָוון:

— מיך וווּנדערט זייער אויף אײַער פֿראַזע. שוין זשע מיינט איר, אַז אונדזערע קינדער לערנען נאָר בײַ מלמדים... ווייסט איר דען נישט, אַז עס געפֿינען זיך אַ סך ייִדישע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשיניערן און געלערנטע? פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ האָבן זיי נישט געקענט אויסלערנען בײַ מלמדים, נאָר זיי האָבן געלערנט אין די גימנאַזיעס, אין די אוניווערסיטעטן.

---

[20] געגנט, קרייז.

— אָט דאָס איז נאָך מײַן מיינונג אַן אומגליק פֿאַר ייִדן! — האָט וואָדאָפּיאַנאָוו זיך אָנגערופֿן — אײַערע קינדער דאַרפֿן זייער דערציִונג באַקומען נאָר בײַ מלמדים און זיך נישט שטופּן אין די גימנאַזיעס און אוניווערסיטעטן. דאָס איז נישט פֿאַר ייִדן. אָט דער־פֿאַר האָט מען זיי פֿײַנט, ווײַל זיי שטופּן זיך, וווּ מען דאַרף זיי נישט האָבן. אײַערע קינדער דאַרפֿן בלײַבן, ווי זייערע עלטערן, אין די לאַנגע קאַפּאָטעס און טראָגן פּיאות. אַזעלכע ייִדן האָט מען נישט אַזוי פֿײַנט ווי די געבילדעטע דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן... — האָט וואָדאָפּיאַנאָוו געענדיקט מיט אַ שטעכעדיקן געלעכטערל.

— איר ווילט, הער וואָדאָפּיאַנאָוו, אַז ייִדן זאָלן בלײַבן אין דער פֿינצטער, נישט קענען זען די ליכטיקע וועלט? איר ווילט נישט, אַז זיי זאָלן ווערן גלײַכע מענטשן מיט אַלע? איר מיט נאָך אַזוינע טויזנטער וואָדאָפּיאַנאָווס וועט דאָס בײַ אונדז נישט אויספֿירן! — האָט אסתּר אים אָפּגעענטפֿערט.

— איך האָב נישט געוווּסט, פּאַני אסתּרקע, אַז איר זײַט אַזאַ גרויסע ייִדישע פּאַטריאָטקע! — האָט פּאַן קאַרל צוגעגעבן.

שפּעט אין דער נאַכט, ווען פּאַן קאַרל און וואָדאָפּיאַנאָוו זײַנען געגאַנגען אַהיים, האָט פּאַן קאַרל זיך אָנגערופֿן צו זײַן חבֿר:

— צו וואָס טויגן מיר די אַלע רייד, וווּ און בײַ וועמען די זשידעניאַטעס [21] דאַרפֿן זיך לערנען?... נאָר איין זאַך מוזט איר צו־געבן, ווי פֿײַנט איר זאָלט נישט האָבן ייִדן: אסתּרקע איז אַ רייצנדיקע שיינהייט און קלוג ווי אַ רוח!

— צו ייִדישע שיינע פֿרויען האָב איך גאָר נישט. נאָר ייִדן האָב איך פֿײַנט, איבער הויפּט אַזעלכע ייִדן וואָס שנײַדן־אונטער די קאַפּאָטעס מיט די פּיאות און שטופּן זייערע קינדער אין די גימנאַ־זיעס מיט די אוניווערסיטעטן.

— איר ווייסט, אַז ווען איך האָב איר אַ מאָל די זעלביקע מיינונג אַרויסגעזאָגט, אַז אונדז, קריסטן, געפֿעלן בעסער די אַלט־

[21] שפּעטוואָרט פֿאַר ייִדן, דערנידעריקטע פֿון כוליגאַנישע אַנטיסעמיטן.

מאַדישע ייִדן, האָט אסתּרקע מיר געענטפֿערט, אַז דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל מיט אַזעלכע אַלטפֿרענקישע ייִדן קענען די פּריצים אַלץ מאַכן, מען קען לאַכן און חוזק מאַכן פֿון ייִדן, און זיי וועלן נאָך זינגען מה יפֿית פֿאַר די פּריצים, און אַז די הײַנטיקע געבילדעטע ייִדן וועלן נישט דערלאָזן אַזאַ העסלעכע באַציִונג צו זיי.

וואָדאָפּיאַנאָוו איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון כּעס און בייז זיך צעלאַכט:

— די „געבילדעטע” ייִדן וועלן נישט דערלאָזן!... מיר וועלן זיי נאָך ווײַזן! זיי וועלן אונדז נאָך האָבן צו געדענקען!

און בײַ די ווערטער מיט די קולאַקעס געפֿאָכט אין דער לופֿטן.

## רחלע די דאָרפֿשיינהייט

נישט ווײַט פֿון חיים רויטמאַנס הויז, אויף אַ באַרג, שטייט אַ קרעטשמע. אַ פּראָסטע שטוב מיט שטרוי געדעקט, מיט קליינע אָבער ריינע פֿענצטער, מיט אַן ערדענעם קוימען. אַרום דער שטוב זײַנען אַרומגעגראָבן אַ פּאָר דעסיאַטין ערד. אין דעם קליינעם אָרע־מען שטיבל האָט זינט אַ לאַנגער צײַט געווינט דעם מלמדס זון לעמל מיט זײַן טאָכטער רחל.

ווען נחמה האָט חתונה געהאַט פֿאַר לעמלען און פֿריידע מיט שלומען האָבן געזען, אַז זי איז אַן אויסגעצייכנטע באַלעבאָסטע, האָבן זיי איר אָפּגעטיילט ערד אויף אויסצוצאָלן. פֿריידע האָט אויף נחמהן אַ ביסל אַכטונג געגעבן און זי האָט זיך באַלד זייער גוט אויסגעלערנט צו באַאַרבעטן די ערד. נחמה האָט נישט געזייט קיין קאָרן, וואָרעם דאָס לוינט נישט אויף אַזוי ווייניק ערד. זי האָט דאָרט באַאַרבעט פּראָסע, קאַרטאָפֿליעס, גרינוואַרג. פֿון די אַלע זאַכן פֿלעגט זי פֿאַרקויפֿן אין שטאָט און עס האָט איר געטראָגן ביסלעכווײַז אויס־צוצאָלן פֿאַר דער ערד און קויפֿן פֿאַר זיך ברויט. זי האָט אויך געהאַלטן אַ קו, הינער, גענדז, עטלעכע שעפּסעלעך, וואָס קאָסט דעם ערדאַרבעטער כּמעט נישט קיין געלט, נאָר אַ ביסל אַרבעט און עס

ווערט דערפֿון געלט. די דרײַ מענטשן, לעמל מיט זײַן ווײַב און קינד רחל זײַנען נישט געווען רײַך, נאָר ברויט און אַלץ, וואָס אַ מענטש דאַרף, האָבן זיי געהאַט מיט דעם פֿולן מויל. אַ דאַנק נחמהס גאָלדענע הענט. אַלע דאָרפֿלײַט און דער אַלטער פּריץ מיט דעם גלח האָבן זיי שטאַרק ליב געהאַט פֿאַר זייער שטילקייט און אָרנטלעכקייט. נחמה האָט זיך גאָר גליקלעך געפֿילט, ווען איר שיינע און געזונטע רחלע איז אונטערגעוואַקסן און האָט איר מיטגעהאָלפֿן אין דער אַרבעט.

דער אומגליקלעכער לעמל האָט זיך געפֿירט, ווי תּמיד, ווי זײַן שטייגער איז געווען: געגעסן, געטרונקען און געקוקט ווי פֿייגעלעך פֿליִען. נחמהן האָט עס זייער געקרענקט, וואָס גאָט האָט זי גע־שטראָפֿט מיט אַזאַ מאַן, ביז זי האָט עס נישט מער געקענט אַריבער־טראָגן און איז געשטאָרבן, און די גאַנצע אַרבעט איבערגעלאָזט אויף דער פּופּצניעריקער רחל.

רחל אָדער ווי די דאָרפֿלײַט האָבן זי גערופֿן „אונדזער שיינע שוואַרצע ראַכיל", האָט נישט געוווּסט, אַז זי איז אַזוי שיין. ווען די דאָרפֿישע יונגע לײַט פֿלעגן בײַ דער קרעניצע[22] אָפּט זי אָפּשיטן מיט ליבווערטער, פֿלעגט זי עס אָננעמען, אַז עס איז אַ געוויינט־לעכע זאַך: בחורים האָבן ליב צו ליבן מיידלעך.

*

די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן. די שטרויענע דעכער פֿון סטעפּקיווקע און די שפּיצביימער האָבן אויסגעזען, ווי פֿאַרגילדט פֿון די לעצטע שטראַלן פֿון דער זון. דער שאָטן האָט שוין באַדעקט שטיקער פֿעלדער און די בערג, טייל ערדאַרבעטערס האָבן שוין אַוועקגעלייגט זייערע קאָסעס, אויסגעגלײַכט זייערע ביינער בײַ דער קרעניצע און געטרונקען פֿריש וואַסער, וואָס די מיידלעך האָבן מיט

[22] ברונעם.

אַ שמייכל זיי דערלאַנגט פֿון די עמערס, וואָס זיי האָבן אָנגעשעפּט אויף צו טראָגן אַהיים.

אַז רחל האָט שוין געטראָגן דאָס לעצטע מאָל צוויי עמערס וואַסער אַהיים, האָט זי געזאָגט צו זיך אַליין:

— סאָלאָמאָן וועט אויך היינט זײַן נעבן וועלדל. ער איז נעכטן אויך געווען. געקומען טרינקען וואַסער בײַ דער קרעניצע...

*

פֿאַן קאַרל האָט שוין לאַנג זיך אַרומגעדרייט אין וועלדל צווישן די ביימער, אַז קיינער זאָל אים נישט באַמערקן. ער האָט זיך נאָך אַ מאָל געוואָלט איבערצײַגן, ווי די שיינע רחל פֿאַרברענגט די צײַט מיט סאָלאָמאָנען.

אַז רחל איז געקומען מיט די שאַף אַהיים און שוין געמאָלקן די קו פֿאַר איר שטוב, נעבן די צוויי דעמבענע ביימער, איז צוגעפֿאָרן פֿאַן קאַרל, רײַטנדיק אויף זײַן קליין פֿערדל: ער האָט אָפּגעלאָזט דאָס פֿערד אויפֿן גראָז און מיט דעם בײַטשל אין דער האַנט צוגע־גאַנגען צו רחלען.

— גוטע רחל, זינט איך האָב געטרונקען די מילך פֿון אײַער קו האָב איך מילך ליב באַקומען. גיב מיר אַ גלאָז מילך.

— מיט פֿאַרגעניגן! — האָט זי געענטפֿערט און גיך געבראַכט אַ גלאָז פֿון דער שטוב און פֿון דעם מעלקשאַפֿט אָנגעגאָסן איין גלאָז און דאָס צווייטע. פֿאַן קאַרל האָט מיט אַפּעטיט אויסגעטרונקען.

— דו ביסט, דאַכט זיך, שוין פֿאַרטיק מיט דײַן אַרבעט, רחל... איך וויל הײַנטיקן אָוונט אַ ביסל פֿאַרברענגען די צײַט בײַ אײַך און מײַן פֿערד וועט זיך אויך אַ ביסל אויספּאַשען.

— איך וועל אײַער פֿערד אַרײַנטרײַבן אין דער טיפֿער פּאַשע.

— מען דאַרף נישט. עס איז הונגעריק, וועט עס זיך אַליין גע־פֿינען גראָז. אַז מען זוכט, געפֿינט מען...

זיי זײַנען בײדע אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב. לעמל האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו פֿאַן קאַרלען און ווײַטער געקוקט אויף די ווענט

און אויף דער סטעליע. רחל האָט דערווײַל פֿון דעם מעלקשעפֿל צעגאָסן די מילך אין קליינע און גרויסע טעפּלעך, צוגעדעקט יעדע כּלי און געשטעלט אויף איר אָרט, זיך אָפּגעוואַשן און אָפּגעווישט די הענט, פֿאַרגלײַכט די האָר אויף דעם קאָפּ און צוגעטראָגן דעם פֿאָטער אַ גלאָז מילך אויסצוטרינקען. פֿאַן קאַרל איז געזעסן אויף אַ באַנק. פֿון גאָר נישט האָבן וואָס צו טאָן, האָט ער אַלע מינוט געביטן אַ פֿוס אויף אַ פֿוס און געקלאַפּט מיט דעם בײַטשל איבער די לאַנגע כאָליעוועס פֿון זײַנע לאַנגע שטיוול און מיט אַ שמייכל נאָכגעקוקט רחלס אַרבעט.

— איצט בין איך צוליב אײַך פֿאַרטיק מיט אַלע מײַנע אַרבעטן — האָט זי געזאָגט צו פֿאַן קאַרלען, אַראָפּקאַטשענדיק די אַרבל — און מיר וועלן גיין אַ ביסל אָנקוקן די שיינע זומערנאַכט. ווי איז, פֿאַן קאַרל, אײַך הײַנט געגאַנגען אײַער יאַגד? אַ סך פֿייגל געשאָסן? טאָמער האָט איר געהרגעט עטלעכע וועלף, וועל איך אײַך דאַנקען. זיי האָבן בײַ מיר אַוועקגערויבט אַ שעפּעלע, וואָס איך האָב זייער ליב געהאַט.

— פֿאַר אײַער שעפּעלע וועל איך מיך אין די וועלף נוקם זײַן: איך וועל זיי אַלע אויסהרגענען... — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל.

זיי האָבן זיך געזעצט אויף אַ דעמבענעם קלאָץ, וואָס איז געשטאַנען נישט ווײַט פֿון דער שטוב.

— איר זאָגט נאָר אַזוי, אָבער פֿון אַלע אײַערע יאַגדן האָב איך נאָך נישט געזען, איר זאָלט כאָטש אַ מאָל כאַפּן אָדער הרגענען אַ וואָלף. איך רעכן, אַז דאָס, וואָס איר ברענגט אַ מאָל אַ געשאָסענעם האָז, קענט איר אים אויך קויפֿן בײַ אַ מוזשיק...

פֿאַן קאַרלען האָט עס אַ ביסל פֿאַרדראָסן. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט אַראָפּגעשלונגען די ווערטער. — איר שווײַגט, פֿאַר קאַרל? דאָס שעפּעלע, וואָס איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, איז געווען אַזוי שיין, אַזוי געקרײַזלט, ווי סאָלאָמאָנס קאָפּ, ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין קינד...

פֿאַן קאַרל האָט געלאַכט. ער האָט געוואָלט ריידן, נאָר נישט

געפֿונען קיין ווערטער. ווען רחל האָט זיך צעלאַכט און ער האָט בײַ דער שײַן פֿון דער נײַער לבֿנה דערזען אירע צוויי שורות ווײַסע ציין, האָט ער מער זיך נישט געקענט אײַנהאַלטן.

— איר טרײַבט קאַטאָוועס, רחל?

— ווער, איך? ניין!

— האָט איר דען געוויינט איבער דעם שעפּעלע?

— פֿון וואָס דען?

— וועגן סאָלאָמאָנען...

רחל האָט זיך פֿאַרשעמט און אירע באַקן האָבן זיך אָנגעהויבן רויטלען.

— נו, וואָס שווײַגט איר? אַ יאָ, איך האָב געטראָפֿן?

— יאָ — האָט זי געענטפֿערט.

פֿאַן קאַרל איז געבליבן זיצן, ווי אײַנגעגראָבן אין דער ערד. זיי האָבן בײדע געשוויגן. די קו האָט די גאַנצע צײַט געגעסן קלײַען און, ווען זי האָט אויסגעליידיקט דאָס לעצטע ביסל, האָט זי אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די הערנער אין ליידיקן צעבער. פֿאַן קאַרלס פֿערד האָט געגריזשעט דאָס שמעקעדיקע גראָז און זיך באַלעקט.

רחל האָט מער נישט געקענט אַריבערטראָגן דאָס שווײַגן און אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם שיינעם וועטער.

— רחל! — האָט קאַרל אויסגעשריִען און פּלוצלינג זי שטאַרק אָנגעכאַפּט בײַ אירע הענט.

— וואָס? האָט רחל געפֿרעגט דערשראָקן.

— איך האָב אײַך ליב... ליב מיט מײַן גאַנצן האַרץ, ווי אַ יונגער מאַן קען נאָר ליב האָבן! מאַכט מיך נישט אומגליקלעך. איך בין אין אײַערע הענט!

ער האָט געוואָלט פֿאַלן צו אירע פֿיס, נאָר מיט אירע געזונטע, שטאַרקע הענט האָט זי אים נישט געלאָזן דאָס טאָן און כמעט אויסגעשריִען:

— פֿאַן קאַרל! וווּהין געהערן און ווו פּאַסן אײַערע אַלע פֿאַנסקי

שטיקלעך? איך בין נישט קיין פּאַניענקע[23] און אַפילו נישט קיין טאָכטער פון אַ רײַכן גוטבאַזיצער. איך בין אַ פּראָסט ייִדיש אָרעם מיידל און האָב אַן אומגליקלעכן קראַנקן אָרעמען טאַטן, וואָס אַז איך זאָל נישט אַרבעטן גאַנצע טעג, וואָלטן מיר נישט געהאַט פון וואָס צו לעבן. פאַן קאַרל! וואָס קענט איר וועגן מיר טראַכטן, אַז איר רעדט צו מיר אַזוינע ווערטער? נישט אַנדערש, אַז איר ווילט מיך באַליידיקן. איר דאַרפט וויסן, אַז נישט קוקנדיק אויף מײַן אָרעמקייט און עלנט, בין איך נאָך גענוג שטאַרק נישט צו דערלאָזן, אַז איר זאָלט נאָך אַ מאָל וואַגן צו מיר אַזוי צו ריידן.

— ניין, פאַננאַ רחל! איר האָט אַ טעות אין מיר, און אומזיסט טראַכט איר וועגן מיר שלעכטס. איר ווייסט נישט, אויף וואָס איך בין גרייט...

— איך בעט אײַך, רופט מיך נישט „פאַננאַ": דאָס וואָרט אַליין איז שוין פאַר מיר אַ באַליידיקונג. איך דענק גאָר קיין מאָל נישט צו ווערן אַ פאַננאַ; איך וויל עס נישט! איך האָב אײַך, דאַכט זיך, קיין מאָל קיין שום ווונק נישט געגעבן, איר זאָלט מיך האַלטן פאַר אַזעלכע, וואָס זאָל מיט אײַך פירן ליבעס. איר זײַט אַ געבילדעטער און אונדזער אַלטן גוטן פּריצס אַ זון. חוץ דעם זײַט איר אַ קאַטאָליק און איך בין אַ ייִדישע טאָכטער...

— רחל! איך בין גרייט אויף אַלץ... עס זײַנען שוין פאָרגעקומען אַזעלכע געשעענישן אויף דער וועלט!

פאַן קאַרל האָט ווײַטער געוואָלט ריידן, נאָר רחל האָט אים איבערגעשלאָגן:

— איך וויל גאָר נישט וויסן און נישט הערן, וואָס עס איז געווען און וואָס עס קען פאָרקומען אויף דער וועלט. איר מעגט זײַן אַ קאַטאָליק, אַ טערק און אַפילו אַ ייִד. איך שאַץ יעדן מענטשן און אײַך אויך, נאָר ליב האָב איך נאָר איינעם.

---

23 (פויל') אַן אַריסטאָקראַטיש מיידל; פאַננאַ — פרייליין (מיט חשיבות).

— איז דערלויבט צו וויסן, ווער איז דער גליקלעכער? — איז פאַן קאַרל אונטערגעשפּרונגען.

— עס איז גאָר קיין סוד און איך וויל עס גאָר פון קיינעם נישט באַהאַלטן. איך האָב ליב סאַלאָמאָנען.

— איך האָב אָבער פריִער געוווּסט, אַז עס איז נישט קיין אַנדערער ווי סאַלאָמאָן! — האָט פאַן קאַרל געזאָגט מיט אַ ביטערן געלעכטערל.

— אַוודאי סאַלאָמאָן! און ווי קען אַנדערש זײַן?

— זײַנען דאָס דײַנע לעצטע ווערטער? — האָט ער געפרעגט מיט כעס.

— געוויס! קיין אַנדערע ווערטער האָב איך נישט פאַר אײַך.

— רחל! דו פאַרגעסט, אַז דו וווינסט אויף דער ערד, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו מײַן פאָטער... און איך בין דער פאַן...

— פאַן קאַרל, אַפילו ווען מײַן ערד זאָל איצט אויך צו אײַך געהערן, זײַנען שוין פאַרגאַנגען די יאָרן, ווען עס איז געווען פאַנשטשיזנע און דער פאַן האָט געטאָן מיט זײַנע מוזשיקעס און מיט זייערע טעכטער, וואָס ער האָט נאָר געוואָלט. איצט איז מער קיין פאַנשטשיזנע נישטאָ. חוץ דעם, דאַרפט איר נישט פאַרגעסן, אַז די ערד האָט נאָך דער אַלטער ר׳ שלום אַוועקגעקויפט ביי אײַער פאָטער. און איך מוז אײַך באַמערקן, אַז איך בין אַ יידישע טאָכטער, וואָס אַפילו אין פאַנשטשיזנע־צײַט וואָלט זי אַלע צרות אַריבערגעטראָגן און זיך אין אַזוינע זאַכן נישט אונטערגעגעבן. אַ יידישע טאָכטער, ווי פּראָסט און אָרעם זי זאָל ניט זײַן, קען די געשיכטע פון אירע עלטער־עלטערזיידעס, ווי זיי זײַנען שוין טויזנטער יאָרן אונטערגעוואָרפן אַלערליי פּריצישע ווילדקייטן. איך בין זייערס אַ טאָכטער, פאַן קאַרל, און איך האָב פאַר אײַך און פאַר אײַער שרעקן מיך גאָר קיין מורא נישט, ווײַל איך קום אַרויס פון ליידנדיקע...

פאַן קאַרל האָט איר נאָך געוואָלט עפּעס ענטפערן, נאָר ער האָט זיך דערזען אַליין זיצנדיק אויפן קלאָץ. רחל איז אַוועקגעגאַנגען.

האָט ער זיך אַרויפֿגעזעצט אויף זײַן פֿערד, אַ פֿאָך געטאָן מיט דער בײַטש און אַ זאָג געטאָן מיט גרויס כּעס:

— וואַרט נאָר אויס, דו פֿאַרשאָלטענע זשידוווקע, דו וועסט דעם פּאַן קאַרל האָבן צו געדענקען!

## אַ טיי־אָוונט

די גאַנצע לבֿנה צווישן די בריליאַנטענע שטערן איז זיך געגאַנגען איר גאַנג און האָט געזילבערט אַלץ אין דער נאַכט. זי האָט אויך באַלויכטן חיים רויטמאַנס הויז מיט אַלע געסט, וועלכע האָבן געטרונקען טיי אויף דעם באַלקאָן, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן.

פֿאַר נאַכט, ווען סאָלאָמאָן איז געקומען פֿון דעם פֿעלד און האָט אַרויסגעפֿירט זײַן אַלטע באָבע פֿריידע אויפֿן באַלקאָן און זי אַנידערגעזעצט אויף איר ברייטער, אויסגעבעטער שטול, זי זאָל פֿאַרברענגען דעם אָוונט אויף דער פֿרישער לופֿט, איז פֿאַרבײַגעפֿאָרן דער אַלטער פּריץ יאַן זאַרעצקי מיט דעם גלח סערגיי דאַנילאָוו. זיי האָבן געמיינט, אַז אויף דעם באַלקאָן זיצן די רויטמאַנס, האָבן זיי געוואָלט נאָר באַגריסן און ווײַטער פֿאָרן. נאָר אַז זיי האָבן געזען די אַלטע פֿריידע זיצן, וואָס דאָס איז געווען אַ זעלטנקייט, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און זײַנען צוגעגאַנגען דריקן אירע דאַרע הענט. אסתר און חיים האָבן זיי אָבער שוין פֿאַרהאַלטן און זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין דער עסשטוב, ווו אסתר האָט אָנגעגאָסן טיי פֿון סאַמאָוואַר. סאָלאָמאָן מיט דער באָבען זײַנען געבליבן אויף דעם באַלקאָן.

די מאַנסביל האָבן זיך פֿאַרשמועסט איבער פֿעלד־ענינים, פֿון דעם גערעטעניש אין די לעצטע פּאָר יאָר, און וועגן פֿאַרזייען די אָפּגערוטע פֿעלדער. אסתר האָט מיט גרויס חן יעדן דערלאַנגט טיי און מיט אירע ווײַסע פֿינגער געוואָרפֿן צוקער אין די גלעזער און צוגעטראָגן צו די געסט טעלערלעך מיט אײַנגעמאַכטס. אסתר האָט

תמיד ליב שיין אויפֿצונעמען געסט. איר איז אײַנגעגעבן געווען צו טראַכטן, ווי דעם פּריצס און דעם גלחס ווײַב און קינדער וועלן ריידן צווישן זיך, אַז פֿאַני אסתּרקע פֿאַרשטייט ווי אויפֿצונעמען געסט, גלײַך ווי זי וואָלט געווען אַ געבוירענע פּריצטע און וואָלט דערצויגן געוואָרן אין אַ מאַגנאַטיש הויז. אַפֿילו די דינסט, וואָס האָט בײַ איר געדינט, און די אַרבעטערס, וואָס פֿלעגן אַ מאָל אַרבעטן בײַ איר אין גאָרטן אָדער בײַ איר מאַן אין פֿעלד, האָט זי ליב געהאַט צופֿרידנצושטעלן, אַבי יעדער זאָל זאָגן, אַז פֿאַני אסתּרקע איז אַ גוטע פּריצטע, בעסער ווי די פּוילישע פּריצטעס.

דער עולם איז דערווײַל איבערגעגאַנגען אויף אַנדערע שמועסן, וועלכע האָבן אין יענער צײַט אינטערעסירט פֿון קליין ביז גרויס. דער פֿאַן יאַן האָט דערציילט פֿון די לעצטע פּעטערבורגער און וואַרשעווער צײַטונגען, ווי צווישן די קליינע סלאַווישע פֿעלקער, ווי טשערנאָגאָריע, בולגאַריע און סערביע, ווערט דער קריג מיט דעם טערק אַלע מאָל גרעסער און גרעסער, און ווי לאָרד ביקאָנספֿיעלד ווערט מער און מער קנעפּל מיט דעם טערק.

— אין דער לעצטער צײַט — האָט דער גלח געזאָגט — מערן זיך פֿרײַוויליקע, וואָס פֿאָרן מיטהעלפֿן אונדזערע ברידער, די סלאַוון, אין דער מלחמה מיט טערקײַ. און ווי באַלד אַ מדינה דאַרף פֿירן קריג, איז נישט גוט, ווען מען מאַכט פּוסטע מחלוקת אין דעם לאַנד צווישן אַלערליי מינים לאַנדסברידער. זיי מעגן זײַן פֿאָליאַקן, ייִדן, ציגײַנערס צי ווער עס איז. יעדער מענטש האָט נאַטירלעך, ליב די ערד, ווו ער איז געבוירן און ווו ער האָט זײַנע עלטערן פֿאַרלוירן. בײַ יעדן איז טײַער זײַן פֿאָטערלאַנד. די ליבשאַפֿט ליגט טיף אין האַרצן באַגראָבן. יעדער לאַנדסקינד האָט אַ חלק אין דעם בלוט, וואָס ווערט פֿאַרגאָסן אין יעדן קריג פֿאַר דעם פֿאָטערלאַנד. יעדע נאַציע ברענגט נוצן דער מדינה, אין וועלכער זי וווינט... וואָלט מיך זייער געפֿרייט, ווען די אַלע הײַנטיקע שרײַערס זאָלן אויפֿהערן צו גרילצן אויף ייִדן. דאָס וואָלט פֿאַר אונדז, קריסטן, און פֿאַרן גאַנצן לאַנד געווען דאָס גרעסטע גליק.

— גלייבט מיר, געערטער פֿאָטער — האָט חיים געזאָגט צום גלח — ווען מײַנע ברידער זאָלן אָנהייבן קומען צום שׂכל און אָװעקוואַרפֿן דעם מסחר, און זיך נעמען צו זייער אַלטער באַשעפֿטיקונג, פֿעלדאַרבעט, ווי מײַן פֿאָטער האָט געטאָן, וואָלט אונדז גאָר ווייניק געאַרט, ווען אַזוינע שרײַערס זאָלן אַפֿילו לעבן הונדערט און צוואַנציק יאָר און די גאַנצע צײַט פּלוידערן אויף אונדז שלעכטס. זיי וואָלטן אַזוי לאַנג געהאַווקעט און געשרײַען, ביז זיי וואָלטן געמוזט שטום ווערן.

— עס וואָלט אונדז באַדאַרפֿט זייער פֿרייען, ווען זייערע צײַטונגען זאָלן אויפֿהערן אָנצומאַכן קנאה, שׂנאה צווישן די לאַנדסברידער, און עס איז אַ ווונדער, וואָס די רעגירונג זעט דאָס נישט אײַן און דערלויבט די שרײַערס צו טומלען טאָג און נאַכט...

אסתּר האָט זיך נישט אַרײַנגעמישט אין געשפּרעך. זי איז רויִק געזעסן און נאָר געוואַרט, דער עולם זאָל שוין פֿאַרטיק ווערן מיט די ערשטע גלעזער טיי און זי זאָל שוין קענען אָנגיסן אַנדערע.

די אַלטע פֿריידע איז געזעסן אין איר טיפֿער שטול און נעבן איר איז געשטאַנען סאַלאָמאָן. זי האָט צו ביסלעך געדרעמלט און אַלע מאָל מיט אירע דאַרע הענט געגלעט סאַלאָמאָנס געקרייזלטן שיינעם קאָפּ האָר. ער האָט דערציילט, ווי ער האָט פֿאַר נאַכט געזען רחלען בײַם וואַלד, ווען זי איז געגאַנגען פֿאַרנעמען איר טשערעדע, און ער האָט אויך דערציילט, אַז אויף אירע שעפּעלעך איז שוין אָנגעוואַקסן אַ סך וואָל און מען וועט זיי באַלד שוין דאַרפֿן שערן.

האָט אים פֿריידע געפֿרעגט, פֿאַר וואָס איז רחל נישט געקומען צו איר.

— האָט זי דען צײַט, באַבעניו? דו ווייסט דאָך, אַז זי מוז אַלץ אַליין טאָן.

— נו, נו, זאָל זי בלײַבן געזונטערהייט בײַ איר אַרבעט. איז זי כאָטש געזונט?

— אַוודאי איז זי געזונט! איך האָב זי דאָך הײַנט געזען. וואָס פֿרעגסטו אַזוי וועגן איר?

— אײַ, מײַן קינד! ווען דו זאָלסט וויסן, ווי זי איז מיר טײַער און ליב, וואָלסטו זיך נישט געוווּנדערט, וואָס איך פֿרעג אַזוי אָפֿט אויף רחלען. דײַן זיידע, עליו השלום, ער זאָל זײַן אַ גוטער מליץ פֿאַר אונדז אַלע, פֿלעגט זאָגן, אַז רחלס מאַמע, נחמה, זאָל האָבן דעם ליכטיקן גן־עדן, איז ווי אונדזער אייגן קינד...

— באָבעניו? איר מאַמע נחמה איז אַזוי שיין געווען ווי רחלע?

— האָט סאָלאָמאָן געפֿרעגט.

— יאָ, זי איז אויך אַזוי שיין געווען.

— ווי זשע קומט עס, וואָס אַזאַ שיינע נחמה האָט חתונה געהאַט פֿאַר אַזאַ מאַן ווי לעמל?

— אײַ, מײַן קינד, דו ביסט נאָך גאָר יונג און פֿאַרשטייסט נישט גאָטס פֿירונג. דו ווונדערסט דיך אויף יעדער זאַך, ווי אַלע קינדער. פֿאַר וואָס פֿרעגסטו נישט, ווי קומט עס, וואָס דײַן טאַטע חיים, וועל־כער איז בײַ אונדז אַזוי דאָרפֿיש דערצויגן, האָט אַזאַ פּריצטע פֿאַר אַ ווײַב, ווי דײַן מאַמע, מיט קאַרעטעס און אַלערליי מאָדעס, פֿון וועלכע דײַן זיידע פֿלעגט אַנטלויפֿן?

— יאָ, באָבעניו, נאָר איר האָט מיר נאָך נישט דערציילט פֿאַר וואָס רחלס מוטער האָט חתונה געהאַט מיט לעמלען.

— ווי עס קומט, אַז די שיינע נחמה זאָל חתונה האָבן פֿאַר לעמלען, ווייס איך נישט און געדענק נישט, נאָר דאָס געדענק איך, אַז דײַן טאַטע איז געווען אַ ייִנגל אין דײַנע יאָרן, איז ער אַ מאָל געקומען פֿון דעם פֿעלד און האָט זיך שטאַרק צעלאַכט. אַז מען האָט אים געפֿרעגט, פֿון וואָס ער לאַכט, האָט ער מיר געענטפֿערט, אַז ער לאַכט פֿון לעמלען, ווײַל ער טויג צו קיין שום אַרבעט נישט, און האָט מיך געפֿרעגט, נאָך וואָס גאָט האָט באַשאַפֿן אַזוינע מענטשן, וואָס ברענגען נישט קיין נוצן אויף דער וועלט. הײַנט זע זשע, מײַן קינד, אַז מען טאָר פֿון גאָטס באַשעפֿעניש נישט לאַכן, אַפֿילו פֿונעם ווערעמל פֿון הינטערן שטייך, וואָס גאָט האָט אויך נישט אומזיסט באַשאַפֿן. הײַנט, זע גאָטס ווונדער, ווער האָט זיך געריכט, אַז פֿון

אַזאַ לעמלען זאָל אַרויסוואַקסן אַזאַ גאָלד, אַזאַ געראָטענע בלום, ווי רחל איז!

פריידע איז פון דעם לאַנגן ריידן מיד געוואָרן, אַראָפּגעלאָזט די ברעמען און אָנגעהויבן דרעמלען.

סאָלאָמאָן האָט פון איר קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט.

— מײַן פאָטער האָט געלאַכט פון לעמלען און געפרעגט נאָך וואָס ער לעבט אויף דער יעגלט, און איך...

ער האָט ווײַטער געקוקט אויף זײַן באָבע, ער האָט בײַ זיך איבערגעקייט אַלע ווערטער, וואָס זי האָט איצט גערעדט, גענומען איר דאַרע האַנט און שטאַרק געקושט. פריידע האָט געפילט איר אייניקלס הייסע ליפּן אויף אירע הענט און האָט אים געטוליעט צו זיך...

דער עולם בײַ דעם טיש האָט דערווײַל גערעדט פון אַלערליי זאַכן, צום מייסטן פון פּאָליטיק, וואָס האָט אין דער צײַט אינטערע־סירט די גאַנצע וועלט: פון דעם ענגלישן דיפּלאָמאַט ביקאָנספילד איז מען איבערגעגאַנגען צו גלאַדסטאָן. מען האָט דערמאָנט דעם באַקאַנטן אין יענער צײַט מאַכמעד־פּאַשאַ און עס פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט אויך נישט פאַרגעסן דעם אײַזערנעם ביסמאַרקן. מען איז נאָך אַ מאָל אַרײַנגעקראָכן קיין רוסלאַנד און מען האָט שוין געוואָלט אַריבערגיין קיין פראַנקרײַך און עסטרײַך. נאָר דער אַלטער פאַן יאַן זאַרעצקי איז מיט זײַן שטענדיקן שמייכל אַרײַנגעפאַלן אין די רייד מיט קאָמפּלימענטן פאַר אסתּרן, אַז זי פּרעגלט אויסגעצייכנט מאַלינעס.

אסתּרן איז געווען לאַנגווײַליק, זי האָט געוואָרט, אַז פאַן קאַרל זאָל קומען, וועט ווערן פריילעכער. נאָר ער איז נישט געקומען.

## וואָראָפּיאַנאָוו

— שלעכט, שלעכט! אַ גאַנצן טאָג לאָזט מען נישט שלאָפֿן! — האָט געטענהט מיט זיך יאַכטעם דרוטשאָק, דער וועכטער פֿון סטעפּ־קיווקער וואָלאָסט בשעת ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער באַנק מיט דעם פּנים אַרויף און געקוקט אויף דער לבֿנה, ווי זי קוקט אויך אויף יאַכטעם דרוטשאָק.

גערעדט האָט יאַכטעם הויך, מיט גדלות, געגלעט זײַן גרויסע טשופּרינגע האָר אויפֿן קאָפּ:

— יעדער מוז וויסן, אַז איך בין נישט אַזאַ פּראָסטער מענטש ווי אַלע אַנדערע מוזשיקעס... מען דאַרף פֿאַר מיר דרך־ארץ האָבן... יאַכטעם דינט אין וואָלאָסט, וואָס געהערט צו דער מיניסטערסטווע, וואָס האָט צו שאַפֿן איבער די דערפֿער. בין איך, הייסט עס, אויך אַ נאַטשאַלניק... גאַנץ פֿרי און פֿאַר נאַכט מוז מען אויסקערן, פּוצן די שטיוול און אויפֿשטעלן דעם סאַמאָוואַר פֿאַר דעם פּאַן פּיסאַר[24], אויך מיר אַ נאַטשאַלניק!

יאַכטעם האָט פֿאַרמאַכט די אויגן, נאָר די לבֿנה, וואָס האָט אים געקוקט גלײַך אין פּנים אַרײַן, האָט אים נישט געלאָזט אײַנשלאָפֿן.

— און דו, וואָס ווילסטו? — האָט ער אַ האַלב שיכּורער אָנגעהויבן ריידן צו דער לבֿנה — דו לאָזסט מיך אויך נישט שלאָפֿן? קוק נאָר אָן, ווי זי האָט זיך אויסגעשלייערט ווי אַ שיין מיידל און קוקט צו מיר מיט אַ געלעכטער אויף צו להכעיס, אַבי איך זאָל נישט קענען שלאָפֿן...

און יאַכטעם האָט זיך איבערגעקערט מיט דעם פּנים אַראָפּ און אָנגעהויבן כראָפּען. נאָר נישט לאַנג געקענט שלאָפֿן: שטאַרקע און גיכע טריט פֿון פֿערדס קאָפּיטעס, האָבן געשטערט זײַן שלאָף.

---

[24] הער שרייבער, סעקרעטאַר.

— יאַכטעם! יאַכטעם! — האָט ער פּלוצלינג דערהערט אַ קול

— דער פּאַן פּיסאַר איז אין דער היים? ער שלאָפֿט שוין?

יאַכטעם איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דער באַנק, אָנגעהויבן רײַבן די אויגן און פֿאַר זיך דערזען דעם פּאַן קאַרל.

— אין דער היים! נאָר איך ווייס נישט, צי ער שלאָפֿט.

— עס לײַכט זיך נאָך בײַ אים אין פֿענצטערל! — האָט פּאַן קאַרל געזאָגט, אים איבערגעגעבן דאָס פֿערד און אַליין אַרײַן צו וואָדאָפּיאַנאָוון.

*

דער שרײַבער פֿון דעם סטעפּקיווקער וואָלאָסט, זאַכאַר וואָדאָפּיאַנאָוו, איז ערשט דרײַ יאָר אין דאָרף סטעפּקיווקע. אַליין איז ער געבוירן אין אַ דאָרף נישט ווײַט פֿון מאָסקווע. ווער זײַנע עלטערן זײַנען געווען, ווייסט ער אַליין נישט, נאָר דעם שענקער וואַסילי קלאָפּאָוו פֿלעגט ער רופֿן באַטקאַ[25]. טאָג מיט נאַכט פֿלעגט זאַכאַר איבערליגן בײַ אים אין שענק און לעבן פֿון דעם, וואָס די טרינקערס פֿלעגן איבערלאָזן אויף די דנאָען פֿון די גלעזלעך און פֿון די איבערגעבליבענע ברעקלעך אויף די טישן. דערפֿאַר פֿלעגט ער אויפֿראַמען דעם שענק, אָפּווישן די נאַסע טישן און אַרויסוואַרפֿן אַ שיכּור, ווען ער האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן. און אַז ער איז עלטער געוואָרן, האָט אים קלאָפּאָוו געצוווּנגען חתונה צו האָבן מיט זײַן טאָכטער, ווײַל זי האָט געהאַט פֿון אים אַ קינד. אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז קלאָפּאָוו געשטאָרבן און וואָדאָפּיאַנאָוו איז געבליבן דער באַלעבאָס פֿון שענק, אָבער נישט אויף לאַנג. דאָס געלט, וואָס דער שענק האָט אײַנגעבראַכט, האָט ער פֿאַרשיכּורט און פֿאַרהוליעט מיט אַנדערע פֿרויען אין אַנדערע שענקען. זײַן ווייב האָט אַזאַ לעבן נישט געקענט אַריבערטראָגן און נאָך גרויסע קלעפּ, וואָס זי האָט באַקומען פֿון איר מאַן, איז זי קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. איז וואָדאָפּיאַ־

---

[25] טאַטעלע (אַ רוסיש צערטלוואָרט פֿאַר דעם וואָס איז גלייך ווי אַ טאַטע).

נאָוו ווידער געבליבן אַליין און עלנט, ווי אַמאָל. נאָר ער האָט געהערט, אַז אין אַזאַ שטאָט ווי מאָסקווע ווערן אַזעלכע מענטשן נישט פֿאַרפֿאַלן, איז ער אַהין אַוועק. דאָרטן זיך געוואַלגערט אין די טראַקטירן און שענקען, ווי אַמאָל בײַ קלאַפּאָוון, אָבער דאָ האָט מען אים פֿאַר זײַנע גוטע מעשׂים פֿאַר עפּעס אַרעסטירט און מען האָט זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַן אויסבאַהאַלטענער פֿון מיליטער דינסט. האָט מען אים אָפּגעגעבן אין מיליטער און ערשט דאָ האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַר אים אַ נײַ לעבן: די ריטער און קולאַקעס, וואָס ער פֿלעגט אָפּט באַקומען פֿאַר זײַנע אויפֿפֿירונגען, האָבן אים געמאַכט פֿאַר אַ שטיקל מענטשן. ווען ער האָט אָפּגעדינט זײַן צײַט, האָט ער שוין געקענט אַ ביסל שרײַבן און לייענען.

צווישן זײַנע באַקאַנטע, דאָס רובֿ באָסיאַקעס[26], האָט ער אָנגעהויבן קוקן אויף זיך ווי אויף אַ געבילדעטן מענטשן און שפּילן צווישן זײַנע באַקאַנטע אַ ראָלע פֿון אַ געבילדעטן: ער האָט געלייענט פֿאַר זיי די צײַטונגען און ביליקע ביכלעך, באַזונדערס שרעקלעכע מעשׂיות וועגן די זשידעס. איבערליגנדיק אין די טראַקטירן[27], פֿלעגט ער זיך פֿאַרנעמען אויך מיט שרײַבן פּראָשעניעס[28] פֿאַר דעם פּראָסטן עולם, וואָס פֿלעגט זיך דאָרטן אַרומקריגן ביז בלוטיקע געשלעגן.

וואָדאָפּיאַנאָוו, וואָס האָט זיך אָנגעלייענט מיט אַזאַ ליטעראַטור, האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, אַז פֿאַר זײַן בילדונג איז מאָסקווע צו קליין און עס האָט אים אָנגעהויבן ציִען אין דער ווײַטער וועלט אַרײַן. איז ער איין מאָל צוגעשטאַנען צו אַ פּאַרטיע אַרבעטערס, וועלכע האָבן זיך אויף זומער־אַרבעט אַוועקגעלאָזט קיין נאָוואָראָסיע. די אַרבעטערס האָבן זיך אָפּגעשטעלט בײַ די גוטבאַזיצערס אויף

---

[26] באַרוועסער, וואַגאַבונד, ליידיקגייער, הפקר־מענטש. אַ באַרימטער טיפּ מענטשן, כמעט אַ קלאַס, אין צאַרישן רוסלאַנד.

[27] שענק, טרינקהייזער.

[28] ביטעס צו רעגירונג־אַנשטאַלטן, מלוכה־ביוראָען.

זייערע פֿעלדער אַרבעטן און ער איז געבליבן אין אָדעס, וווּ ער איז גלײַך אַרײַנגעפֿאַלן צו די באָסיאַקעס בײַם אָדעסער רײַכן פּאָרט. די באָסיאַקעס פֿלעגן אַ מאָל אַרבעטן בײַ די שיפֿן, בײַם לאָדעווען אַלערליי סחורות. בײַ וואָדאָפּיאַנאָון, וואָס האָט ליב געהאַט צו פֿירן אַ גרינג לעבן, האָבן זיך אָבער נישט געלייגט די הענט אויף אַזאַ אַרבעט און ער פֿלעגט טאָג און נאַכט איבערליגן אין די אָדעסער טראַקטירן, וווּ ער פֿלעגט אַ מאָל שרײַבן פּראָשעניעס פֿאַר דעם עולם, און אויף שיכּורן האָט אים קיין מאָל נישט געפֿעלט. אויך האָט אים נישט געפֿעלט זיך צו קליידן שענער ווי זײַנע חבֿרים, די באָסיאַקעס, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ פּראָשעניע־שרײַבער.

אין אָדעס איז אַרויסגעגאַנגען אַ צײַטונג, וועלכע האָט זיך נאָר פֿאַרנומען מיט ייִדנפֿרעסערײַ. די דאָזיקע צײַטונג איז וואָדאָפּיאַ־נאָוון שטאַרק געפֿעלן און ער האָט זיך איר איבערגעגעבן מיט לײַב און לעבן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, איז ער דאָרטן געוואָרן אַ בן־בית און פֿלעגט ברענגען שטאָטנײַס און שרעקלעכע מעשׂיות וועגן ייִדן, און די רעדאַקציע פֿלעגט דרוקן די בבא־מעשׂיות פֿון זייער נײַעם איבערגעגעבענעם מענטשן.

אין דער אָ צײַט האָט זיך אין אָדעס געפֿונען דער יונגער פּאַן קאַרל. ער האָט דאָ, ווי אַלע פּריצישע קינדער, געלעבט אַ גוטן טאָג, אויף דעם געלט וואָס די רײַכע עלטערן פֿלעגן צושיקן.

ווען פּאַן קאַרל האָט שוין פֿאַרהוליעט דאָס גאַנצע געלט, וואָס זײַנע עלטערן האָבן אים צוגעשיקט און ער האָט געוווּסט, אַז מען וועט אים שוין מער קיין געלט ניט שיקן אויף אויסצוברענגען, האָט ער זיך געלאָזט פֿאָרן אַהיים אָן אַ קאָפּיקע אין קעשענע און דאָ, אויף דעם וועג, אין וואַגאָן, האָט זיך קאַרל דאָס ערשטע מאָל באַ־קענט מיט וואָדאָפּיאַנאָוון.

פּאַן קאַרל האָט אים מיט פּוילישער גדלות דערציילט, ווער ער איז, און וואָדאָפּיאַנאָוו איז נישט אָפּגעשטאַנען אין באַרימערײַ און אים דערציילט, אַז פֿון זײַן צײַטונג שיקט מען אים אין דער ייִדישער

טשערטאַ[29], ווו ער זאָל באַשרײַבן דאָס שעדלעכע לעבן פֿון די זשי־דעס מיט זייער באַרויבן דאָס רוסישע פֿאָלק.

האָבןביידע זיך אַזוי באַפֿרײַנדט, אַז פֿאַן קאַרל האָט זײַן נײַעם פֿרײַנד אײַנגעלאַדן צו גאַסט אויף עטלעכע טעג קיין סטעפּקיווקע, ווו ער פֿאָרט פֿאַרבײַ, און דערוויַיל בײַ אים געליִען עטלעכע רובל, וועלכע ער האָט אים צוגעזאָגט אָפּגעבן בײַ זיך אין דער היים.

קומענדיק קיין סטעפּקיווקע און פֿאַרברענגענדיק אין ווילטאָג שוין כּמעט אַ גאַנצע וואָך, האָט וואָדאָפּיאַנאָוו זיך דערוווסט, אַז אין סטעפּקיווקער וואָלאָסט האָט זיך באַפֿרײַט אַ שטעלע פֿון אַ שרײַבער. ער האָט געוווסט, אַז די שטעלע איז זייער אַ גוטע, ווײַל אַ חוץ גע־האַלט באַקומט דער „פּיסאַר" פֿון די פּויערים פֿון אַלץ וואָס וואַקסט אויף די פֿעלדער, אַ חוץ פּוטער, מילך, אייער און עופֿות, דערצו שפּילט ער אַ גרעסערע ראָלע פֿון זײַן נאַטשאַלניק, דעם סטאַרשינע[30], וועלכער קען זיך קוים אונטערשרײַבן. דער פּיסאַר טוט וואָס ער וויל, נעמט כּאַבאַר, פֿאַר געלט מאַכט ער פֿון כּשר טריף און פֿון טריף כּשר, און איז כּמעט אַ הערשער איבער די פּויערים אין דאָרף.

וואָדאָפּיאַנאָוו האָט געבעטן זײַן נײַעם פֿרײַנד, פֿאַן קאַרל, ער זאָל אים מיטהעלפֿן צו באַקומען די שטעלע, און וואָדאָפּיאַנאָוו האָט זי באַקומען. און פֿון דער צײַט אָן איז די פֿרײַנדשאַפֿט צווישן קאַרלען און וואָדאָפּיאַנאָוון נאָך שטאַרקער געוואָרן.

פֿאַן קאַרל האָט אים באַקאַנט מיט חיימס הויז. פֿאַני אסתּרקע איז וואָדאָפּיאַנאָוון זייער געפֿעלן מיט איר שיינקייט און באַנעמען זיך מיט מענטשן, נאָר אים פֿלעגט פֿאַרדריסן, וואָס זי פֿאַרברענגט מער צײַט מיט פֿאַן קאַרלען ווי מיט אים, און בכלל האָט ער נישט געקענט פֿאַרטראָגן, וואָס דעם זשיד חיים רופֿן אַלע פּויערים פֿאַן. וואָדאָפּיאַ־נאָוו האָט נישט געקענט צוזען, פֿאַר וואָס אַ ייִד האָט אייגענע ערד

---

[29] תחום המושב, געגנט אין צאַרישן רוסלאַנד, ווו ייִדן האָבן געמעגט וווינען.

[30] דער עלטסטער פֿון דאָרף, ווי אַן אינטענדענט.

און לעבט מיט זײַן פֿאַמיליע ווי פּריצים און ער, וואָדאָפּיאַנאָוו, דער רוס, דינט אין וואָלאָסט פֿאַר פּופֿציק רובל אַ חודש...

האָט ער געוואָלט עפּעס טאָן אַזוינס, אַז די זשידעס אין דאָרף זאָלן אים האָבן צו געדענקען. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיינעם, וואָס זאָל אים אין דעם וועלן מיטהעלפֿן. איינער, וואָס וואָלט אים געקענט מיטהעלפֿן, איז געווען פּאַן קאַרל. איז ער אָבער אַ שמאַטע, אַ פּוילישער פֿליאַקע, ווי וואָדאָפּיאַנאָוו פֿלעגט אים רופֿן, ווען זיי פֿלעגן זיך אַ מאָל צעאַמפּערן. זעענדיק, אַז ער איז אַליין און האָט פֿון קיינעם קיין הילף נישט, האָט ער אויסגעשריבן צײַטונגען, וואָס פֿאַלן־אָן אויף ייִדן, און זיי פֿאַרשפּרייט אין דאָרף צווישן די פּויערים. אויך האָט ער זיי געגעבן ביכלעך פֿון ווילדע מעשׂיות וועגן ייִדן, און ער אַליין פֿלעגט אָפֿט שרײַבן אין דער ייִדנפֿרעסערישער אָדעסער צײַטונג אַלערלײ בילבולים אויף ייִדן. מיט אַזאַ אַרבעט האָט זיך פֿאַרנומען דער פּיסאַר פֿון סטעפּקיווקע.

*

ווען פּאַן קאַרל איז אַרײַנגעקומען, האָט ער אים געגעבן איבער־לייענען איינעם פֿון זײַנע בריוו אין לעצטן נומער פֿון דער אָדעסער צײַטונג.

— וואַרף־אַוועק דײַן ליטעראַטור — האָט קאַרל אויסגערופֿן — און הער בעסער, וואָס פֿאַר אַ מיאוסן פּסק איך האָב הײַנט געהאַט, און טרעף פֿון וועמען!

וואָדאָפּיאַנאָוו האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן און פּאַן קאַרל האָט דערציילט, וואָס ער האָט געהאַט פֿון דער זשידוווקע רחל.

— נו, וואָס זאָל איך טאָן, פּאַן וואָדאָפּיאַנאָוו? — האָט ער אים דערנאָך געפֿרעגט.

— וואָס זאָל איך דיר טאָן און וואָס קען איך דיר העלפֿן, אַז דו ביסט אַ פּאָליאַק, אַ שרעקעדיקער.

פּאַן קאַרל האָט פֿון די ווערטער זיך פֿאַרשעמט און גענומען באַווײַזן, אַז די פּאָליאַקן זײַנען נישט קיין שרעקעדיקע, ווי מען מיינט.

— און איך בין עס געוויס נישט. גיב מיר אַן עצה, וואָס איך זאָל טאָן, און איך וועל דיר ווײַזן, אַז איך האָב פֿאַר קיין שום זאַך קיין מורא נישט!

— דו דאַרפֿסט זיך גאָר נישט אַזוי פֿיל פֿאַרענטפֿערן. און איך פֿאַרשטיי גאָר נישט, וואָס דו דאַרפֿסט בײַ אַזאַ קלייניקייט פֿרעגן מײַן עצה און צוזאָגן, אַז דו וועסט מיך פֿאָלגן... ווייסטו, וואָס איך וואָלט אויף דײַן אָרט געטאָן? איך וואָלט די זשידוווקע גענומען צו מיר מיט געוואַלט און דערנאָך וואָלט איך זי אַרויסגעיאָגט ווי אַ הונט.

— וואָס זשע וואָלסטו געטאָן, ווען זי וואָלט מיט געוואַלט אויך נישט וועלן גיין?

— ווער עס איז שטאַרקער, דער געווינט... נאָר לאָמיר בעסער נעמען צו גלעזלעך ווײַן!

וואָדאָפּיאַנאָוו האָט אַנידערגעשטעלט אויפֿן טיש צוויי פֿלעשער ווײַן און מען האָט אָנגעהויבן טרינקען.

— יאָ, איך האָב שוין נישט איין מאָל געטראַכט וועגן דעם... — האָט קאַרל זיך אָנגערופֿן נאָך דעם ערשטן גלעזל — וואָס קען מען אָבער טאָן, זי איז ווי שטאָל און אײַזן, און שטאַרק צושטיין צו איר האָב איך מורא. ווײַל טאָמער דערציילט זי חיימען, און חיים וועט איבערגעבן מײַן פֿאָטער, וועלכער לעבט מיט זיי זייער גוט...

— הײַנט זע איך טאַקע, אַז דו, פֿאַן קאַרל, טויגסט צו גאָר נישט!

— ניין, פֿאַן פּיסאַר, נאָר אַז דו פֿילסט זיך יאָ אַזוי שטאַרק, פֿאַר וואָס זשע טוסטו נישט דאָס זעלביקע מיט פֿאַני אסתּרקע? מיר דאַכט זיך, אַז זי איז דיר אויך נישט ווייניקער געפֿעלן ווי מיר רחל?

פֿאַן וואָדאָפּיאַנאָוו איז אַ ווײַלע געבליבן אָן ווערטער און דערנאָך זיך מיט גרויסקייט אויסגעצויגן אויף זײַן שטול.

— ווייס זשע, פֿאַן קאַרל, אַז אין דעם שווײַג איך נישט. איך וועל די פֿאַרשאָלטענע זשידוווקע אַ מאָל קריגן אין מײַנע הענט... נאָר דו דאַרפֿסט אַליין פֿאַרשטיין, אַז דאָ מוז מען האָבן אַ ביסל געדולד. מיט רחלען אָבער איז גאָר נישטאָ וואָס צו טראַכטן. איך וועל דיר באַווײַזן,

אַז אַ רוס איז נישט קיין שרעקעוודיקער ווי אַ פּאָליאַק: נאָך הײַנט בײַ נאַכט, אָט טאַקע באַלד, וועט רחל זײַן בײַ מיר אין צימער!

פּאַן קאַרל איז אויפֿגעשפּרונגען גלײַך ווי מען האָט אים אָפּגעבריט מיט הייס וואַסער.

— וואָס זאָגסטו? פּאַן פּיסאַר, איז דאָס מעגלעך?

— דאָס, וואָס דו האָסט געהערט. אָט וועסטו באַלד אַליין זען!

— נאָר, פּאַן פּיסאַר, וואָס וועט זײַן נאָך דעם?

— נאָך דעם? איך פֿאַרשטיי גאָר נישט דײַנע ווערטער! וואָס זאָל דען זײַן נאָך דעם? גאָר נישט! ווער שמועסט, אַז מיר וועלן איר נאָך געבן געלט...

פּאַן קאַרל איז געוועזן אַזוי צעטראָגן, אַז ער האָט שוין אַרויסגעכאַפּט פֿון דער קעשענע זײַן טײַסטער. וואָדאָפּיאַנאָוו האָט מיט אַ שמייכל אים אָפּגעשטעלט:

— וואַרט־אויס, זי וועט באַלד קומען, וועסטו איר אַליין געבן. לאָז די אָרעמע זשידוווקע האָבן מיט וואָס זיך צו קויפֿן אַ קלייד.

פּאַן פּיסאַר האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער. ס׳איז געווען איינס.

— גוט, סאַמע גוט! — האָט ער געזאָגט און אָנגעהויבן רופֿן דעם דינער — יאַכטעם!

אַז דער גאָסודאַרסטווענני טשינאָווניק איז אָבער ווײַטער געשלאָפֿן, האָט פּאַן קאַרל אָנגעהויבן שטאַרק צו קלינגען מיטן גלעקל. יאַכטעם איז אַרײַנגעקומען און מיט ביידע הענט זיך געריבן די אויגן און געקראַצט דעם קאָפּ.

— וואָס ווינטשט דער פּאַן פּיסאַר?

— ווילסט, יאַכטעם, באַנעצן דעם גאַרגל? — האָט אים דער פּאַן פּיסאַר געפֿרעגט.

— ווי דער פּאַן פּיסאַר וועט באַפֿעלן.

— יאַכטעם, דו ווייסט ווו רחל מיט איר פֿאָטער וווינען?

— ווי אַזוי ווייסט מען דאָס נישט? — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל.

— טאָ הער, יאַכטעם! גיי אַהין און נעם מיט געוואַלט רחלען און

ברענג זי אַהער. ווען דו וועסט זי ברענגען, וועל איך דיר געבן אַ גאַנץ דרײַערל.

— און איך וועל דיר געבן צען רובל! — האָט מיט פֿרייד זיך אָנגערופֿן פֿאַן קאַרל.

— איך וועל אַלץ טאָן, וואָס איר באַפֿעלט מיר — האָט יאַכטעם פֿאַרשלאָפֿענערהייט געענטפֿערט, אויסגעטרונקען נאָך עטלעכע גלעזלעך און איז אַוועקגעגאַנגען, האַלטנדיק זיך קוים אויף די פֿיס.

ער האָט פֿון שלאָף און שיכּרות נישט געוווּסט, ווו ער איז אין דער וועלט און וווהין ער גייט, זיך אַזוי לאַנג אַרומגעדרייט ביז ער האָט פֿאַרבלאָנדזשעט צו דער באַנק, ווו ער איז פֿריִער געשלאָפֿן, און אַרויפֿפֿאַלנדיק ווי אַ דערהרגעטער, געשמאַק אײַנגעשלאָפֿן.

*

דערווײַל האָט דער פּיסאַר זיך אָנגעטאָן, אָנגעצונדן דעם צווייטן גרויסן לאָמפּ און דערלאַנגט צום טיש קאַלט עסן, מיטן פֿאַן קאַרל פֿריילעך פֿאַרביסן און ווידער פֿאַרטרונקען.

— נו, איצט ווייסט איר שוין ווער וואַדאָפּיאַנאָוו איז? וואָס דער פּאָליאַק דאַרף טראַכטן אַ יאָר, קען אַ רוס טאָן אין אַ מינוט!

— בראַוואָ, וואַדאָפּיאַנאָוו! זאָל לעבן דער פֿאַן פּיסאַר! — האָט פֿאַן קאַרל אויסגעשריִען און דערבײַ ווידער אויסגעטרונקען דאָס גלעזל ביזן לעצטן טראָפּן.

— לעבן זאָל פֿאַן קאַרל! — האָט וואַדאָפּיאַנאָוו געענטפֿערט — לעבן זאָלן רוסן און פּאָליאַקן!

אַזוי האָבן זיי געטרונקען און געפּלוידערט אַ שעה, צוויי, ביז דער וואַנטזייגער האָט געשלאָגן דרײַ. זיי האָבן שוין אָנגעהויבן קוקן דורך די פֿענצטער, צי יאַכטעם גייט מיט רחלען... נאָר אומזיסט. זיי האָבן קיינעם נישט געזען און אָנגעהויבן אומרויִק ווערן. האָט מען נישט יאַכטעמען געכאַפּט? פֿאַן קאַרל האָט פֿאַרשטאַנען, אויב מען האָט דעם וועכטער געכאַפּט, איז בעסער ער זאָל זיך נישט געפֿינען בײַם פּיסאַר און דער פּיסאַר האָט אויך פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז גלײַ-

כער, עס זאָל איצט זײַן פֿינצטער אין הויז און ער זאָל שלאָפֿן, גלײַך ער ווייסט גאָר נישט. זיי האָבן שטילערהייט איבערגעשמועסט און באַשלאָסן, אַז מאָרגן וועלן זיי שוין וויסן וואָס צו טאָן. און פֿאַן קאַרל איז געשווינד אַרויסגעגאַנגען צו זײַן פֿערד, צו פֿאָרן אַהיים. נאָר פֿאַרבײַגייענדיק דער באַנק, איז ער מיט פֿאַרוווּנדערונג געבליבן שטיין.

— ווי געזונט מען כראָפּעט עס!

ער האָט זיך צוגעקוקט און דערקענט, אַז טאַקע יאַכטעם שלאָפֿט. ער האָט אים אָנגעהויבן וועקן, טרייסלען און גערופֿן דעם פֿאַן פּיסאַר. וואָדאָפּיאַנאָוו איז אַרויסגעקומען און אים דערלאַנגט עטלעכע זעץ מיט די פֿיס. יאַכטעם האָט זיך איבערגעקערט אויף דער אַנדערער זײַט און איז ווידער אײַנגעשלאָפֿן.

זיי האָבן אים מיט כּעס אויפֿגעזעצט און אָנגעהויבן ריידן מיט אים. יאַכטעם האָט עפּעס געבאָרמאָטשעט [31] אונטער דער נאָז און איז ווי אַ סנאָפּ שטרוי ווידער אומגעפֿאַלן אויף דער באַנק.

## אַ גוטער חלום

אין דער סטעפּקיווקער קרעטשמע, וואָס שטייט אין מיטן דאָרף אויף דעם קליינעם בערגל, זײַנען געזעסן מוזשיקעס פֿון דאָרף. אייניקע האָבן געטרונקען און אַנדערע האָבן גערעדט פֿון וועלטזאַכן. צווישן זיי איז געווען דער וועכטער פֿון וואָלאָסט. ער האָט דערציילט:

— איך קען גאָר נישט פֿאַרשטיין דעם וווּנדערלעכן חלום, וואָס האָט זיך מיר הײַנטיקע נאַכט געחלומט: פֿאַן קאַרל מיט דעם פֿאַן פּיסאַר האָבן מיר געגעבן צו טרינקען בראָנפֿן און זיי האָבן מיר צוגעזאָגט געלט, איך זאָל זיי ברענגען אונדזער שיינע שוואַרצע רחל. דאָס פֿאַרשטיי איך אָבער גאָרנישט! דער סוף פֿון דעם חלום איז

---

[31] אַרויסגעברומט אָפּגעריסענע ווערטער.

געווען זייער נישט גוט: עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז מען שלאָגט מיך מיט שטעקנס און מיט בייטשן און איך בין אַלע מאָל אַרײַנגעפאַלן אין דער בלאָטע און האָב מיך נישט געקענט האַלטן אויף די פֿיס. איך דערצייל אײַך, מײַנע פֿרײַנד, און ווער עס וויל מיר פּותר חלום זײַן, וואָס ער באַטייט, וועל איך אים קויפֿן אַ גאַנצע קוואָרט בראָנפֿן.

אַלע האָבן אויפֿגעהערט צו ריידן. אַפֿילו די, וואָס האָבן געטרונקען, האָבן אַוועקגעשטעלט די גלעזלעך און געקוקט אויף יאַכטעמען מיט גרויס פֿאַרוווּנדערונג.

— ס'האָט זיך אים געמוזט חלומען, אַז מײַז האָבן אים געביסן... — האָבן זיך אייניקע געוווּרטלט.

אייניקע, וואָס זײַנען געזעסן פֿון דער ווײַטנס, האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אַן אמת, נישט קיין חלום, און זיי האָבן זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויף יאַכטעמען.

— מיר וועלן אונדזערע פּריצים צעברעכן רוקן און לענד, און דו, יאַכטעם, מעגסט פֿון דײַן שטעקן מאַכן צוויי קוליעס, ווײַל מיר וועלן דיר איבערברעכן די פֿיס. עס איז אונדזער זאַך אָפּצוהיטן דעם כּבֿוד פֿון דעם שיינעם ערלעכן מיידל.

— געדעכט! — האָבן געזאָגט די עלטערע מענטשן.

— רחל איז אַ שטילע, אַ פֿיין מיידל. דאָס גאַנצע דאָרף האָט זי ליב. זי איז זייער גוט צו אַלע, זי גיט נדבֿות יעדן אָרעמען מענטשן, וואָס גייט פֿאַרבײַ איר טיר. אַפֿילו צו די בהמות איז זי גוט, זי שלאָגט זיי קיין מאָל נישט.

— יאָ, יאָ! זי האָט אַ מאָל געזאָגט מײַן קינד, וואָס פּאַשעט מײַנע שאָף נעבן וואַלד, אַז ווען מען שלאָגט אַ באַשעפֿעניש, איז גלײַך ווי מען שלאָגט אַ מענטשן און אַ מענטשן טאָר מען נישט שלאָגן... רחל איז די פֿײַנסטע פֿון די סטעפּקיווקער קינדער.

נאָר איינער פֿון וואָדאָפּיאַנאָווס פֿרײַנד, דעם סטאַראָסטעס זון, האָט זיך אָפּגערופֿן:

— אַלץ איז גוט, רחל איז אָבער אַ זשידוווקע...

— נו, וואָס זשע איז, אַז זי איז אַ זשידוווקע? — האָט זיך

אָנגערופֿן אַ צווייטער יונגערמאַן, וואָס האָט גוט געקענט רחלען, ווײַל זײַן פֿאָטערס שטוב איז געווען נאָענט צו לעמלס קרעטשמע. גערופֿן האָט מען אים אין דאָרף פּעטרושקין באַראַוויק. — זי איז דען ערגער פֿון אונדזערע אַנדערע מיידלעך? זי איז מיט אונדז אויף איין ערד געוואַקסן, זי רעדט אונדזער לשון גלײַך מיט אונדז. זי איז נישט אַזוי ווי די שטאָטישע זשידוווקעס...

— און די שטאָטישע וואָס זײַנען? — האָט אים איבערגעשלאָגן אַן עלטערער באַלעבאָס, וואָס האָט זייער גוט געקענט ריידן און דערפֿאַר האָט מען אים גערופֿן פֿאַדיי אומני [32] — זיי זײַנען אויך נישט אַזוי שלעכט, ווי מען איז געוויינט צו זאָגן. זיי טוען אונדז גאָר קיין שלעכטס נישט. פֿאַרקערט, מיר האָבן פֿון זיי נאָר טובֿות: ברענגען מיר אין שטאָט אַרײַן צו פֿאַרקויפֿן ווייץ, קאָרן, קאַרטאָפֿל, פּראָסע און עופֿות, לויפֿן זיי איינער פֿאַר דעם אַנדערן און שלאָגן זיך צווישן זיך, בײַ אונדז אָפּצוקויפֿן, און גיבן אונדז מזומן געלט, וויפֿל מיר שטעלן די פּרײַזן.

— עס איז גאָר נישט איבערצורעכענען, וואָס פֿאַר אַ נוצן די שטאָטישע ייִדן ברענגען אונדז, דאָרפֿלײַט! — האָט צוגעגעבן אַ צווייטער — אַז בײַ איינעם פֿון אונדז טרעפֿט זיך אַן אומגליק, עס איז אים נישט געראָטן די תּבֿואה אָדער עס ווערט פֿאַרברענט, עס פּגרן אויס בהמות, וואָס וואָלט פֿון פֿויער געוואָרן, ווען דער ייִד זאָל נישט באַלד זײַן בײַ דער האַנט אים אַרויסצוהעלפֿן מיט געלט? עס וואָלט דאָך אים אויסגעקומען צו גיין מיט דער טאָרבע איבער די הײַזער! אַזוי אָבער גייט ער באַלד צו זײַן באַקאַנטן ייִדן, דער ייִד לײַט אים געלט אויף פּראָצענט און ער פֿירט אַ נײַע באַלעבאַטישקייט, ביז ער צאָלט־אָפּ דעם ייִדן, און אַליין בלײַבט ער באַלעבאָס. אמת, צווישן ייִדן געפֿינען זיך אויך שלעכטע מענטשן, וואָס נעמען גרויסע פּראָצענטן, אָבער נישט אַלע זײַנען אַזוי.

די יונגע לײַט, וואָס האָבן זיך געטשעפּעט צו יאַכטעמען, פֿאַר

[32] (רוס׳) קלוגער, חכם.

וואָס ער האָט געוואָלט ברענגען רחלען, האָבן זיך אַזוי לאַנג גע־ווערטלט, ביז מען האָט אים דערלאַנגט עטלעכע קלעפּ. יאַכטעם האָט אויף אַ קול אָנגעהויבן שרײַען:

— פֿאַר וואָס שלאָגט איר מיך? איך דערצייל אײַך דען אַן אמת? עס איז דאָך נאָר אַ חלום! איך האָב דאָך אײַך צוגעזאָגט אַ קוואָרט בראָנפֿן, ווען איר וועט מיר פּותר חלום זײַן.

— אַ חלום! אַ חלום! — האָבן זיך אַרײַנגעמישט מענטשן — יעדער האָט אים פּותר חלום געווען און יאַכטעם האָט געקויפֿט אַ גאַנצע קוואָרט בראָנפֿן.

*

ווען פּאַן קאַרל איז דעם אַנדערן טאָג אַרײַנגעקומען צום פּאַן פּיסאַר, האָט יענער אים באַגעגנט מיט אַ גרויס געלעכטער און דער־ציילט, אַז כאָטש האַק און בראָק יאַכטעמען, זאָגט ער, אַז עס האָט זיך אים געחלומט, ווי איך האָב אים געגעבן בראָנפֿן און געשיקט ברענגען רחלען, און אַ גאַנץ דאָרף פּויערים האָבן אים געשלאָגן...

— מען דאַרף אים איצט אַרײַנרופֿן און באַשטעלן, אַז הײַנט זאָל ער ברענגען רחלען, נאָר מען דאַרף אַכטונג געבן, ער זאָל הײַנט נישט טרינקען, כדי עס זאָל ווײַטער נישט ווערן אַ חלום...

— איך האָב נאָר געוואַרט אויף דיר, איצט וועל איך אים אַרײַנרופֿן.

יאַכטעם איז אויפֿן פּאַן פּיסאַרס רוף באַלד געקומען.

— נו, יאַכטעם, הײַנט זאָלסטו קיין בראָנפֿן נישט טרינקען, ווײַל דו וועסט דאַרפֿן ברענגען רחלען. פֿון מיר וועסטו האָבן דרײַ רובל, בײַ פּאַן קאַרלען צען און חוץ דעם וועט מען פֿון ניי יאָר דיר צאָלן מערער פֿאַר דײַן דינסט.

יאַכטעם האָט געשוויגן.

— נו, יאַכטעם, פֿיר נאָר אויס מײַן באַפֿעל!

— ניין, פּאַניע, איך קען נישט.

— יאַכטעם! דו פֿאַרגעסט, אַז דו דינסט! דו מוזסט פֿאָלגן אַלץ, וואָס דײַן נאַטשאַלניק הייסט דיר!

— ניין, פֿאַניע, איך קען נישט... אונדזער רחלען האָבן אַלע ליב אין דאָרף. מען וועט מיך הרגענען...

— גולם! וואָס זאָגסטו „אונדזער רחל”? וואָס איז זי פֿאַר אַן „אונדזערע?” זי איז אַ זשידוווקע און נישט מער. און ווער האָט דיר געזאָגט, אַז מען וועט דיך שלאָגן פֿאַר איר? וואָס פֿאַר אַן ערלעכער פּראַוואָסלאַוונער [33] וועט זיך גאָר אָננעמען פֿאַר אַ זשידוווקע?

יאַכטעם איז אַ ביסל ווייכער געוואָרן פֿון זײַן נאַטשאַלניקס רייד. ער האָט אים געענטפֿערט, אַז אַ ייִדן וואָלט ער אַפֿילו באַלד געהרגעט, לאָז אים נאָר דער פּאַן פּיסאַר הייסן, נאָר רחלען קען ער קיין שלעכטס נישטאָ טאָן... דאָס גאַנצע דאָרף האָט זי ליב, גלײַך זי וואָלט געווען אַ פּראַוואָסלאַוונע...

און ער האָט דערציילט אַלץ, וואָס די מוזשיקעס האָבן אין דער קרעטשמע גערעדט וועגן ייִדן, ווען ער האָט זיי דערציילט זײַן חלום.

פּאַן קאַרל מיט דעם פּיסאַר זײַנען אויפֿגעשפּרונגען, גלײַך ווי עמעצער האָט זיי מיט פֿײַער אָפּגעבריט.

— גולם! באַלד זאָלסטו גיין צו אַלדי שוואַרצע יאָר! — האָבן זיי געשריִען און האָבן יאַכטעמען אַרויסגעטריבן.

וואָדאָפּיאַנאָוו האָט זיך אָנגעכאַפּט בײַם קאָפּ:

— שרעקלעך, שרעקלעך, וואָס ייִדן זײַנען! אַז מיר וועלן אַזוי ווײַטער שווײַגן, וועלן די ייִדן געוועלטיקן איבער גאַנץ רוסלאַנד און אַלץ פֿאַרנעמען אין זייערע הענט, און דאָס גאַנצע פּראַוואָסלאַוונע פֿאָלק וועט בײַ ייִדן אַרבעטן פֿאַנשטשיזנע. ניין, אַזוי לאַנג ווי איך לעב, וועל איך נים שווײַגן. ווען איר, פּאַן קאַרל, וועט מיר זײַן צו הילף, איז גוט! אַז נישט, וועל איך אַליין אַרבעטן.

פּאַן קאַרל האָט אים צוגעזאָגט אַלץ צו טאָן, ווען ער וועט אים נאָר מיטהעלפֿן אײַנצונעמען רחלען.

*

---

[33] קריסט פון אָרטאָדאָקסישן (רוסישן) קלויסטער.

וואָדאָפּיאַנאָוו האָט זיך פלייסיק גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט אָנגעשריבן אַ קאָרעספּאָנדענץ פול מיט בילבולים און אויסגעגאָסן זײַן גאַנצע גאַל און שׂנאה אויף ייִדן. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז אָנגעקומען די צײַטונג מיט זײַן געדרוקטער קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע ער האָט געוויזן זײַן פרײַנד.

— יאָ, פּאַן קאַרל, אָט זעט, ווי איך האַלט וואָרט!

דער פּאַן פּיסאַר האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און דערקלערט:

— מײַן טײַערער קאַרל, דו דאַרפסט וויסן, אַז איך בין דיר געטרײַ מיט דעם גאַנצן האַרצן. דו האָסט אַליין גוט געזען, אַז ווען דו האָסט מיר נאָר דערמאָנט וועגן רחלען, האָב איך גאָר נישט געענטפערט און האָב באַלד די זשידוווקע געשיקט ברענגען צו אונדז... נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אַז די פּויערים זײַנען נאָך אַזוי ווילד און זיי מיינען, אַז ייִדן זײַנען אויך מענטשן? איך האָב שוין פיל גערעדט מיט די מוזשיקעס וועגן דעם, נאָר זיי פאַרשטייען נישט מײַנע ווערטער. אונדזערע אייגענע ברידער קענען נאָך איבער די פאַרשאָלטענע ייִדן אונדז איבערגעבן אין געריכט דערפאַר, וואָס מיר ווילן זיי גוטס טאָן. דאַרפן מיר זײַן פאַרזיכטיק. דאָס ערשטע, זאָל רחל אַרום זיך נישט האָבן קיין באַשיצערס. זאָלסטו, פּאַן קאַרל, איבערשמועסן מיט דער פּאַני אסתּרקע, אַז זי זאָל איר סאָלאָמאָנען אַוועקשיקן אין שטאָט אַרײַן לערנען...

פּאַן קאַרל האָט אים געקוקט גלײַך אין מויל אַרײַן און געציילט זײַנע ווערטער. ער האָט זיי געגלויבט און זיך נישט געקענט פאַרוואונדערן אויף וואָדאָפּיאַנאָווס טיפן שׂכל, איבער הויפּט וועגן דעם גאָלדענעם געדאַנק אַרויסצושיקן סאָלאָמאָנען פון דאָרף אויף אַזאַ קלוגן אופן.

פּאַן קאַרל האָט נאָר געוואָלט דערגרייכן די אָרעמע רחל, וואָס נאָך סאָלאָמאָנס אַוועקפאָרן וועט זי מער נישט האָבן קיין באַשיצער, און וואָדאָפּיאַנאָוו האָט געוואָלט נעמען אין זײַנע הענט די שטאָלצע פּאַני אסתּרקע.

## אסתּרן איז אומעטיק

פאַני אסתּרקע האָט שוין געהאַט אָפּגעגעסן מיטאָג. זי האָט זיך אויסגעשלאָפן, אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, צו רעכט געמאַכט דעם טואַלעט און פאַרגלײַכט די האָר אויפן קאָפּ, זיך אַנידערגעזעצט אויף איר ווייכן שטול, ווידער אויפגעשטאַנען און נאָך אַ מאָל זיך געזעצט, זיך דורכגעגאַנגען איבערן זאַל, אַ קוק געטאָן אויף זיך פון קאָפּ ביז די פיס, און פּלוצלינג איז זי געבליבן שטיין.

— נו, וואָס טוט מען ווײַטער? ביז נאַכט איז נאָך ווײַט. שלאָפן וויל איך נישט. הונגעריק בין איך אויך נישט. צו אַרבעטן האָב איך קיין חשק נישט. וואָס זשע זאָל איך טאָן? ווען איך זאָל וווינען אין שטאָט, וואָלט איך געהאַט ווו די צײַט צו פאַרברענגען. נאָר דאָ, אין דאָרף, איז דען נישט אַלץ איינס, צי איך אַרבעט, צי מײַנע דינסטן אַרבעטן פאַר מיר?

פאַני אסתּרקע האָט באַטראַכט אירע ווײַסע הענט מיט די לאַנגע שיינע פינגער און אירע אויסגעפּוצטע ראָזע נעגל. זי איז געבליבן צופרידן מיט זיך. דערנאָך האָט זי געפרעגט די דינסט, צי פאַן קאַרל איז נישט געווען, ווען זי איז נאָך מיטאָג געשלאָפן. האָט די דינסט איר געענטפערט, אַז קיינער איז נישט געווען.

אסתּר האָט אָנגעהויבן צו גענעצן.

— ווי אומעטיק עס איז! און פאַן קאַרל איז שוין צוויי טעג אויך נישט געווען. נישט גוט צו וווינען אין דאָרף. אין שטאָט, אַז עס איז נישטאָ פאַן קאַרל, זײַנען דאָ פּופּצן אַנדערע... סאָלאָמאָן זאָל אָבער זײַן אַ געבילדעטער יונגער מאַן, וואָלט ער אויך געהאַט אַזוי פיל באַקאַנטע ווי פאַן קאַרל. מיך וואָלט מען צוליב דעם אויך מער געקאָנט און בײַ מיר אין הויז וואָלט געווען פיל פריילעכער. אַזוי אָבער לעב איך ווי אַ דאָרף־גויע... מײַן מאַן איז אַ מוזשיק און פון מײַן זון האָט ער אויך דאָס געמאַכט...

אסתּרקע האָט זיך פאַרטראַכט:

— יאָ, איך בין זייער צופֿרידן מיט מײַן מאַן... ער זאָל מיך נאָר וועלן פֿאָלגן און לאָזן סאָלאָמאָנען לערנען אין גימנאַזיע, וואָלט איך נאָך גליקלעכער געווען. ווי שיין וואָלט געווען פֿאַר מיר, אַז איך זאָל קומען אין שטאָט אַרײַן און עס זאָל מיר נאָכגיין מײַן קינד אָנגעטאָן ווי אַ גימנאַזיסט...

דאָס לויפֿן פֿון אַ פֿערד, וואָס איז צוגעפֿאָרן צו איר הויז, האָט איבערגעשלאָגן אירע געדאַנקען. זי האָט געשיקט איר דינסטמיידל זען, ווער עס איז צוגעפֿאָרן. איז זי געקומען זאָגן, אַז דער שטאָטישער דאָקטער איז געקומען. אסתּרקע האָט געכאַפּט אַ רויט שטיקל טוך און זיך אַנידערגעזעצט אויסהעפֿטן אַ בלום.

— אַ גאָט העלף אײַך, מאַדאַם! — דער דאָקטער פֿון נעזווינק, באָריס פֿרידמאַן, איז אַרײַנגעפֿאָרן זיך נאָכפֿרעגן, צי אַלע בײַ חיים רויטמאַנען זײַנען געזונט — עס פֿרייט מיך זייער, וואָס איך זע אײַך געזונט. נאָר שטענדיק טרעף איך אײַך ברעכן דעם רוקן איבער אַן אַרבעט...

— איר זײַט געוויס גערעכט, דאָקטער. נאָר ווי קען אַ באַלע־באָסטע, וואָס דאַרף קוקן אומעטום און אַלץ אַליין טאָן, זיך אָפּהיטן אַזוי, ווי איר, דאָקטוירים, ווילט?

— איר זײַט אויך גערעכט, מײַן ליבע פֿרוי רויטמאַן. נאָר זאָגט מיר: זײַט איר כאָטש געזונט?

— אַלע אײַערע קראַנקע בײַ אונדז אין הויז זײַנען גאָט צו דאַנקען געזונט, נאָר איך וועל אײַך אַזוי גיך נישט אָפּלאָזן, איר מעגט ווי קיין צײַט נישט האָבן. גאָט אַליין האָט אײַך געבראַכט איצט צו אונדז. איר זאָלט וויסן, ווי אומעטיק עס איז בײַ אונדז אין דאָרף! פֿון דעם אַליין קען מען קראַנק ווערן...

אסתּר האָט אַנידערגעלייגט איר האַנט אויף זײַן אַקסל און ער האָט זיך געמוזט זעצן.

— ווערליק עס ווײַזט אויס, דאַרף אַ דאָקטער פֿאַר אײַער הויז גאָר נישט ענדיקן קיין פֿאַקולטעט, ער דאַרף אײַך נאָר דערציילן מעשׂיות פֿון דער שטאָט...

— נאַ, נאַ, זאָגט אײַערע װערטלעך װיפֿל איר װילט, אַבי איך האָב מײַנס אױסגעפֿירט און איר האָט טאַקע געמוזט פֿאַרבלײַבן. דערציילט זשע מיר נײַס פֿון דער שטאָט!

— איך קען אײַך דערציילן, אַז אין נעזװינק איז אַראָפּגעקומען אַ נײַער לערער, אַ זעלטענער יונגער מאַן. ער גרייט צו אױסגע־צייכנט קינדער אין די גימנאַזיעס. ער אַליין האָט ערשט געענדיקט אין אָדעס דעם יורידישן פֿאַקולטעט. איר דאַרפֿט אים געװיס קענען. ער איז זלמן גאָלדשמידס אַ זון.

— דרײַצן יאָר געלערנט אױף אַדװאָקאַט און געװאָרן אַ לערער אין נעזװינק!

— ס'איז אַ גאַנצע געשיכטע. איך װעל זי אײַך אַן אַנדערש מאָל דערציילן.

— נו, און אונדזער אַלטער לערער שפּיצבוים, װאָס טוט איצט?

— ער איז מלא שמחה, ער דאַנקט און לױבט גאָט, װאָס ער האָט צוגעשיקט קיין נעזװינק אַ נײַעם לערער.

— פֿון װאָס זשע װעט שפּיצבוים האָבן צו לעבן?

— עס זײַנען אים אױך געבליבן גענוג שילערס.

עס איז אָנגעקומען פֿאַן קאַרל. ער האָט זיך אָנגעהױבן פֿאַר־ענטפֿערן פֿאַר פֿאַני אסתּרקען, װאָס ער איז נישט געקומען די לעצטע טעג. און דער דאָקטער מיט אסתּרקען האָבן אים איבערגע־געבן װעגן װאָס זיי האָבן געשמועסט.

## אַלע זײַנען צופֿרידן

אַז חיים איז געקומען אַהיים, האָט ער נאָך געטראָפֿן דעם דאָק־טער מיטן פֿאַן קאַרל. ער איז צופֿרידן געװען צו זען דעם דאָקטער און אױך אסתּרן געדאַנקט, װאָס זי איז אַזוי קלוג געװען און האָט אים פֿאַרהאַלטן. חיים האָט זיך אָנגעפֿרעגט בײַם פֿאַן קאַרל, צי זײַן פֿאָטער האָט שוין פֿאַרקױפֿט דעם װייץ. פֿאַן קאַרל האָט אים גע־

ענטפֿערט, אַז ער איז די לעצטע טעג זייער באַשעפֿטיקט געווען, ווײַל ער לערנט איצט און וועט אָפּגעבן עקזאַמען אויף מאַגיסטער פֿאַרמאַציע און עפֿענען נאָך אַן אַפּטייק... דערפֿאַר האָט ער זיך גאָר אין פֿאָטערס געשעפֿטן נישט געמישט. אסתּר האָט דערנאָך אַרויפֿגעבראַכט דעם שמועס אויף די צוויי לערערס און דערנאָך איז זי אַריבערגעגאַנגען אויף איר זון, און געזאָגט, אַז עס וואָלט שוין טאַקע רעכט געווען, מען זאָל אים שיקן אין שטאָט אַריין לערנען צו גאָלדשמידן.

— כ׳לעבן, חיים, עס איז שוין צײַט צו מאַכן פֿון אונדזער קינד אַ מענטש. ביז אַהער האָסטו מיר געזאָגט, אַז ווען ער וועט יונג אַוועקפֿאָרן אין שטאָט אַרײַן וועט ער נישט קענען זײַן קיין ערדאַרבעטער. אָבער איצט, דאַכט זיך, קען ער שוין די ערדאַרבעט גלײַך ווי אַן אַלטער פּאָמעשטשיק. איז שוין צײַט, ער זאָל ווערן אַ מענטש צווישן מענטשן... אַ נישט ווערט ער אַלץ פּראָסטער און פֿאַרגרעבטער...

— איך זע גאָר נישט אין סאָלאָמאָנען קיין שום פֿאַרגרעבטקייט. פֿאַרקערט, לאָז מיך גאָט בענטשן נאָך מיט אַזוינע צען קינדער!

— יאָ, דו ביסט גערעכט. נאָר חוץ דעם מוז מען אַ קינד געוויינען צו דער וועלט אויך. אין דאָרף האָט ער זיך נישט בײַ וועמען צו לערנען וועלטזאַכן. גלייב מיר, חיים, ווי אונדזער סאָלאָמאָן איז אַ געראָטן קינד, פֿון דעסט וועגן, ווען ער קומט אין שטאָט צווישן מענטשן, וועט מיט אים קיינער קיין צוויי ווערטער נישט קענען ריידן פֿון וועלטזאַכן...

אסתּר האָט גענומען דאָס טיכל צו די אויגן.

— איך פֿאַרשטיי דיך נישט, אסתּר. לאָז מיר גאָט העלפֿן, אַז ביז ער וועט איבערלעבן מײַנע ביינער, זאָל איך האָבן פֿון אים אַזאַ נחת ווי ביז אַהער!

דער דאָקטער האָט זיך אויך אַרײַנגעמישט אין געשפּרעך און געזאָגט גאַנץ אָפֿן, אַז כאָטש ער האַלט נישט תּמיד פֿון אסתּרס מיינונגען, מוז ער אין דער זאַך האַלטן מיט איר.

חיים איז שוין פֿאַרטיק געווען נאָכצוגעבן, נאָר זײַנע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף די טירן, ווו זײַן מוטערס צימער איז געווען. ער האָט זיך דערמאָנט די ווערטער פֿון זײַן פֿאָטער שלום, אַז ווען סאָלאָמאָן וועט לערנען אין די גימנאַזיעס, וועט ער אויף שטענדיק אָפּגעריסן ווערן פֿון דער ערד און וועט אפֿשר שפּעטער שוין גאָר נישט וועלן זײַן קיין ערדאַרבעטער. ער וועט זיך אײַנריידן, אַז אַרבעטן מיט דער האַנט איז גאָר נישט פֿאַר זײַן כּוח, אַז פֿעלדאַרבעט פּאַסט גאָר נישט פֿאַר אַ געלערנטן מענטשן. חיים, אונטער דער ווירקונג פֿון זײַן פֿרוי און הויזדאָקטער, האָט זיך אָבער באַלד אײַבערגעלייגט, אַז קלוגע געלערנטע מענטשן האַלטן אויך פֿון ערדאַרבעט. פֿון דעסט וועגן האָט ער געזאָגט:

— איך האָב אויך מורא, אַז ווען מײַן סאָלאָמאָן וועט ענדיקן אַ גימנאַזיע, וועט ער נישט וועלן זיין קיין ערדאַרבעטער ווי זײַן טאַטע און זײַן זיידע איז געווען. און דעריבער קען זיך גאָר אין גאַנצן אויסלאָזן די קאָלאָניע, אויף וועלכער מײַן פֿאָטער האָט זײַן לעבן אַוועקגעגעבן, ביז ער האָט זי אײַנגעאָרדנט. זאָל איך דערלאָזן, אַז פֿון זײַן אַרבעט זאָל ווערן אַ תּל? ניין, דאָס קען איך נישט טאָן! מײַן פֿאָטערס מי איז בײַ מיר טײַערער פֿון אַלץ אין דער וועלט. נאָר איך האָב מײַן ווײַב אויך זייער ליב און וויל איר אויך צוליב טאָן, דערפֿאַר וועל איך שיקן סאָלאָמאָנען קיין נעזווינק צו גאָלדשמידן לערנען, נאָר נישט פֿאָרצוברייטן אין דער גימנאַזיע. ער וועט גלאַט אַזוי זיך לערנען און דערנאָך וועט ער צוריק אַהיימקומען און בלײַבן אַן ערדאַרבעטער. נו, אסתּר, ביסטו צופֿרידן מיט מײַן באַשלוס? — האָט ער צו לעצט געפֿרעגט זײַן ווײַב.

אסתּרקע איז זייער צופֿרידן געווען. זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז סאָלאָמאָנס לערנען אין נעזווינק אויף איין יאָר איז די ערשטע טרעפּ צו דער גימנאַזיע. נאָך דעם וועט זיך ממילא אויסלאָזן, אַז סאָלאָמאָן וועט אַליין אַרײַן אין גימנאַזיע.

פּאַן קאַרל איז אויך געווען זייער צופֿרידן און זיך געפֿילט ווי אויף דעם זיבעטן הימל. איצט וועט אים קיינער ניט שטערן בײַ

רחלען. זי וועט בלײַבן אַליין און וועט מוזן אַרײַנפֿאַלן אין זײַנע הענט.

אסתּרקע איז אַזוי צופֿרידן געווען מיט איר מאַנס באַשלוס, אַז זי האָט פֿאַר די געסט אים אַרומגענומען און אים געדאַנקט. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן מכבד זײַן די געסט מיט קאַווע. דאָס דינסטמיידל איז אַרײַנגעקומען זאָגן, אַז עטלעכע פּויערים מיט קראַנקע קינדער וואַרטן אויף דעם דאָקטער.

דערווײַל איז אָנגעקומען דער אַלטער פּריץ. פּאַני אסתּרקע האָט מיט פֿרייד דערציילט דעם פּריץ, אַז הײַנטיקן זומער וועט מען סאָלאָמאָנען אַוועקשיקן לערנען קיין נעזווינק און שפּעטער האָפֿט זי אים צו שיקן קיין וואַרשע שטודירן, כּדי ער זאָל זײַן אַזוי געלערנט ווי פּאַן קאַרל. פּאַן יאַן האָט איר דערויף גאָר נישט געענטפֿערט, נאָר געוואָרפֿן ניט זייער אַ פֿריילעכן בליק אויף זײַן זון. קיינער האָט דעם בליק נישט פֿאַרשטאַנען, אַ חוץ פּאַן קאַרל אַליין.

חיים האָט אויך עפּעס באַדאַרפֿט פֿאָרן אין שטאָט אַרײַן אויף עטלעכע שעה, ער איז אַוועקגעפֿאָרן מיט דעם אַלטן פּריץ צוזאַמען. ווען ער איז שוין געזעסן אויפֿן וואָגן, האָט אים אסתּר נאָכגעשריִען אויף פּויליש:

— מײַן מאַן! איך וועל מאָרגן גאַנץ פֿרי שיקן נאָך דיר די קאַרעטע אָדער איך וועל אַליין קומען נאָך דיר אין שטאָט אַרײַן.

## אומשולדיקע טרערן

פֿאַר נאַכט איז אַהיימגעקומען סאָלאָמאָן. די מוטער האָט אים אַרומגענומען, געקושט מער ווי אַלע מאָל און דערציילט מיט גרויס פֿרייד, אַז זי האָט שוין געפּועלט בײַ זײַן פֿאָטער אים צו שיקן אין שטאָט אַרײַן לערנען. סאָלאָמאָן האָט געזען, ווי זײַן מוטער איז צופֿרידן, איז ער אויך פֿריילעך געוואָרן און איז מיט גרויס שׂמחה

אַרײַנגעלאָפֿן צו דער באָבען, איר אָנזאָגן די בשׂורה, אַז מען וועט אים שיקן אין שטאָט אַרײַן לערנען.

פֿריידע האָט אין איר דרעמלען דערפֿילט סאָלאָמאָנס טריט. אַז איר ליב אייניקל איז אַרײַנגעקומען, האָט זי געעפֿנט די אויגן און אַ קוק געטאָן אויף אים. סאָלאָמאָן האָט זי אַרומגענומען און שטאַרק געקושט.

— באָבעניו, איר ווייסט שוין, אַז איך פֿאָר אַוועק?

פֿריידע האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר דערווײַל איז אָנגעקומען אסתּר.

— איך האָב אײַך, שוויגער, גאָר פֿאַרגעסן צו דערציילן... אונדזער סאָלאָמאָן פֿאָרט שוין אין שטאָט לערנען.

פֿריידע האָט געעפֿנט אירע אויגן אַ ביסל גרעסער ווי תּמיד.

— זײַן איצטיקער לערער לערנט אים דען שלעכט? — האָט פֿריידע געפֿרעגט.

— ניין, דער מלמד לערנט מיט אים ניט שלעכט, נאָר אַ קינד דאַרף מען פֿאָרט אַ ביסל געוויינען אין שטאָט. איר אַליין, שוויגער, זאָגט דאָך, אַז די הײַנטיקע וועלט איז נישט גלײַך צו דער אַמאָליקער. מען מוז הײַנטיקע קינדער אַ ביסל וועלטלעכע זאַכן אויך לערנען. אין שטאָט, צווישן מענטשן, וועט ער ווערן אַ מענטש.

— יאָ, דו ביסט, מײַן טאָכטער, גערעכט. יעדע מאַמע וויל, אַז איר קינד זאָל זײַן געלערנט מיט אַלע מעלות. איך וויל אויך, אַז מײַן אייניקל זאָל זײַן אַזוי, אַז די גאַנצע וועלט זאָל מיך מקנא זײַן. נאָר ווי אַזוי וועלן מיר עס קענען אויסהאַלטן, אַז מיר וועלן אים ניט זען און הערן דערציילן זײַנע זיסע, שיינע מעשׂיות פֿון פֿעלד.

— אָבער, שוויגער, איר דאַרפֿט דאָך פֿאַרשטיין, אַז ווען איך מיט חיימען האָבן באַשלאָסן צו זײַן אַ קליינע צײַט צעשיידט פֿון אונדזער קינד, איז אונדז אויך נישט געווען אַזוי גרינג. נאָר וואָס האָבן מיר געזאָלט טאָן? וואָס טוען דען נישט עלטערן פֿאַר קינדער?

סאָלאָמאָן האָט זיך אַ ביסל פֿאַרשעמט און רויט געוואָרן.

— אָבער אין שטאָט וועסטו דיך שוין זיך נישט פֿאַרנעמען טאָג

און נאַכט מיט אַזוינע פּוסטע רייד, ווי דו רעדסט מיט רחלען... — האָט די מוטער ווײַטער אָנגעהויבן — אין שטאָט, מײַן קינד, צווישן מענטשן פּאַסן נישט אַזעלכע זאַכן. איך האָף, אַז די שטאָט וועט דיך מאַכן פֿאַר אַ מענטשן.

— נאַרישע קינדער! — האָט פֿריידע געזאָגט — איר מיינט, אַז די שטאָט מאַכט פֿאַר אַ מענטשן? דער מענטש, וואָס איז לײַטיש, איז אין אַ פּוסטן וואַלד אויך אַ מענטש. אָפֿט מאַכט די שטאָט קאַליע אַ מענטשן.

— איר זײַט גערעכט, שוויגער. נאָר מען טאָר נישט געוויינען אַ קינד, עס זאָל זײַן שטענדיק בײַ דער מאַמעס פֿאַרטעך.

די אַלטע מוטער האָט אַרומגענומען די שנור מיטן אייניקל.

— מײַנע טײַערע! איר זאָלט מיר נאָר שטענדיק זײַן געזונט און שטאַרק, און מײַנע ביינער איבערלעבן, און איך זאָל אויף דער עלטער דערלעבן צו זען אין אײַך פֿיל נחת. און דו, מײַן טײַערער שלמהלע, זאָלסט זיך אין שטאָט פֿירן ווי אַ פֿײַן קינד, צו גאָט און צו לײַט!

— באָבעניו! איך וועל אײַך שטענדיק פֿאָלגן...

פֿריידע האָט באַמערקט, ווי סאָלאָמאָנס אויגן זײַנען רויט גע־וואָרן, האָט זי אים געפֿרעגט, צי זיי טוען אים וויי.

## פֿאַרן אַוועקפֿאָרן

אויף דעם זומערדיקן פֿעלד, צווישן גרינעם טיפֿן גראָז, נעבן קילן וואַלד, איז אַרומגעגאַנגען די שוואַרץ־חנעוודיקע רחל מיט אַ לאַנגן דינעם צווײַגל, וואָס זי האָט אָפּגעריסן פֿון אַ ווײַנשלבוים. זי האָט מיט אים געפֿאָכעט אין דער לופֿטן און צונויפֿגעטריבן אירע שאָף און געשריִען צו זיי: „טאַגאַ! טאַגאַ! ס'איז שוין צײַט אַהיימ־צוגיין, מײַנע טײַערע שעפֿעלעך”. די שאָף האָבן זיך צונויפֿגענומען,

זיך געטוליעט איינס צום אַנדערן און געגאַנגען אַהין, ווו רחל האָט זיי גערופֿן און געטריבן.

רחל האָט, ווי תּמיד, געטראָפֿן סאָלאָמאָנען זיצן אויף דעם גראָז. ער האָט ליב געהאַט צו גלעטן רחלס געקרײַזלטע שעפּעלעך.

— רחל! — האָט ער צו איר אָקעגנגעשריִען — קוק נאָר אָן, וואָס פֿאַר אַ שיינע האָר די געקרײַזלטע שאָף האָבן.

— ניין, סאָלאָמאָן, דײַנע בלאָנדע האָר זײַנען שענער!

— אַז דו ביסט אַמאָל געווען אַ קליין מיידעלע, האָסטו אויך געהאַט אַזוינע שוואַרצע געקרײַזלטע האָר...

זי האָט מיט בײדע הענט פֿון בײדע זײַטן אָנגענומען די עקן פֿון אירע שיינע, טונקעלע, לאַנגע, פֿאַרפֿלאָכטענע צעפּ, זיי אויסגעמאָסטן מיט אירע אויסגעצויגענע הענט אין דער ברייט, דערנאָך אָפּגעלאָזט די הענט און די צעפּ האָבן זיך צוריק אַנידערגעלייגט אויף זייערע פֿריִערדיקע ערטער. סאָלאָמאָן האָט געלאַכט.

— רחל! — האָט ער שטיל געזאָגט — מאָרגן פֿאַר איך אין שטאָט אַרײַן... טאָמער דאַרפֿסטו עפּעס אין שטאָט, זאָג מיר, וועל איך פֿאַר דיר אײַנקויפֿן.

— דו ביסט דאָך ערשט פֿאַראַכטאָגן געווען אין שטאָט...

— יאָ, נאָר איך וועל שוין פֿון הײַנט אָן שטענדיק זײַן אין שטאָט. אויף שבת וועל איך קומען אַהיים...

— וואָס וועסטו טאָן דאָרט?

— דער טאַטע מיט דער מאַמען שיקן מיך אַהין לערנען בײַ די שטאָטישע לערערס.

— דו ווילסט ווערן אַ געלערנטער? ווי שיין וועט עס זײַן, אַז דו וועסט זײַן געלערנט ווי אַ שטאָטישער!

— דער טאַטע מיט דער מאַמען זאָגן דאָס אויך.

— נאָר דו וועסט קומען אַלע פֿאַר נאַכט צום וועלדל... צו אונדז... צו מיר...

— ווי אַזוי וועל איך קענען זײַן אַלע פֿאַר נאַכט בײַם וועלדל, אַז פֿון נעזווינק קיין סטעפּקיווקע איז פֿערציק וויאָרסט?

רחל איז בלאַס געוואָרן. אין האַרצן האָט איר אָנגעהויבן קלאַפּן און זי האָט אַפֿילו נישט געפֿילט, ווי זי האָט פּלוצלינג אָפּגעלאָזט אַ געקרײַזלט שעפֿעלע, וואָס זי האָט געהאַלטן און געגלעט די האָר מיט אירע פֿינגער, ווי מיט אַ קעמל.

— איך זע, רחלע, אַז דו ביסט טרויעריק געוואָרן, וואָס איך פֿאָר אין שטאָט אַרײַן. דו מיינסט, אַז מיר וועלן זיך שוין גאָר ניט זען? ניין, רחלע, איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך וועל אויף אַלע שבת קומען אין דאָרף... און ווידער וועט עס ניט זײַן אַזוי שטענדיק. איך וועל אין שטאָט נישט מער לערנען ווי אַ יאָר, דער־נאָך וועל איך ווײַטער זײַן אין דאָרף און שטענדיק זײַן מיט דיר...

אויף רחלס ליפּן האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ שמייכל.

— אוי, סאָלאָמאָן, ווי פֿריילעך, ווי גוט וועט עס זײַן! וואָס פֿאַר אַ טײַערער גאַסט וועסטו זײַן בײַ מיר אַלע שבת!

אין רחלס דמיון האָט זיך אָנגעהויבן פֿאָרצושטעלן, ווי זי וועט עס שבת אַ גאַנצן טאָג צוזאַמען זײַן נאָר מיט סאָלאָמאָנען, מיט דעם געלערנטן סאָלאָמאָנען, וועלכער וועט איר דערציילן אַזוי שיינע מעשׂיות פֿון דער שטאָט. אַזוי האָט זי לאַנג געטראַכט, האַלטנדיק אין איר האַנט סאָלאָמאָנס הענט. נאָר אַ קוש פֿון סאָלאָמאָנס ליפּן האָט אירע געדאַנקען איבערגעשלאָגן. זיי האָבן זיך אַרומגענומען און ביידע האָבן דערפֿילט אויף זייערע באַקן טרערן.

די זון, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געשײַנט, איז פּלוצלינג פֿאַר־דעקט געוואָרן מיט שטיקלעך שפּיציקע, שוואַרצע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצורוקן פֿון ווײַטנס, אויפֿן עק הימל.

*

דעם צווייטן טאָג, ווען פֿאַן קאַרל מיט דעם פֿאַן פּיסאַר האָבן אַרומגעשפּאַצירט הינטערן דאָרף, אויפֿן פֿעלד, בײַם גרויסן וועג, האָבן זיי געזען אַ קאַרעטע געשפּאַנט מיט פֿיר פֿערד, מיט פּוילישע גלעקלעך. ווען די קאַרעטע איז צוגעקומען נענטער, האָבן זיי דערזען, אַז אין איר זיצט פּאַני אסתּרקע מיט איר זון סאָלאָמאָן. זיי האָבן

אַראָפּגענומען די היטלען און געגריסט פֿון דער ווײַטנס און נאָכגעשריִען:

— וווהין פֿאָרט מען עס?

— קיין נעזווינק! — האָט פֿאַני אסתּרקע געענטפֿערט און זיי באַגריסט מיט אַ שמייכל.

פֿאַן קאַרל און דער פּיסאַר האָבן אויך געשמייכלט.

## זומער אין שטאָט

עס איז געווען זייער אַ הייסער תּמוזדיקער טאָג, פֿון די הייסע ברענענדיקע טעג, פֿון וועלכע די חדר־ייִנגלעך זאָגן: „גאָט האָט הײַנט געעפֿנט דאָס פֿוטערפֿאַס“. אַזוינע טעג קענען מענטשן און קיין שום באַשעפֿעניש נישט לײַדן און נישט קוקן אויף דער שײַנער זון. זיי וואַרטן אויף דער קילער נאַכט, ווי אַ פֿרומער ייִד אויף משיחן.

אויף דעם מאַרקפּלאַץ, אין מיטן שטאָט נעזווינק, האָבן מענטשן קוים געשלעפּט די פֿיס. אייניקע האָבן נאָך אויף זיך געטראָגן שווערע משׂא. אָרעמע לײַט האָט מען געקענט זען נאָך אין אַלטע וואַרעמע, ווינטערדיקע, צעריסענע קליידער. קרעמערס און קרעמערקעס, מאַרקזיצערינס זײַנען געזעסן אין קראָמען און שטעלעכלעך און זיך געבראָטן אויף דער זון, אַרויסקוקנדיק אויף קונים. דער סוחר לויפֿט קויפֿן בײַם גוי, בײַם מוזשיק, אַ קאָרץ ווייץ מיט אַ מעסטל פּראָסע אָדער עפּעס אַנדערש, מיט דער האָפֿענונג צו פֿאַרדינען אַ גילדן אויף ברויט. דער אָרעמאַן איז געגאַנגען בעטן אַ שטיקל ברויט. קליינע קינדער מיט נאַסע פּיאהלעך פֿון שווייס גייען און לויפֿן פֿון די חדרים אַהיים עסן וואַרעמעס, צוזאַמען מיט זיי אויך זייערע באַהעלפֿערס מיט די קוישן, מיט נעכטיקע פֿאַרשמאָלצעוועטע טעפּלעך. זיי טראָגן זיי אָפּ די באַלעבאָסטעס און קריגן דערפֿאַר ראש־חודש־געלט. טראָפּנס שווייס רינען אויף זייערע פּנימער. זיי לאָכן זיך אויס פֿון דער הייסער זון מיט אירע ברענענדיקע שטראַלן. יעדער

איז געגאַנגען זײַן וועג און מיט די אַרבל געווישט דעם שווייס פֿון פּנים.

אין עטלעכע גבֿירישע הײַזער, נישט ווײַט פֿון מאַרקפּלאַץ, זײַנען פֿון אַלע זײַטן געווען פֿאַרמאַכט די לאָדן און אַראָפּגעלאָזט די פֿאָרהאַנגען. דאָ האָבן זיך די גבֿירים באַהאַלטן אין דער פֿינצטער פֿאַר דער גרויסער היץ. אַנדערע מענטשן דערעסן און דערשלאָפֿן נישט, און זאָרגן פֿאַר זיי טאָג ווי נאַכט: שנײַדערלעך, שוסטערלעך און אַנדערע אַלערליי בעל־מלאכות, קרעמערלעך, קליינע באַלעבאַטימלעך, וואָס לעבן פֿון לופֿט, האָרעווען, אַרבעטן אויף צו באַצאָלן די גבֿירים פּראָצענט פֿאַר דאָס געליִענע געלט און די נעזווינקער גבֿירים מעגן נאָך שטאַרקער פֿאַרמאַכן די לאָדנס אויף גאַנצע טעג, ווײַל די אָרעמע לײַט אין שטאָט אַרבעטן פֿלײַסיק פֿאַר זיי.

*

פֿון איינעם פֿון די הײַזער מיט פֿאַרמאַכטע לאָדנס איז אײַלנדיק אַרויסגעגאַנגען אַ יונגער מאַן פֿון אַ יאָר פֿינף און צוואַנציק, מיט גרויסע, שיינע, שוואַרצע, געדיכטע האָר, מיט אַ קליינער קײַלעכדיקער באָרד. זײַן פּנים איז געווען אַ ביסל בלאַס, פֿאַראַרבעט און פֿאַרזאָרגט. אונטער דעם לינקן אָרעם האָט ער געטראָגן אַ פּאָר ביכער און מיט דער רעכטער האַנט אויפֿגעצויגן אַ שירעם און גיך געשפּאַנט צווישן די קרעמערס און גרויסן עולם, וואָס האָבן זיך געפֿונען אויף דעם מאַרקפּלאַץ, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ הויז מיט פֿאַרמאַכטע לאָדנס. דאָס איז געווען אַ לערער, וואָס גיט לעקציעס די גבֿירישע קינדער אין נעזווינק.

גייענדיק אַזוי אין די גבֿירישע הײַזער, טראַכט אַבֿרהם גאָלדשמיד, ווי ער פֿאַרברענגט זײַנע בעסטע יונגע יאָרן מיט נאַרישע קינדער. אַלע טאָג דערציילט ער די גבֿירישע קינדער, אַז צוויי מאָל צוויי איז פֿיר, און בײַ זיי קומט שטענדיק אויס פֿינף. דערנאָך פֿאַרבײַסן זיי מיט אַ גוטן וואַרעמעס, נאָר זייער לערער לויפֿט ווײַטער אין אײַלעניש אויף אַ צווייטער און דריטער לעקציע ביז שפּעט

אין דער נאַכט. ער לויפֿט אין דער היץ. דער שווייס גיסט זיך פֿון אים. נאָר וואָס זאָל ער טאָן? ער האָט אַן אַלטן פֿאָטער און אַ מוטער, וואָס קענען שוין נישט פֿאַרדינען. דערצו האָט ער נאָך אַ שוועסטערל און אַ ברודערל, וועלכע ער דאַרף אויסהאַלטן און פֿאַרזאָרגן:

אין דעם זעלביקן הייסן טאָג האָט מען אויך געזען זיך דרייען אין דער גאַס פֿון איין שטוב צו דער אַנדערער דעם דאָקטער באָריס פֿרידמאַן. ער איז אַרומגעגאַנגען פֿון איין קראַנקן צום צווייטן. אויך האָט מען באַגעגנט אין די גאַסן דעם אַלטן לערער שפּיצבוים און יִדל דער שטאָט־שדכן, וועלכער האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן אַלערלײ אַלטע און יונגע אַלמנס, אַלמנות, בחורים און מיידלעך.

אין דעם דאָזיקן הייסן זומערטאָג איז נאָך אַרומגעלאָפֿן פֿון איין גבֿירישן הויז צום אַנדערן אַ מיידל, וואָס מען האָט אין שטאָט גערופֿן די שיינע העפּטערין אָדער די גאָלדענע העפּטערין, ווײַל זי האָט אויסגענייט און אויסגעשטריקט מיט גאָלד, זילבער, מיט זײַדענע פֿעדעם לײַבלעך, דאַמען־שיכלעך, סאַמעטענע און זײַדענע, אָדער קישנס, אַ פּרוכת, וואָס אַ פֿרומע יִדענע פֿלעגט אַ מאָל שענקען אין שול אַרײַן. אַפֿילו פּריצים האָבן געזאָגט, אַז די גאָלדענע העפּטערין איז אַ גרויסע קינסטלערין, און זי האָט פֿון איר אַרבעט בכּבֿוד געלעבט מיט אַן אַלטער מוטער.

*

ווען מען וועט פֿרעגן, וועמענס איז דאָס הויז, אין וועלכן דער לערער וווינט, וועט אײַך אַפֿילו אַ קליין קינד ענטפֿערן, אַז עס געהערט צו ר׳ יואל רידערסקי.

ווען ר׳ יואל איז געווען אַ יונגער מאַן, האָט מען אים פּראָסט גערופֿן יואליק. נאָר אַז זײַן שווער, ר׳ יונה פּײַוועלעס, האָט אים גענומען פֿאַר אַן איידעם פֿאַר זײַן עלטערער טאָכטער בתיה און יואליק האָט נאָך עטלעכע יאָר געגעסן קעסט בײַם שווער, איז ער אַליין געוואָרן אַ באַלעבאָס און אָנגעהויבן ביסלעכווײַז צו פֿאַרדינען געלט, האָבן אים אַלע גערופֿן ר׳ יואל רידערסקי.

ר׳ יואל האָט זיך זײַנע קינדעריאָרן איבערגעוואַלגערט בײַם קליינעם רבילע, וואָס האָט געשפּילט אַ ראָלע פֿון אַ קליין גוט ייִדל, וועלכער וווינט שטענדיק אין נעזווינק. פֿאַר זײַן פֿעיִקייט האָט אים דאָס רבילע מיט אַלע חסידים זייער ליב געהאַט, ווײַל אַלץ האָבן זיי מיט אים אויסגעפֿירט. בײַ יואלקען איז קיין מאָל נישט געווען „ביין״. ער איז דאָרט געווען אַ לויף־ייִנגל, אַ משרת בײַם רבילע און בײַ אַלע חסידים. אַפֿילו דעם רבילעס משרתים און דינסטן אין קיך האָבן מיט יואלקן אַלץ אויסגעפֿירט. דערפֿאַר האָבן זיי אים געגעבן דאָס בעסטע עסן און טרינקען און אַלע האָבן אים ליב געהאַט.

ווען ר׳ יונה פֿײַוולס האָט אים גענומען פֿאַר אַ מאַן פֿאַר זײַן טאָכטער בתיה און האָט אים געגעבן עטלעכע הונדערט רובל נדן מיט קעסט, איז ער געוואָרן דער ערשטער ווילער יונגער מאַן אין קלויז, כאָטש ער האָט נישט געקענט אַזוי גוט לערנען ווי אַלע אַנ־דערע קלויזניקעס און אַפֿילו אָפּט קיין פּראָסט טײַטשוואָרט נישט געוווּסט. נאָר צו זײַן שיין קידוש מאַכן, צו זײַנע שיינע זמירות זינ־גען אָדער ברכות בײַ דער תּורה, ווען מען האָט אים אויפֿגערופֿן — הײַנט זײַן זמרל, וואָס ער פֿלעגט אַ מאָל זינגען שׂמחת תּורה, און נאָך אַזוינע הונדערטער ייִדישע מעלות — האָט זיך קיין שום יונגער מאַן צו אים נישט געקענט גלײַכן. אויף קיינעם איז נישט געלעגן אַזוי שיין די שפּיצעדיקע סאַמעטענע יאַרמלקע אויפֿן קאָפּ, דער גאַרטל אויף דער זײַדענער קאַפּאָטע, ווי אויף יואלקן. צו יעדן האָט ער געשמייכלט און גערעדט מיט אַ פֿריילעך פּנים.

ווען ער איז געוואָרן אַליין אַ באַלעבאָס, איז ער באַלד געוואָרן אַ קליין בטוחל און וואָס ווײַטער אַ גרעסערער בטוח. מען פֿלעגט אים פֿאַרוואַרפֿן מיט געלט אויף אַ קליינעם פּראָצענט. חתן־כּלה, יתומים, אַלמנות פֿלעגן אײַנלייגן בײַ אים זייער געלט גאָר אָן פּראָצענט. אין אָנהייב האָט ער געפֿירט קליינע געשעפֿטלעך, נאָר זינט ער איז אַרײַנגעטראָטן אין דער גרויסער וועלט, דאָס הייסט, ער פֿלעגט אַ מאָל פֿאָרן קיין אָדעס, קיִעוו, בערדיטשעוו קויפֿן סחורה, האָט ער וואָס ווײַטער אָנגעהויבן פֿירן גרעסערע געשעפֿטן און זײַן

פֿירונג אין שטוב איז אויך געוואָרן גרעסער. וואָס פֿאַר אַ געשעפֿטן האָט ער דען נישט געפֿירט? און וואָס איז ער נישט געווען? ער איז געווען קרעמער אין נעזווינק, קאָמיסיאָנער אין אָדעס און קיִעוו, פֿאַר דער שטאָט נעזווינק מיט דער גאַנצער געגנט; ער פֿלעגט שיקן גאַנצע פּאַרטיעס ווייץ קיין אויסלאַנד, קויפֿן קאָרן אין נעזווינק אויפֿן מאַרקטאָג. ער האָט געהאַט אַ באַנק אויף וואָכער[34] אויסצאָלן, לײַען געלט אויף משכּנות; ער איז געווען אַן אַגענט פֿון אַ פֿאַרזיכערונג־געזעלשאַפֿט און אַ פֿאַרטרעטער פֿון פּעטערבורגער באַנקירן, וואָס פֿאַרקויפֿן לאָטעריי־צעטלען אויף אויסצאָלן.

ווען ער פֿלעגט זײַן אין אָדעס אָדער קיִעוו, פֿלעגט ער טראָגן די שענסטע קליידער, ווי אַ דײַטש, נאָר קוים איז ער אָנגעקומען צו זיך אין נעזווינק, האָט ער ווידער אָנגעטאָן זײַן לאַנגע ייִדישע קאַפּאָטע. כאָטש מען האָט פֿון דעם אַלעם גוט געוווּסט אין נעזווינק, האָט מען אויף אים קיין שלעכט וואָרט נישט גערעדט, ווײַל זײַן קליין רבילע האָט געזאָגט, אַז קיין שום גויִשע קליידער און קיין שום טומאהדיקע זאַך אין דער וועלט קענען נישט שאַדטן .זײַן יואלקן. זינט ער איז געווען אין ווין האָט ער שוין אָנגעהויבן צו טראָגן, אַפֿילו אין נעזווינק, געפּרעסטע און געקראָכמאַלעטע ווײַסע העמדער מיט מאַנזשעטן, בלײַבנדיק נאָך בײַ זײַן לאַנגער קאַפּאָטע.

ווען יואליק איז אַ גרויסער מאַן געוואָרן, האָט דאָס קליינע רבילע קיין האַנט אין קאַלט וואַסער מער נישט געטאָן אָן אים; ווען אויף דעם רבילע איז געקומען עפּעס אַן אומגליק, ווי אַ פּאַפּיר פֿון נאַטשאַלסטווע[35], וועגן אַ דאָנאָס[36] אויף אים, פֿלעגט מען באַלד שיקן נאָך יואליקן און, אַזוי ווי ער האָט געהייסן טאָן, איז געבליבן. אַז ער האָט באַדאַרפֿט פֿאָרן קיין אָדעס אָדער קיין אויסלאַנד זיך היילן און אונטערוועגנס אין אַלע ייִדישע שטעטלעך געשאָרן זײַנע

---

[34] (סינאָנים) וואָכנגעלט, פּראָצענט.

[35] (רוס׳) מאַכט, פֿאַרשטייערשאַפֿט פֿון מלכות.

[36] מסירה, אונטערטראָגעכץ.

שאָף — די חסידים — האָט ר׳ יואל רידערסקי זיך אויסגעסטאַרעט בײַם גובערנאַטאָר אַ סווידיעטעלסטוואָ [37] פֿון דעם גובערנסקי דאָקטער, אַז דאָס רבילע איז קראַנק און דאַרף זיך פֿאָרן קורירן... די גאַנצע שטאָט נעזווינק איז געשטאַנען אויף ר׳ יואל רידערסקיס קאָפּ. אָן זײַן וויסן האָט מען נישט געטאָן קיין שום זאַך אין שטעטל. וואָס ער האָט געהייסן טאָן, האָט מען געטאָן, ווי אַ געזעץ פֿאַר אַלע חסידים און מתנגדים. אַפֿילו משׂכּילים, וואָס האָבן נישט ליב געהאַט אַ ייִדן וואָס פֿאָרט צום רבין, פֿלעגן יואליקן לויבן פֿאַר אַ פֿײַנעם לײַטישן מענטשן. יואליק האָט געוווּסט, ווי אַזוי מיט יעדן צו רײדן. ווען ער האָט גערעדט מיט אַ משׂכּיל, האָט ער אויך ליב געהאַט זיך ווערטלען וועגן רבין און חסידים, גלײַך ווי דער משׂכּיל; האָט ער זיך געפֿונען צווישן חסידים, האָט ער געקענט דערציילן די שענסטע מעשׂיות וועגן גוטע ייִדן, אַז דער גאַנצער עולם האָט געגאַפֿט הערנדיק. מיט פּראָסטע מענטשן האָט ער געהאַט אַ באַזונדער לשון, אַפֿילו מיט ווײַבער האָט ער געוווּסט, ווי אַזוי צו ריידן, אַז ער זאָל בײַ זיי נושׂא־חן זײַן. האָבן אים אַלע ליב געהאַט, געשאַצט און געלויבט. כאָטש זעלטן ווען זאָל איינער פֿון אים אַ טובֿה האָבן, דאָך האָבן אַלע אין שטאָט געהאַט אַ מיינונג וועגן יואלקן, אַז ער איז אַ בעל־צדקה און אַ בעל־טובֿהניק און אַז די שטאָט נעזווינק וואָלט אָן יואלקן קיין שטאָט נישט געווען.

ר׳ יואל פֿלעגט זײַנע קינדער קיין מאָל ניט שלאָגן. זיי זײַנען בײַ אים געוואַקסן ווי זיי האָבן געוואָלט. בײַ אים איז געווען אַלץ איינס, צי וועלן זיי אויפֿגעצויגן ווערן צווישן מלמדים אָדער אין די שקאָלעס [38]. נאָר אַזוי ווי אין נעזווינק איז קיין גימנאַזיע נישט געווען, האָט ער זײַנע ייִנגלעך געהאַלטן בײַ מלמדים און, פֿאַרשטייט זיך, בײַ די גרעסטע אין שטאָט. אויך האָט זיי דער שטאָטלערער שפּיצבוים אין דער זעלביקער צײַט געלערנט שרײַבן רוסיש, ייִדיש

[37] צייגעניש, באַשטעטיקונג.
[38] גוייִשע שולן, וועלטלעכע שולן.

און אַ ביסל דײַטש. די מיידלעך האָבן זיך אַליין דערצויגן אין שטוב. זײַן ווײַבל איז געווען פֿרום. פֿון דער צײַט אָן, ווען איר מאַן האָט אָנגעהויבן רײַכער און רײַכער ווערן, פֿלעגט זי בײַ יעדער געלעגנהייט צוקויפֿן גרעסערע פערל צו די שנירלעך, וועלכע פֿלעגן פֿאַרדעקן איר גאַנצן האַלדז, און אָננעמען אין די קראָמען סחורות אויף קליידער פֿאַר זיך און פֿאַר אירע קינדער. פֿון די קלייטן פֿלעגט מען ר׳ יואלן ברענגען אַלע מאָל נײַע רעכענונגען און ער פֿלעגט זיי שטענדיק מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן באַצאָלן. ווען בתיהס פֿאָטער האָט חתונה געמאַכט זײַן יינגסטע טאָכטער, די איצטיקע פֿאַני אסתּרקע, די הײַנטוועלטיקע, די אַריסטאָקראַטקע, ווי דער פֿאָטער האָט זי גערופֿן, האָט ער נישט איין מאָל צו זיך אַזוי געזאָגט: „מײַן גאַנץ שטיקל נחת אויף מײַן לעבן איז נאָר מײַן פֿרומע בתיהניו מיט מײַן יואלקען. וואָס קאָן איך דערוואַרטן פֿון די הײַנטוועלטיקע?״, מיינענדיק די איצטיקע פֿאַני אסתּרקע מיט איר מאַן חיים.

אין ר׳ יואל רידערסקיס הויז געפֿינט זיך שוין מער ווי אַ יאָר דער יונגער סאָלאָמאָן רויטמאַן פֿון דאָרף סטעפּקיווקע. ער לערנט דאָ בײַם לערער גאָלדשמיד. זײַן לערער האָט נאָר וואָס געענדיקט מיט אים די לעקציע. סאָלאָמאָן האָט מיט פֿאַרגעניגן אַוועקגעלייגט די ביכער און געבליבן אַליין אין זײַן צימער מיט פֿאַרמאַכטע לאָדנס. ער האָט נאָך אַראָפּגעלאָזט די פֿאָרהאַנגען, כּדי די זון זאָל נישט אַרײַנקומען, און אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן צימער הין און צוריק. ער האָט עפּעס גערעדט צו זיך אַליין און עס האָט אויסגעוויזן, אַז ער האָט עפּעס בײַ זיך אַ וויכטיקע זאַך צו באַשליסן.

## דער לערער שפּיצבוים און זײַנע תּלמידים

אין דעם זעלביקן הויז, ווו סאָלאָמאָן האָט זיך איצט געפֿונען, נאָר ווײַטער מיט עטלעכע צימערן, אין דעם גרויסן ווײַסן זאַל, אויף אַ וויכן, ברייטן דיוואַן געבעט מיט סאַמעט, איז געזעסן אַ יונגע

פֿרײַלין פֿון אַ יאָר צוואַנציק, ר׳ יואל רידערסקיס טאָכטער, ציפּע — אָדער ווי זי פֿלעגט זיך אונטערשרײַבן אויף רוסיש און פֿאַרלאַנגט מען זאָל זי רופֿן — סיציליע. מען האָט זי געהאַלטן נישט פֿאַר קיין שיינע, דאָך פֿלעגט זי אַ מאָל איניקע געפֿעלן. איר וווקס איז אַ מיטעלער און דאָס פּנים טונקל, מיט שוואַרצע, שיינע אויגן, און די נאָז אַ ביסעלע פֿאַרריסן. דערפֿאַר האָט זי געהאַט זייער אַ שיינע פֿיגור און אויף קיינעם איז נישט געלעגן אַזוי אויסגעגאָסן אַ קלייד ווי אויף סיציליען. קיין שום פֿריילין אין שטאָט האָט זיך נישט געקאָנט אַזוי שיין אָנטאָן און פֿאַרקעמען די האָר ווי סיציליע.

סיציליע אַליין איז געווען דער בעסטער מבֿין אויף איר שיינקייט. זי האָט געקענט אַלע אירע מעלות און פֿעלערן. יעדן טאָג פֿלעגט זי אַ מאָל הונדערט קוקן אויף זיך אין די גרויסע געשליפֿענע שפּיגלען. ווען זי האָט דערזען אויף איר פּנים עפּעס אַ פֿעלער, האָט זי אַ שטילן קרעכץ געטאָן. נאָר ווען זי האָט געקוקט אויף איר טאַליע און אויף אירע שוואַרצע אויגן, קליינע הענטלעך און פֿיסלעך, איז זי שטאָלץ געוואָרן און האָט פֿאַר פֿרייד געשמייכלט, אונטערגעטאַנצט און גאָר נישט ברוגז געווען אויף איר פֿאַרריסן נעזל אָדער אויף אַ שוואַרצן פּינטל, וואָס זי פֿלעגט געפֿינען אויף איר פּנים. קוקנדיק אין שפּיגל, פֿלעגט ציפּע צו זיך זאָגן:

— מײַנע אויגן, מײַן פֿיגור און מײַנע לאַנגע צעפּ — וויפֿל זײַנען זיי ווערט פֿאַר דעם שענסטן יונגנמאַן!

ווײַל ציפּע איז געווען אַ שוואַרצע, האָט זי אויסגעפֿונען, אַז איר פּאַסט נאָר צו טראָגן ראָזע קליידער, און איצט האָט זי אויך געטראָגן אַזאַ ראָז קליידל פֿון טול מיט באַטיסט און מיט אַ סך זײַדענע פֿאַרביקע סטענגעס און גאַנץ ברייטע אַרבל. ווען ציפּע פֿלעגט זיצן אין דער געזעלשאַפֿט פֿון מאַנסבילן, האָט זי זייער ליב געהאַט אָפֿט צו פֿאָכען דאָס פּנים מיט איר ווײַסן זײַדענעם פֿאָכער און דערבײַ האָט זיך באַוויזן איר נאַקעטע שיינע האַנט. זי איז איצט געזעסן צעלייגט אויף דעם ווייכן דיוואַן מיט אירע קליינע פֿיסלעך אַראָפּגעלאָזט, אַזוי אַז נאָר די שפּיץ פֿינגער האָבן אָנגערירט די געפּוצטע

פּאָדלאָגע. אויף אירע פּיס זײַנען געווען אויפֿגעצויגן צוויי קליינע, דינע שיכלעך, אויסגעהעפּט מיט אָפּגעגילדטן ביסער[39], וואָס די העפּטערין האָט אויסגעשטיקט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איר קליין גאָלדן זייגערל:

— נאָך לערנט גאָלדשמיד מיט סאָלאָמאָנען! — האָט זי אָנגעהויבן ריידן מיט זיך און שפּילן מיט אירע רויטע קרעלן, וועלכע זי האָט ליב געהאַט צו טראָגן פֿאַר אַ בראַסלעט אויף איר האַנט און פֿלעגט זאָגן, אַז פֿון רויטע קרעלן אויף אַ טונקעלער הויט שלאָגט זיך אָפּ אַ וווּנדערשיינער ראָזער קאָליר — דער דאָזיקער לערער גאָלדשמיד איז אַ מערדער. ער וועט געוויס נאָך דעם אָפּלערנען מיט סאָלאָמאָנען אַוועקגיין און אַפֿילו נישט אַרײַנקומען צו מיר. דערנאָך וועט ער געפֿינען אַ פּוסטן תּירוץ פֿאַר מיר... איך קען גוט אָט די אָדעסער יונגע לײַט!

ציפּע האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען זי איז געווען אין אָדעס, האָט דער לערער גאָלדשמיד זי באַקאַנט מיט איניקע אָדעסער מיידלעך און זי האָט זיך געוווּנדערט, ווי זיי ריידן נאָר וועגן גימנאַזיעס און אוניווערסיטעטן, פּונקט ווי מאַנסבילן. קיין וואָרט האָט זי נישט פֿאַרשטאַנען פֿון זייערע אַלע רעדעס. אַליין זעען זיי אויס, נישט ווי מיידלעך דאַרפֿן אויסזען. דעם גאַנצן טאָג לויפֿן זיי אַרום מיט די ביכלעך און בײַ נאַכט לויפֿן זיי אין טעאַטער, אויף די אָפּערעס, ערגעץ אויף דער גאַליאָרקע, וווּ מען דאַרף קריכן אַ פּאָר הונדערט טרעפּ... מען עסט נישט קיין וועטשערע און די לעצטע צוואַנציק קאָפּיקעס גיט מען אַוועק פֿאַר אַ בילעט אין טעאַטער. איז בײַ ציפּען געבליבן, אַז אַזעלכע מיידלעך, וואָס טראַכטן שטענדיק צו ווערן דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן אָדער אַקושערקעס קענען קיין מאָל נישט געפֿעלן קיין יונגע לײַט אַזוי ווי זי, ציפּע, וואָס איז געזונט, שיין און שטענדיק עלעגאַנט געקליידט, און קען ליבן אַזוי שטאַרק, אַזוי שטאַרק...

---

39 גלעזערנע קרעלן.

אַזוי איבערליגנדיק גאַנצע טעג אויף דעם ווייכן, ברייטן דיוואַן, פֿלעגט זי אָפֿט זיך פֿרעגן:

— פֿאַר וואָס זשע קען איך נישט צובינדן צו זיך גאָלדשמידן? איך האָב דאָך אים אַזוי ליב... איך בין שענער פֿון די אָדעסער פֿרײַלינס, וועגן וועלכע גאָלדשמיד רעדט אַזוי אָפֿט... אָט דער שטאָלצער גאָלדשמיד מוז נאָך פֿאַר מײַנע פֿיס פֿאַלן, גלײַך ווי אַלע אַנדערע ייִנגלעך!

זי האָט זיך דערמאָנט אין סאָלאָמאָנען און זיך געפֿרעגט:

— ווו איז ער פֿאַרפֿאַלן געוואָרן? פֿאַר וואָס זע איך אים נישט? איך האַלט דאָך מיט אים שוין אויף אַ וועג...

די טיר פֿון דעם זאַל האָט זיך פּלוצלינג געעפֿנט און סאָלאָמאָן איז אומדערוואַרט אַרײַנגעקומען שטיל, ווי עפּעס דערשראָקן, ווי אַ מענטש וואָס באַשליסט זיך צום ערשטן מאָל אין לעבן טאָן אַ שלעכטע זאַך.

*

סיציליע, ר׳ יואל רידערסקיס טאָכטער, איז דערצויגן געוואָרן ווי אַלע זײַנע קינדער, איז געווען אָנגעלייענט און אַ מאָל אויך אין אַ געזעלשאַפֿט געקענט זאָגן אַ מיינונג איבער פֿאַרשיידענע זאַכן, און דאָס האָט זי געהאַט צו פֿאַרדאַנקען דעם אַלטן לערער שפּיצבוים.

שפּיצבוים איז שוין געווען אַן עלטערער מענטש, אַריבער די פּופֿציק, און אַ געבוירענער פֿון נעזווינק. ער קומט־אַרויס פֿון אַ גרויסער חסידישער פֿאַמיליע. זײַנע עלטערן האָבן אים חתונה געמאַכט צו פֿופֿצן יאָר. נאָך פֿון ייִנגלווײַז אָן האָט ער פֿיל געלערנט. אין דער צײַט, וואָס ער איז געזעסן בײַ שווער־און־שוויגער אויף קעסט, האָט ער נאָך מער געלערנט. זײַנע גוטע פֿרײַנד האָט ער ליב געהאַט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן צו דערציילן וועגן זײַן לעבן און איבער הויפּט ווי ער האָט חתונה געהאַט.

— דאָס, וואָס איך האָב גלערנט אין דער יוגנט אַזוי פֿלײַסיק תּלמוד, די העברעיִשע ליטעראַטור און בין אַ ביסל באַקאַנט געוואָרן

מיט די אײראָפּעיִשע קלאַסיקערס, האָב איך צו פֿאַרדאַנקען מײַנע עלטערן, וואָס האָבן מיך חתונה געמאַכט צו פֿופֿצן יאָר. ווײַל איך האָב בײַ מײַן שווער געהאַט עטלעכע יאָר אומזיסטע קעסט און אַ באַזונדער שטיבל, האָב איך געקענט געשמאַק לערנען און דאָס ווײַב האָט מיר נישט געשטערט. איך קען אײַך שווערן, אַז ערשט אין צוויי און דרײַ יאָר נאָך דער חתונה בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז איך האָב אַ ווײַב. די ערשטע צײַט האָט זיך מיר אויף מײַן ווײַב אַלץ אויסגעדאַכט, אַז עס דרייט זיך גלאַט אַרום אַ מיידל אין שטוב. זי פֿלעגט מיר געבן עסן צום טיש, פֿרײַטיק אַ ווײַס העמד מיט פֿיר גראָשן אין באָד אַרײַן. נאַטירלעך, האָב איך זי ליב געהאַט, ווײַל זי האָט געזאָרגט פֿאַר מיר.

ווען זײַנע קעסט האָבן זיך בײַם שווער געענדיקט, האָט ער געמוזט אַ ביסל אָוועקוואַרפֿן דאָס לערנען און פֿאַר זיך געמאַכט אַ געשעפֿט אין דעם קליינעם שטעטל, וווּ ער איז געווען אַן איידעם. זײַן ברויט האָט ער זיך געהאַט בשלום. ער האָט געאַרבעט און זײַן ווײַב האָט אים מיטגעהאָלפֿן. דאָס אַלץ איז מיט שפּיצבוימען געשען אין די אַלטע צײַטן, ווען אין די ייִדישע הײַזער זײַנען נאָך געווען פֿאַרמאַכט די לאָדנס, ווען אומעטום איז נאָך געווען פֿינצטער. די רוסיש־פּוילישע ייִדן זײַנען געגאַנגען פֿאַרבונדן די אויגן און ווער עס האָט נאָר געוואָלט האָט זיי אַרומגעפֿירט בײַ דער נאָז, און זיי זײַנען, ווי בלינדע, נאָכגעגאַנגען אויף אַלע בערג און טאָלן.

דער יונגער שפּיצבוים איז געווען איינער פֿון די ערשטע עטלעכע צענדלינג ייִדן, וואָס האָבן נישט געקוקט אויף די אַלטע רבנים — אויף די נאָזפֿירערס און האָבן זיך אַליין אויפֿגעבונדן די אויגן. ער האָט דערזען די ליכטיקע שײַן און אָנגעהויבן געניסן פֿון דער בילדונג פֿון הײַנטיקן יאָרהונדערט. אין שטעטל, וווּ ער האָט דעמאָלט געוווינט, איז ער געווען דער איינציקער ייִד, וואָס האָט אַזוי געדענקט, און דערפֿאַר געמוזט אַריבערטראָגן פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון אַלע זײַטן. נאָר ער האָט זיך געראַנגלט ווי אַ יונגער לייב און געבליבן וווינען אין שטעטל. נאָר אַ גרויס אומגליק האָט אים געטראָפֿן: זײַן

זיבניאָריק קינד, יוסף, האָבן די כאַפּערס אָפּגעגעבן פֿאַר אַ סאָלדאַט. אין יענע צײַטן, ווען מען פֿלעגט נעמען פֿאַר סאָלדאַטן קליינע ייִדישע קינדער, פֿלעגן די כאַפּערס נאָכשפּירן אַ ייִדיש אַפּיקורסיש קינד און עס אַוועקגעגעבן פֿאַר אַ סאָלדאַט. די דאָזיקע לײַט האָבן בײַ שפּיצבוימען אַוועקגערויבט זײַן איינציק קינד. די אומגליקלעכע מוטער איז באַלד פֿון גרויס ווייטיק קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן, און האָט איר מאַן איבערגעלאָזט מיט אַ זויגעדיק קינד, וואָס האָט לאַנג נישט געקענט לעבן און איז אויך באַלד געשטאָרבן. שפּיצבוים איז געבליבן אַליין, עלנט ווי אַ שטיין, צווישן וועלף. דער יונגער לייב שפּיצבוים האָט אין דעם ראַנגלען זיך מיט די ווילדע חיות צו לעצט אָנגעווירן זײַן ענערגיע און זײַן שטאַרקייט. ער האָט נאָר געקלאָגט אויף זײַן ווײַב און קינדער, וואָס ער האָט אין אַזאַ קורצער צײַט פֿאַרלוירן. דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, מיט אַ טרויעריקן, פֿאַרווייניטן פּנים, האָט ער פֿאַרלאָזט דאָס שטעטל און איז אַוועקגעפֿאָרן אין זײַן געבורטשטאָט נעזווינק. זײַנע עלטערן האָט ער שוין נישט געפֿונען. זיי זײַנען אין דער צײַט געשטאָרבן. קיין פֿאַרמעגן האָט ער שוין נישט געהאַט. בײַ אַזוינע גרויסע אומגליקן האָט ער אַלץ פֿאַרלוירן. חתונה האָבן האָט שפּיצבוים זיך נישט געקענט באַשליסן. ער האָט זיך ווידער מיט אַ שטאַרקן פֿלייס גענומען צום לייענען און לערנען, און דאָס איז געווען בײַ אים אַ טרייסט צו זײַנע אומגליקן. ער האָט זיך נאָך געטרייסט מיט דער האָפֿענונג, אַז ער וועט נאָך אַ מאָל זען זײַן זון יוסף. אָבער עס זײַנען שוין אַוועקגעגאַנגען עטלעכע און צוואַנציק יאָר און ער האָט זײַן זון נישט געזען.

צוריק מיט אַ יאָר דרײַסיק האָבן נאָך די נעזווינקער ייִדן נישט געוווּסט און נישט פֿאַרשטאַנען צו לערנען עפּעס אַנדערש זייערע קינדער חוץ גמרא און תורה. שפּיצבוים האָט זיי דער ערשטער געוויזן, אַז עס איז נייטיק די קינדער צו לערנען וועלטזאַכן און שפּראַכן. ער איז געווען אַ לערער און מען האָט אים אין שטאָט גערופֿן דער רוסישער לערער. דער ערשטער, וואָס האָט באַשלאָסן צו לאָזן לערנען זײַנע קינדער, איז געווען ר' שלום רויטמאַן, בשעת ער איז נאָך

אין נעזווינק געווען אַ קרעמער. ער האָט געלאָזט בײַ שפּיצבוימען לערנען זײַנע קינדער, חיים מיט חווהן. ווען פֿאַני אסתּרקע איז נאָך געווען אַ מיידל, האָט זי זיך בײַ אים אויך געלערנט. גאָלדשמיד איז אויך געווען זײַן תּלמיד, נאָך איידער ער איז אַוועק שטודירן אין דער ראַבינער־שול. ר׳ יואל רידערסקיס קינדער און ציפּע האָבן אויך אַמאָל גענומען לעקציעס בײַ שפּיצבוימען. געבילדעטע רוסן האָבן ליב געהאַט מיט אים צו ריידן און פֿלעגן מיט פֿאַרגעניגן אויסהערן זײַנע מיינונגען וועגן ביכער און וויסנשאַפֿט, גלײַך עס וואָלט געזעסן פֿאַר זיי אַ פּראָפֿעסאָר פֿון דער אוניווערסיטעט. אַז זיי האָבן עפּעס נישט פֿאַרשטאַנען, זײַנען זיי געקומען צו שפּיצבוימען און ער האָט זיי אויף זײַן צעבראָכענעם רוסיש אַלץ דערקלערט און אַלץ געגעבן צו פֿאַרשטיין. דער נײַער לערער גאָלדשמיד און דאָקטער פֿרידמאַן האָבן אים ליב געהאַט און אויף אים שטאַרק כּבֿוד געלייגט. אַפֿילו די חסידים און די מתנגדים האָבן אים גערן געהאַט, ווײַל ער אַליין האָט יעדן ליב געהאַט און אין זײַן לעבן קיין עוולה נישט געטאָן. ער האָט אויף אַלע מענטשן געקוקט נאָר מיט גוטע אויגן און האָט אויף יעדן מלמד־זכות געווען. מען דאַרף יעדן ליב האָבן — האָט ער געפּרוווט אײַנפֿלאַנצן אין זײַנע תּלמידים מיט וועלכע ער פֿלעגט אָפֿט שפּילן. ער פֿלעגט געבן צו פֿאַרשטיין אויף פּראָסט ייִדיש, עס האָט געמעגט זײַן אַ פֿילאָסאָפֿיש אָדער אַן אַנדער וויסנשאַפֿטלעך בוך. מיט שפּיצבוימען האָט עס סיציליע און אַ טייל פֿון זײַנע תּלמידים געקענט אַ מאָל ריידן וועגן וויכטיקע, ערנסטע זאַכן. דערפֿאַר טאַקע האָט זי געקענט גלייבן, אַז זי קען זיכער געפֿעלן גאָלדשמידן פּונקט ווי די אָדעסער געבילדעטע פֿרײַלינס, וואָס גייען אויף קורסן אָדער ווילן ענדיקן אויף דאָקטער.

## די שיינע גאָלדענע העפּטעריין

סיציליע האָט אַ סך נישט פֿאַרשטאַנען פֿון דעם, וואָס שפּיצבוים האָט איר דערקלערט. זי האָט נאָר דאָס אָפּגעלערנט, וואָס זי האָט

ליב געהאַט, און טאַקע ווײַטער געלעבט נאָך איר אייגענעם פֿאַרשטאַנד. איר העכסטער ווּנטש איז געווען צוציִען צו זיך יונגע לײַט. זי האָט געטאָן אַלץ, וואָס אַ יונג מיידל קען נאָר טאָן, יענעם געפֿעלן, און קיין חילוק נישט געמאַכט צווישן אַ געבילדעטן און אַ פּראָסטן, צווישן אַ יונגן מאַן און איינעם פֿון מיטעלע יאָרן. בײַ איר איז רעכט געווען אַפֿילו אַ ייִנגל. און ווי באַלד דאָס איז איר געלונגען, און יענער האָט זיך שוין אין איר פֿאַרליבט, האָט זי זיך שוין מיט דעם אומגליקלעכן געשפּילט ווי אַ קאַץ מיט אַ מײַזל... נאָר ווי באַלד יענער האָט דערקענט איר פֿאַלשקייט און זיך אָנגעהויבן דערווײַטערן פֿון איר, האָט זי אים ווידער אָנגעהויבן חנפֿענען, צו ווײַזן ליבשאַפֿט, אים אַזוי ליבלעך צו באַהאַנדלען, ביז ער איז ווידער אַרײַנגעפֿאַלן אין אירע הענט. אין איין צײַט האָט זי זיך געקענט סטאַרען צו געפֿעלן גאָלדשמידן, וועלכער האָט געענדיקט אוניווערסיטעט, און איר פֿאָטערס שטוב־משרת, וועלכער האָט אויסגעצייכנט גוט געווישט די גלעזער און פֿאַרמאָגט אַ פּאָר גלאַנציקע רויטע באַקן מיט אַ שיינעם שרונט אויפֿן קאָפּ, און אויך סאָלאָמאָנען, וועלכער איז געווען אַ יונג, אומשולדיק קינד, אַ פּראָסט דאָרפֿיש ייִנגל, וואָס האָט פֿון קיין שום שטאָטישע חכמות נישט געוווּסט.

צוריק מיט אַ יאָר דרײַ, ווען איר פֿאָטער האָט זי מיטגענומען קיין אָדעס אויף צוויי חדשים, האָט ער געבעטן גאָלדשמידן, ער זאָל מיט איר אומעטום גיין, איר ווײַזן די שטאָט, דעם בולוואַר, דעם שטאָטישן גאָרטן, ווײַל ער אַליין האָט קיין צײַט נישט. גאָלדשמיד איז נאָך געווען אַ סטודענט פֿון אָדעסער אוניווערסיטעט. עס איז געווען זומערצײַט. אין אוניווערסיטעט האָט מען נישט געלערנט. איז ער צופֿרידן געווען צו פֿאַרברענגען פֿריילעך די צײַט. ער איז מיט סיציליען אויסגעווען אין אַלע טעאַטערס, אויף דאַטשעס, אין שטאָטגאָרטן, אויף דעם „גרויסן און קליינעם פֿאָנטאַן“. ער האָט זי באַקענט מיט עטלעכע פֿרײַנד און האָט איר יעדע זאַך דערקלערט. און כאָטש סיציליע האָט פֿײַנט געהאַט יענעם צו לאָזן ריידן, זי האָט

געוואָלט אַליין ריידן, פֿון דעסט וועגן האָט זי גאָלדשמידס רייד מיט פֿאַרגעניגן אויסגעהערט.

ווען זי איז צוריקגעקומען קיין נעזווינק, האָט זי ערשט דעמאָלט באַמערקט, אַז איר האַרץ איז אין גאַנצן געבליבן אין אָדעס ביי גאָלדשמידן. זי האָט פֿון גאָלדשמידן קיין שום ידיעה נישט געהאַט, צי ווייסט ער, אַז איר האַרץ איז ביי אים... אַ לאַנגע צייט האָט זי זיך געפּלאָגט און ערשט דעמאָלט אָנגעהויבן פֿאַרשטיין, ווי אומגליקלעך דער קלויזניק, דאָס פֿערצן יאָריקע יינגל איז געווען, ווען זי האָט אים דעם קאָפּ פֿאַרדרייט און דערנאָך אים באַהאַנדלט ווי אַ הינטל. זי אַליין האָט אָנגעהויבן ליידן ווי דאָס אומגליקלעכע יינגל האָט אַמאָל געליטן. מיט דער צייט האָט זי אָנגעהויבן צו ביסלעך פֿאַרגעסן אין גאָלדשמידן, נאָר זינט ער איז אומגעריכט אַראָפּגעקומען אין נעזווינק און זיך דאָ באַזעצט פֿאַר אַ לערער האָט זיך אין איר דאָס פֿריערדיקע פֿייער נאָך מער אויפֿגעבלאָזן. עס איז איר זייער שווער געווען זיך צו זען מיט אים אָפֿט, ווייל ער איז טאָג ווי נאַכט געווען פֿאַרנומען מיט תּלמידים. נעמען ביי אים לעקציעס, ווערן זיינע אַ שילערין, כּדי אים צו קענען אָפֿט זען, האָט איר נישט געפּאַסט, ווייל ביי דער וועלט און ביי אירע עלטערן האָט זי שוין געהייסן אַן איבערגעוואַקסן מיידל, וועמען ס'פּאַסט שוין נישט צו לערנען ביי אַ לערער, בפֿרט נאָך אַ יונגער מאַן. נאָר זינט סאָלאָמאָן איז אָנגעקומען צו זיי אין הויז און מ'האָט אים צוגענומען גאָלדשמידן פֿאַר אַ לערער האָט זיך פֿאַר סיציליען אָנגעהויבן גאָר אַ נייע, ליכטיקע וועלט, מיט גרויסע האָפֿענונגען: זי פֿלעגט שוין גאָלדשמידן זען און ריידן מיט אים אַלע טאָג. זי האָט באַנוצט אַלע אירע טאַלאַנטן, פֿון אַ מיידל אַ קאָקעטקע. זי האָט זיך פֿון מאָל צו מאָל שענער אָנגעטאָן און זיך געזעצט אין זאַל צווישן די בלומענטעפּ, וועלכע זיינען באַלויכטן געוואָרן פֿון אַ לאָמפּ מיט אַ בלויען אַבאַזשור, און פֿלעגט שפּילן די ראָלע פֿון אַ פֿאַרטראַכטן, ערנסטן מענטשן.

גאָלדשמיד איז געווען זייער קאַלט צו איר, פֿלעגט זיך שטענדיק פֿאַרענטפֿערן, אַז ער איז באַשעפֿטיקט, אַז אַן אַנדער מאָל, ביי אַ

פֿרײַערער צײַט, וועט ער מיט איר פֿאַרברענגען. נאָר די פֿרײַע צײַט איז זעלטן געקומען. סיציליע האָט פֿאַרשטאַנען, אַז גאָלדשמיד ווײַכט זי אויס. האָט זי אים געגומען פֿײַנד האָבן און זייער געוואָלט זיך אין אים נוקם זײַן, אים זען אין אַן אומגליקלעכער לאַגע...

אַז סאָלאָמאָן איז אָנגעקומען צו זײַן פֿעטער יואל רידערסקי אין הויז, זײַנען אים, ווי אַ דאָרפֿיִנגל, זייער געפֿעלן געוואָרן סיציליעס רויטע, עלעגאַנטע קליידער, אירע שיינע שיכלעך, איר טאַליע און בכלל איר קאָקעטירן, וואָס ער האָט געזען דאָס ערשטע מאָל בײַ אַ מיידל, נאָר ער האָט דערפֿון מיט סיציליע קיין מאָל נישט גערעדט. ער האָט זיך געשעמט. זײַן בעסטן פֿרײַנד און לערער האָט ער יאָ געמוזט דערציילן. גאָלדשמידס אויגן האָבן דאָס באַמערקט און ער האָט געזוכט זײַן שילער דערפֿון אַראָפּצופֿירן. עס איז אָבער געווען אומזיסט. סאָלאָמאָן איז צופֿרידן געווען, וואָס ער איז שטענדיק מיט סיציליען אין איין הויז, האַלט זי בײַ דער האַנט און רעדט מיט איר, ווען ער וויל. און ווער שמועסט, אַז סיציליע פֿלעגט זיך שפּילן מיט זײַן בלאָנדן קאָפּ האָר, איז ער גאָר געווען דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט. דערפֿאַר טאַקע געפֿינט ער זיך שוין מער ווי אַ יאָר אין נעזווינק, און וויפֿל זײַן פֿאָטער האָט זיך געפּרוווט אים צוריק־נעמען קיין סטעפּקיווקע, האָט זיך סאָלאָמאָן אויסגעדרייט מיט כּל־ערליי תּירוצים, אַז ער מוז נאָך לערנען. דערצו האָט אים זײַן מוטער אין דעם מיטגעהאָלפֿן, אַז ער זאָל נאָך לערנען אין נעזווינק. נאָר צוליב זײַן באָבען, וואָס פֿלעגט פֿאָדערן, ער זאָל זיך כאָטש אָפּט דורכפֿאָרן קיין סטעפּקיווקע, פֿלעגט ער איר צוליב טאָן און אַ מאָל אין אַ יובֿל פֿאָרן אויף שבת. אין דער לעצטער צײַט איז ער שוין גאָר נישט געפֿאָרן. און רחלען האָט ער עפּעס ווי פֿאַרגעסן. זי פֿלעגט אָפּט גאָר נישט וויסן, ווען ער איז געקומען אין סטעפּקיווקע און ווען ער איז אַוועקגעפֿאָרן, ווײַל זי איז שטענדיק געווען פֿאַרנומען מיט איר אַרבעט. אפֿשר האָט זי אים יאָ אַ מאָל געזען אין דער קאַרעטע פֿאַרבײַפֿאָרן, אָנגעטאָן שטעטיש־פּריציש, און זי האָט נאָר מיט טרויעריק אײַנגעפֿאַלענע אויגן, אָן ווערטער, אים נאָכגעקוקט

ביז די קאַרעטע איז גאַנץ ווײַט אַוועקגעפאָרן און זי איז זיך ווײַטער געגאַנגען צו איר שטענדיקער אַרבעט.

אין דער לעצטער צײַט, זינט סיציליע האָט אָנגעהויבן שטאַרק צולאָזן זיך צו אים, האָט סאָלאָמאָן מער נישט געקענט אַריבערטראָגן און באַשלאָסן איר זאָגן: „סיציליע, מיר זײַנען גליקלעך. מיר האָבן זיך ביידע ליב!“... באַשלאָסן איר דאָס הײַנט־מאָרגן זאָגן און דערי־בער טאַקע שוואַכער ווי שטענדיק געלערנט די לעקציע. און אַז גאָלדשמיד איז אַוועקגעגאַנגען, האָט סאָלאָמאָן אָנגעהויבן שפּאַנען איבער זײַן צימער הין און צוריק און גערעדט צו זיך:

— איך קען מער ניט שווײַגן. איך מוז איר זאָגן. און וואָס דאַרף איך מיך שעמען? איך בין שוין נישט קיין קינד און איך האָב זי ליב.

סאָלאָמאָן איז אַרויסגעגאַנגען פון זײַן שלאָפצימער, דורכגע־גאַנגען עטלעכע צימערן און שטיל געעפנט די טיר פון דעם זאַל, וווּ סיציליע איז געלעגן אויסגעצויגן אויף איר ברייטן, ווייכן דיוואַן, אָנגעטאָן אין אַ ראָז באַטיסטענעם קלייד מיט ברייטע אַרבל.

— אָ, סאָלאָמאָן! — האָט זי פריילעך אויסגערופן — גאָלדשמיד איז שוין אַוועקגעגאַנגען?

— יאָ. ער האָט נאָר וואָס אָפּגעלערנט מיט מיר.

— נו, זעץ דיך און דערצייל, וואָס האָט גאָלדשמיד עפּעס דער־ציילט פון דעם נעכטיקן אָוונט בײַ דעם דאָקטער פרידמאַן?

— ער האָט מיר גאָר נישט דערציילט. ער האָט אָפּגעלערנט און איז אַוועקגעגאַנגען.

— שוין אַוועקגעגאַנגען? — האָט זי געפרעגט און שטיל צו זיך האָט זי גאָלדשמידן אָנגערופן „מערדער!“ — נאָר פאַר וואָס זעצסטו זיך נישט?

סאָלאָמאָנען האָט איצט זייער באַנג געטאָן, וואָס ער איז אַרײַנ־געגאַנגען צו סיציליען. די ווערטער, וואָס ער האָט איר געוואָלט זאָגן, זײַנען אים געלעגן אויף דער צונג, און ער האָט נישט געוווּסט ווי

אַזוי אָנצוהייבן. ער האָט געוואָלט אַוועקגיין, נאָר סיציליע האָט אים אויפֿגעהאַלטן:

— זיץ, סאָלאָמאָן!

— ניין, איך וויל איצט גיין אין גאַס.

— אײַ, סאָלאָמאָן, עפּעס גייסטו מיר אַרום אין דער לעצטער צײַט מיט אַ פֿאַרדרייטער נאָז...

— איך?

— יאָ, פֿון דער צײַט אָן, זינט די מומע האָט דיך געבראַכט צו אונדז, ביסטו שטענדיק מיט מיר. נאָר אין דער לעצטער צײַט, ווען דו הייבסט נאָר אָן מיט מיר צו ריידן, גייסטו באַלד אַוועק און האָסט שטענדיק קיין צײַט נישט.

זי האָט אים מיט בײדע הענט אַנידערגעזעצט אויף דעם דיוואַן נעבן זיך און מיט אַ געלעכטערל געקוקט אים גלײַך אין די אויגן. זי האָט געמיינט, אַז ער וועט אויך אָנהייבן צו לאַכן, אָבער ער איז געוואָרן טרויעריקער און טרערן האָבן זיך פּלוצלינג אָנגעהויבן צו גיסן פֿון זײַנע אויגן.

— וואָס איז, סאָלאָמאָן? זאָג, וואָס איז מיט דיר?

— סיציליע! ווייסטו דען נישט? איך דאַרף דען דיר זאָגן?

— ווער, איך? איך? — האָט זי זיך שטיל צעלאַכט, נאָר ווי שטיל דאָס געלעכטער איז געווען, האָט עס געקלונגען ווי אַ זילבערן גלעקל איבער דעם זאַל — איך ווייס גאָר נישט!

— גאָר נישט? דו ווייסט גאָר נישט? — האָט סאָלאָמאָן שטיל איבערגעפֿרעגט און פֿאַרשטאַנען, ווי אומגליקלעך ער איז, וואָס ער האָט זי ליב. נאָר אין דעם אויגנבליק האָט ער דערזען אירע שוואַרצע אויגן, אירע לאַנגע האָר, אירע הענט, די טאַליע... זי איז איצט בײַ אים אין די אויגן געווען שיין, שענער ווי תּמיד און פֿון אַלץ אויף דער וועלט. ער האָט זי שטאַרק אָנגענומען בײַ די הענט און נאָך אַ מאָל איבערגעפֿרעגט, ווי איינער וואָס בעט זיך בײַ אַ גזלן:

— סיציליע, דו ווייסט גאָר נישט?

— גאַנץ באַשטימט גאָר נישט, סאָלאָמאָן. איך פאַרשטיי נישט קיין טערקישע ווערטער. רייד מיט מיר, איך זאָל פאַרשטיין.

— דו ווילסט, ציפּע, איך זאָל דיר אַליין זאָגן, אַז איך, אומ־גליקלעכער, האָב דיך ליב... ליב מיט מײַן גאַנצן לעבן, מיט דעם גאַנצן האַרצן... אַזוי ווילסטו? נו, טו איך דיר צוליב און וועל דיר זאָגן: ווייס, ציפּע, אַז איך בין שוין לאַנג דײַן קנעכט... קעגן דיר האָב איך נישט קיין ווילן און בין גרייט אויף אַלץ, נאָר...

מיט די לעצטע ווערטער האָט ער אָנגעכאַפּט אירע בײדע הענט, זיי צוגעדריקט צו די ליפּן און לאַנג, הייס געקושט.

בײַ ציפּען האָבן די שוואַרצע אויגן זיך אָנגעצונדן פון גרויס נצחון און זיי זײַנען איצט געווען נאָך שענער. סאָלאָמאָן האָט געפילט, אַז אירע אויגן פאַרברענען אים. ציפּע האָט אַרויסגעריסן פון אים איין האַנט און געגלעט זײַ קאָפּ האָר. אַ צײַט זײַנען זיי אַזוי געזעסן אויף דעם ווייכן דיוואַן און געשוויגן. סאָלאָמאָן האָט נישט אָפּגעריסן זײַנע אויגן פון איר און איבער ציפּעס געזיכט האָט געשוועבט אַ נצחונדיקער שמייכל.

— אַזוי גאָר! — סיציליע האָט זיך צעלאַכט און אים געהאָלפן אויפשטיין, אַנידערגעזעצט נעבן זיך, אים אָנגעהויבן מיט די קליינע הענטלעך גלעטן זײַנע בלאָנדע האָר און דערנאָך זיך אָנגעשפּאַרט אויף זײַן אַקסל.

— סאָלאָמאָן... ווי גוט איז אונדז בײדע... — האָט זי געזאָגט און אים געקוקט גלײַך אין די אויגן. נאָר סאָלאָמאָן האָט איר גאָר נישט געענטפערט. זײַנע אויגן זײַנען אַריבערגעגאַנגען פון איין זאַך אויף דער אַנדערער. ער האָט צוגעטוליעט זײַן קאָפּ צו אירן און געבליבן זיצן מיד, אָן ווערטער.

די זון פון דעם פענצטער איז דערווײַל אַוועקגעגאַנגען. סיציליע האָט אַ צי געטאָן דאָס שנירל פון פאָרהאַנג און ער האָט זיך אויפ־געהויבן. זי האָט אויפגעעפנט דאָס פענצטער און די לאָדנס האָבן זיך מיט רעש אַליין געעפנט. סיציליע האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון פענצטער, געשעפּט פרישע לופט און מיט אַ ווײַס־זײַדן טיכעלע

געפּאַכעט איבער סאָלאָמאָנס קאָפּ. אין דער מינוט האָט זיך געעפנט די פאָדערשטע טיר פון זאַל און ס׳איז אַרײַנגעקומען די שיינע העפּטערין מיט אַ שטרויען קוישל אין דער לינקער האַנט און מיט אַ פּאַראַסאָלעכל אין דער רעכטער האַנט. סאָלאָמאָן האָט זיך מיט איר באַגריסט, דערלאַנגט איר די האַנט, און סיציליע האָט זיך דע־רויף אומגעקוקט.

— גאָט העלף אײַך, סיציליע! איך האָב אײַך געבראַכט אײַערע נײַע שיכלעך.

די שיינע העפּטערין האָט אין אײַלעניש אַרויסגענומען אַ ווײַס טיכל, זיך אָפּגעווישט ס׳פּנים און דעם האַלדז פונעם שווייס, און אַרויסגענומען די שיכלעך פון דעם קוישל, ווו זיי זײַנען געלעגן מיט נאָך אַרבעטן. זי האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, נאָר סיציליע האָט זיך אָנגערופן:

— וואַרט אויס, איך וויל אָנקוקן, צי זיי זײַנען שיין אויס־געהאָפטן.

— שיין, שיין ווי גאָלד, אַזוי ווי איר האָט אַליין געוואָלט. די מוסטערן זײַנען נאָך דער לעצטער מאָדע.

— אָט, נעבן די פינף ווײַסע ביסערלעך וואָלט איך געוואָלט, עס זאָל נאָך זײַן אויסגעהאָפטן אַ קליין שטערנדל פון דרײַ רויטע ביסערלעך.

— נו, גוט, איך וועל זיי צוריקנעמען און ביז מאָרגן וועל איך עס נאָך פאַרטיק מאַכן. נאָר פאַר וואָס האָט איר מיר פריִער נישט געזאָגט, וואָלט איך פאַרשפּאָרט אומזיסטע אַרבעט?

— איך האָב פאַרגעסן אײַך צו זאָגן, איר זײַט דאָך אַ העפּ־טערין, דאַרפט איר אַליין וויסן, ווי אַזוי מען נייט הײַנט אויס נאָך דער לעצטער מאָדע. פאַרגעסט זשע נישט, אָט דאָ, אין ווינקל, נאָך אויסצושטיקן אַ צווײַגעלע.

— נו, גוט. טאָמער האָט איר נאָך עפּעס צו זאָגן, וועל איך שוין אויף מאָרגן אַלץ אין איינעם מאַכן. אַ גוטן טאָג אײַך, סיציליע!

זי האָט זיך אויך געזעגנט מיט סאָלאָמאָנען און דערבײַ אים געזאָגט בײַם געבן אים די האַנט:

— פֿאַרגעסט נישט, אַז איר דאַרפֿט הײַנטיקן אָוונט זײַן בײַ אונדז. איך מיט גאָלדשמידן וועלן אויף אײַך וואַרטן.

ציפּע האָט אירע ברענענדיקע אויגן אָפּגעשטעלט אויף סאָלאָ־מאָנען און נאָך דער העפּטערינס אַוועקגיין גענומען אויספֿרעגן:

— זאָג מיר נאָר, סאָלאָמאָן, ווי קומסטו צו האָבן מיט דער „נייטאָרין" אַזאַ באַקאַנטשאַפֿט און נאָך וואַגן פֿאַר מײַנע אויגן זיך באַגריסן מיט איר און דריקן איר האַנט? דו פֿאַרגעסט ,אַז דו ביסט חיים רויטמאַנס אַ זון און ר' יואל רידערסקיס אַ פּלימעניק? און וואָס באַטײַט דאָס, וואָס זי האָט געהאַט די חוצפּה צו זאָגן פֿאַר מיר, אַז זי מיט גאָלדשמידן וועלן וואַרטן אויף דיר הײַנט פֿאַר נאַכט? אָט די עזותדיקע נייטאָרין וועט שוין דאָס צווייטע מאָל בײַ מיר קיין אַרבעט נישט באַקומען! און דו, נו, וואָס שווײַגסטו, סאָלאָמאָן? זאָג מיר, ווי אַזוי זאָל איך דאָס פֿאַרשטיין?

— איך שווײַג גאָר נישט, איך וווּנדער מיך אויף דיר, וואָס דו פֿרעגסט מיך, ווי עס קומט, איך זאָל זײַן באַקאַנט מיט איר? דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך האָב ליב גאָלדשמידן און לעב מיט אים ווי צוויי ברידער. נו, און די שיינע העפּטערין איז גאָלדשמידס כלה. הײַנט, ווי אַזוי זאָל איך מיט איר ניט זײַן באַקאַנט?

— וואָס רעדסטו, משוגענער? — האָט זי נישט מיט איר קול אָנגעהויבן שרײַען פֿון אויפֿרעגונג און אָנגעכאַפּט סאָלאָמאָנען בײַ דער האַנט.

סאָלאָמאָן האָט זיך פֿאַר איר געשריי ווי דערשראָקן און נישט געענטפֿערט.

— וואָס רעדסטו? — האָט זי ווײַטער געשרײַען.

— יאָ, די שיינע העפּטערין, גאָלדע, איז טאַקע גאָלדשמידס כלה, און עס דאַרף באַלד זײַן בײַ זיי חתונה... — האָט סאָלאָמאָן זיך אָנגערופֿן.

— ווער, וואָס? אָט דאָס מיידל? אָט די נייטאָרין? אָט די פּראָס־

טע זאָך, וואָס אַרבעט פֿאַר מיר? סאָלאָמאָן, היינט אין אָונט זאָלסטו מיר שיקן גאָלדשמידן! זאָלסט אים גאָר ניט זאָגן, נאָר קומען מיט אים! דו הערסט, סאָלאָמאָן? זאָלסט אים שיקן... אוי, איך וועל דאָס גאָר נישט אַריבערטראָגן! אַזאַ שאַנדע איז אויף דער גאַנצער וועלט נישט פֿאָרגעקומען...

סיציליע איז געפֿאַלן אין חלשות. פֿון דער שטוב איז מען זיך צונויפֿגעלאָפֿן און מ'האָט זי דערמינטערט. ווען זי האָט געעפֿנט די אויגן, האָט זי געזאָגט

— איך וויל זיין אַליין... נאָר סאָלאָמאָן זאָל בלייבן...

אַלע זיינען זיך צעגאַנגען. באַלד דערנאָך האָט זי סאָלאָמאָנען אַוועקגעשיקט, ער זאָל ברענגען גאָלדשמידן, און סיציליע איז גע־בליבן וואַרטן. זי איז געלעגן אויסגעצויגן אויפֿן דיוואַן. דאָס גע־לעגער האָט אונטער איר געברענט, פֿון גרויס פֿאַרדראָס און ווייטיק. די אויגן האָט זי אָנגעשטרענגט אויף דער טיר און געוואַרט, זי זאָל זיך עפֿענען און גאָלדשמיד זאָל אַריינקומען. יעדע מינוט איז ביי איר איצט געווען אַ יאָר.

די זון האָט שוין דעם לעצטן קוק געטאָן אויף דער שטאָט נעזווינק, ווי אַ גנבֿ זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט הינטער די ביימער אָהן זיך ערגעץ באַהאַלטן, גלייך ווי זי וואָלט געוווסט, ווי זי האָט עס דעם טאָג יעדן דערעסן מיט אירע ברענענדיקע שטראַלן.

קליינע קינדער גייענדיק פֿון חדר, האָבן געזונגען:

גאָט, גאָט! גיב אַ רעגן
פֿאַר די קליינע קינדערס וועגן.
פֿאַר די קליינע קינדער פֿאַפֿע —
דו, גאָט, ביסט דאָך אונדזער טאַטע!
אַלע לאָדנס צוגעמאַכט.
גיב אַ רעגן אויף דער נאַכט!

די שיינע העפֿטערין האָט שוין אַוועקגעלייגט איר אַרבעט און געזעסן אין דרויסן נעבן דעם איינציקן ביימל, וואָס קיינער געדענקט נישט ווער האָט עס אַמאָל געפֿלאַנצט, און געקוקט אין דער זייט,

פֿון וואַנען זי האָט געוואַרט, אַז אַבֿרהם גאָלדשמיד זאָל אָנקומען. זיי האָבן נעכטן אָפּגעשמועסט, אַז הייַנטיקן אָוונט זאָלן זיי זיך צוזאַמענקומען, אויך האָט באַדאַרפֿט קומען סאָלאָמאָן און דער פֿעטער האָט אויך געזאָגט, אַז ער וועט קומען. מען דאַרף פֿון עפּעס וויכטיקס ריידן.

אַבֿרהם גאָלדשמיד איז אַמאָל געווען פֿון דער סאַדיגורער גרויסער קלויז, ווו עס לערנען אַלע אָרעמע יינגלעך, פֿאַר וועלכע די עלטערן זייַנען נישט אין שטאַנד צו צאָלן מלמדים. אין קלויז פֿאַרברענגען די קינדער כּמעט אָן שום השגחה. ווען מ׳דאַוונט, קען מען דאָך נישט לערנען, דרייט מען זיך אַזוי אַרום, מ׳שלאָגט זיך אַ ביסל, מ׳טוט־אָפּ שפּיצלעך די אַלטע ייִדן, מ׳בינדט־צונויף די ציצית, מען מאַכט אַ פֿאָנפֿע [40] די פֿאַרשלאָפֿענע, מען מאַכט אַ ווייַנשל [41] דעם חזן גלייַך אין פּנים, פּונקט דאַן ווען ער פֿאַרקאַטשעט זיך עפּעס צו זינגען; מען פֿאָלגט אַ גאַנג די באַלעבאַטים אָדער יונגע לייַט און מיידלעך, ווען זיי גיבן צוויי גראָשן אויף רעטשענע פּלעצלעך פֿאַר דעם וועג. אַבי ייִדישע קינדער גייען נישט אַרום ליידיק. נאָך מיטאָג, ווען די גרויסע בחורים מיט די איידעמלעך קומען זיך צונויף אין קלויז אַרייַן לערנען, זעצן זיך די קלויזיינגלעך אויך לערנען, און וואָס זיי ווייסן נישט, פֿרעגן זיי בייַ די גרויסע בחורים און בייַ די איידעמלעך, וועלכע דערקלערן זיי די האַרבע שטיקלעך מיט אַ פּאַטש אין דער באַק און מיט אַ צי בייַ דער פּיאה. אַזוי ווערט בייַטאָג אין קלויז אַ לערנערייַ מיט אַ שרייַערייַ, אַ געזינגערייַ מיט אַ גמרא־ניגון אויף אַ שעה. דערנאָך צעשיקן טאַקע די גרויסע בחורים און די איידעמלעך די קליינע קינדער איבער די מערק צווישן די פּשעקופּקעס [42], זיי זאָלן ביליק אייַנהאַנדלען קאַווענעס, דיניעס, פֿלוימען, באַרן און פֿאַר זייער טרחה באַקומען זיי צו שטיקלעך. אַ מאָל,

[40] קיצלען אין נאָז, אַז דער שלאָפֿנדיקער זאָל אָנהייבן פּאַנפּען. — [41] אַרויסשטעלן אָנגעבלאָזענע ליפּן ווי קאַרשן. — [42] איבערפּאַרקויפּערינס.

אַז יאַכצי די מלמדקע האָט געבראַכט הייסע געקאָכטע פּשעניטש־קעס [43] אין קלויז אַרײַן צו צוויי גראָשן אַ שטיק, איז גאָר געווען אַ שׂמחה. די אײדעמלעך און די גרויסע בחורים האָבן געקויפֿט און געגעסן פּשעניטשקעס און די קלײנע ייִנגלעך האָבן געכאַפּט די אָפּגעגריזשעטע קאָטשאַנעס [44] און זיך מיט זיי געוואָרפֿן און געשלאָגן. דערווײַל איז שוין געוואָרן מנחה־צײַט. הײַנט איז דאָך זומער, עס איז דאָ אַ טײַך, וווּ מען קען שווימען און פּליושקען זיך, און אויך ציגן, אויף וועלכע מען קען פֿאָרן רײַטנדיק. דערווײַל ווערט שוין נאַכט, און אויף דער נאַכט האָט מען אַ מאָל געשפּילט און אַ מאָל געשלאָפֿן. ווינטער האָט מען אויך אַזוי צוגעבראַכט די צײַט, נאָר אָנשטאָט זיך פּליושקען אין טײַך און פֿאָרן רײַטנדיק אויף ציגן, האָט מען די לאַנגע נעכט געבראָטן קאַרטאָפֿליעס אין דער כאַטקע נעבן קלויז, וווּ דער אונטער־שמשׂ וווינט, און אַז יאַכצי די מלמדקע אָדער איר מײדל האָבן געבראַכט דאַרע רעטשענע פּלעצעלעך מיט מאָן און הייסע אַרבעס, איז דאַן גאָר געווען אַ שׂמחה אין קלויז. די גרויסע בחורים און די אײדעמלעך האָבן געקויפֿט און ווער פֿון די קלויז־ייִנגלעך האָט מיט דעם שטערן צעבראָכן אַ פּלעצל פּונקט אויף העלפֿט, דער האָט באַקומען דאָס פּלעצל מיט אַ האַלב גלאָז אַרבעס. עס פֿלעגט זיך אָפֿט דערמיט ענדיקן, אַז אַ פּאָר ייִנגלעך האָבן זיך אַזוי אָנגעגעסן מיט פּלעצלעך און אַרבעס, אַז זיי זײַנען שיִער צעזעצט געוואָרן. דרײַסיק ייִנגלעך זײַנען געשטאַנען מיט בלויע בײַלן אויף די שטערנס, מיט וועלכע זיי צעקלאַפּן דאַרע פּלעצלעך, נאָר עס איז פֿאָרט געווען פֿרײלעך. אַבי ייִדישע קינדער גייען נישט אַרום ליידיק, גייען נישט אַרום „פּוסט און פּאַס“.

יאַכצי די מלמדקע, ווען איר מאַן דער מלמד האָט געלעבט, האָט זי זיך ווי עס איז דורכגעשלאָגן אין דער וועלט מיט פּרנסה. זי האָט זיך געהאַט איר פּרנסה בשלום. ער האָט געהאַט אפֿשר פֿינף

[43] ווייכע פּלעצל פֿון טונקעלן מעל. — [44] שטאַמוואָרצלען פֿון הייפּטלעך קרויט.

און זיבעציק קינדער און פֿינף און פֿופֿציק קערבלעך אַ זמן, און זי האָט די קינדער זומער פֿאַרקויפֿט וויינשל, פֿלוימען, באַרלעך, געקאָכטע פּשעניטשקעס און ווינטער — געקאָכטע אַרבעס, רעטשענע פּלעצלעך מיט מאָן. ווען יעדעס קינד האָט איר געגעבן צו לייזן נאָר צוויי גראָשן אַ טאָג, איז איר שוין אויך געווען גוט. און אַזוי האָט זי מיט איר מאַן און קינדער זיך געלעבט גליקלעך. נאָר זינט דער מאַן איז אָפּגעשטאָרבן, האָט זי נישט געהאַט ביי וועמען צו לייזן געלט. זי איז געבליבן אָן פּרנסה. נאָר ווי זאָגט מען: גאָט פֿאַרלאָזט נישט קיין אַלמנות און יתומים. די נײַע אַלמנה יאַכצי די מלמדקע האָט געהאַט דעם גליקלעכן געדאַנק צו פֿאַרקויפֿן איר סחורה אין דער גרויסער קלויז, אַזוי ווי איר באָבע האָט געטאָן, ווען זי איז פּלוצלינג געוואָרן אַן אַלמנה. אין אָנהייב האָט זי געטאָן ווי יעדער גוט געניטער סוחר: צעבאָרגט די סחורה און נאָך דעם אויף דער מזרח־וואַנט אין קלויז אָנגעשריבן צוויי גרויסע „פּייען" (פֿפֿ). זי איז אָבער באַלד קליגער געוואָרן און האָט געזאָגט צו די קלויז־יונגע לײַט און אײדעמלעך:

— קינדערלעך, וואָס עס איז געווען, איז שוין פֿאַרפֿאַלן, נאָר פֿון הײַנט אָן זאָלט איר וויסן, אַז אָן געלט גיב איך נישט קיין סחורה.

בכלל האָט יאַכצין אָנגעהויבן צו גליקן. אַז עס גייט — גייט פֿון אַלע זײַטן, כאָטש מען ריכט זיך גאָר נישט דערויף. יאַכצין איז צוגעקומען נאָך אַ נײַע פּרנסה אומגעריכט.

ווען שפּיצבוים איז אָנגעקומען צוריק קיין נעזווינק אָן אַ ווײַב און אָן אַ קינד, און איז געוואָרן אַ לערער, איז ער איין מאָל אַרײַנגעקומען צו יאַכצי דער מלמדקע און איר געזאָגט:

— אַזוי ווי איך בין נישט קיין פֿאַמיליע־מענטש, איז אויב איר קענט זיך אונטערנעמען פֿאַר מיר קאָכן און טראָגן אין מײַן וווינונג עסן און אַ מאָל פֿאַרריכטן מײַן וועש, וועל איך אײַך דערפֿאַר צאָלן חודש־געלט.

יאַכצי האָט דאָס מיט פֿרייד אָנגענומען און געהאַט בײַ אים פֿיר קערבלעך יעדן חודש. און צײַט שפּיצבוים האָט איר געמאַכט אַ

קאָמפּלימענט, אַז זי אַרבעט זייער גוט זאַכן, איז איר אײַנגעפאַלן צו אַרבעטן זאַכן פאַר דער וועלט, און זי האָט בײַ די נעזווינקער ווײַבער, וואָס האָבן ליב צו זיצן פאַרלייגט די הענט, פאַרדינט גאַנץ היפּש געלט. פון דעמאָלט אָן האָט זי שוין קיין צײַט נישט געהאַט צו גיין אין קלויז אַרײַן צוויי מאָל אַ טאָג און האָט מיט דער סחורה געשיקט איר אונטערגעוואַקסן מיידל אין קלויז און דערבײַ איר מיטן האַרבן וואָרט אָנגעזאָגט:

— אַז מען וועט דיר געבן געלט, טאָכטערניו, זאָלסטו געבן סחורה, אַז נישט דאַרף מען נישט. דו זאָלסט ברענגען אָדער געלט אָדער די סחורה.

פון דער צײַט אָן האָבן די קלויזניקעס געקענט יאַכצי דעם מלמדס מיידל און האָבן איר אַ נאָמען געגעבן די שיינע גאָלדעניו, ווײַל זי האָט געהייסן גאָלדע און איז געווען זייער אַ שיין קינד מיט שיינע דינע ליפּן און מיט העל בלאָנדע האָר. אַפילו די גבֿירישע ווײַבער פלעגן אָפט מיט פאַרוווּנדערונג זאָגן:

— ווי קומט צו יאַכצי דער מלמדקע אַזאַ שיין קינד? זי מעג דאָך זײַן אַ קייסערס טאָכטער!

זינט יאַכצי האָט אָנגעהויבן אַרומשיקן מיט סחורה איר טאָכטער גאָלדעניו, האָט איר פּרנסה גאָר אַנדערש אָנגעהויבן גיין. יאַכצי האָט צוויי מאָל אַזוי פיל פלעצלעך און אַרבעס פאַרקויפט. אַלע קלויזניקעס, בחורים, ייִנגלעך און מיידלעך פלעגן נאָר בײַ דער שיינער גאָלדיטשקען קויפן. די אַלטע ייִדענע פון דעם קליינעם בית־מדרש, וואָס פלעגט פריִער אויך קומען אין קלויז פאַרקויפן איר סחורה, האָט אויפגעהערט גאָר צו לייזן, ביז זי איז מיד געוואָרן אומזיסט צו גיין אין קלויז אַרײַן. אַז מען פלעגט יאַכצין פרעגן, ווי עס גייט איר אין דער פּרנסה, האָט זי געענטפערט:

— אַ דאַנק דעם, וואָס איך בין אים נישט ווערט צו דערמאָנען! איך האָב צו דעם, וואָס לעבט אייביק, קיין טענות נישט. זינט איך האָב געמאַכט מײַן גאָלדיטשקע פאַר אַ סוחרטע, האָט זיך מײַן פּרנסה צוויי מאָל פאַרבעסערט.

גאָלדיטשקע האָט אויך געפּאָלגט, וואָס די מוטער האָט איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל קיינעם נישט באָרגן. נאָר אַז זי האָט אַ מאָל געזען אַ יינגל זיך צעבלוטיקן דעם שטערן אויף צו געווינען אַ פּלעצל, פּלעגט זי אים שענקען אַ פּלעצל מיט אַ ביסל אַרבעס, די מוטער זאָל נישט וויסן. און פאַר איין יינגל, אבֿרהמל, האָט זי געמאַכט גאָר אַן אויסנאָם. אים האָט גאָלדיטשקע שטענדיק געגעבן אַ גרויסן קרעדיט. פאַר וואָס, האָט קיינער נישט געקאָנט פאַרשטיין. אַלע האָבן נאָר געוווּסט, אַז אבֿרהמל איז געווען דאָס אָרעמסטע קלויז־יינגל, וואָס האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין קאָפּיקע בײַ דער נשמה. דאָך האָט עס פאַרדראָסן אַלע אַנדערע יינגלעך און פון קנאה איז באַלד אויסגעוואַקסן אַ שׂנאה: מען האָט גאָלדען געמסרט פאַר איר מוטער, פון וועלכער זי האָט טאַקע באַקומען אַ גוטן פּסק. עס האָט איר אָבער נישט געהאָלפן. זי האָט אבֿרהמלען ווײַטער געגעבן קרעדיט, וויפל ער האָט נאָר געוואָלט. מען האָט זיך דאָס גאָר נישט געקאָנט דערקלערן, און טאַקע גאָלדעניו אַליין פלעגט נישט איין מאָל צו זיך זאָגן:

— איך ווייס אַליין נישט, פאַר וואָס איך באָרג קיינעם נישט, נאָר אבֿרהמלען יאָ, כאָטש איך האָב מורא פאַר דער מאַמען... ער איז עפּעס אַזאַ שיין און גוט יינגל... אַ שאָד, וואָס ער איז נישט קיין מיידל... איך וואָלט אים דעמאָלט אַזוי ליב געהאַט, גערופן „שוועסטערל" און אַוועקגעשענקט אַלע שפּילעכלעך, וואָס דער פעטער האָט מיר געשענקט.

יאָכצי די מלמדקע האָט געהאַלטן איר גאָלדעניו פאַר אַ נאַריש קעלבל. אַז גאָלדעניו האָט זי דאָס ערשטע מאָל געפרעגט, „מאַמע, ווער איז דער ייִד, וואָס דו שיקסט מיך צו אים מיט עסן?", האָט זי איר געענטפערט, ווי דער שטייגער איז: „דאָס איז אַ פעטער". פון דעמאָלט אָן איז שפּיצבוים בײַ איר געווען אַ פעטער. זי האָט אים שטאַרק ליב באַקומען. שפּיצבוים פלעגט איר שענקען שפּילעכלעך, און טאַנצן און שפּרינגען מיט איר, און זיך אַליין מאַכן נאַריש ווי אַ

קליין קינד. גאָלדעניו האָט זיך אַזוי צוגעוויינט צו דעם „פֿעטער“, אַז זי האָט אים נישט געקענט האַלטן פֿאַר אַ פֿרעמדן אַפֿילו ווען זי איז עלטער געוואָרן.

## זײַנע צוויי קינדער און דער לעצטער בריוו

עס איז שוין געווען פֿאַר מנחה. די קלויז־ייִנגלעך זײַנען געגאַנגען זיך באָדן אין טײַך, נאָר אַבֿרהמל, וואָס האָט נישט ליב געהאַט אַלע טאָג גיין צום טײַך, איז געבליבן אַליין אין קלויז; ער איז געזעסן אונטער דער הרובע איבער אַ גמרא, דאָרטן ווו דער אונטער־שמש געפֿינט זיך שטענדיק. גאָלדעניו איז דעמאָלט אַרײַנגעקומען אין קלויז, צוגעגאַנגען צו אַבֿרהמלען, אים געגעבן צוויי גראָשן און אַ קוויטל, און אַוועקגייענדיק פֿון קלויז האָט זי אים געזאָגט:

— הײַנט פֿאַרנאַכט זאָלסטו קומען צו אונדז.

אַבֿרהמל האָט זיך נישט פֿאַרוווּנדערט פֿון גאָלדעניוס ווערטער. ער האָט זיך נאָר געוווּנדערט, ווי קומט עס, גאָלדעניו זאָל קענען שרײַבן. ער האָט געעפֿנט דאָס קוויטל און געזען אָנגעשריבן עטלעכע ווערטער. נאָר איבערלייענען האָט ער נישט געקענט, ווײַל ער האָט זיך קיין מאָל נישט געלערנט שרײַבן.

שוין לאַנג האָט אַבֿרהמל באַקומען אַ שטאַרקן חשק זיך אויסצולערנען שרײַבן. נישט איין מאָל האָט ער צו זיך געזאָגט: איך זאָל אַליין זאָגן גאָלדעניון גלײַך אין די אויגן, אַז איך האָב זי ליב, וואָלט איך מיך אַזוי פֿאַרשעמט און רויט געוואָרן, אַז איך וואָלט געבליבן אין חלשות, נאָר ווען איך זאָל קענען שרײַבן, וואָלט איך איר געגעבן אַ קוויטעלע, אין וועלכן עס וואָלט געווען אָנגעשריבן: „טײַערע, שיינע גאָלדעניו! דו זאָלסט וויסן, אַז אַבֿרהמל האָט שטאַרק ליב גאָלדעניון“ — און איך וואָלט זיך אונטערגעשריבן: „אַבֿרהמל פֿון דער גרויסער קלויז“. נאָר אַבֿרהמל האָט נישט געקענט שרײַבן,

פֿלעגט דאָס אים זייער קרענקען. איצט וואָלט ער שוין געוואָלט דערלעבן, עס זאָל ווערן נאַכט, ער זאָל גיין צו יאַכצין און פֿרעגן גאָלדעניון, ווי אַזוי זי האָט זיך אויסגעלערנט שרײַבן און ווער האָט איר געוויזן ווי אַזוי מ׳קען שרײַבן.

ווען אַבֿרהמל איז אין אָוונט געקומען, האָט ער נישט געטראָפֿן יאַכצין אין שטוב. גאָלדעניו האָט אים דערציילט, אַז איר מוטער האָט איר אָנגעזאָגט, אַז פֿאַר נאַכט וועט זי גיין אָפּטראָגן די זאָקן, וואָס זי האָט אויסגעאַרבעט פֿאַר אייניקע באַלעבאָסטעס, און זי זאָל בלײַבן אין דער היים אַכטונג געבן אויף דער שטוב. האָט זי אים געשריבן, ער זאָל קומען צו איר זיצן ביז די מאַמע וועט קומען, ווײַל עס וואָלט איר געווען לאַנגווײַליק צו זיצן איינע אַליין אין שטוב. אַז אַבֿרהמל האָט בײַ איר געפֿרעגט, וואָס עס שטייט געשריבן אין קוויטל, האָט זי אין אים איבערגעלייענט די ווערטער: „אַבֿרהמל, נאַ דיר צוויי גראָשן, דו זאָלסט פֿאַר נאַכט קומען צו אונדז אין שטוב קויפֿן פּלעצלעך“. ביידע קינדער האָבן זיך דערבײַ צעלאַכט. גאָלדעניו האָט זיך זייער געוווּנדערט, וואָס אַבֿרהמל קען נישט לייענען, ווײַל זי האָט געמיינט, אַז אַזאַ ייִנגעלע ווי ער דאַרף אַלץ קענען.

זי האָט אים דערציילט, אַז איר „פֿעטער“, יעקבֿ שפּיצבוים, האָט זי אויסגעלערנט שרײַבן, און אויב אַבֿרהמל וויל, וועט זי בעטן דעם „פֿעטער“, וועט ער אים ווײַזן ווי אַזוי מען לערנט זיך אויס. אַבֿרהמל איז אַזש פֿאַר פֿרייד אונטערגעשפּרונגען, אַ קורצע צײַט נאָך דעם האָט שפּיצבוים אָנגעהויבן לערנען אַבֿרהמלען שרײַבן און אין אַ חודש אַרום האָט אַבֿרהמל אַזוי גוט זיך אויסגעלערנט, אַז ער האָט שוין געקענט כּמעט אַזוי פֿיל ווי גאָלדעניו. שפּיצבוים האָט אים געזאָגט, אַז אבֿרהמל האָט אַ גוט קעפּל, לערנט מיט חשק און וועט קענען לערנען. פֿון דער צײַט אָן האָבן ביידע קינדער אָנגעהויבן לערנען אין איין צײַט, צוויי שעה בײַ טאָג. שפּיצבוים האָט פֿון ביידע תּלמידים אָנגעקוואָלן. זיי זײַנען געווען זײַן טרייסט, זײַן גאַנץ לעבן. נאָך זײַן אַרבעט, אין זײַנע פֿרײַע מינוטן, פֿלעגט ער נאָר ליב האָבן

צו פֿאַרברענגען מיט די צוויי קינדער און זיי ביידע האָבן אים גערופֿן „פֿעטער“.

די צוויי קינדער האָבן זיך וואָס ווײַטער מער ליב באַקומען.

*

אין דער צײַט איז אין נעזווינק געשטאַנען אַ פּאָלק[45] מיליטער, בײַ וועלכן עס האָט זיך געפֿונען אַ ייִדישער שנײַדער, וועמען אַלע האָבן גערופֿן דער פּאָלקאָוואָי־שנײַדער. ער פֿלעגט נייען פֿאַר דעם פּאָלקאָווניק מיט די אָפֿיצירן זייערע מיליטערישע מונדירן און ווײַל דער פּאָלק איז געפֿאָרן איז דער ייִדישער פּאָלק־שנײַדער אויך מיטגעפֿאָרן. די מיליטערישע קליידער פֿאַר די אָפֿיצירן האָט דער ייִד געניייט, נאָר אויף צו מאַכן די געגילדעטע און געזילבערטע עפּאָלעטן און שנירלעך האָט דער ייִדישער שנײַדער נעבן זיך געהאַלטן אַ העפֿטער, אַן אַלטן דײַטש, אַ קינסטלער אין דעם פֿאַך פֿון העפֿטערײַ. דער דײַטש האָט געהאַט אַ פֿרוי און עטלעכע מיידלעך, וואָס פֿלעגן מיט אים אַרבעטן.

שפּיצבוים איז געווען באַקאַנט מיט דעם אַלטן דײַטש, ווײַל ער איז געווען דער איינציקער אין שטאָט, וואָס האָט געקענט אַ ביסל דײַטש שרײַבן, און דער דײַטש פֿלעגט אָנקומען צו שפּיצבוימען, ער זאָל פֿאַר אים שרײַבן בריוו און אַדרעסן, וואָס ער פֿלעגט שיקן צו זײַנע אייגענע אין דײַטשלאַנד, און אויך איבערלייענען די בריוו, וואָס דער דײַטש פֿלעגט פֿון דאָרטן באַקומען. דאָס אַלץ פֿלעגט שפּיצבוים טאָן פֿאַר אים אָן אַ גראָשן געלט, און דערפֿאַר איז דער ייִד שפּיצבוים געווען בײַם דײַטש דאָס איבערשטע פֿון שטייסל. ער האָט אים זייער ליב באַקומען און געזוכט אַ צופֿאַל, ער זאָל אים מיט עפּעס אָפּדינען. און דער צופֿאַל איז גיך געקומען.

ווען גאָלדעניו האָט שוין געקענט גוט לייענען און שרײַבן האָט שפּיצבוים איר געזאָגט:

---

[45] אַן איינהייט פֿון סאָלדאַטן (אין רוסלאַנד) ביז 3.000 מאַן,

— מײַן קינד, פֿאַר אַזאַ מײדל װי דו איז גענוג װאָס דו קענסט, נאָר עס איז שױן ניט שײן פֿאַר דיר זיך צו פֿאַרנעמען מיט אַזאַ זאַך װי פֿאַרקױפֿן רעטשענע פּלעצלעך. דאָס פּאַסט פֿאַר אַן אַלטער ײדענע אָדער פֿאַר אַ קלײן קינד. דערפֿאַר האָב איך אָפּגערעדט מיט מײַן גוטן פֿרײַנד, דעם דײַטש, דעם פּאָלקאָװאָי־העפּטער, ער זאָל דיך לערנען העפּטן. דאָס ערשטע יאָר, פֿאַרשטײט זיך, װעסטו אַר־בעטן אומזיסט. דערנאָך װעט מען דיר צאָלן נאָך דײַן װערט. זײַן װײַב און זײַנע קינדער אַרבעטן אױך. זײ װעלן דיר לערנען און דו װעסט זײ געװיס פֿאָלגן.

און גאָלדעניו האָט אױפֿגעהערט טראָגן פּלעצלעך אין קלױז אַרײַן, און האָט אָנגעהױבן גײן אַלע טאָג צו דעם פּאָלקאָװאָי־העפּטער אַרבעטן. גאָלדעניו, מען האָט זי שױן איצט גערופֿן גאָלדע, האָט מיט איר געדולד און פֿלײַס אָפּגעאַרבעט צװײ יאָר בײַ דעם דײַטש, ביז זי האָט שױן באַקומען אַ פֿײַנעם געהאַלט. אַזױ איז געװען כל־זמן דער פּאָלק איז געשטאַנען אין נעזװינק. נאָר אַז דער פּאָלק איז אַװעק אין אַן אַנדער שטאָט, איז אױך דער פּאָלק־העפּטער אַװעקגעפֿאָרן פֿון נעזװינק. האָט גאָלדע אָנגעהױבן אױסנײען, שטריקן, העפּטן שיכלעך, לאַנדשאַפּטן, סאַמעטענע קישנס. שפּעטער האָט זי אױך אָנגעהױבן אױסהעפּטן פּרוכתן פֿאַר די שולן. און פֿון דעמאָלט אָן האָט מען זי אין שטאָט אָנגעהױבן רופֿן די שײנע העפּטערין אָדער די גאָלדענע העפּטערין.

גאָלדע האָט באַקומען אַזאַ שם פֿאַר אירע שײנע אַרבעטן, אַז פֿון אַנדערע שטעטלעך, װוּ פֿרומע װײַבער פֿלעגן אױף יום־טובֿ מנדר זײַן אַ נײַעם פּרוכת אין אַ שול צי אין קלױז אָדער אַ מענטעלע אױף דער תּורה, פֿלעגט מען קומען קײן נעזװינק צו גאָלדען און מען האָט זיך גאָר מיט איר נישט געדונגען. זי האָט נאָר צוגענומען די זײַדענע אָדער סאַמעטענע שטאָף און שױן אױסגעשטיקט אַזױנע שײנע לײבן מיט קרױנען, צײַײגלעך און גאָלדענע אותיות מיט פֿײגעלעך, אַז עס איז געװען אַ גאַטס װוּנדער און מען פֿלעגט איר באַצאָלן װיפֿל זי האָט געװאָלט.

װען אַבֿרהמל האָט צוזאַמען מיט גאָלדען געלערנט בײַ שפּיצבוימען, האָט ער פֿיל מער פֿון איר געלערנט, און טאַקע באַלד, װען גאָלדע איז אַרײַן צום דײַטש אַרבעטן, האָט אים שפּיצבוים געהייסן פֿאָרן קיין זשיטאָמיר אין דער ראַבינער־שול. אין אָנהייב האָט ער דאָרטן געליטן נויט און אָרעמקייט, נאָר אַ דאַנק דעם, װאָס שפּיצבוים מיט גאָלדען פֿלעגן אים מיט אַ ביסל געלט מיטהעלפֿן, איז ער אַריבערגעגאַנגען די ערשטע קלאַסן. דערנאָך האָט ער אַליין געגעבן לעקציעס און זיך גאַנץ פֿײַן פֿאַרדינט זײַן ברויט.

שפּיצבוים איז װידער געבליבן אַליין, נאָר איין פֿאַרגעניגן איז אים געבליבן: אַלע װאָך פֿלעגט ער באַקומען פֿון אַבֿרהמלען בריװ, איינעם פֿאַר אים און איינעם פֿאַר גאָלדען. איין מאָל אין יאָר, אין די זומער־חדשים, פֿלעגט אַבֿרהמל, מען האָט אים שוין גערופֿן אַבראַם, קומען צו גאַסט אין נעזװינק. און דעמאָלט איז שפּיצבוים געװען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער װעלט.

*

אַבֿרהם גאָלדשמידס פֿאָטער, ר׳ זלמן מקובל, זייער אַ פֿרומער ייִד, װאָס די װײַבער פֿלעגן אים האַלטן פֿאַר איינעם פֿון די למד־װאָװניקעס, האָט זיך אַליין מיט דער צײַט אײַנגערעדט, אַז ער איז אַ למד־װאָװניק, און האָט אַלע יאָרן פֿאַרבראַכט בײַ דעם רבין אין קלויז און איז געװאָרן אַ פּרוש. װען ער האָט געזען, אַז זײַן אַבֿרהמל, פֿון װעלכן ער האָט געהאָפֿט, ער זאָל װערן אַ רבֿ, איז גאָר אַװעקגעפֿאָרן קיין זשיטאָמיר אין דער אַפּיקורסישער ראַבינער־שול, האָט ער שוין זײַנע אַנדערע צװיי ייִנגלעך, בעריש און כײַקל, נישט געװאָלט געטרויען דער קלויז און האָט זיי בײדע אַװעקגעגעבן לערנען אַ מלאכה, צו אַ שמיד, אַן אַלטן גוי, װאָס האָט געהאַט אַ קוזשניע הינטער דער שטאָט. אויף דעם גוי פֿלעגט דער עולם מורמלען, אַז ער איז אויך איינער פֿון די למד־װאָװניקעס. אײַ, װאָס ער איז אַ גוי? מאַכט ער זיך אַזוי, מען זאָל אים נישט דערקענען. בײַם עולם איז פֿון תמיד אָן אָנגענומען, אַז די אמתע למד־װאָװניקעס געפֿינען זיך נאָר צװישן פּראָסטן עולם, כּדי מען זאָל זיי נישט דערקענען.

**אין יאָר 1873 האָט מען פֿאַרמאַכט די ראַבינער־שול. דעמאָלט איז שוין אַבֿרהם גאָלדשמיד געגאַנגען אין די העכערע קלאַסן. ער איז אַוועק קיין אָדעס און מיט אַ יאָר שפּעטער געהאַלטן עקזאַמען און איז אַרײַן אין אוניווערסיטעט, ווו ער האָט געענדיקט דעם יורי־דישן פֿאַקולטעט. מיטן דיפּלאָם אין די הענט האָט ער אָנגעהויבן זיך באַטראַכטן, וואָס ער זאָל טאָן, צו וואָס ער זאָל זיך נעמען. קיין גראָשן האָט ער אין קעשענע נישט געהאַט. ער האָט געוואָלט אַרײַן צו אַן אַדוואָקאַט פֿאַר אַ געהילף, איז גראָד נישט געווען קיין פֿרײַע שטעלע און ווידער האָט מען באַדאַרפֿט האָבן גוטע פּראָטעקציעס, וואָס האָבן אָפֿט פֿיל מער ווערט פֿון די בעסטע דיפּלאָמען. אַליין דערווײַל ווערן אַן אַדוואָקאַט, אויף דעם דאַרף מען אויך האָבן געלט. מען מוז דינגען אַ שיינע דירה אויף אַ שיינער גאַס. מען מוז שיין אויסמעבלירן עטלעכע צימערן און מאַכן אַ שיינע שילד מיט גאָל־דענע אותיות — אָן דעם קען מען ניט זײַן קיין אַדוואָקאַט, מען מעג האָבן געענדיקט צען אוניווערסיטעטן. געלט האָט אָבער גאָלד־שמיד נישט געהאַט. האָט ער אָנגעהויבן פֿאַרלירן דעם צוטרוי צו זיך אַליין. איין וועג איז אים איבערגעבליבן: צו פֿאַרקויפֿן זײַן דיפּ־לאָם פֿאַר אַ צען טויזנט רובל אויף דער דעמאָלטיקער אָדעסער שדכנות־בערזע, דאָס הייסט, חתונה האָבן פֿאַר אַ רײַכער כּלה און האָבן בײַ זײַן שווער אַ שיינע דירה, מיט מעבל, און דערצו נאָך פּראָטעקציעס, און לעבן ווי עס פּאַסט פֿאַר אַן אַדוואָקאַט. נאָר אַבֿרהם גאָלדשמיד האָט נאָך אויף קיין איין מינוט נישט פֿאַרגעסן זײַן שיינע גאָלדעניו, און קיין שום שדכנים־קורסן האָבן אים נישט געקענט רירן.**

**שפּיצבוים האָט אים געשריבן, אַז ער האָט זיך גוט איבערגע־לייגט וועגן זײַן לאַגע און ווי אַ פֿרײַנד גיט ער אים די בעסטע עצה, ער זאָל צוריקקומען אין בעזווינק און דאָרט ווערן אַ לערער, ווײַל מען דאַרף טאַקע דאָ האָבן אַ גוטן לערער.**

„איך בין שוין אַלט און לערן נאָך דער אַלטער מעטאָדע — האָט אים שפּיצבוים געשריבן — דו ביסט יונג און קענסט איז נעז־ווינק זייער פֿיל נוצן ברענגען און טאַקע צוליב דעם האָב איך דיך

געלערנט און אַוועקגעשיקט אין דער ראַבינער־שול. זאָרג נישט, מײַן קינד, וואָס דו ביסט נישט אין שטאַנד צו ווערן אַ באַרימטער אַדוואָקאַט. איך קען אַ סך קלויזניקעס, וואָס זײַנען געוואָרן באַוווּסטע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און האָבן גאָר פֿאַרגעסן דעם צוועק, צו וואָס זיי האָבן געלערנט, אַזוי אַז פֿאַר אונדז, ייִדן, וואָלט גלײַכער געווען, זיי זאָלן געווען בלײַבן אין קלויז בית־מדרשניקעס, דערנאָך איידעמלעך און שפּעטער ייִדן פֿון ווײַב און קינדער, כאָטש פֿון אַזוינע ייִדן איז שווער צו דערוואַרטן גרויסע נוצן פֿאַר אונדזער פֿאָלק. נאָר צום ווייניקסטן ברענגען זיי כאָטש אַ ביסל נוצן, ווען נישט פֿאַר דעם כּלל, איז כאָטש פֿאַר איינציקע מענטשן. אַזוינע ייִדן וועלן קיין מאָל נישט לאָזן הונגעריק דעם אָרעמאַן. דעם אביון זעצט ער בײַ זײַן שבתדיקן טיש אויבן אָן און גיט אים עסן גלײַך מיט זיך. אַזעלכע ייִדן שעמען זיך כאָטש נישט מיט זייערע אייגענע ברידער און וועלן זיי קיין שלעכטס נישט טאָן.

וויפֿל שיינקייט געפֿינט זיך אין די ווערטער „אַן אורח אויף שבת"! אַן אָרעמאַן פּלאָגט זיך אָפּ זעקס טעג אין דער וואָך, עסט נישט, הונגערט, נאָר דעם זיבעטן טאָג — שבת אָדער יום־טובֿ — פֿילט דער אָרעמער ייִד, אַז ער איז אויך אַ מענטש גלײַך מיט אַלע. דאָס איידעלע געפֿיל צו דעם אורח, צום פֿרעמדן און עלנטן, געפֿינט מען בײַ יעדן געוויינטלעכן ייִדן.

דער ייִד, וואָס וואַקסט־אויס אין בית־מדרש, וועט קיין מאָל נישט אָפּזאָגן אַ נדבֿה דעם אָרעמאַן. דער אינטעליגענטער ייִד, וואָס טוט נאָך די הײַנטיקע אייראָפּעישע סיסטעמען פֿון צדקה, אַז מען דאַרף געבן אַ נדבֿה, זוכט ער פֿריִער אונטער דעם אָרעמאַן, צי איז ער געזונט אָדער קראַנק... דער בית־המדרש־ייִד ווייסט נאָר, אַז ער דאַרף געבן צדקה, ווי עס איז פֿון לאַנגע יאָרן אײַנגעפֿירט בײַ ייִדן.

נאָר וואָס זעען מיר פֿון אונדזערע הײַנטיקע געבילדעטע, שטודירטע ייִדן? וויפֿל זײַנען דאָ ייִדישע יוריסטן, וואָס דער חילוק צווישן זייער איצטיקער בילדונג און זייער פֿריִערדיקער נישט־גע־

בילדעטקייט, בשעת זיי זיינען געווען בית־המדרשניקעס, באשטייט אין דעם, וואס איצט הייסן זיי **מאריץ** אדער **מאריס, איוואן, יעפים,** און פריער האבן זיי געהייסן **חיים, שלמה, בערל** און **יאסל.** אבער וואס האט דאס יידנטום פון זיי? חוץ דעם, וואס זיי האבן איבער־געביטן די נעמען, מעג זאל זיי, חס־ושלום, נישט דערקענען, אז זיי זיינען יידן, האבן זיי שוין פארגעסן ווער זיי זיינען פריער גע־ווען, פון וואנען זיי קומען־ארויס. בשעת זיי זיינען געווען קלויז־יינגלעך, ישיבה־בחורים, טאגפרעסערס, יארצייט־טרינקערס, און האבן בסוד געלייענט טריף־פסולדיקע ספרים, האבן זיי ביי זיך אליין אנדערש געטראכט: ווי ניצלעך צו זיין דעם יידישן פאלק, פון וועלכן זיי שטאמען ארויס. נאר קוים זיינען זיי אריין אין די גימ־נאזיעס אדער אין די אוניווערסיטעטן, האבן זיי דאס אלץ גאר פארגעסן. זיי האבן אנגעהויבן זיך צו שעמען מיט דעם נאמען ייד. היינט, ווי אזוי לעבן זיי און ווי אזוי דערציען זיי זייערע קינדער? העברעיש, די הייליקע שפראך, וואס אפשר א דאנק איר האבן מיר, יידן, נישט אויפגעהערט צו עקסיסטירן, לאזן זיי זייערע קינדער נישט לערנען, זיי זאגן, אז דאס איז א טויטע שפראך. זי קען קיין שום נוצן נישט ברענגען. העברעיש, אונדזער הייליקע שפראך, איז ביי זיי א טויט לשון, וואס קען זיי קיין שום נוצן נישט ברענגען. גמרא, דער מאנומענט פון אונדזערע אמאליקע געלערנטע, האלטן זיי אין גאנצן פאר איבעריק. יידיש, אונדזער מאמע־לשון, וואס מיליאנען יידןריידן און פארשטייען און מען קען דורך דער שפראך אויפקלערן דאס פראסטע פאלק און עם בילדן, איז ביי זיי גאר נישט, און זיי לאכן זיך אויס און שעמען זיך מיט יידיש.

די געבילדעטע פארגעסן גאר, אז מיטן ריידן מיט דעם פאלק אויף דער פרעמדער שפראך, קענען זיי נישט ווירקן אזוי ווי מיט דער יידישער שפראך. זינט מען האט אנגעהויבן ארויסצוגעבן צייטונגען פאר יידן אויף פרעמדע שפראכן — וויפל האבן זיך אומזיסט אונדזערע בעסערע מענטשן אויסגעריסן אויסגערעדט די גאל און האבן געמיינט דערמיט צו ווירקן אויף דעם פראסטן עולם?! וויפל נוצן וואלטן

זיי אָבער געקענט ברענגען, ווען זיי זאָלן געווען שרײַבן אויף פּראָסט ייִדיש, וואָס אַלע פֿאַרשטייען?

סטײַטש, זאָגן אונדזערע פֿאָלקס־פֿאַרזאָרגערס, די משׂכּילים, מיר זעען דאָך פֿאָרט, אַז די גימנאַזיעס מיט די אוניווערסיטעטן זײַנען פֿול מיט ייִדישע קינדער. מיר האָבן שוין פֿאָרט, טענהן זיי, אונדזערע דאָקטוירים, יוריסטן און אייראָפּעיִשע געלערנטע. זעט מען דאָך, אונדזער טרײַען, אַז ייִדן דאַרפֿן זיך בילדן, איז נישט געווען אומזיסט. אַבער מיר דאַרפֿן דאָ האָבן פֿרישע יונגע קרעפֿטן, אַזוינע ווי דו, וואָס זאָלן אַרבעטן דאָ, אין תּחום, פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק!"

**גאָלדשמיד, לייענענדיק דעם בריוו פֿון זײַן לערער, האָט אָנגעקוואָלן פֿון יעדן וואָרט און באַוווּנדערט, ווי דער אַלטער שפּיצבוים שרײַבט מיט פֿײַער און פֿול מיט ליבע וועגן זײַנע אָרעמע ברידער אין דעם ייִדישן תּחום. שפּיצבוים האָט אין זײַן לאַנגן בריוו שטאַרק צוגערעדט גאָלדשמידן, ער זאָל ווי מעגלעך באַלד צוריקקומען קיין נעזווינק און ווערן אַ לערער. ער האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז ער וועט האָבן פּרנסה בכּבֿוד און וועט די גרעסטע נוצן ברענגען די נעזווינקער יונגע לײַט און קינדער. דערבײַ האָט ער אים מודיע געווען, אַז דער שמיד, בײַ וועלכן זײַנע צוויי ברידער האָבן געלערנט, איז געשטאָרבן און האָט זיי בײדע איבערגעלאָזט זײַן קוזשניע. איצט גלייבט נאָך מער זײַן פֿאָטער, אַז דער גוי איז געווען אַ למד־וואָווניק. די צוויי ברידער גייט עס זייער גוט; זיי האָבן בײַ דער קוזשניע אײַנגעפֿירט אַ שלאָסערײַ. בײַ זיי לערנען זיך די מלאכה עטלעכע ייִדישע קינדער און ער, שפּיצבוים, גיט אויף זיי אַכטונג אין דער פֿרײַער צײַט און לערנט זיי שרײַבן און לייענען. פֿון גאָלדשמידן אַליין וויל זײַן פֿאָטער נאָך עד־היום גאָר נישט וויסן, ווײַל גאָלדשמיד האָט געלערנט אין דער ראַבינער־שול. גאָלדע האָט אים אויך געשריבן אַ לאַנגן בריוו; זי האָט אים דערציילט פֿון זיך, אַז עס גייט איר זייער גוט און זי פֿאַרדינט בײַ איר אַרבעט זייער גוט. זי האָט אים אויך שטאַרק צוגערעדט, ער זאָל קומען און ווערן אַ לערער אין נעזווינק, ווײַל דאָס**

איז געזינטער פֿאַר אים און ניצלעכער פֿאַר אַלע אידער אַרומצוגיין ליידיק אין אָדעס.

אַבֿרהם גאָלדשמיד האָט בײדע בריוו אַ מאָל צען איבערגעלייענט און געזאָגט צו זיך:

— אין אוניווערסיטעט, וואָס איך האָב געענדיקט, זײַנען דאָ פֿיר קורסן, דער בריוו פֿון מײַן אַלטן, געטרײַען לערער איז דער פֿינפֿטער קורס און דער לעצטער. איצט ווייס איך, וואָס איך האָב צו טאָן. איצט פֿאַרשטיי איך דעם צוועק פֿון מײַן לעבן.

און מיט אַ לויטערן קאָפּ און ליכטיקע אויגן, מיט אַ וואַרעם האַרץ צו זײַן פֿאָלק, פֿול מיט האָפֿענונג, איז גאָלדשמיד אין עטלעכע טעג אַרום אָפּגעפֿאָרן פֿון אָדעס קיין נעזווינק.

## נײַע מינים ליבעס

שוין מער ווי אַ שעה, אַז די שיינע העפֿטערין האָט אָוועקגעלייגט איר אַרבעט און איז אַליין אַרומגעגאַנגען אין איר צימער הין און צוריק, און אַבֿרהם איז נאָך נישט געקומען. די אויגן האָבן איר שוין אָנגעהויבן ווײ צו טאָן, קוקנדיק אין דער זײַט, פֿון וואַנען גאָלדשמיד פֿלעגט צו איר קומען יעדן אָוונט, און איצט — אַזוי שפּעט, און ער איז נאָך נישטאָ.

— דער פֿעטער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אויך הײַנט בײַ אונדז זײַן... — האָט זי גייענדיק געזאָגט צו זיך אַליין, יעדע ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט, גענומען די עקן פֿון אירע לאַנגע, שיינע צעפּ און צוגע־טוליעט צום מויל, גלײַך ווי די צעפּ וועלן איר העלפֿן טראַכטן און טרעפֿן, פֿאַר וואָס אַבֿרהם קומט נאָך נישט.

— דער פֿעטער האָט געזאָגט, אַז ער וועט הײַנט מיט אונדז ריידן פֿון אַ וויכטיקער זאַך, און צום סוף איז אַבֿרהם נאָך נישטאָ.

לאַנג, זייער לאַנג האָט זיך בײַ איר איצט געצויגן די צײַט, ביז

זי האָט דערהערט גאָלדשמידס טריט. גאָלדע איז אים געלאָפֿן אַקעגן מיט די ווערטער:

— ווי קומט עס, וואָס דו ביסט היינט אַזוי שפּעט געקומען?

— אַז דו וועסט מיך אויסהערן, וועסטו זען, אַז איך בין ניט שולדיק. היינט האָט זיך מיט מיר אַזוינס געטראָפֿן, אויף וואָס איך האָב זיך מיין גאַנץ לעבן נישט גערעכט.

גאָלדע האָט אים אַ קוק געטאָן גלייך אין די אויגן און עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ער איז טרויעריק און עפּעס צעטראָגן.

זיין געזיכט איז געווען בלאַס און דערשראָקן. זי האָט אים שטאַרק אָנגעכאַפּט ביי די הענט און זיך אַליין אָנגעשפּאַרט ביי אַ צווייג פֿון דעם בוים. די בלעטער פֿון דעם בוים האָבן אַ שטילן שאָרך געטאָן און עטלעכע פֿון זיי זיינען אַראָפּגעפֿאַלן אויף דר׳ערד.

— שרעק זיך נישט, מיין פֿריינד! — האָט גאָלדשמיד אָנגעהויבן נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעאָטעמט און געקוקט אויף גאָלדען, ווי זי באַטראַכט אים אַזוי שטאַרק — שרעק זיך נישט... איך בין שוין אַלץ איבערגעקומען.

— פּייניק מיך נישט, אַבֿרהם! דערצייל מיר אַלץ, לייקן פֿאַר מיר נישט קיין שום זאַך.

ביידע האָבן אָנגעהויבן צו שפּאַצירן הין און צוריק נעבן הויז. יאַכצי, וואָס איז נאָך אַלץ געזעסן אויף דער פּריזבע און געדרייט איר זאָק, האָט איצט פּלוצלינג אָפּגעלאָזט די אַרבעט, געענטפֿערט גאָלדשמידן מיט אַ „גוטן אָוונט“, געקוקט אַ ביסל, ווי דאָס פּאָרל שפּאַצירט, געקוקט אויפֿן הימל, דערנאָך אויף דער ערד און געגעבן אַ זיפֿץ.

— ווען איך האָב מיך היינט אָפּגעפֿאַרטיקט פֿון מיינע לעקציעס — האָט אַבֿרהם דערציילט גאָלדען — און האָב מיך, ווי געוויינטלעך, געלאָזט גיין צו דיר, האָט מיך סאָלאָמאָן באַגעגנט און איז פֿון מיר נישט אָפּגעטראָטן, איך זאָל גיין צו סיציליען. זי דאַרף מיך נייטיק האָבן... איך מוז דיר זאָגן דעם אמת, אַז איך האָב זייער נישט גע־וואָלט גיין צו איר. איך ווייס נישט פֿאַר וואָס, נאָר זי איז מיר אין

דער לעצטער צײַט אַזוי דערעסן מיט איר פּוסטער קאָקעטסטווע און געפּלוידערײַ, אַז איך ווײַך זי אויס, כּדי איך זאָל זי נישט זען, ווײַל איך קען קיין מאָל נישט פֿאַרשטיין אירע ווערטער, וואָס זי רעדט צו מיר. מיך נודיעט שטענדיק, ווען איך רייד מיט איר... איך האָב אין אָנהייב געמיינט, אַז זי פּלוידערט אַזוי, ווײַל זי איז נאָך אַ יונג קינד, נאָר איצט איז זי שוין נישט קיין קינד, און צום סוף איז זי נאָך אַזאַ נאַריש מיידל.

— הער־אויף, אַבֿרהם, פֿאַר מיר צו ריידן שלעכטס וועגן אונדזערע מיידלעך! — האָט אים גאָלדע אָפּגעשטעלט — דערצייל מיר בעסער פֿון אײַערע נאַרישע יונגע לײַט... פֿון אונדזערע מיידלעך ווייס איך אַליין גענוג.

— איך וויל דיר איצט גאָר נישט דערציילן פֿון קיין נאַרישע מיידלעך. איך דערצייל דיר נאָר, ווי איך האָב נישט געוואָלט גיין צו סיציליען, נאָר דער אומגליקלעכער סאָלאָמאָן האָט מיך אַזוי געבעטן, ממש געוויינט, אַז איך האָב געמוזט מיט אים גיין.

— איך ווייס, ווי ער איז אומגליקלעך! ער האָט ליב סיציליען, נאָר נישט אַזאַ מיידל, ווי סיציליע, קען אים ליב האָבן... — האָט גאָלדע זיך געטראַכט און צוגעהערט, וואָס אַבֿרהם דערציילט.

— נאָר שטעל דיר פֿאָר, אַז ווען איך האָב איבערגעטראָטן די שוועל פֿון איר צימער, האָט זי פֿאַר סאָלאָמאָנען פֿאַרמאַכט און פֿאַרשלאָסן די טיר, און צו זיך אין קעשענע גענומען דעם שליסל. איך בין מיט איר אין צימער געבליבן פֿאַרשלאָסן, און סאָלאָמאָן איז געבליבן פֿון יענער זײַט טיר.

גאָלדע האָט אים איבערגעריסן די רייד און זיך אָנגערופֿן:

— איך מוז דיך אָפּשטעלן, אַבֿרהם, און דיך בעטן מיר צו דערקלערן, ווי אַזוי איז גאָר מעגלעך ליב צו האָבן אַזאַ מענטשן, ווי סיציליע, וועלכע באַגייט זיך אַזוי נידעריק... מיר וווּנדערט זייער אויף סאָלאָמאָנען, ווי קען ער אַזאַ מיידל ליב האָבן?

— דאָס איז געוויס אַ וויכטיקע פֿראַגע, נאָר צו געבן דערויף אַ ריכטיקן ענטפֿער, דאַרף מען פֿיל מענטשן קענען און אויך אַ סך

לערנען און לייענען. איך וועל מיך סטאַרען דאָס דיר צו דערקלערן, ווערליק מײַן שׂכל טראָגט: ליב האָבן קען מען אויף אַלערליי אַרטן און עס איז אַזוי שווער זיי אויסצורעכענען, ווי עס איז שווער איבערצוציילן די שטערן אין הימל... נישט אַלע פֿאַרליבן זיך גלײַך פֿון איינע און די זעלבע סיבות... איינער פֿאַרליבט זיך אין גוטע זײַטן, כאָטש דער מענטש, וואָס פֿאַרמאָגט די גוטע זײַטן, קען אים גאָר נישט ליב האָבן... איינער פֿאַרליבט זיך נאָר דעמאָלט, ווען ער זעט, אַז מען האָט אים אויך ליב... איינער, ווידער, פֿאַרליבט זיך אין דעם, ווען מ'האָט אים פֿײַנט... איינער פֿאַרליבט זיך אין שיינע אויגן, אין אַ שיינער נאָז, שיינע הענט אָדער פֿיס, שיינע האָר... און אַ צווייטער פֿאַרליבט זיך אין שיינע קליידער, זײַדענע סטענגעס, שלעפּעס, אַפֿילו אין קליינע שיכלעך... צו דעם לעצטן סאָרט געהערט אויך סאָלאָמאָנס ליבע. הײַנט, וואָס קען שטערן זײַן ליבע צו סיציליעס שיכלעך, קליידלעך און זײַדענע סטענגעס, ווען זי באַגייט זיך מיט אים נידעריק און זי אַליין האָט נישט קיין שום מעלה? נאָר אירע שיינע קליידלעך ווירקן אויף סאָלאָמאָנס ליבע צו סיציליען? דו דאַרפֿסט נישט פֿאַרגעסן, אַז סאָלאָמאָן איז אַ דאָרפֿיש קינד, אַ פּראָסט, ערלעך, יונג און אַן אומשולדיק קינד.

— נו, נו, איך פֿאַרשטיי שוין! דערצייל אָבער, איך ברען פֿון נײַגעריקייט!

— נו... איך בין געבליבן פֿאַרשלאָסן מיט איר אין צימער... — האָט אַבֿרהם ווידער אָנגעהויבן צו דערציילן — איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז פֿאַר אַ קאָמעדיע... האָט זי זיך אויף מיר אַרויפֿגעוואָרפֿן, ווי אַ ווילדע חיה מיט אַ געשריי, מיט אַ געפּילדער און מיט טענות... „און איר, גאָלדשמיד, האָט שוין אַ כּלה? איר זײַט אַ חתן געוואָרן פֿאַר מײַן נייטאָרין, וואָס נייט מיר העמדער און העפֿט מיר שיך? זאָגט מיר, איז דאָס אמת צי ניין?!"... איך בין געוואָרן ווי פֿאַרטומלט... אין די אויגן איז מיר געוואָרן עפּעס ווי פֿינצטער... איך האָב גאָרנישט געזען פֿאַר מיר... דאָס איז געווען פֿאַר מיר אַזוי אומגעריכט, ווי אַ דונער טרעפֿט פּלוצלינג איינעם... איך האָב איר

לאַנג נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן. איך, וואָס האָב געענדיקט אַן אוניווערסיטעט און געווינט אַ צײַט אין דער גרויסער וועלט, זאָל אַזוי בטל ווערן פֿאַר אַזאַ פּוסט ייִדיש מיידל ווי סיציליע? נאָר וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? איך האָב געפֿונען פֿאַר נייטיק באַלד אַוועקצוגיין אין איר אַפֿילו גאָר נישט ענטפֿערן. די טיר איז אָבער געווען געשלאָסן און דער שליסל בײַ איר אין קעשענע.

גאָלדשמיד האָט אָנגעכאַפּט גאָלדען בײַ די הענט און זיך צעלאַכט:

— עס איז דאָך אַ געלעכטער, נאָר איך קען גאָר נישט אויסמאָלן, אין וואָס פֿאַר אַ לאַגע איך האָב מיך געפֿונען. מיר איז געווען אַ חרפּה פֿאַר מיר אַליין, פֿאַר די פֿיר ווענט, וואָס איך בין פּלוצלינג אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון אַזאַ נאַרישער קאָקעטקע. נאָר גיי שרײַ חי וקיים, אַז איך האָב גאָר נישט געקענט טאָן. אויפֿרײַסן די טיר? אַרויס דורכן פֿענצטער? עס וואָלט דאָך געווען אַ שאַנדע פֿאַר מיר אַליין. יעדעס קינד וואָלט געמעגט פֿון מיר לאַכן און זאָגן, אַז גאָלדשמיד איז אַנטלאָפֿן פֿון סיציליען. האָב איך אַנדערש נישט געקענט טאָן ווי בלײַבן זיצן און וואַרטן. און ווידער האָב איך געטראַכט: עס איז מיר געוויס נישט אײַנגענעם זיך צו געפֿינען מיט איר אין איין צימער, אונטער איר שליסל. נאָר וואָס קען איך טאָן? און צוריקגעשמועסט, וואָס האָב איך מורא? בעטן בײַ איר דעם שליסל, זי זאָל עפֿענען די טיר, איז מיר זייער נישט אָנגעשטאַנען. בקיצור, איך בין געבליבן זיצן און וואַרטן... און זי האָט אַלץ נישט אויפֿגעהערט מיך באַוואַרפֿן מיט פֿראַגעס, צי עס איז אמת, אַז איך האָב שוין אַ כלה אָדער ניין... איך האָב איר עטלעכע מאָל דײַטלעך געענטפֿערט, אַז דאָס איז אמת און זי האָט נישט קיין רעכט מיך איבערצופֿרעגן וועגן אַזוינע זאַכן, און אַז צווישן אונדז בײדע זײַנען גאָר נישטאָ אַזוינע פֿאַרבינדונגען, אַז זי זאָל זיך אַרײַנמישן אין מײַנע פּערזענלעכע געשעפֿטן... דערהערנדיק פֿון מיר קלאָרע דיבורים, האָט זי ערשט געעפֿנט דאָס מויל אויף מיר, טאַקע נאָר ווי אַ טיגער, מיט אַ משונהדיק געלעכטער — האָט גאָלדשמיד אויפֿגערעגט ווײַ־

טער פֿאַרציילט — און ווי אַ ווילדע חיה צו מיר געשריִען: „איך קער זיך גאָר מיט אײַך נישט אָן און האָב זיך קיין מאָל מיט אײַך נישט אָנגעקערט, זאָגט איר? זייער שיין פֿון אײַך, גאָלדשמיד! אָט דאָס האָב איך פֿאַר מײַנע אַלע ליידן, וואָס איך האָב אַריבערגעטראָגן עטלעכע יאָר, זינט מײַן פֿאָטער האָט מיך באַקאַנט געמאַכט מיט אײַך אין אָדעס, ווען איר זײַט נאָך געווען אַ סטודענט? זייער שיין פֿון אײַך, געבילדעטער גאָלדשמיד!"... און זי האָט אָנגעהויבן פֿאַרשטעלן דעם טאָג, וואָס זי האָט זיך מיט מיר באַקאַנט.

— איך בין געבליבן שטיין ווי אַ פֿאַרגליווערטער... — האָט גאָלדשמיד ווײַטער דערציילט — איך האָב ערשט איצטער פֿאַרשטאַנען די גאַנצע קאָמעדיע. איך האָב מיט איר אָנגעהויבן צו ריידן ווי מיט אַ מענטשן. איך האָב איר געזאָגט, אַז מיך אַליין האָט זייער געוווּנדערט, וואָס איך האָב די גאַנצע צײַט פֿון איר נישט באַמערקט, זי זאָל זיך אַזוי שטאַרק אינטערעסירן מיט מיר. איך האָב קיין מאָל נישט דערוואַרט, אַז סיציליע זאָל קענען ליב האָבן. איך האָב איר דערקלערט, אַז זי באַשולדיקט מיך אומזיסט און זי קען נישט האָבן צו מיר קיין שום טענות און האָט נישט צו זײַן אויף מיר ברוגז, וואָרעם איך האָב איר פֿון מײַן זײַט קיין מאָל קיין שום אורזאַך נישט געגעבן, זי זאָל עפּעס פֿון מיר דערוואַרטן... און די גאַנצע קאָמעדיע איז נאַריש, וואָרעם איך האָב שוין פֿון קינדווײַז אָן ליב גאָלדען... האָט זי זיך שרעקלעך צעוויינט און מיר מיט כּעס געוואָרפֿן דעם שליסל פֿון דער טיר אין פּנים אַרײַן...

גאָלדשמיד האָט זיך אָפּגעווישט דעם שטערן, ווי נאָך אַ שווערער אַרבעט, און אַצינד האָט ער זיך אָפּגעגעבן רעכענונג, אַז גאָלדעס קאָפּ איז געלעגן אויף זײַן אַקסל און זי האָט געוויינט.

— נו, איז וואָס וויינסטו איצט? — האָט ער געזאָגט און זי אָנגענומען בײַ אירע קליינע הענטלעך — איז דאָס נישט קיין נאַרישקייט? האָסטו צו וויינען, וואָס עס געשעען נאַרישקייטן אויף דער וועלט ?

— בײַ אײַך, מענער, הייסט עס נאַרישקייט, וואָס איר זעט בײַ

פֿרויען, אָבער אײַערע אייגענע נאַרישקייטן ווילט איר נישט באַ־מערקן...

— זאָג אַליין, ווענען קען מען דאָ באַשולדיקן און נאָך וואָס דאַרפֿסטו פֿאַרגיסן אומזיסטע טרערן?

— ווען דו זאָלסט אָבער וויסן, ווי בײַ אונדז, פֿרויען, טוט ווײ דאָס האַרץ, ווען מען האָט ליב און מען קען דערצו נישט קומען.. אוי, עס טוט ווײ! — האָט זי געזאָגט און ווידער געגאָסן מיט טרערן.

— גאָלדע, איך קען דיר שווערן, אַז סיציליע האָט ליב דווקא דעם, וואָס האָט זי פֿײַנט...

גאָלדע האָט זיך ווי פֿון שלאָף אויפֿגעכאַפּט:

— טאָ ווי מוז אונדזער סאָלאָמאָן זײַן אומגליקלעך! און מיר זעען דאָס אַזוי רויק צו?

— וואָס זשע קענען מיר טאָן? מיר האָבן גענוג גערעדט מיט אים און געגעבן צו פֿאַרשטיין, ער האָט פֿאַרבלאָנדזשעט, נאָר עס האָט געהאָלפֿן ווי אַן אַרבעס אויף דער וואַנט...

— אַבֿרהם, דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז די צײַט איז אונדזער בעסטער לערער...

— הלוואי זאָל אַזוי זײַן ווי דו זאָגסט! — האָט אַבֿרהם געענטפֿערט.

זיי זײַנען ביידע אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב, וווּ יאַכצי איז שוין געזעסן מיט האַלב פֿאַרמאַכטע אויגן און געדרעמלט, נאָר אירע הענט האָבן אַן איר וויסן אַליין געדרייט דעם זאַק .

## אַ בלינדער פֿירט אַ בלינדן

— זעסטו, ציפּעלע, אַז דו פֿאָלגסט מיך, איז גוט, וואָס דען? אַט פֿון די אַלע ליבעס און ליובקעס ווערט אַן אַ ייִדישן שדכן, פֿאַרשטייסטו מיך, גאָר נישט ווערן...

דאָס האָט ייִדל דער שטאָט־שדכן גערעדט מיט סיציליען עט־

לעכע טעג נאָך דעם אָוונט, ווען זי האָט מיט אירע אייגענע אויערן געהערט פֿון גאָלדשמידס מויל, אַז ער איז גאָר אַ חתן געוואָרן פֿאַר דעם אָרעמען מיידל, איר נייטאָרין. זי האָט דאַן באַלד געשיקט רופֿן ייִדל שדכן, וועלכער האָט איר שוין לאַנג גערעדט גרויסע שידוכים, נאָר ווײַל זי האָט זייער געוואָלט, אַז גאָלדשמיד זאָל זיך אין איר פֿאַרליבן, ליגן בײַ אירע פֿיס און בעטן בײַ איר די האַנט, אָדער ווי ייִדל פֿלעגט זאָגן — „זי האָט איבער דעם נישט געוואָלט ווערן אַ כלה, ווײַל זי האָט פּערעבענדעוועט[46], אַבי ער זאָל דערווײַל רײַסן זײַנע שיך", זײַנען ייִדלס ווערטער געווען אומזיסט. נאָר איצט, ווען סיציליע האָט אים אַליין געשיקט רופֿן, האָט ער זיך אַ גלעט געטאָן איבערן בײַכל, אויסגעגלײַכט דאָס בערדל, אַ גלעט געטאָן דעם שטערן און געלאָפֿן צו איר אַהיים.

ווען ייִדל שדכן איז געגאַנגען צו סיציליען, האָט ער בײַ זיך געטראַכט:

— עס האָט זיך גאָר נישט אויסגעלאָזט פֿון אַלע אירע ליובקעס[47], קומט מען אָן צו ייִדלען. אַזוי איז שוין תּמיד... נאָר איצט וועל איך שוין אַזוי נישט אַרבעטן...

מיט די פֿריילעכע געדאַנקען איז ער אַרײַנגעקומען צו סיציליען. ער האָט איר קיין סך נישט געלאָזט ריידן. ער האָט שוין פֿאַרשטאַנען אין איר פּנים, וואָס זי מיינט, און האָט אָנגעהויבן פֿאָרלייגן פֿאַר איר אַלערליי חתנים פֿון גרויסע און קליינע שטעטלעך, מיט לאַנגע און קורצע קאַפּאָטעס און פּיאות, נאָר אַז סיציליע האָט אַלע זײַנע שידוכים אויסגעהערט און געזאָגט, אַז זי וויל נאָר אַן אָדעסער חתן, האָט זיך ייִדל שדכן צעלאַכט:

— דו, נאַר איינער! פֿאַר וואָס האָסטו מיר שוין לאַנג נישט געזאָגט, אַז דו ווילסט פֿון אָדעס? אָט דאָס האָסטו באַדאַרפֿט אַזוי

---

[46] געדרייט אַ קאָפּ, שפּעקולירט. — [47] (מיט שפּאָט) „ליבעס".

לאַנג פערעבבענדעווען? אין אַדעס, פאַרשטייסטו מיך, קען מען אים אויך. בײַ יידל שדכן אין קעשענע געפינען זיך אַלע אָדעסער חתנים!

און יידל האָט איר אויף דער גיך, ווי אַ געניטער קרעמער זײַנע סחורות, אויסגערעכנט אַ פּופציק אָדעסער חתנים, ביז זי האָט זיך אויסגעקליבן איינעם. דעמאָלט האָט יידל שדכן אָנגעהויבן איר אײַנ־ריידן דעם אויסגעקליבענעם חתן. און טאַקע אַזוי איז געבליבן: יידל זאָל זען, אַז מען זאָל זיך צונויפפאָרן, זיך אָנקוקן און מאַכן אַ קנס־מאָל אין אַ גוטער, מזלדיקער שעה.

נאָך דעם ווי יידל האָט אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזלעך בראָנפן איז ער אַוועקגעגאַנגען און סיציליע האָט אים דערווײַל אַרײַנגעלייגט אין דער האַנט דרײַ רובל אויף בריוו און דעפּעשן, ווי דער שטייגער איז, ווען די שדכנים נעמען שטילערהייט אויף הוצאות בײַ די חתנים און כּלות, די מחותּנים זאָלן נישט וויסן, כּדי די שדכנים זאָלן בעסער אַרבעטן אין דעם עסק. און אַז יידל איז אַוועקגעגאַנגען, און סיציליע איז געבליבן אַליין אין שטוב, האָט זי גענומען ריידן צו זיך, גייענדיק פאַרטראַגן און פאַרטראַכט הין און צוריק פונעם שפּיגל צום פענצטער און פונעם פענצטער צום שפּיגל:

— איך וועל אים ווײַזן, דעם קבצן, דעם לערער, וואָס האָט דערטאַפּט די מציאה, די העפּטערין, וואָס נייט בײַ מיר שיך... יידל שדכן האָט געזאָגט, אַז מיכל טייטלשוואָם איז אויך אַ בלאָנדין, אויך שיין געוואַקסן און רעדט זייער גוט דײַטש, פראַנצייזיש און איז שוין געווען אין פּאַריז... און דעם זלמן מקובלס זון מוז איך ווײַזן, אַז איך וועל חתונה האָבן מיט מיכל טייטלשוואָם און וועל אַלע מאָל דורכפאָרן פאַרבײַ זײַן שטוב אין מײַן קאַרעטע, און דער קבצן וועט קוקן און צעזעצט ווערן, וואָס איך האָב אַ מאַן אַ פיל שענערן און געבילדעטערן פון אים, און דווקא פון אָדעס, כאָטש איך בין פון נעזווינק... און פון זײַן נייטאָרין וועט ער ווייניק נחת האָבן... כאָטש איך וויים, אַז עס איז אַ ביסל נישט אָרנטלעך... נאָר מײַנע הענט וועלן עס נישט טאָן... יאָ, אַזוי מוז עס זײַן! דאָס, וואָס סאַלאָמאָן

האָט מיר דערציילט... יאָ, ער איז מיר געטרײַ און פֿאָלגט מיך און האָט מיך ליב, ווי אַן ערלעכער הונט... ער וועט מיך איצט אויך פֿאָלגן! און אויב נישט, וועל איך אים צווינגען... און וואָס וועט דאָ זײַן אַזאַ גרויס אומגליק אין באָד, אַז אויף דער וועלט וועט זײַן וויניקער מיט אַ נייטאָרין? און גאָלדשמיד וועט פֿאַר איר שוין נישט חתונה האָבן...

ציפּע האָט גערופֿן איר דינסטמיידל און געהייסן אַרײַנשיקן סאָלאָמאָנען. דערווײַל האָט זי זיך איבערגעטאָן אין דעם קליידל און אין די שיכלעך, וואָס סאָלאָמאָן האָט איר אַמאָל געזאָגט, אַז זיי פּאַסן איר זייער. זי האָט אויסגעגלײַכט דאָס קליידל פֿאַר דעם שפּיגל און זיך פֿאַרקאַמט אַזוי, אַז סאָלאָמאָן זאָל קענען האַלטן אירע שוואַרצע לאַנגע האָר אין זײַנע הענט. זי האָט זיך עטלעכע מאָל אָנגעקוקט אין שפּיגל און געזאָגט צו זיך:

— נאָך ווי אַזוי וועט מיך סאָלאָמאָן פֿאָלגן!

סאָלאָמאָן איז אָנגעקומען און פֿריילעך צו איר צוגעגאַנגען. זי האָט אים אַרומגענומען און געקושט. סאָלאָמאָן איז געווען גליקלעך. זי האָט אים אָנגענומען בײַ בײדע הענט, געזעצט זיך נעבן אים און אָנגעהויבן ריידן.

סאָלאָמאָן האָט אַ ציטער געטאָן פֿון אירע ווערטער. סיציליע האָט דערזען, ווי ער איז בלאַס און דערשראָקן געוואָרן, און די הענט האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן.

— וואָס ביסטו אַזוי דערשראָקן, סאָלאָמאָן?

— גאָר נישט, עס וועט מיר איבערגיין.

— יאָ, יאָ, עס וועט דיר איבערגיין. אין אָנהייב איז דיר אַ ביסל שווער, נאָר דו וועסט געוווינט ווערן. יעדע זאַך, איז אין אָנהייב שווערלעך. מיר איז אויך אין אָנהייב געווען אַ ביסל נישט אײַנגענעם צו טראַכטן דערפֿון... האָב קיין מורא נישט, עס איז נאָך דאָ גענוג צייט, עטלעכע טעג, און דו וועסט זיך נאָך קענען באַרויִקן. קום זיך דער־ווײַל אַ ביסל דורך אין שטאָט שפּאַצירן, וועט דיר איבערגיין. עס איז שוין נישט פֿרי, עס איז שוין באַלד נאַכט. איצט שפּאַצירן אַ

סך מענטשן, וועלן מיר אַ ביסל גוט פֿאַרברענגען די צײַט, מײַן לי־בער סאָלאָמאָן!

זי האָט אים אַליין אָנגעטאָן זײַן הוט מיטן קליינעם ראַנד, אַ קוק געטאָן אים גלײַך אין פּנים אַרײַן און געלאַכט וואָס ער איז טרויעריק. סאָלאָמאָן האָט איר געענטפֿערט מיט אַ שמייכל און אַ קוש געטאָן איר גלײַך אין די ליפּן. ביידע זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון דער שטוב. סאָלאָמאָן האָט געשעפּט אין זיך אַ פֿול מויל מיט לופֿט, לופֿט, וואָס האָט אים דערקוויקט און דערפֿרישט.

סאָלאָמאָן מיט ציפּען האָבן לאַנג שפּאַצירט אין דעם אָוונט. אַלע, וואָס זײַנען פֿאַרבײַגעגאַנגען, האָבן זיך געוווּנדערט אויף דעם שיי־נעם, יונגן פּאָרל.

## פֿאַרדעקט מיט אַ וואָלקן

די לאַנגע ווײַזערס אויפֿן ציפֿערבלאַט, וואָס קוקן־אַרויס פֿון די גרויסע גלעזערנע פֿענצטערס בײַ די אָדעסער זייגערמאַכערס, האָבן שוין געוויזן האַלב אַכט. די ברייטע, שיינע גאַסן זײַנען לעבעדיקער געוואָרן. אַפֿילו דער פֿוילער וועכטער, וואָס פֿאַרשפּעטיקט שטענדיק מיטן אויסקערן, האָט שוין אויך אָוועקגעלייגט זײַן בעזעם. אויף די הויפּטגאַסן זײַנען פֿון מינוט צו מינוט געגאַנגען מער מענטשן, דראָזשקעס און קאַרעטעס. דער רעש איז געוואָרן גרעסער. מ׳האָט קוים געקענט הערן, וואָס איינער רעדט צום אַנדערן.

די וואַגאָנען פֿון פֿערד־טראַמווײַ, וואָס זײַנען פֿריִער געגאַנגען אויף דער רישעליעוווסקי־גאַס ליידיק, זײַנען איצט פֿול מיט פֿאַרשלאָפֿענע גימנאַזיסטן און קינדער פֿון שולן, וועלכע מוזן אַכט דעם זייגער זיך געפֿינען אין זייערע קלאַסן. אין טראַמווײַ געפֿינען זיך איצט אויך קעכינס און דינסטמיידלעך, וואָס פֿאָרן פֿון נײַעם אָדער אַלטן מאַרק מיט קיישלעך אין די הענט. צײַטונג־פֿאַרקויפֿערס, אָפּגעריסענע ייִנג־לעך מיט קעסטלעך שוועבעלעך און פּאַפּיראָסן, שפּרינגען פֿון איין

וואַגאָן אין צווייטן. שפּעטער פֿולט זיך דער טראַמוויי אָן מיט סוחרים, מעקלערס, קאָמיסיאָנערן, לופֿטכאַפּערס און אויך ליידיקגייערס, מיט וועלכע אָדעס איז רײַך.

איינער פֿון אָט די וואַגאָנען איז ביזן אָנקומען צו דער לעצטער סטאַנציע געבליבן מיט איין פּאַסאַזשיר בלויז. דער דאָזיקער פּאַסאַזשיר האָט אַ קוק געטאָן אויף דער סטאַנציע און געוואָלט צוריקפֿאָרן. נאָר אַז דער קאָנדוקטאָר האָט בײַ אים געפֿרעגט אויף אַ בילעט, האָט ער אַרײַנגעשטעקט אַ האַנט אין קעשענע, געזוכט, געטאַפּט, און זי אַרויסגענומען אַ ליידיקע. איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פֿון וואַגאָן און זיך געלאָזט גיין צוריק, זיך אויף קיין שום זאַך נישט אומגעקוקט, פּונקט ווי ער וואָלט קיין צײַט נישט געהאַט. נאָר ווען ער איז צוגעקומען צו דער פּאָסטגאַס, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, וואָס שטייט עק גאַס. געקוקט אַ ביסל אויף די וואַגאָנען, ווי זיי גייען הין און צוריק, נאָכגעקוקט אַ דראָזשקע און דערנאָך זיך פֿאַרקוקט אויף דעם גרויסן בייגל מיט עטלעכע שיינע בולקעס, קליינע בייגעלעך, וואָס דער בעקער האָט אויסגעשטעלט ביי זיך אין פֿענצטער, און געגעבן אַ זיפֿץ.

ער איז געווען אַ יונגער מאַן פֿון עטלעכע און צוואַנציק יאָר מיט רירנדיקע בלויע אויגן און עטלעכע פֿריצײַטיקע קנייטשן אויפֿן שטערן. כאָטש ער האָט נאָך אויסגעוויזן יונג, האָט יעדער געקאָנט אין זיין פּנים באַמערקן פֿיל נויט און צער. אָנגעטאָן געווען אין קורצע קליידער פֿון גוטן שטאָף, נאָר אָפּגעטראָגן. די מלבושים זײַנען געלעגן אויף אים ווי עפּעס נישט אויף אים גענייט. געטראָגן אַן אַלטן הוט מיט לאַקירטע צעריסענע שיך. מיט פֿאַרביסענע ליפּן האָט ער נאָכגעקוקט, ווי אויף דער פּרעאָבראַזשענסקי־גאַס זײַנען אַ סך מענטשן געגאַנגען און געפֿאָרן פֿריילעך אַהין און אַהער. ער האָט געקוקט אויף זיי מיט כּעס, פֿאַר וואָס זיי זײַנען פֿריילעך, פֿאַרנומען מיט עפּעס, און ער זיצט, פֿאַרלייגט די הענט, גלײַך ווי איבעריק אויף דער וועלט און קיינער דאַרף אים נישט. די פֿאַרבײַגייערס האָבן קײַן צײַט נישט. יעדער איז פֿאַרנומען. נאָר ער, וואָס האָט זיך איצט גע־

זעצט נעבן דענקמאָל, איז היינט אויפֿגעשטאַנען גאַנץ פֿרי, ווײַל ס'איז אים שוין נמאס געוואָרן צו ליגן אויף זײַן סטאַנציע, אין אַ נאַסער קעלערשטוב, אויף אַ שלעכטן בעטל. און פֿאַר אַזאַ געלעגער איז ער שוין אויך שולדיק פֿאַר צוויי חדשים. ער איז אומישנע[48] פֿרי אַוועקגעגאַנגען, כּדי זײַן באַלעבאָסטע זאָל אים נישט קענען מאַנען. פֿון זײַן וווינונג איז ער אַוועקגעגאַנגען אויף דער רישעליעווסקי־גאַס, ביז ער איז געקומען עק כערסאָנער, ווו עס געפֿינט זיך די לעצטע סטאַנציע פֿון דעם טראַמוויי. קיין וואַגאָנעס זײַנען נאָך נישט געגאַנגען, ווײַל עס איז געווען צו פֿרי. האָט ער זיך געזעצט אויף אַ באַנק נעבן דער סטאַנציע, אַ קוק געטאָן אין זײַן קעשענע, וויפֿל געלט ער פֿאַרמאָגט. ער האָט געהאַט זילבערנע צען קאָפּיקעס און פֿיר קאָפּיקעס מינץ.

— פֿאַר זיבן קאָפּיקעס — האָט ער אויסגערעכנט — וועל איך קויפֿן אַ מאַרקע אויף אַוועקשיקן דעם בריוו, וואָס איך האָב היינט פֿאַר נאַכט אָנגעשריבן, און פֿאַר זיבן קאָפּיקעס וועל איך איבערבײַסן...

ער האָט געזען ווי נישט ווײַט איז שוין אָפֿן אַ טראַקטיר, איז ער אַרײַנגעגאַנגען. ער האָט זיך געהייסן געבן טיי. אָפּגעטרונקען, פֿאַרביסן מיט אַ שטיקל ברויט, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פֿון זײַן קעשענע, באַצאָלט און איז ווײַטער צוגעגאַנגען צו דעם בענקל, ווו ער איז פֿריִער געזעסן. ער האָט נאָך אַ מאָל איבערגעציילט זײַן געלט און געוואָלט גיין קויפֿן אַ מאַרקע אַוועקצושיקן דעם בריוו. נאָר צו זײַן גרויסער שרעק האָט ער געזען, אַז עס איז געבליבן אין גאַנצן זעקס קאָפּיקעס, און אַ מאַרקע קאָסט זיבן. ער האָט אַ שטאַרקן זיפֿץ געטאָן. אין דעם בריוו, וואָס ער האָט געוואָלט אַוועקשיקן, ליגט דאָך זײַן גאַנצע האָפֿענונג... און איצט? ער איז נאָך געזעסן און געטראַכט וואָס צו טאָן. ער האָט שוין איבערגעטרייסלט אַלע קעשענעס, טאָמער וועט זיך אויף זײַן גליק געפֿינען נאָך אַ קאָפּיקע. פֿון די קעשענעס

[48] מיט אַ כּיוון, ספּעציעל, מיט אַן אָנשטעל.

זײַנען אָבער נאָר אַרויסגעפֿאַלן ברעקלעך פֿון שוואַרץ און ווײַס ברויט, און פֿון צוקער.

עטלעכע מענטשן זײַנען פֿאַרבײַגעגאַנגען נעבן אים און אים אָנגעקוקט מיט אויגן, ווי איינער זאָגט: יונגער מאַן, וואָס זיצסטו אין דעם שיינעם לעבעדיקן אָדעס, פֿאַרלייגט די הענט, גאַנץ פֿרי? ער האָט נישט געקאָנט אַריבערטראָגן זייערע בליקן און זיך געלאָזט גיין — וווהין? האָט ער אַליין נישט געוווּסט. דערווײַל איז צו דער סטאַנציע אָנגעקומען אַ וואַגאָן. ער האָט זיך געזעצט און באַצאָלט פֿינף קאָפּיקעס פֿאַר אַ בילעט. פֿאָרנדיק האָט ער זיך געטראַכט: איצט וועלן אַנדערע ליידיקגייערס מיינען, אַז איך פֿלי מיט דעם וואַגאָן, ווײַל איך האָב קיין צײַט נישט, כאָטש איך בין אַזאַ ליידיקגייער גלײַך מיט זיי...

עס איז אים נמאס געוואָרן נאָכצוקוקן די מענטשן, וואָס דרייען זיך אין גאַס, האָט ער אָנגעהויבן צו קוקן אויף זיך אַליין, אויף זײַנע שיך און אויף זײַנע קליידער. לאַנג אַזוי געקוקט אָן אַ שום צוועק פֿון איין זאַך אויף דער אַנדערער ביז ער האָט אַרײַנגעשטעקט די האַנט אין קעשענע און אָנגעטאַפּט דעם נישט אַוועקגעשיקטן בריוו מיט דער איינציקער קאָפּיקע, וואָס איז אים איבערגעבליבן. ער האָט באַשלאָסן נאָך אַ מאָל איבערצולייענען דעם בריוו און געוואָלט צוריק אַרײַנלייגן די קאָפּיקע אין קעשענע, נאָר אַ ייִנגל איז פֿאַרבײַגעגאַנגען מיט אַ קעסטל קאָנפֿעקטן, וואָס ער האָט געטראָגן אויפֿן קאָפּ. האָט ער אים צוגערופֿן, גענומען ביי אים אַ קאָנפֿעקט און אַוועקגעגעבן די לעצטע קאָפּיקע. און קײַענדיק האָט ער אָנגעהויבן איבערלייענען דעם בריוו, וואָס ער האָט נעכטן אָנגעשריבן צו זײַנע עלטערן:

„מײַנע טײַערע און פֿיל געליבטע עלטערן אין סאָקאָליווקע!
איך ווייס און פֿיל, אַז איך בין נישט ווערט, איר זאָלט אַפֿילו מײַן בריוו לייענען... איך האָב שטאַרק קעגן אײַך געזינדיקט און אײַער נאָמען מיט אונדזער גאַנצער משפּחה פֿאַרפֿלעקט, אַז איר

שעמט זיך אַפֿילו מײַן נאָמען צו דערמאָנען. איך מוז מיך מודה זײַן, מײַנע ליבע פֿאָטער און מוטער, אַז איך בין שטאַרק שולדיק קעגן אײַך, און כאָטש איר האָט מיר שוין פֿיל מאָל מוחל געווען, בין איך ווײַטער געגאַנגען מיט מײַן שלעכטן וועג. איצט אָבער בעט איך אײַך צום לעצטן מאָל רחמנות צו האָבן און מיר שיקן אויף הוצאות, איך זאָל קענען פֿאָרן צו אײַך אַהיים און זײַן אײַער קינד, און מיך פֿירן אויף דעם וועג אַזוי ווי איר ווילט. איך פֿאַרדין געוויס אײַער גוטסקייט נישט, נאָר דער, וואָס איז אַ פֿאָ־טער איבער אַלע פֿאָטערס, איז אויך מוחל און האָט רחמנות. האָט זשע אויך רחמנות אויף אײַער קינד, וואָרעם אויב אַז איר וועט אים נישט ראַטעווען, בלײַבט ער אומגליקלעך אויף אײי־ביק. אײַער פֿאַרפֿירטער זון, וואָס האָפֿט באַלד צו האָבן פֿון אײַך אַ גוטע תשובֿה.

מיכל טייטלשוואָם״

מיכל איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל סאָקאָליווקע, ווו די בלאָטע און די קאַליוזשעס זײַנען אין אַלע גאַסן דערגאַנגען איבערן גאַרטל. ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין ייִנגל, האָט ער שוין פֿײַנט באַקומען אַלע אויפֿפֿירונגען פֿון זײַנע עלטערן, מיט די שטאָטלײַט, מיט זייער לעבן זיך נישט געקענט אײַנגעוויינען. כאָטש זײַנע עלטערן זײַנען שטענדיק געווען רײַך, האָט דער קליינער מיכל נישט געלעקט קיין האָניק. מען האָט אים פֿאַרפֿאָלגט פֿאַר זײַן ביסל פֿרײַע אויפֿפֿירונג. זינט ער האָט די געלעגנהייט געהאַט צו ריידן מיט אַן אָדעסער יונגן מאַן, פֿון וועלכן ער איז געוויר געוואָרן, אַז אין אָדעס געפֿינען זיך ייִדן, וואָס לעבן פֿרײַ און לאַכן גאָר פֿון אַזאַ לעבן, ווי עס פֿירן זײַנע עלטערן און אַלע אַנדערע ייִדן אין סאָקאָליווקע, איז אים שטאַרק אין קאָפּ אַרײַן צו פֿאָרן קיין אָדעס און לעבן גלײַך ווי די אָדעסער מענטשן. ער האָט קיין סך נישט געטראַכט און פֿאַרנומען עטלעכע רובל מיט זײַן גאָלדענעם זייגער און איז אַוועקגעפֿאָרן קיין אָדעס מיט זיסע געדאַנקען, אַז יענע, די אָדעסער ייִדן, וואָס לעבן פֿרײַ און לאַכן

פֿון די קליינשטעטלדיקע ייִדן, וועלן אים, מיכלען, אויפֿכאַפּן ווי אַ גאָלדן פֿינגערל.

מיכל טייטלשוואָם, ווען ער איז אָנגעקומען אין אָדעס, האָט גערעכנט, אַז די אָדעסער ייִדן וועלן אים געבן אַ שטעלע אין זייערע ברויט־קאַנטאָרן; נאָר זיי האָבן אים אַפֿילו קיין מיטאָג נישט געגעבן. ער האָט דערווײַל געלעבט פֿון די עטלעכע רובל, וואָס ער האָט בײַ זײַן פֿאָטער צוגענומען. דערנאָך האָט ער פֿאַרקויפֿט דעם גאָלדענעם זייגער, דערנאָך אַ מלבוש ביז די לעצטע גאַנצע פּאָר שיך.

כּל־זמן ער איז געווען זאַט, איז אים אין אָדעס נישט געווען אומעטיק, פֿאַרקערט, נאָך גאָר פֿריילעך. ער האָט זיך געלעבט אַזוי ווי ער האָט געוואָלט. נאָר אַז ער האָט שוין נישט געהאַט וואָס צו עסן און וואָס צו פֿאַרקויפֿן, און האָט אָנגעהויבן הונגערן, האָט ער באַקומען שטאַרק פֿײַנט די אָדעסער מענטשן, נאָך ערגער פֿון די אין זײַן שטעטל סאָקאָליווקע, און איז דערגאַנגען צו דעם געדאַנק, אַז די גאַנצע וועלט, ווי גרויס זי איז, איז פֿאַרדאָרבן. עס געפֿינט זיך אין איר נישט קיין שום גוטע זאַך און דער מענטש, וואָס וויל זיך פֿירן ערלעך, איז אַ נאַר.

אין זײַן שטעטל האָט מען געהערט וועגן אים, אַז ער איז געוואָרן אויסגעלאַסן. דער מחותּן, זײַן כּלהס טאַטע, האָט באַלד אָפּגעלאָזט דעם שידוך און בײַ דער גאַנצער משפּחה האָט מען אים באַטראַכט פֿאַר אַ פֿלעק. אָבער ווי נאָר מיכל איז אויס חתן געוואָרן, האָבן אים די שדכנים פֿון דעסט וועגן פֿאַרשריבן אין זייערע ביכלעך, און, אונדזער ייִדל שדכן אויך, ווײַל ווען די שדכנים פֿלעגן פֿרעגן זײַן פֿאָטער, וואָס טוט מיכל אין אָדעס, פֿלעגט ער פֿאַר בזיון ענטפֿערן, אַז ער איז דאָרט אין אַ קאַנטאָר, און דערצו אויך אַ גרויסער סוחר. זײַן אומגליקלעכער פֿאָטער האָט שטענדיק גערעכנט, טאָמער וועט זײַן זון חרטה האָבן און צוריקקומען אַהיים, וועט ער באַלד טאָן מיט אים אַ לײַטישן שידוך און צו אַלץ וועט נעמען אַן ענדע. דערפֿאַר האָט ער אים נישט געוואָלט מאַכן קיין שלעכטן נאָמען.

ווען מיכל האָט אָנגעהויבן הונגערן אין אָדעס, האָט ער נישט געקענט קוקן אויף די אָדעסער שיינע גאַסן און ער האָט זיך דער־מאָנט די גרייטע, פּעטע מיטאָגן, וואָס ער פֿלעגט אַמאָל האָבן ביי זײַנע עלטערן אין הויז. ער איז שטאַרק אין כּעס געוואָרן אויף אָדעס מיט אַלע אירע אײַנוווינערס און געשריבן אַ בריוו צו זײַן פֿאָטער, אַז ער האָט חרטה אויף אַלעמען און וויל פֿאָרן אַהיים. דער פֿאָטער האָט, פֿאַרשטייט זיך, אים באַלד געשיקט געלט און ער איז אַהייימגעפֿאָרן. דאָרט האָט מען אים אויסגעקליידט, אָנגעהאָדעוועט און עס האָט אים אין אָנהייב זייער געפֿרייט, וואָס ער איז געקומען אַהיים. ווען ער פֿלעגט זיך דערמאָנען, ווי דער באַלעבאָס פֿון זײַן צימער פֿלעגט פֿון אים יעדן טאָג רײַסן די הויט, ער זאָל אים באַצאָלן דירה־געלט, און ווי ער פֿלעגט איבערקומען אַ טאָג מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט און גיין אָפּגעריסן, איז ער איצט געווען גאָר גליקלעך. פֿאַר עסן, טרינקען און קליידער האָט ער נישט באַדאַרפֿט זאָרגן און זײַן פֿאָ־טער האָט אים שוין געהייסן ריידן שידוכים. די שדכנים האָבן שוין פֿון מיכל, דעם אָדעסער „סוחר גדול“, געשריבן צו די אַנדערע שדכנים. נאָר איידער זיי האָבן אַ שידוך צוגעפּאַסט האָט זיך מיכל, נאָך אַ גוטן מיטאָג און נאָכן גוט אויסשלאָפֿן, גאָר אַנדערש באַ־טראַכט:

— וואָס טויג מיר חתונה האָבן? נעמען אַ ווײַב און האָבן קינ־דער? זײַן זייער קנעכט און זיי האָדעווען? און ווידער, וואָס האָב איך דאָ צו לײַדן אין דעם קליינעם שטעטל? איך בין שוין געווען אין דער וועלט...

מיכל האָט קיין סך נישט געטראַכט. גוט אויסגעקליידט און מיט עטלעכע רובל אין קעשענע, איז ער דאָס צווייטע מאָל אַנטלאָפֿן קיין אָדעס, ווו ער איז געקומען צו דער לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך איצט געפֿונען, זיצנדיק בײַם דענקמאָל מיט אַ קאָנפֿעקט אין מויל און לייענענדיק דעם בריוו, וואָס ער האָט אָנגעשריבן צו זײַן פֿאָטער, ער זאָל אים ווידער צוריקנעמען אַהיים קיין סאָקאָליווקע.

— דער בריוו איז, דאַכט זיך, גוט אָנגעשריבן... — האָט מיכל

געזאָגט צווישן די ציין. — ווי גוט וואָלט מיר געווען, ווען מײַן פֿאָטער זאָל נאָך איצט אויף מיר רחמנות האָבן! אַז נישט בין איך גאָר פֿאַרפֿאַלן...

ער האָט צונויפֿגעלייגט דעם בריוו אין אַ קאָנווערט, אַרײַנגעלייגט אים אין קעשענע און באַשלאָסן צו פֿאַרקויפֿן זײַן לעצט וועסטל, פֿאַר וויפֿל מ׳וועט אים נאָר געבן, אַבי ער זאָל האָבן אויף אַ מאַרקע אַוועקצושיקן דעם בריוו.

אויף דער דריטער באַנק, נישט ווײַט פֿון אים, איז געזעסן איינער אָנגעטאָן אין נישט קיין רײַכע, אָבער אויך נישט קיין אָרעמע קליידער. טייטלשוואָם איז צו אים צוגעגאַנגען און פֿאָרגעלייגט צו פֿאַרקויפֿן זײַן קאַמיזויל. דער באַקאַנטער האָט אים געפֿרעגט, וואָס צווינגט אים צו פֿאַרקויפֿן אַ מלבוש, און טייטלשוואָם האָט אים דערציילט זײַן לאַגע, און זיי האָבן זיך צערעדט.

דער אומבאַקאַנטער האָט אים דערווײַל געגעבן אַ פּאָסטמאַרקע, וואָס ער האָט געהאַט בײַ זיך, און טייטלשוואָם האָט באַלד דעם בריוו אַראָפּגעלאָזט אין פּאָסטקעסטל. ער איז צוריקגעקומען צו דער באַנק, וווּ דער אומבאַקאַנטער איז געזעסן, און זיי האָבן פֿריינדלעכער אָנגעהויבן ריידן. טייטלשוואָם האָט אים דערציילט זײַן געשיכטע פֿון אָנהייב ביזן סוף. דער אומבאַקאַנטער, לאַווריענטי לגונאָוו,[49] ווי ער האָט זיך פֿאַר אים אָנגערופֿן, האָט אים אויך דערציילט, ווי אים איז אַמאָל געווען זייער שלעכט, ווי ער איז געווען איינער פֿון דער אָדעסער „באָסע[50]־קאָמאַנדע״, וועלכע וואַלגערן זיך שטענדיק בײַם ברעג, אין פּאָרט, און לעבן דערפֿון, וואָס זיי כאַפּן בײַ די גרוזקעס[51] פֿון די שיפֿן. ווײַטער האָט ער אים דערציילט, אַז בשעת מ׳האָט פֿריִער אין אָדעס געראַבעוועט ייִדן, איז ער אויך נישט געזעסן ליידיק, און כאָטש ער האָט נאָך דעם געכאַפּט עטלעכע שמיץ

---

[49] לגון איז אויף רוסיש ליגנער.

[50] באָרוועסע, אַ באַנדע גאַסניונגען.

[51] לאָדן, אָנלאַדעווען, טראָגן.

און צוויי חדשים אַרעסט, איז דאָס פֿון דעסט וועגן כּדאַי געווען. מען האָט אַ ביסל געלעבט — הלוואַי אויף היינט געזאָגט...

— וואָס דען, ברודער? — האָט לאַווורענטי געזאָגט — פֿון גאָר נישט טאָן און ריידן, אַז מ'האָט פֿײַנט מענטשן, וועט גאָר נישט ווערן. מ'טוט בעסער אַזוינס, אַז זיי זאָלן דיך פֿײַנט האָבן... אַלע מענטשן זיינען ווי די וועלף: טו וואָס דו ווילסט, אַבי דו זאָלסט זען, עס זאָל דיר זײַן בעסער פֿון דעם צווייטן!

— איין גוטן ברודער האָב איך געהאַט — האָט ער ווײַטער דערציילט — ער איז אָנגעקומען פֿון טיף רוסלאַנד. אָרעם און נאַקעט אַזוי ווי דו איצט. וואָדאָפּיאַנאָוו האָט ער געהייסן. ער איז געווען אַ צײַט צווישן אונדזער חבֿרה און פֿלעגט שטענדיק שרײַען, אַז מיר זײַנען נאַראָנים, וואָס מיר פֿאַרשווײַגן די לײַט, וועלכע האָבן אַ סך געלט מיט הייזער און קאַרעטעס...

— נו, וואָס זשע, פֿלעגט אײַער וואָדאָפּיאַנאָוו שווײַגן? — האָט געפֿרעגט טייטלשוואָם.

— ער פֿלעגט טאַקע זאָגן, אַז מען מוז שווײַגן איבער די געזעצן, וואָרעם ווי באַלד מ'וויל עפּעס טאָן, אַרעסטירט מען.

— זעט איר דאָך, אַז מ'מוז שווײַגן! היינט וואָס זשע קען איך שוין טאָן?

— אָ, ניין! וואָדאָפּיאַנאָוו זיצט נישט מיט די הענט פֿאַרלייגט. ער שרײַבט מיר, אַז ער אַרבעט אין דעם געטרײַ און דענקט, אַז היינט־מאָרגן זאָל ער אַרויס עפּנטלעך און ווײַזן, וואָס ער האָט אויפֿגעטאָן.

— איר זאָגט, אַז ער שרײַבט אײַך? ווײַזט אויס, ער איז נישט אין אַדעס?

— ניין, ער איז נישט אין אָדעס... ער וווינט היינט אין אַ דאָרף, סטעפּקיווקע. איצט שרײַבט ער מיר...

און לגונאָוו האָט אַרויסגענומען וואָדאָפּיאַנאָוס בריוו. און דערנאָך לאַנג, גאַנץ לאַנג מיט טייטלשוואָמען גערעדט וועגן וואָדאָפּיאַנאָוס בריוו.

*

ווען טייטלשוואָם איז די זעלביקע נאַכט אַהיימגעקומען אין זײַן וווינונג, האָט ער באַצאָלט דער באַלעבאָסטע דירה־געלט פֿאַר צוויי חדשים. און ווען ער האָט זיך זאַט אָנגעגעסן און אָנגעטרונקען, און זיך אַנידערגעלייגט שלאָפֿן, האָט ער צו זיך געזאָגט אין דער פֿינצטער:

— ענדלעך האָב איך דאָך אַ שטעלע... אַלץ איינס... איך וועל מיך איצט נוקם זײַן אין אונדזערע רײַכע ייִדעלעך... איך וועל מיך שוין נישט אַרומדרייען פּוסט און פּאַסט...

און מיט די געדאַנקען איז ער אײַנגעשלאָפֿן אַזוי געשמאַק, ווי ס׳איז אים שוין לאַנג נישט אויסגעקומען אַזוי גוט צו שלאָפֿן.

## אין שטאָט און אין דאָרף

פֿריילעך זײַנען די פּויערים און אַלע דאָרפֿלײַט פֿון סטעפּקיווקע געפֿאָרן פֿון נעזווינקער זונטיקדיקן יאַריד, ווי דער שטייגער איז, ווען דאָרפֿלײַט פֿאָרן אַהיים. געקומען אויפֿן יאַריד מיט אַ פֿולער פֿור: אַ מעסטל קאָרן, אַ זעקל ווייץ און פּראָסע, קאַרטאָפֿל, אַ זאַק האָבער אָדער האָלץ און שטרוי; ס׳ווײַב מיט אירע סחורות: הינער, גענדז, קאַטשקעס, אייער, אויסגעשלאָגענע פּוטער, קעז, אויך עטלעכע אַר־שין דיקע געוואַנט און ווײַסע לײַוונט, וואָס זי האָט אין דער היים אויסגעשפּינט; די קינדער אויך מיט אַ זאַק אָדער מיט אַן עמער, אין וועלכן זיי האָבן געבראַכט צו פֿאַרקויפֿן אַלערליי פּרוכטן, עפּל, באַרן, ווײַנשל, קאַרשן, פֿלוימען, און גרינוואַרג, ציבעלעס, קנאָבל, פּעטרישקע, פֿאַסאָליעס און אַנדערע גרינוואַרג. עס האָט זיי נישט געדאַרט דער מוח ווי דעם שטאָט־סוחר, טאָמער וועט די סחורה ביליקער ווערן און ער וועט מוזן דערלייגן געלט, און זיי האָבן אויס־פֿאַרקויפֿט, וואָס זיי האָבן געקענט. און וואָס איז געבליבן, איז אויך נישט קיין אומגליק: קען עס וואַרטן ביז צום צווייטן יאַריד, ווען די פּרײַזן וועלן זײַן בעסערע. די סחורה גייט נישט אַרויס פֿון דער

מאָדע. פֿאָרט מען פֿון יאַריד צו זיך אַהיים אין דאָרף און מ׳איז פֿריילעך. די פֿולע פֿור מיט סחורות האָט דער פּויער פֿאַרקויפֿט פֿאַר מזומן געלט און פֿאָרט אַהיים מיט אַ ליידיקער פֿור און מיט פֿולע קעשענעס געלט.

הינטער דער שטאָט נעזווינק, אויף דעם גרויסן שליאַך, צווישן צוויי שורות שיינע דעמבענע, בערעזעווע און סאָסנאָווע ביימער, פֿאָרן דאָרפֿישע פֿורן מיט דאָרפֿלײַט און פּויערים. עס הערן זיך קולות פֿון געזינגערײַ און שפּילערײַ אויף הילצערנע פֿײַפֿעלעך פֿון די הונדערטער דורכפֿאָרערס און פּוסגייערס; אַלטע און יונגע לײַט, מענער, ווײַבער, יינגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן געשפּילט אויף פֿײַפֿלעך, צימבלען, פֿײַקלעך, באַלאַלײַקעס און נאָך אַזוינע אינסטרומענטן. בײַ יעדער קרעטשמע האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. עלטערע האָבן געטרונקען, יינגערע האָבן אויך צו ביסלעך געטרונקען און פֿאַרביסן, און דערווײַל געוואָרפֿן אויגן אויף די יונגע ווײַבלעך און מיידלעך. אַ סך האָבן געטרונקען איינער צום אַנדערן „פֿאַר יעדנס געזונט“, זיך געקושט און געווונטשן איינער דעם צווייטן פֿיל גוטס און געזונט.

דער שמאָלער וועג פֿירט אויף דעם בערגל. פֿון דער רעכטער זײַט שטייט אײַנגעגראָבן אַ געפֿאַרבטער סלופּ מיט שוואַרצע און ווײַסע פּאַסן. אויף דעם סלופּ איז צוגעשלאָגן אַ שמאָל ווײַס ברעטל, אויף וועלכן ס׳איז אָנגעשריבן מיט שוואַרצע אותיות, ווו ס׳איז אויסגערעכנט, וויפֿל דעסיאַטין פֿאַרמאָגט דער גוטבאַזיצער פּאַן זאַרעצקי, דער ייִד שלום רויטמאַן און די פּויערים. צו דעם סלופּ איז אויך געווען צוגעשלאָגן אַ צווייט ברעטל פֿון אַלטע צײַטן מיט אַ חשבון, וויפֿל נפֿשות, מאַנסבילן און נקבֿות, עס האָבן זיך אין דאָרף געפֿונען, ווי דער שטייגער איז געווען אין יענער צײַט, ווען עס איז נאָך געווען פּאַנשטשיזנע. נאָר זינט עס איז געוואָרן אויס פּאַנשטשיזנע האָט מען שוין קיין נײַ ברעטל מיט דעם חשבון פֿון די נפֿשות נישט צוגעשלאָגן, און דאָס אַלטע ברעטל איז פֿאַרשמירט געוואָרן פֿון דער צײַט און פֿאַרוואַקסן מיט מאָך, אַזוי אַז ס׳איז נישט מער מעגלעך איבערצולייענען, וואָס עס איז דערויף אַמאָל געווען אָנגעשריבן.

די לעצטע פֿור, וואָס פֿאָרט אויף דעם וועג קיין סטעפּקיווקע, איז דער פּויער פֿאַדיי אומניס. ער אַליין האָט אָנגעטריבן די פֿערד. מיט אים איז געזעסן אויף דער פֿור זײַן ווײַב מיט דער טאָכטער און דאָס ייִדישע מיידל — רחל, לעמלס טאָכטער. זי איז אויך געפֿאָרן פֿון דעם יאַריד. איר פֿאָטער, לעמל, האָט נישט געהאַט קיין אייגענע פֿור, און אַפֿילו ער זאָל יאָ האָבן, ווער וואָלט זיך געקאָנט מיט איר אָפּגעבן? ווײַל צו אַ פֿור מיט פֿערד דאַרף מען דאָך האָבן אַ באַלעבאָס. לעמל האָט אָבער צו קיין שום זאַך נישט געטויגט און רחל האָט געדאַנקט גאָט, אַז זי האָט געקענט פֿאַרטיק ווערן מיט איר אייגענער אַרבעט. נאָר ווען זי פֿלעגט דאַרפֿן פֿאָרן קיין נעזווינק אויפֿן יאַריד פֿאַרקויפֿן גרינוואַרג, וואָס איז געוואַקסן בײַ איר אין גאָרטן, כּדי זי זאָל האָבן עטלעכע מזומנע גראָשן און אײַנקויפֿן אין דער שטאָט אויף דער וואָך, פֿלעגט זי איר גרינוואַרג אַרײַנלייגן אין אַ קויש און אַרויסגיין צו פֿוס, גלײַך מיט דעם וועג, קיין נעזווינק, און זי איז בײַ זיך געווען זיכער, אַז די פֿאַרבײַפֿאָרערס פֿון איר דאָרף וועלן זי מיטנעמען אויף זייערע פֿורן. אַזוי איז אויך געווען הײַנטיקן זונטיק. זי האָט געפֿירט אין שטאָט אַרײַן פֿרוכטן, די ערשטע וואָס זי האָט אָנגעריסן בײַ זיך אין גאָרטן. די שטאָטלײַט האָבן ביי איר באַלד אָפּגעקויפֿט העכער אַ האַלבן קויש צו פֿרעגלען אײַנגעמאַכטס, און זי האָט טאַקע געלייזט פֿאַר זײַ זייער אַ גוטן מקח, אַזוי אַז זי וואָלט אייגנטלעך באַדאַרפֿט פֿאָרן אַהיים מיט זייער אַ פֿריילעך האַרץ, ווי די פּויערים, נאָר...

רחל איז איצט געפֿאָרן זייער אומעטיק פֿון דעם יאַריד. פֿאַדיי אומניס ווײַב מיט איר מיידל, וואָס איז געווען כּמעט אין איינע יאָרן מיט רחלען, האָבן זיך זייער געוווּנדערט, ווי אַזוי עס קומט, וואָס די שטענדיק פֿריילעכע און זינגענדיקע סטעפּקיווקער שיינהייט זאָל פּלוצלינג ווערן אַזוי טרויעריק. זיי האָבן זי עטלעכע מאָל געפֿרעגט, וואָס מיט איר איז. זי האָט אָבער דערויף גאָר נישט געענטפֿערט.

רחל האָט שוין מער ווי אַ יאָר נישט געזען איר סאָלאָמאָנען, און זי איז שטענדיק אַזוי געווען פֿאַרטאָן אין איר אַרבעט, אַז זי האָט

קיין צײַט נישט געהאַט צו טראַכטן, פֿאַר וואָס ער קומט אַזוי לאַנג נישט צו איר.

די שיינע מעשׂה פֿון ר׳ עקיבא, וועלכער איז נאָך פֿערצן יאָר צוריקגעקומען אַהיים מיט פֿיר און צוואַנציק טויזנט תּלמידים און ער האָט זײַן גאַנץ לערנען און חכמה געהאַט צו פֿאַרדאַנקען זײַן געליבטער פֿרוי, פֿלעגט רחלען ניט אַרויס פֿון קאָפּ. זינט איר סאָלאָמאָן איז אַוועקגעפֿאָרן אין שטאָט אַרײַן לערנען, פֿלעגט זי אויך פֿון טאָג אויף טאָג האָפֿן, אַז באַלד, באַלד וועט ער צוריקקומען אַ געלערנטער און אַלע וועלן זי מקנא זײַן, און ער, סאָלאָמאָן, וועט זײַן איר גאָלדענע קרוין... ווען סאָלאָמאָן זאָל איצט קומען צו איר און זאָגן: „רחל, איך בין צוריקגעקומען, כּדי דו זאָלסט נישט וויינען, נאָר איך האָב נאָך ווינציק געלערנט אין שטאָט“, וואָלט זי אים געענטפֿערט אַזוי ווי ר׳ עקיבאס ווײַב: „גיי און לערן נאָך, דורך דעם וועט מײַן קרוין ווערן שענער און טײַערער“...

נאָר איצטער, ווען זי איז געווען אין נעזווינק אויף דעם יאַריד און האָט שוין געהאַלטן בײַם אַרויסגיין פֿון דער שטאָט אויף צו פֿאָרן אַהיים, האָט אַ יונגע פּריצטע אין מיטן וועג זי אָפּגעשטעלט און בײַ איר אָפּגעקויפֿט דעם רעשט פֿרוכטן, און רחל האָט געזען, אַז איר סאָלאָמאָן איז אויך געשטאַנען מיט דער פּריצטע, אויך אָנגעטאָן פּריציש, גאָר נישט ווי פֿריִער, און ער איז געווען אַזוי פֿאַרטראָגן מיטן באַדינען אַ מיידל מיט אַ שוואַרצן פּנים און שיינע קליידער, וואָס איז געווען נעבן אים, אַז ער האָט אַפֿילו קיין צײַט נישט געהאַט אַ קוק צו טאָן אויף איר, זײַן רחלען... רחל האָט זיך פֿאַרשעמט און נישט געקענט נאָך אַ מאָל אויפֿהייבן די אויגן, אַ קוק צו טאָן אויף איר סאָלאָמאָנען... זי האָט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסריידן... זי האָט אַפֿילו פֿאַרגעסן איבערצוציילן, וויפֿל מ׳האָט איר באַצאָלט פֿאַר אירע פֿרוכטן. דערווײַל איז פֿאַרבײַגעפֿאָרן פֿאַדיי אומני מיט זײַן ווײַב און טאָכטער, האָט רחל זיך געזעצט אויף זײַן פֿור אַהיימצופֿאָרן קיין סטעפּקיזוקע.

אַז דער וואָגן האָט צוגעפֿירט רחלען צו איר הײַזל, האָט זיך שוין

אין אייניקע שטיבלעך געליכטן. פֿאַר דער טיר האָט געוואַרט רחלס קו. זי איז שוין לאַנג געקומען פֿון דער טשערעדע און געוואַרט, מען זאָל איר געבן עסן און אויסמעלקן. רחל האָט זיך גענומען צו איר געווייַנטלעכער אַרבעט און מינוטנווייַז פֿאַרגעסן, וואָס זי האָט געזען אויף דעם יאַריד אין נעזווינק.

## די קרעטשמע

אין דאָרף סטעפּקיווקע האָט זיך שוין אין אייניקע שטיבלעך געלויכטן. נישט תּמיד לייַכט זיך אין פּויערישע הייַזלעך, ווייַל זומער־צייַט צינדן די פּויערים כּמעט קיין ליכט נישט אָן. זיי לייגן זיך שלאָפֿן אין דער פֿינצטער און עסן וועטשערע בייַם ליכט פֿון דעם לויטערן הימל. נאָר הייַנט איז געווען זונטיק, און לכּבֿוד דעם טאָג האָט זיך כּמעט אומעטום געלויכטן. פֿון אַלע זייַטן פֿונעם דאָרף האָט מען געהערט קולות, ריידן און זינגען פֿאַרשיידענע פֿאָלקסליידער. אַפֿילו קינדער און אַלטע פּויערים מיט גרויע קעפּ האָבן מיטגעזונגען. אַלע דאָרפֿלייַט זייַנען געווען פֿריילעך, ווייַל אַ גאַנצע וואָך האָט יעדער מיט שווייס געאַרבעט און הייַנט רוען זיי.

אין דער קרעטשמע, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן דאָרף, האָבן זיך פֿאַרשפּעטיקט בייַ די פֿלעשער בראָנפֿן אַ סך דאָרפֿלייַט מיט זייערע פֿורן. מען האָט איבערגעשמועסט פֿון אַלערליי נייַסן. פֿון דער מלחמה האָט מען דערציילט, אַז די רוסן האָבן שוין אייַנגענומען פּלעווּנע און אַז באַלד וועט ווערן שלום. אייניקע האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן געהערט, ווי באַלד עס וועט ווערן שלום, וועט מען אַלע ייִדן אַוועקשיקן צום טערק אָדער מען וועט זיי ערגעץ אַנדערש פֿאַרשיקן, ווייַל דער קייסער איז געוויר געוואָרן, אַז די ייִדן זייַנען איבערגעקויפֿט פֿונעם טערק און האָבן אים מיטגעהאָלפֿן מיט געלט. דערפֿאַר וויל זיי שוין דער קייסער מער בייַ זיך נישט האַלטן. ער וואַרט נאָר ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן און דערנאָך וועט מען

זיך נעמען צו די ייִדן. איינער האָט זיך אַפֿילו אַרײַנגעמישט און געזאָגט, אַז ס׳איז נישט צו גלייבן, אַז דער רוסישער קייסער זאָל הייסן אַרויסטרײַבן די ייִדן. אַז ייִדן וואָלטן באמת געווען פֿאַרקויפֿט דעם טערק, וואָלט מען בײַ זיי קיין סאָלדאַטן נישט גענומען. אַן אַנדערער האָט געזאָגט, אַז דאָס האָט אים דער פּאַן פּיסאַר וואָדאָפּיאַנאָוו אַליין פֿאָרגעלייענט פֿון די רוסישע צײַטונגען. אַלע וואָלטן שוין איצט געגלויבט, ווייל וואָס עס שטייט אין די צײַטונגען מוז דאָך זײַן אמת. נאָר עטלעכע סאָלדאַטן, וואָס זײַנען געזעסן צווישן דער חבֿרה, וועלכע זײַנען צוריקגעקומען פֿון דער מלחמה פֿאַרוווּנדעט, האָבן געזאָגט:

— ווי קאָן דאָס זײַן, אַז די ייִדן זײַנען פֿאַרקויפֿט צום טערק, אַז זיי אַליין האָבן געזען, ווי מען האָט ייִדישע פֿאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן געשענקט מעדאַלן, גלײַך מיט די קריסטלעכע סאָלדאַטן, ווײַל די ייִדן האָבן זיך מיט גבֿורה געשלאָגן און נישט געלאָזט צונעמען די פֿאָן פֿון זייער פּאָלק?!

נאָך דעם געשפּרעך וועגן ייִדן איז מען איבערגעגאַנגען אויף שטאָטזאַכן. יעדער וואָס איז געקומען פֿון דעם יאַריד האָט דערציילט נײַס פֿון שטאָט. דער וועכטער פֿון וואָלאָסט, דרוטשאָק, וואָס איז איצט אויך געווען אין דער קרעטשמע, איז עפּעס געשטאַנען ווי פֿאַרשעמט, ווײַל אַ גאַנצע וואָך איז ער געווען דער איינציקער דערציילער פֿון די וועלטנײַעס. יעדער פֿלעגט בײַ אים פֿרעגן. יאַכטעם האָט געטראָגן די גאַזעטן מיט די פּאַקעטן פֿון דער שטאָטפּאָסט אין וואָלאָסט, האָט ער געוווּסט פֿון אַלע נײַעס. נאָר איצט אַז יעדער איז געווען אין שטאָט אויף דעם יאַריד, האָט מען זײַנע נײַעס נישט באַדאַרפֿט. נאָר ער האָט צום סוף זיך פֿאָרט אַרײַנגעמישט אין דעם געשפּרעך און דערציילט, אַז דער פּאַן פּיסאַר האָט אים, יאַכטעמען, פֿאָרגעלייענט פֿון די גאַזעטן, אַז ווען מען וועט נאָך דער מלחמה אַרויסטרײַבן די ייִדן, וועט מען זייער פֿאַרמעגן צעטיילן צווישן די אָרעמע רוסישע דאָרפֿלײַט, אַזוי אַז עס קען זײַן, די ערד, וואָס געהערט צו דעם זשיד חיים, וועט מען צעטיילן די סטעפּקיווקער באַלעבאַ־

טים. דער פּאַן פּיסאַר האָט אים געזאָגט, אַז דעמאָלט וועט אים, יאַכטעם דרוטשאַק, אָנקומען אויף זײַן חלק עטלעכע דעסיאַטין ערד מיט דעם הויף, וווּ פּאַן חיים וווינט, און עס קען זײַן, אַז ער וועט ווערן אויס וועכטער, מען וועט אים מאַכן פֿאַר אַ סטאַרשינע.

דער סטעפּקיוּוקער סטאַרשינע, וואָס איז גראָד דערבײַ אויך געווען אין קרעטשמע, האָט דערפֿאַר, וואָס דרוטשאַק וויל צונעמען זײַן שטעלע, אים אָנגעהויבן שלאָגן. און ווער ווייסט, וואָס צווישן זיי וואָלט פֿאָרגעקומען, ווען עס זאָלן זיך נישט געווען אַרײַנמישן מענטשן, וועלכע האָבן געזאָגט, אַז דרוטשאַק איז גאָר ניט שולדיק, ווײַל ער האָט שוין צו פֿיל געטרונקען, און מען האָט געפּסקנט, אַז ביידע זאָלן קויפֿן בראָנפֿן. אַלע האָבן דעם בראָנפֿן געטרונקען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

*

ווען די פּויערים זײַנען זיך שפּעט צעגאַנגען פֿון דער קרעטשמע, איז מען נאָך בײַ פּאַני אסתּרקע נישט געשלאָפֿן. אין אַלע פֿענצטער האָט נאָך געלויכטן ווי אויף אַ באַל.

הײַנט איז בײַ פּאַני אסתּרקע געווען „אַן אָוונט", ווײַל עס איז פּונקט געוואָרן אַ יאָר צײַט ווי איר סאָלאָמאָן האָט אָנגעהויבן לערנען אין שטאָט. דער אָוונט איז געווען נאָר פֿאַר היימישע און נאָענטע פֿרײַנד. דאָ האָט זיך געפֿונען דער אַלטער פּריץ פּאַן יאַן מיט דעם גלח דאַנילאָוו, מיט זייערע ווײַבער און קינדער, און עס פֿאַרשטייט זיך, אַז פּאַן קאַרל מיט דעם פּיסאַר וואָדאָפּיאַנאָוו זײַנען געווען פֿון די ערשטע געסט.

די אַלטע באָבע פֿריידע האָט אויך געשיקט רופֿן איר רחלען, „מײַן נחמהס קינד", ווי זי פֿלעגט זי רופֿן. רחל האָט אַפּילו נישט געוואָלט גיין. ערשטנס, איז זי געווען זייער מיד און טרויעריק פֿון דעם שלעכטן יאַריד. צווייטנס, אַ גאַנצן טאָג איז זי נישט געווען אין דער היים, איז איר געבליבן אַ סך אַרבעט. נאָר אַז די באָבעניו רופֿט, מוז מען גיין. האָט זי איבערגעפֿלאָכטן אירע צעפּ, זיך אָנגעטאָן דאָס איינציקע שבתדיקע קליידל מיט די נײַע שיך, וואָס זײַנען

שטענדיק געווען באַהאַלטן אין קאַסטן, צו איר שבתדיק קליידל האָט זי אויך אָנגעטאָן אַ ווײַסע אויסגעוואַשענע קאָפּטע, אויף וועלכער זי האָט אַליין מיט פֿאַרשיידנפֿאַרביקן זײַד אויסגענייט קווייטן און איז געגאַנגען צו דער באָבען. פֿאַרבײַגייענדיק נעבן איר גאָרטן, האָט זי אויסגעריסן אַ שמעקנדיקע פֿרישע בלום און זי אַרײַנגעשטעקט אין די האָר פֿון איר קאָפּ. אַ צווייטע בלום האָט זי צוגעשטשפּעט מיט אַ שפּילקע צום קלייד.

און רחל איז געווען אויף דעם אָוונט.

ווען רחל איז אַרײַנגעקומען, איז זי גלײַך צוגעגאַנגען צו דער באָבע פֿריידע, וואָס איז געזעסן אויף אַ ברייטער, ווייכער שטול. רחל האָט זיך נעבן דער שטול צוגעזעצט. אַזוי זײַנען זיי ביידע געזעסן שטיל. די באָבע האָט דערווײַל אַ דרעמל געטאָן.

פֿאַן קאַרל האָט פֿון רחלען קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט דעם גאַנצן אָוונט. רחל האָט איצט, מיט איר טרויעריקן געזיכט, פֿיל שענער אויסגעזען אין זײַנע אויגן.

פֿאַני אסתּרקע איז געווען זייער פֿריילעך. אַז זי האָט געפֿרעגט קאַרלען, פֿאַר וואָס ער זיצט אַזוי טרויעריק, האָט ער איר אײַנגעשרומט אין אויער, אַז ער מוז אַוועקפֿאָרן פֿון סטעפּקיווקע.

— פֿאַני אסתּרקע! — האָט ער איר געזאָגט — מיר דאַכט זיך, איר דאַרפֿט שוין לאַנג פֿילן מײַן האַרץ. פֿאַרגעסט נישט, אַז איך בין שוין מיט אײַך צוזאַמען אַזאַ צײַט. וואָס זשע וועט זײַן דער סוף? איך בין נאָך אַ יונגער מאַן און קען אַזוי שטאַרבן נעבן אײַך. איך מוז מיך באַשליסן אָפּצושיידן מיט אײַך. אפֿשר וועל איך אײַך פֿאַרגעסן... ווי שווער און ביטער איז אָבער אַזאַ באַשלוס!...

פֿאַני אסתּרקען האָבן קאַרלס ווערטער אין האַרצן זייער געפֿרייט. זי האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז זי וועט נישט דערלאָזן, ער זאָל פֿון איר אַוועקפֿאָרן. זאָל ער נישט מיינען, אַז איר איז אַזוי גרינג זיך צו שיידן מיט אים.

חיים מיט זײַנע געסט, פֿאַן יאַן און גלח דאַנילאָוו, האָבן ווי

שטענדיק צווישן זיך גערעדט וועגן זייערע באַלעבאַטישע זאַכן און פֿון וועלטנײַס.

שפּעט אין דער נאַכט זײַנען די געסט זיך צעפֿאָרן, צופֿרידן און פֿריילעך, נאָר פֿאַן פּיסאַר מיט פֿאַן קאַרלען זײַנען פֿון פֿאַן חיימס הויז אַוועקגעפֿאָרן אומצופֿרידן, אין כּעס, צעקאָכט.

*

אומעטום איז מען שוין געשלאָפֿן. אין אַלע הײַזלעך איז געווען פֿינצטער. אַ טייל זײַנען געשלאָפֿן אין די הײַזער און אַ טייל אין דרויסן, אונטער דעם פֿרײַען הימל, נעבן דער שטוב אָדער אויף די סקירדעס היי. זינט חיים האָט חתונה געהאַט האָט אים פֿאַני אסתּרקע מער נישט געלאָזט שלאָפֿן אין דרויסן אויף דעם היי, ווי זײַן פֿאָטער האָט זיך אַמאָל נוהג געווען. פֿון דעסט וועגן פֿלעגט ער שלאָפֿן אויף דער פֿרײַער לופֿט אויף דעם גאַנעק [52] פֿון זײַן הויז, וואָס איז אַרײַנגעגאַנגען אין גאָרטן. הײַנט, אין דער שיינער זומערנאַכט, איז ער אויך געשלאָפֿן אויף דעם גאַנעק. אומעטום איז שוין געווען פֿינצטער. נאָר אין איין שטוב איז נאָך געווען ליכטיק. פֿאַן קאַרל מיט דעם פֿאַן פּיסאַר זײַנען נאָך נישט געשלאָפֿן און האָבן געשמאַק גערעדט, נישט אויפֿהערנדיק צו טרינקען.

— וואָס בין איך שולדיק אין דעם, ליבער פֿאַן קאַרל? גלייב מיר, ווען דער נאַרישער יאַכטעם דרוטשאָק זאָל פֿאַר אַ יאָרן נישט געווען אויספּויקן אין דאָרף, אַז איך מיט דיר האָבן בײַ נאַכט געוואָלט אַרויסגנבֿענען רחלען, וואָלסטו שוין לאַנג צו דײַן צוועק געקומען. נאָר באַרעכן גוט: ווען איך אָדער דו וועלן אין דעם איצט עפּעס טאָן, וועט מען שוין וויסן, אַז דאָס איז אונדזער אַרבעט, און די סטעפּקיווקער יונגע לײַט וועלן אונדז די אויגן אַרויסנעמען! הײַנטיקע מוזשיקעס זײַנען שוין נישט ווי אַמאָליקע... וואָס מען האָט געוואָלט, האָט מען געטאָן מיט זיי, מיט די אַמאָליקע... די הײַנטיקע וועלן אונדז ניט שווײַגן...

[52] באַלקאָנדל, פֿאָדער־הייזל.

— פאַן פּיסאַרזש! מיר איז שוין אַלץ איינס! עס מעג שוין דערנאָך זײַן, וואָס עס וועט זײַן... איך האָב ליב רחלען...

— הער נאָר, פאַן קאַרל, איך האָב שוין לאַנג באַקלערט און באַטראַכט, אַז ווען מיר וועלן דעם זשידס פאַרמעגן אין גאַנצן צונעמען... ווען מיר וועלן רחלען מיט איר פאָטער אַרויסוואַרפן פון דער קרעטשמע... פאַרשטאַנען, וואָס דערפון קען אַרויסקומען?...

— פאַן וואָדאָפּיאַנאָוו! — האָט אים פאַן קאַרל איבערגעשלאָגן די רייד עפּעס ווי דערשראָקן — איך פאַרשטיי אײַך נישט! וואָס הייסט? ווי אַזוי קען דאָס זײַן, אַז איך מיט דיר זאָלן ווערן די באַלעבאַטים פון חיימס פאַרמעגן?

— איך דערצייל דיר אַ זאַך, וואָס איך האָב גוט באַקלערט... נאָר עס פאַרשטייט זיך, אַז דו מוזסט אין דעם אויך עפּעס טאָן. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז דו וואָלסט נישט געגאַנגען אין דײַן פאָטערס וועגן, נאָר וואָס קענסטו טאָן, אַז דו מוזסט נאָך יעדן גראָשן צו אים אָנקומען? די עטלעכע הונדערט רובל, וואָס פאַני אסתרקע לײַט דיר אַ מאָל, זײַנען פאַר דיר אויך צו ווייניק אויף צו לעבן, ווײַל דו ביסט אַ גדלן גלײַך מיט אַלע פּאָליאַקן... דיר ווילט זיך איר דאָס געלט אָפּגעבן, נאָר דו האָסט נישט, דערפאַר וואַגסטו שוין נישט בײַ איר מער צו באָרגן... אַזוי צו לעבן, פאַן קאַרל, אָפּהענגיק צו זײַן פון יעדן, איז נישט גוט... ס'איז שוין צײַט צו שטיין אויף אייגענע פיס... דעריבער זאָג איך דיר: הײַנט בײַ נאַכט וועט עפּעס געשען... איך האָב שוין אַלץ באַשטעלט, נאָר אויף מאָרגן זאָלסטו וויסן וואָס צו טאָן... דו וועסט טאַקע דעמאָלט בײַ פאַני אסתרקע אַלץ פועלן... נאָר דערפון וועלן מיר שוין נאָך דעם ריידן.

די צוויי גוטע ברידער האָבן אין דער דאָזיקער נאַכט נאָך זייער לאַנג און שפּעט גערעדט.

*

אין דער דאָזיקער נאַכט האָט געגאָסן אַ רעגן ווי מיט צעבערס, אַז מען האָט דורך דער געדיכטער פינצטערניש נישט געקענט זען, וואָס עס קומט־פאָר נעבן ברעג פונעם סטעפּקיווקער טײַך: נישט

ווײַט פֿון דער מיל שטייען פֿיר פֿיגורן, וואָס האָבן אָפּגעשלאָגן אויף דעם וואַסער פֿון דעם טײַך פֿיר שוואַרצע שאָטנס... צוויי האָבן גע־האַלטן אַ גרויסן פֿולן זאַק און די אַנדערע צוויי זײַנען געשטאַנען און געוואַרט. די ערשטע צוויי האָבן צו די אַנדערע געזאָגט:

— נו, וואָס וועלן מיר זיך האַלטן מיט דעם פּעקל? לאָמיר עס אַרײַנוואַרפֿן... אַ שטיין האָבן מיר שוין צום פּעקל צוגעבונדן.

— וואַרט־אויס אַ מינוט! — האָט זיך אָנגערופֿן איינער פֿון די צוויי, וואָס זײַנען געשטאַנען מיט ליידיקע הענט — טאַקע נאָר איין מינוט... עס וועט באַלד דונערן, וועלן באַלד זײַן בליצן, וועלן מיר קענען זען, צי דאָס איז ער... דערווײַל עפֿן דעם זאַק...

אין דער רגע האָט אַ שטאַרקן בליץ געטאָן, אַז עס האָט דעם גאַנצן הימל אַרום־און־אַרום באַלויכטן מיט גרויס פֿײַער. די פֿיר מענטשן האָבן אין דעם אָפּענעם זאַק דערזען אַ בלאַס טויט פּנים מיט צוזאַמענגעקוועטשטע ליפּן און ציין...

— יאָ, דאָס איז דער זשיד חיים! — האָט שטיל געזאָגט איינער צום צווייטן.

אין דעם גערויש פֿון דער נאַכט, פֿון דונער און רעגן האָט מען דערהערט אַ גרויסן פּליושק אין דעם טײַך. די כוואַליעס, וואָס האָבן זיך צעשפּריצט פֿון דער משׂא, וואָס איז אַראָפּגעוואָרפֿן געוואָרן אין וואַסער, האָבן זיך פֿון דעם פּליושק אויפֿגעהויבן און האָבן זיך אָפּ־געזילבערט פֿון נײַע בליצן.

צווישן די פֿיר מענטשן האָט זיך אויך געפֿונען דער וועכטער יאַכטעם דרוטשאָק און פּאַטיאַזשקע.

עס איז געווען שטיל און די נאַכט האָט געשוויגן.

## פּעטערבורגער האָטעל

אויף דער שענסטער אָדעסער גאַס, פֿון וואַנען די אײַנוווינערס זעען די שענסטע פּאַנאָראַמע אויפֿן שוואַרצן ים און די שיפֿן, וואָס

שטייען בײַם ברעג אויסגעצירט מיט פֿאַרשיידענע זעגלען און פֿאָנען, וווינען די רײַכסטע לײַט. דאָ געפֿינען זיך אויך די רײַכסטע האָטעלן.

אין דעם „פּעטערבורגער האָטעל“, וואָס שטייט פּונקט אויפֿן ראָג פֿון אַ צווייטער שיינער גאַס, האָט איינער פֿון די האָטעלגעסט אַ קלונג געטאָן בײַ זיך אין צימער, ווו ער איז אײַנגעשטאַנען. עס איז באַלד אַרײַנגעקומען דער קעלנער פֿונעם האָטעל.

— רופֿט מיר אַרײַן דעם פֿאַרוואַלטער — האָט ער געזאָגט און, אַוועקזעצנדיק זיך אויף אַ שטול, פֿאַררויכערט אַ ציגאַר, וואָס האָט פֿאַרשמעקט דאָס גאַנצע צימער.

דער קעלנער איז אַרויסגעגאַנגען.

דער גאַסט האָט אויסגעזען פֿון אַ יאָר אַכט און צוואַנציק. רײַך געקליידט. געהאַט אַ פּנים פֿון אַן אויסלענדישן סוחר. זײַן ערנסט פּנים האָט אויסגעדריקט גרויסע זאָרגן, געוויס איבער גרויסע געשעפֿטן. אין דעם בוך פֿון האָטעל איז ער געווען פֿאַרשריבן: „בערטאָלד ליודאָרף פֿון בעלגיע, אויסלענדער, הויפּליפֿעראַנט“. ער האָט שוין אין דעם נומער געוווינט צוויי טעג.

— וואָס פֿאַרלאַנגט איר, הער ליודאָרף? — האָט דער פֿאַרוואַלטער געפֿרעגט אַרײַנקומענדיק.

— ווו איז אײַער סוחר איוואַן בוראַקאָוו, וועגן וועלכן איר האָט מיר דערציילט, אַז ער וועט בײַ מיר קויפֿן בעלגישע פֿעל? איר האָט אים געוויס נישט פֿאַרגעסן צו זאָגן, אַז פֿון פֿאַרטיקער אַרבעט, איבער הויפּט פֿון פֿרויענשיך, קען איך מער פּראָצענט אַראָפּלאָזן ווי פֿון לעדערנע פֿעל? — האָט ער געזאָגט און אין אַ ביכל מיט רעכענונגען, וואָס איז געלעגן אויפֿן טיש, עפּעס פֿאַרשריבן און ווײַטער געזאָגט: — נאָך צוויי פּראָצענט קען איך אַראָפּלאָזן הער בוראַקאָוו, ווײַל ווי איר האָט מיר געזאָגט האַלט ער דעם גרעסטן לעדערמאַגאַזין אין אָדעס און קען קויפֿן בײַ מיר אויף דער סומע ווי איך האָב אײַך פֿאָרגעלייגט.

— איך האָב מיט אים אַלץ גערעדט, ווי איר האָט מיר איבערגעגעבן — האָט דער פֿאַרוואַלטער געענטפֿערט — נאָר ער פֿאַר־

לאַנגט, אַז איר זאָלט אים מער פּראָצענט אַראָפּלאָזן פֿון מענערשיך. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט זײַן בײַ אײַך הײַנט פֿאַר נאַכט. אָט גייט ער! — האָט דער פֿאַרוואַלטער זיך געגעבן אַ כאַפּ אין דער זײַט, ווו די טיר האָט זיך געעפֿנט.

עס איז אַרײַנגעקומען הער בוראַקאָוו. דער פֿאַרוואַלטער האָט זיך געלאָזט גיין צו דער טיר מיט די ווערטער:

— גלײַכט זיך אויס מיט די פּרײַזן! איך האָף, אַז מײַן מעקלערײַ וועט איר מיר שוין געבן. איך מוז באַלד אַוועקגיין.

— גיין, נאָך וואָס דאַרפֿט איר אַוועקגיין? פֿאַרקערט, איר קענט מיטהעלפֿן, מיר זאָלן זיך אויסגלײַכן.

— איך מוז גיין צו מײַן אַרבעט, איך בין נישט קיין שטענדיקער מעקלער. איך דין דאָ אין האָטעל. נאָר איר האָט מיך געבעטן, איך זאָל אײַך רעקאָמענדירן אַ קונה, פֿאַר וואָס נישט?

דער פֿאַרוואַלטער איז אַוועקגעגאַנגען, נאָר קוים האָט ער הינ־טער זיך צוגעמאַכט די טיר, זײַנען די צוויי, וועלכע זײַנען געבליבן אין צימער, זיך געפֿאַלן אויף די העלדזער.

איינער איז געווען לאַורענטי לגונאָוו און דער צווייטער האָט זיך גערופֿן אַנדריי פּעליכאָוו. נאָכן צעקושן זיך האָבן די צוויי פֿרײַנד זיך צערעדט:

— וואָס מאַכסטו, לאַורענטי?

— איצט, אַנדריי, איז נישט די צײַט צו פֿרעגן, וואָס מען מאַכט. די מלחמה, וואָס רוסלאַנד פֿירט מיט טערקײַ, איז באַלד געענדיקט און נישט אַזוי ווי אונדזער הויפּט־קאָמיטעט אין שווייץ האָט גע־דענקט. מיר זעען איצט, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן גליקלעך פֿאַר רוסלאַנד און פֿאַר אונדז איז עס דאָס גרעסטע אומגליק. אונ־דזער האָפֿענונג ווערט צעשלאָגן. איך האָב דיך שוין לאַנג דערוואַרט, ווײַל איך האָב געוווסט, אַז עס וועט זײַן די טעג בײַ אונדז נײַע אַרבעט. איך האָב שוין אַפֿילו פֿאַרמערט אונדזערע מיטגלידער; איי־נער, אַ נײַער, וואָס איך האָב צוגענומען, האָט אויסגעפֿירט עטלעכע זאַכן גאָר אויסגעצייכנט. ער הייסט טייטלשוואָם. עס איז זעלטן צו

געפֿינען אַזאַ מענטשן, וואָס איז פֿעיִק צו אַלץ — אַזוינעם דאַרפֿן מיר נייטיק האָבן צו אונדזער אַרבעט.

— אומזיסט האָסטו איצט צוגענומען נײַע מענטשן. איך פֿאַר איצט אַרום איבער פֿאַרשיידענע געגנטן, אויף מודיע זײַן אין נאָמען פֿון אונדזער קאָמיטעט, אַז קיינער זאָל זיך נישט דערוועגן עפּעס צו טאָן ביז די מלחמה וועט ניט זײַן געענדיקט. דערנאָך וועלן זײַן נײַע באַפֿעלן וועגן דעם, וואָס מען האָט צו טאָן. אונדזער קאָמיטעט האָט איצט דערזען אַ נײַעם וועג, דורך וועלכן ער קען זײַנע פּלענער אויספֿירן. דעם וועג האָבן פֿריִער די סאָציאַליסטן נישט געקאָנט פֿאָרויסזען. איך מיין די נײַע חבֿרה, וואָס האָט זיך געבילדעט אונטער דעם נאָמען אַנטיסעמיטיזם. זי האָט געשאַפֿן דער דײַטש שטעקער. די חבֿרה ווערט אַלע מאָל גרעסער און שפּרייט זיך אויס איבער גאַנץ אייראָפּע. זי אַרבעט אויך צווישן דעם פּראָסטן פֿאָלק. די אַנטיסעמיטן פֿאַרשטייען גאָר נישט, אַז מיט זייער פּריידיקן צווישן דעם פּראָסטן פֿאָלק טוען זיי די גרעסטע טובֿות אונדזער אַרבעט און טאַקע דורך זיי וועלן מיר גיכער אויספֿירן דאָס, וואָס מיר וואָלטן אַזוי גיך נישט געקאָנט דערגרייכן אָן זיי.

— איך פֿאַרשטיי דיך נישט, אַנדריי. וואָס קערן זיך אָן די אַנטיסעמיטישע פּריידיקונגען מיט סאָציאַליזם?

— איך האָב געוווּסט, אַז דו וועסט מיך דאָס פֿרעגן. קיינער האָט נישט דערוואַרט, אַז די פּלענער פֿון די סאָציאַליסטן זאָלן בלינד העלפֿן די אַנטיסעמיטן. נאָר הער מיך אויס און לייג־צו קאָפּ. פֿאַר וואָס אונדז, סאָציאַליסטן, איידער מיר פֿירן דורך עפּעס אַ פּלאַן, קומט עס אונדז אָן אַזוי שווער. מיר פֿאַרלירן אַ סך מענטשן, וועלכע פֿאַלן־אַרײַן אין די תּפֿיסות. מיר פֿאַרלירן אַ סך געלט. און ווער ווייסט, אויב נאָך דעם אַלעמען וועלן מיר אַ מאָל קענען אונדזער צוועק דערגרייכן! כּדי אָבער מיר זאָלן קומען צו אונדזער צוועק, איז פֿאַר אַלעם נייטיק, מיר זאָלן דאָס פֿאָלק פֿאַר אונדז געווינען, ווײַל אָן דעם פֿאָלק איז גאָר נישט... „דאָס פֿאָלק דאַרף זײַן מיט אונדז,

ד״ה, אַז מיר וועלן אים זאָגן: נעמט דריקעס [53], קאָסעס, ביקסן און גייט מיט אונדז זיך שלאָגן פֿאַר אונדזערע אידעאַלן!״ זאָל דאָס פֿאָלק גאָר נישט מאַכן קיין שאלות און זאָל אונדז בלינד פֿאָלגן. נאָר ווי אַזוי קען מען דאָס פֿאָלק דערצו ברענגען? — דאָס ווייסן מיר נאָך אַליין נישט, ווײַל דער פּראָסטער, רוסישער פּויער האָט זיך פֿײַנט צו בונטעווען. חוץ דעם ציטערט ער אַפֿילו פֿאַר דעם סאָטסקע [54] פֿון זײַן דאָרף, בפֿרט אַז ער זעט אַ קנעפּל [55], האָט ער געוויס מורא. דער רוסישער מוזשיק וועט בעסער אַוועקגעבן דאָס לעצטע העמד איידער האָבן צו טאָן מיט אַ פּאָליציאַנט אָדער מיט אַן אַנדער קנעפּל און די געזעצן פֿונעם לאַנד זײַנען בײַ אים הייליק. נאָך מער — דער מוזשיק האָט אַפֿילו דרך־ארץ פֿאַר יעדן עלטערן פֿון זיך, אַפֿילו ווען ער טראָגט נישט קיין קנעפּל. דעם פּריץ פֿון דאָרף גיט ער אָפּ דעם גרעסטן כּבֿוד, ווײַל ער ווייסט, אַז דער פּריץ איז רײַכער, קליגער און געלערנטער פֿון אים. דער פּויער רעכנט, אַז ער געהערט צו דעם נידעריקן קלאַס מענטשן, און דאָס אַרט אים גאָר נישט. פֿאַרקערט, ער מיינט, אַז ער דאַרף זיך טאַקע בייגן פֿאַר דעם העכערן קלאַס. ווי זשע קען מען דערוואַרטן פֿון אים ער זאָל זיך בונטעווען קעגן דעם העכערן קלאַס? דאָס רוסישע פֿאָלק איז מיט אַלעם צופֿרידן און ווינטשט גאָר קיין בעסערס נישט, ווען עס האָט נאָר אַ שטיקל פּראָסט ברויט.

— וואָס איז מײַן געשעפֿט, וואָס יענער איז רײַך? — זאָגט דער פּויער — מסתּמא האָט ער מזל און האָט פֿאַרדינט. אַז איך וועל פֿאַרדינען, וועל איך אויך זײַן רײַך. און וואָס דאַרף איך מיך גאָר יאָגן נאָך רײַכקייט! ווען איך וועל זײַן רײַך, וועל איך האָבן אַ סך צרות און זאָרגן, מ׳זאָל מיך נישט באַגנבֿענען אָדער מ׳זאָל מיך נישט דערהרגענען און צונעמען בײַ מיר דאָס געלט... אויך וואָלט איך שטענ־

---

[53] פלעקער, פלאָקנס, דרענגער.

[54] היטער פון דאָרף.

[55] מלוכה־באַאַמטער, דערצו נאָך אין אַ מונדיר.

דיק מורא געהאַט, די מײַז זאָלן נישט אויפֿעסן די פּאַפּירענע אַסיגנאַציעס, אַז איך זאָל זיך דערנאָך דאַרפֿן אויפֿהענגען פֿאַר צרות, ווי עס האָט זיך דאָ נישט לאַנג געטראָפֿן בײַ אונדז אין דאָרף מיט מעלניאַקן, דעם גבֿיר, ווען מ׳האָט בײַ נאַכט געהרגעט, און זײַן ווײַב און קינדער געבראָכן די ביינער, זיי זאָלן אויסזאָגן די גנבֿים, וווּ ס׳איז דאָס געלט געווען באַהאַלטן...

— נו, מײַן ליבער לאַורענטי? — האָט אַנדריי געענדיקט זײַן שמועס — וואָס זשע קענען מיר מאַכן מיט אונדזערע פֿאַרשלאָפֿענע, רויִקע, צופֿרידענע מוזשיקעס?

## דער הפֿקר־מענטש

אין איינעם פֿון אָדעסער טראַקטירן, ווו עס הערט נישט אויף כמעט אַ מינוט צו שפּילן אַ שפּילקאַסטן, פֿון וועלכן די באַזוכערס קוועלן גאָן אָן און טאַנצן אַ ביסל אונטער בײַם טיי טרינקען, אין „דוואָריאַנסקי־זאַל״, ווו מ׳זעט קיין מאָל נישט אַרײַנגיין קיין לײַטישן דוואָריאַנין [56], און מען רופֿט עס „דוואָריאַנסקי״ נאָר דערפֿאַר, ווײַל אַ גלאָז טיי קאָסט דאָרטן טײַערער מיט צוויי קאָפּיקעס, איז צווישן עולם איצט געזעסן בײַ אַ באַזונדער טישל מיכל טייטלשוואָם. אויף זײַן טישל זײַנען געשטאַנען אויסגעליידיקטע טעלערס פֿון אַ ביפֿשטיק און אַ פּאָר טשײַניקעס פֿון אויסגעטרונקענע טיי.

טייטלשוואָם איז איצט געווען פֿאַרטראָגן אין לייענען אַ בריוו. דער קעלנער פֿון דעם טראַקטיר האָט שוין לאַנג פֿון אַ ווינקל אַכטונג געגעבן אויף טייטלשוואָמען, ער זאָל זיך שוין אויפֿהייבן פֿון זײַן אָרט און אים באַצאָלן, וואָס עס קומט, כּדי ער זאָל אים שוין מער נישט דאַרפֿן היטן. נאָר ווי אויף צוזעצעניש איז טייטלשוואָם געווען

[56] אַדעליקער, פֿון פּריווילעגירטן קלאַס.

**זייער שטאַרק פֿאַרטראָגן אין לייענען דעם בריוו, וואָס ער האָט שוין צום צענטן מאָל איבערגעלייענט. דער בריוו איז אַזאַ געווען.**

„בני היקר מו״ה [57] מיכל נ״י [58].

ראשית מעלדע איך דיר, אַז דו האָסט געטראָפֿן אין דײַן מכתבֿ צו אונדז, אַז דו ביסט אַפֿילו נישט ווערט מען זאָל דײַן בריוו לייענען און נאָך וויניקער מען זאָל דיר ענטפֿערן. קאַרג בזיונות מיט צרות האָסטו אונדז אָנגעטאָן און פֿאַרפֿלעקט אונדזער גאַנצן יחוס פֿון אונדזער משפחה, אַז איבער דיר קען איך שוין מיט די איבעריקע קינדער, וואָס זײַנען גאָט די נשמה שולדיק, נישט טאָן קיין לײַטישע שידוכים... נאָר וואָס זאָל איך דיר אויסרעכענען אַלע דײַנע מעשׂים? איז דען מעגלעך דאָס אין אַ בריוו אַרויסצושרײַבן? והשנית, שרײַב איך דיר, איך מוז דיר זאָגן דעם אמת, אַז איך האָב דיר שוין גאָר נישט געוואָלט ענטפֿערן, ווײַל איך האָב דיך שוין אויסגעמעקט בײַ מיר אין האַרצן פֿאַר אַ זון; רק אמך היקרה לאָזט מיך נישט לעבן, אַז מיר זאָלן דיך נעמען אַהיים. זי איז דאָך אַ מאַמע, טוט איר ווי דאָס האַרץ אויף אַ קינד מער ווי אַ פֿאָטער. איך האָב מיך דערפֿאַר אויך מיישבֿ געווען. דו ביסט פֿאָרט מײַן בלוט און פֿלייש. איך האָב נישט וויניק אויסגעבראַכט איידער מיר האָבן דיך אויפֿגעצויגן. האָב איך מיט איר, ווי אַ טאַטע מיט אַ מוטער, באַשלאָסן נאָך אַ מאָל רחמנות צו האָבן אויף אונדזער קינד און דיך ווידער נעמען צו אונדז אַהיים, נאָר בזה האופֿן, אַז ווי באַלד דו וועסט קומען, זאָלסטו באַלד אַ חתן ווערן און חתונה האָבן, וועט דאָס ווײַב דיך מאַכן אַ ביסל לײַטישער און דו וועסט שוין ווערן אַ מענטש. גראָד רעדט מען דיר איצט זייער אַ פֿײַנעם שידוך: ר׳ ייִדל שדכן מעיר נעזווינק שרײַבט מיר הײַנטיקע וואָך, אַז ער לייגט אונדז פֿאָר פֿון דײַנעט וועגן זייער אַ גוטן שידוך, טאַקע פֿון נעזווינק. דו קערסט אויך קענען דעם גבֿיר ר׳ יואל רידערסקי. זײַנס אַ מיידל, ציפּע, איז די כּלה. כאָטש ווען דו זאָלסט

---

[57] מורנו הרב. — [58] נרו יאיר.

נישט האָבן דעם שם רע, וואָלט איך דעם שידוך נישט געוואָלט. ווייל ווערליק איך האָב זיך נאָכגעפרעגט, איז דאָס מיידל אַ גאַנצע אַריסטאָקראַטקע, פֿון דער היינטיקער וועלט, מיין איך. די מאַמע וויל זי נישט פֿאַר קיין שנור און אונדזער משפחה שטייט זי געוויס נישט אָן. נאָר וואָס זאָלן מיר טאָן? מיט דיר מוזן מיר זיך אַ ביסל אַראָפּלאָזן. וואָס טוען דען נישט עלטערן פֿאַר זייערע קינדער? איר פֿאָטער איז פֿאָרט אַ גביר און אַן איש חשוב בײַם רבין אין נעזווינק און אין דער גאַנצער שטאָט האָט ער אַ גרויסע דעה. חוץ דעם גיט ער שיינע עטלעכע טויזנט רובל נדן. איך האָב מיך באַטראַכט. ווייל די ביסט שוין אויך אַ וועלטלעכער יונגער מאַן, איז טאַקע אפשר גלייכער, אַז דו זאָלסט האָבן אַן אַריסטאָקראַטקע פֿאַר אַ ווייב: טאָמער וועסטו זי ליב האָבן און איר פֿאָלגן און ווערן אַ סטאַטעטשנער [59] מענטש. אויך וועט ער דיר געבן קעסט, וויפֿל דו וועסט נאָר וועלן. בקיצור, מיין זון, אַז דו וועסט דיך נאָר פֿירן, ווי דיינע טאַטע־מאַמע שטייט־אָן, וועט דיר מיט גאָטס הילף זיין גוט און מיר וועלן נאָך זוכה זיין אין דיר האָבן פֿיל נחת. רק למען השם, אויב דו האָסט זיך באַשלאָסן תשובה טאָן און קומען צו אונדז, זאָלסטו אויך בײַ דיר פועלן צו פֿאָלגן טאַטע־מאַמע, וועט דיר זיין גוט. מיין קאָמיסיאָנער אין אָדעס, ר׳ כייקל טאָלנער, האָב איך שוין געשריבן, אַז דו וועסט קומען צו אים, זאָל ער דיר געבן על חשבוני אויף הוצאות, דו זאָלסט האָבן מיט וואָס צו פֿאָרן לביתי, און למע״ה, באַלד ווי דו וועסט נעמען דאָס געלט, זאָלסטו טאַקע באַלד פֿאָרן, וואָרעם איך האָב שוין טעלעגראַפֿירט קיין נעזווינק להר׳ יידל שדכן, אַז ווי באַלד דו וועסט קומען, זאָל מען פֿאָרן אָנקוקן די כלה. איך בעט דיך, מיין זון, דו זאָלסט שוין אויף אונדז רחמנות האָבן און ווערן אַ מענטש, ווי אונדזער משפחה שטייט־אָן. יותר אין חדשות רק חיים ושלום.

אָביך, וואָס האָפֿט דיך אין גיכן צו זען.

---

[59] באַלעבאַטישער, סאָלידער.

אמן גריסט דיך וכל ב״ב און בעטן דיך, דו זאָלסט שוין זיין אַן ערלעכער ייד, אָמן סלה״.

זעליק בהרב המאור הגדול בוצינא
קדישא מיכל דק״ק סאַקאָליווקא״

מיכל טייטלשוואָם, ווי ער פֿלעגט זיך רופֿן זינט ער איז געוואָרן אַ וועלטלעכער יונגער מאַן, האָט באַטראַכט דעם בריוו פֿון אַלע זייטן, ענדלעך אַרייַנגעלייגט אין בוזעם־קעשענע און געהייסן דעם קעלנער, ער זאָל אים ברענגען אַ פּאָרציע ראָסלפֿלייש פֿאַר צען קאָפּיקעס און אַ קניש מיט קעז פֿאַר צוויי קאָפּיקעס.

— אַזוי בלייַבט עס! — האָט ער געזאָגט, ווען ער האָט אַרייַנגעכאַפּט צווישן די ציין אַ האַלבן מילכיקן קניש און פֿאַרביסן מיט אַ שטיקל פֿלייש — יאָ, אַזוי בלייַבט עס. איך פֿאָר אַהיים. וואָרעם וואָס וועל איך מיך האַלטן דאָ אין וויסטן אָדעס? לגונאָוו צאָלט מיר שוין אויך נישט די שׂכירות צו דער צייַט. און איידער איך נעם בייַ אים אויף מיטאָג, קריכט מיר אַרויס די נשמה פֿון הונגער... איז מיר שוין נמאס דאָס גאַנצע אָדעס מיט די דירות און וואַנצן, די טראַקטירן מיט די וויסטע עסנס, ווו פֿאַר אַ קניש מיט קעז גיט מען אַ שטיקל טייג מיט וויַיסע ווערעם, און דער ראָסלפֿלייש זעט אויס ווי אַ שטיקל אַלטע לעדער... בייַ אונדז אין דער היים וואָלט עס די קאַץ נישט געוואָלט עסן... וועל איך פֿאָרן אַהיים! דער טאַטע וויל, איך זאָל נישט אַנדערש נאָר חתונה האָבן? איז טאַקע גאַנץ גלייַך. וועל איך פֿאַרשפּאָרן צו זייַן בייַם טאַטן, ווו מען לאָזט מיך נישט פֿירן מייַן פֿרייַ לעבן. איך וועל האָבן געלט, אַ יונג מיידל פֿאַר אַ ווייַב... אַ גביר איז איר טאַטע אויך. מייַן טאַטע וועט מיר אויך געבן נדן און אויסקליידן... טאָמער וועל איך נישט קענען לעבן אַזוי פֿרייַ, ווי איך האָב ליב? דאָס איז בלאָטע! ביז אַהער בין איך געווען אַ נאַר... איצט ווייס איך שוין, ווי אַזוי צו לעבן מיט די יידעלעך...

טייטלשוואָם האָט אָנגעהויבן רייַבן זיַן שטערן צופֿרידן:

— יאָ, יאָ, איך וועל מייַנע עלטערן פֿאָלגן! פֿאָלג איך דען נישט

לגונאָוון? וואָס טוט נישט אַ מענטש צוליב געלט, אַז מען זאָל קענען לעבן אַ גוטן טאָג?

טייטלשוואָם האָט זיך נאָך פֿאַרזאַמט אין אַדעס צוויי טעג, זיך געזעגנט מיט זײַנע באַקאַנטע, אויך זיך געזעגן מיט לגונאָוון, וועלכער האָט אים געזאָגט, אַז ער האַלט אים נישט אָפּ — ער קען קריגן אין אַדעס אַזוינע הונדערטער יונגע לייט, וואָס וועלן טאָן זײַן „אַרבעט“.

אויף דעם דריטן טאָג איז טייטלשוואָם אַוועקגעפֿאָרן אַהיים צו זײַנע עלטערן אין סאָקאָליווקע.

## מען שרײַבט תּנאים

דער זומער איז שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען. די בלעטער פֿון די ביימער זײַנען שוין געל און אָפּגעבליאַקעוועט געוואָרן און די ברעגן פֿון דעם טײַך האָבן שוין אָנגעהויבן פֿאַרפֿרירן ווערן. שוין לאַנג, אַז אויף דעם נעזווינקער בולוואַר האָט מען נישט געזען זיך דרייען מענטשן און נישט געהערט שפּילן מוזיק.

אַוועק איז דער זומער מיט זײַן גאַנצער פֿריילעכקייט, מיט זײַנע גרינע ביימער, גרעזלעך, בלומען, מיט זײַנע לויטערע וואַרעמע טעג און ברילייאַנטענע ליכטיקע נעכט. פּונקט ווי אַלץ איז מיט אַ מאָל אַנטשלאָפֿן געוואָרן אויף אייביק און די פֿייגל, וואָס שפּילן און זינגען אַ גאַנצן זומער, זײַנען צוזאַמען מיט דעם זומער אַוועק און האָבן אַפֿילו קיין שפּור פֿון זיך נישט איבערגעלאָזט. אומעטום, ווו און אויף וואָס מען האָט נאָר אַ קוק געטאָן, האָט אויסגעזען טרויעריק, בייז. אַלץ האָט אויסגעוויזן, אַז דער ווינטער מיט זײַן אײַז און פֿרעסט דאַרף באַלד־באַלד אָנקומען. אויפֿן הימל האָבן זיך געיאָגט איינע נאָך די אַנדערע שוואַרצע דיקע שטיקער וואָלקנס; אויף דער גאַס האָט מען געזען נאָר אַזעלכע מענטשן, וואָס די נויט טרײַבט־אַרויס פֿון דער שטוב.

אַלץ האָט זיך איבערגעאַנדערשט. אַפֿילו בײַ יאַכצי דער מלמדקע

אין הויז האָט זיך אויך איבערגעאַנדערשט. זי האָט הײַנט צוזאַמען מיט אַ סאַרווערין געקאָכט פֿיש, צימעס און געבאַקן פֿרישע בולקעס, צוקער־געבעקס און קאָרענעם לעקעך. ערשט שפּעט פֿאַר נאַכט איז זי פֿאַרטיק געוואָרן. זי האָט זיך אָפּגעוואַשן, אָנגעטאָן איר שענסטע שבתדיקע קלייד, אויפֿן קאָפּ אָנגעטאָן איר נײַ געל זײַדן טיכל מיט אַ שײנעם ברייטן שלייף אונטער דער גאָמבע, וואָס איר גאָלדע האָט אַליין פֿאַרקניפּט. יאַכצי האָט איצטער אַרויסגעבלישטשעט פֿון הינטערן געלן זײַדענעם טיכל, ווי אַ מעשענער אָפּגעפּוצטער סאַמאָוואַר, אין וועלכן מען קען זיך אָנשפּיגלען ווי אין אַ שפּיגל. יאַכצי האָט טאַקע געשײַנט פֿאַר פֿרייד: אַ קלייניקייט! זי האָט דערלעבט איר איינציקן קינדס קנס־מאָל.

כאָטש גאָלדשמיד מיט גאָלדען זײַנען כמעט פֿון קינדווײַז אָן געווען חתן־כּלה, פֿון דעסט וועגן, זינט גאָלדשמיד איז געקומען פֿון אָדעס, האָט זיך שפּיצבובים, זייער „פֿעטער“, ווי זיי פֿלעגן אים רופֿן, נישט איין מאָל געקליבן דערמאָנען חתן־כּלה, אַז עס איז צײַט צו מאַכן אַ קנס־מאָל, ווי דער מנהג איז בײַ ייִדן צו שרײַבן תּנאים. ער האָט געוואָלט, מען זאָל שוין טאַקע באַשטימען דעם זמן החתונה. נאָר עס האָט זיך אַלץ נישט געמאַכט, אַלע מאָל איבער אַן אַנדער סיבה. איין מאָל האָט זיך שוין שפּיצבובים דערצו ערנסט גענומען און האָט שוין געוואָלט צונויפֿרופֿן גוטע פֿרײַנד, איז ער פּלוצלינג קראַנק געוואָרן, אַזוי, אַז מען האָט געמוזט ווידער אָפּלייגן, ביז מען האָט באַשטימט אויף הײַנטיקן אָוונט דאָס קנס־מאָל און אין עטלעכע חדשים אַרום זאָל זײַן די חתונה אין אַ גוטער שעה.

יאַכצי פֿלעגט טראַכטן:

— איך ווייס? ווער קען די הײַנטיקע וועלט פֿאַרשטיין? ייִדישע קינדער גייען שוין קורץ געקליידט. ייִדישע מיידלעך גייען שוין ווי די פּריצעס. מען ווערט חתן־כּלה אָן אַ שדכן! ווען מײַנער, ער זאָל האָבן דעם ליכטיקן גן־עדן און אונדז אַלע דערמאָנען צום גוטן, זאָל איצטער אויפֿשטיין פֿון קבֿר און זען ווי זײַן איינציק קינד גייט שוין גאָר נישט אָנגעטאָן ווי אַ ייִדיש מיידל, נאָר ווי אַ פּריצטע, און ער

זאָל זען וועמען ער וועט האָבן פֿאַר אַן אידעם, וואָלט ער נאָך אַ מאָל געשטאָרבן...

*

די שיינע גאָלדע, די כּלה, וואָס איז נאָך געווען פֿאַרנומען מיט קליינע אַרבעטן, איז איצט שוין געווען אָנגעטאָן. קוקנדיק אויף איר האָבן אַלע געזאָגט, אַז עס איז קיין שענערס גאָר נישטאָ ווי אַ ייִדישע כּלה. אייניקע האָבן זיך אַפֿילו אָנגערופֿן: נישט אומזיסט זאָגט מען בײַ ייִדן: „די כּלה איז שיין ווי אַ קייסערינע“... און אונדזער הייליקער שבת איז אויך געגליכן צו אַ כּלה!

דער כּלהס שיינע בלאָנדע האָר זײַנען געווען פֿאַרפֿלאָכטן אין צוויי לאַנגע צעפּ, אײַנגעפֿלאָכטן מיט אַלערליי בלומען, אין לעבע־דיקע ווייצענע און קאָרענע זאַנגען, וואָס זי אַליין האָט אויסגעשטיקט. קיינער אין נעזווינק האָט אַזוינס נישט געקענט פֿאַרמאָגן. ווער האָט נאָך אַזוי געקענט שיין העפֿטן, ווי די שיינע גאָלדענע העפֿטערין. וואָס העפֿט פּרוכתן און איז באַרימט אין דער גאַנצער געגנט?

און גאָלדע איז געווען נישט ווייניקער פֿריילעך און גליקלעך, ווי איר מוטער יאַכצי.

*

דער געבעטענער עולם האָט זיך שוין אָנגעהויבן צונויפֿצוקומען אויפֿן קנס־מאָל. יאַכצי האָט יעדן געעפֿנט ברייט די טיר, געענטפֿערט אויף יעדנס „גוטן אָונט“ מיט די ווערטער: „גם אתם, איר זאָלט דערלעבן בײַ אײַערע קינדער, און פֿיל נחת האָבן, ווילן מיר אײַך אָפּדינען!“... גאָלדע האָט אויך יעדן מיט אַ זיסן שמייכל גע־ענטפֿערט אויף יעדנס אָנווינטשן, אָפּגעגעבן יעדן גלײַך כּבֿוד און אַלעמען פֿרײַנדלעך געבעטן זיצן. צווישן דעם עולם איז געווען דער רבֿ, דער שוחט, דער שטאָט־חזן, דער אונטער־חזן און אַפֿילו זלמן מקובל, דעם חתנס פֿאָטער, כאָטש ער האָט שוין אַמאָל אויסגעמעקט זײַן אַבֿרהמלען פֿאַר זײַנעם אַ זון דערפֿאַר, וואָס ער איז געוואָרן אַן אַפּיקורס און איז אַוועקגעפֿאָרן אין דער ראַבינער־שול, נאָר שפּיצ־בוים און חתן־כּלה זײַנען געווען בײַ אים און האָבן אים געבעטן

אויף דעם קנס־מאָל. זלמן מקובל האָט אַפֿילו נישט געוואָלט גיין, נאָר ייִדל שדכן האָט זיך דאָ אויך אַרײַנגעמישט און אים געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז פֿון קינדער האָט מען, פֿאַרשטייט איר מיך, הײַנ־טיקע צײַטן נאָר צרות, אָבער ער וועט טאָן אַ גרויסע עבֿירה, אַז ער וועט נישט זײַן אויף זײַן זונס קנס־מאָל און וועט דאָס מיט קיין שום תּשובֿה נישט קענען אָפּמעקן. זלמן האָט זיך דערשראָקן און גע־פֿרעגט אַן עצה דעם רבֿ, צי מעג ער גיין אויף דעם קנס־מאָל פֿון זײַן זון, דעם גרויסן אַפּיקורס, און דער רבֿ האָט אים געענטפֿערט, אַז מ׳דאַרף דעם וואָס גייט אויף אַ שלעכטן וועג מצרף זײַן צו אַ מצווה. אַ סימן, אַז צו אַ מנין, ווען עס איז מער נישטאָ ווי נײַן און עס פֿעלט אַ צענטער, מעג מען מצרף זײַן אַפֿילו אַן אַפּיקורס, וואָס האָט געטאָן כּל עבֿירות שבעולם. דער טעם דערפֿון איז — טאָמער וועט ער פֿון דער מצווה אָן זיך שוין געוויינען צו אַ סך אַנדערע מצוות און וועט ווערן אַן ערלעכער ייִד.

ייִדל שדכן איז אויך געגאַנגען צו די תּנאים. ער האָט זיך שטענדיק נוהג געווען צו זײַן אויף יעדן קנס־מאָל און אויף יעדער חתונה, און אַפֿילו אויף אַ שׂמחהלה. ייִדל איז אומעטום געווען אַ היי־מישער, דער ערשטער און דער לעצטער. דאָ פֿלעגט ער דעם בעל־שׂמחה העלפֿן באַדינען דעם עולם, דאָ האָט ער זיך אַזוי געדרייט און זיך מיטגעפֿריידט. ייִדל שדכן האָט דערצו קיין מאָל נישט דער־לייגט.

וואָס ייִדל איז געווען בײַ יאַכצין אויף דעם קנס־מאָל, איז נישט קיין וווּנדער: יאַכצין איז נישט אָנגעשטאַנען, אַז איר טאָכטער זאָל אַ כּלה ווערן אָן אַ שדכן און מען זאָל נישט געבן קיין שדכנות־געלט. האָט זי אים אַליין געבעטן, ער זאָל קומען אויפֿן קנס־מאָל און האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט דערצו נישט דערלייגן. און ווידער האָט יאַכצי דאָס געמוזט טאָן, ווײַל ייִדל פֿלעגט צו איר שטענדיק האָבן אַ טענה:

— יאַכצי, איך זאָג אײַך, אַז עס איז גאָר נישט מײַן עסק, פֿאַר־שטייט איר מיך, וואָס אײַער בתולה האָט זיך אָן מיר געפֿונען אַ

חתן... מײַן שדכנות־געלט קומט מיר סײַ ווי סײַ. אײַער מײדל איז פֿון תּמיד אָן געווען פֿאַרשריבן בײַ מיר אין ביכל, פֿאַרשטייט איר מיך, און יעדער ווייסט, אַז ייִדל איז דער נעזווינקער שדכן און, אַז פֿון נעזווינק ווערט אײנער אַ חתן אָדער אײנע אַ כּלה, איז נישט מײַן געשעפֿט, פֿאַרשטייט איר מיך, און ייִדלען קומט שדכנות־געלט...

אויף די תּנאָים זײַנען אויך געווען דעם חתנס צוויי ברידערלעך, בערל מיט כײַקלען, וואָס אײנער איז געווען אַ שלאָסער און דער אַנדערער אַ שמיד און זייער פֿאָטער זלמן האָט זיי נאָך עד־היום געהאַלטן פֿאַר למד־וואָווניקעס. די הויפּט־מחותּנים זײַנען געווען דער אַלטער שפּיצבוים און דער דאָקטער פֿרידמאַן מיט זײַן פֿאַמי־ליע. סאָלאָמאָן איז געקומען שפּעטער פֿון אַלע.

*

מיט אַ טאָג פֿריִער האָט סיציליע גערעדט מיט סאָלאָמאָנען וועגן די תּנאָים בײַ גאָלדשמידן.

— מאָרגן איז שוין דאָס קנס־מאָל בײַ דער נייטאָרין און דו, סאָלאָמאָן, ביסט פֿאַרבעטן אַהין? דו וועסט דאָרט זײַן? — האָט זי געפֿרעגט ליגנדיק אין בעט פֿון נעכטן אָן, ווײַל זי האָט געזאָגט, אַז זי איז קראַנק — און דו וועסט זען, ווי מײַן גרעסטער שונא פֿרייט זיך? ניין סאָלאָמאָן! ווען דו זאָגסט, אַז דו האָסט מיך ליב און ביסט צוליב מיר גרייט אויף אַלץ, דאַרפֿסטו מײַנע שונאים פֿײַנט האָבן.

— נו, וועל איך נישט גיין. איך וועל זיצן בײַ דיר נעבן דײַן בעט.

— ניין, ניין, דו זאָלסט בעסער יאָ גיין! — האָט זי געגעבן אַ געשריי און אים שטאַרק אָנגעכאַפּט פֿאַר ביידע הענט.

סאָלאָמאָן האָט איצט פֿון איר זײַנע אויגן נישט אַראָפּגענומען. ער האָט געזען פֿאַר זיך אַ יונג מיידל מיט פֿײַערדיקע שוואַרצע אויגן, ליגנדיק אין אַ שיינעם בעט אונטער אַ דינער, זיידענער קאָלדרע, און אירע שוואַרצע האָר האָבן זיך צעוואָרפֿן איבער אַ ווײַסן באַטיס־טענעם קישן. קוקנדיק אויף איר האָט ער זיך געפֿילט פֿאַר דעם

גליקלעכסטן מענטש אויף דער וועלט. אַזוי געזעסן און קיין אויג פֿון איר נישט אַראָפּגענומען. ער האָט זיך דערבײַ אַזוי געטראַכט:

— איך ווייס פֿאַר וואָס זי וויל, איך זאָל דווקא זײַן אויף דעם קנס־מאָל. נאָר איך קען דען זײַן דערווידער אַפֿילו מיט איין וואָרט?

מיט די געדאַנקען האָט ער ציפּעס האַנט שטאַרק צוגעדריקט צו זײַן האַרצן און זיך געפֿילט אַזוי גליקלעך, אַז ער האָט גאָר נישט געפֿילט, צי זיצט ער בײַ איר אויפֿן בעט, און בכלל נישט געוווּסט ווּ ער געפֿינט זיך. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער שלאָפֿט מיט אַ זיסן, געשמאַקן שלאָף און איז צוזאַמענגעוואַקסן אין איינעם מיט סיציליען, אַז ער טראָגט זי אין גאַנצן אויף זײַן האַרצן און פֿליט אַזוי מיט איר אין אַ זומערדיקער, ליכטיקער נאַכט, אונטער דעם בלויען הימל, אַזוי ווײַט, אַזוי ווײַט, איבער פֿעלדער און איבער וועלדער, ווּ עס שמעקט אַזוי גוט פֿון די גרינע ביימער און פֿון די פֿאַרטיקע נאָך נישט אָפּגעשניטענע זאַנגען, און הערט אַזוי שיין זינגען די פּויערשע מיידלעך, ווען זיי שנײַדן־אָפּ דאָס ערשטע מאָל פֿרישע גרינע היי...

אַ געוויין האָט פּלוצלינג זײַנע געדאַנקען צעשלאָגן און אים אויפֿגעוועקט פֿון זײַן זיסן שלאָף. ער האָט געזען, ווי זײַן סיציליע באַוואַשט זיך מיט טרערן. סאָלאָמאָן האָט מיט דעם ווײַסן לײַלעך פֿון דער קאָלדרע אָפּגעווישט אירע אויגן, די באַקן און איר נאַקעטן האַלדז.

— סיציליע, וואָס וויינסטו? זאָג, איך בעט דיך! איך וועל אַלץ טאָן, אַבי דו זאָלסט נישט וויינען, דו זאָלסט זײַן גליקלעך...

סיציליע האָט אים נישט געלאָזט ווײַטער ריידן און האָט זײַן האַנט צוגעדריקט שטאַרקער צו איר האַרצן:

— סאָלאָמאָן, דו פֿרעגסט נאָך פֿאַר וואָס איך וויין? איך מעג וויינען. איך קען מער נישט לעבן. איך וועל שוין מער פֿון מײַן בעט נישט אויפֿשטיין. און ווי אַזוי קען איך לעבן? פֿון אַלע מײַנע פֿרײַנד ביסטו מיר איינער איבערגעבליבן. איך האָב זיך דיר איבערגעגעבן און דו ביסט מיר פֿאַלש און נישט געטרײַ.

— איך? איך? — האָט זיך סאָלאָמאָן אויפֿגעכאַפּט ווי אַן אָפּגע־בריטער, ווי נאָר אַ יונגער מאַן קען זיך אָפּברי:ען מיט זײַן אייגענעם הייסן בלוט.

— יאָ, דו, דו! איבער דיר וועל איך יונג פֿון דער וועלט גיין.

— פּײַניק מיך נישט, זאָג מיר!... זאָג מיר! — האָט ער אַ געשריי געטאָן נישט מיט זײַן קול.

— דו האָסט פֿאַרגעסן, אַז כּל־זמן די נייטאָרין וועט לעבן, קען איך נישט לעבן! איך האָב שוין לאַנג געקויפֿט און דיר געגעבן... צום סוף איז שוין אַזאַ צײַט אָרויקגעגאַנגען און דו האָסט גאָר נישט געטאָן, גלײַך ווי בײַ דיר איז דאָס גאָר נישט...

— איך האָב עס אויסגעשיט אין טײַך. איך האָב נישט געקאָנט... עס האָבן מיר אַלע אָבֿרים געציטערט... סיציליע, איך האָב נישט געקאָנט!...

— מאָרגן וועסטו זײַן אויף דעם קנס־מאָל. איך וועל דיר אַלץ אָנגרייטן. דו וועסט עס קענען טאָן גאָר גרינג. מאָרגן איז דער בעס־טער טאָג דערצו.

סיציליע האָט נישט אויפֿגעהערט צו ריידן ביז ער איז אַן ווער־טער אַרויפֿגעפֿאַלן אויף איר האַלדז און ביטער געוויינט אַ לאַנגע צײַט.

די נאַכט האָט סאָלאָמאָן נישט געקענט שלאָפֿן. דעם אַנדערן טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען ווי משוגע. נאָר ציפּע, וויסנדיק אין וואָס פֿאַר אַ צושטאַנד ער געפֿינט זיך, איז מיט אַ מאָל געזונט געוואָרן, אויפֿגעשטאַנען פֿון בעט און אים נאָכגעגאַנגען דעם גאַנצן טאָג, נישט אָפּלאָזנדיק אים אויף אַ מינוט. אין דעם דאָזיקן טאָג איז זי געווען מער ליבלעך ווי אַלע מאָל, און אים נישט אויפֿגעהערט צו האַלדזן און קושן. ער האָט אין דעם טאָג ווינציק גערעדט. און וואָס זי האָט געזאָגט, האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

עס האָט זיך אָנגערוקט די נאַכט. סאָלאָמאָן האָט באַדאַרפֿט גיין אויף דעם קנס־מאָל. האָט אים סיציליע געזאָגט, אַז ער זאָל זיך אָנ־

טאָן זיין שענסטן קאָסטיום און, איידער ער וועט גיין, וויל זי אים זען, ווי ער זעט אויס.

ער האָט אַזוי געטאָן. זי האָט געזאָגט, אַז ער זעט־אויס זייער שיין. ער האָט זיך מיט איר געזעגנט און אַוועק צו גאָלדשמידן אויף די תּנאים.

ווען סאָלאָמאָן איז געקומען אויף דעם קנס־מאָל, האָט ער קוים נאָכגעשלעפּט זײַנע אייגענע פֿיס. אַזוי קראַנק האָט ער זיך געפֿילט. ער האָט דעם ווײַסן פּראָשעק[60], וואָס סיציליע האָט אים געגעבן, צעטיילט אויף צוויי טיילן, אײַנגעוויקלט אין שטיקלעך פּאַפּיר און געזאָגט צו זיך:

— דערנאָך וועל איך אַליין שטאַרבן אין אײַן צײַט מיט איר... סיציליען מוז איך פֿאָלגן, כּדי זי זאָל קענען לעבן גליקלעך און רויִק.

מיט די געדאַנקען איז סאָלאָמאָן אַרײַנגעקומען צו יאַכציִן. די כּלה, דערזעענדיק אים, האָט אים אַוועקגעזעצט נעבן זיך. אַלע געסט האָבן זיך מיט אים פֿרײַנדלעך געגריסט. גאָלדע, די כּלה, האָט אים געפֿרעגט, פֿאַר וואָס ער איז אַזוי טרויעריק. דער איבעריקער עולם האָט געקוקט אויף אים און זיך דערמאָנט אין אַמאָליקע יאָרן, ווען ר׳ שלום איז פּלוצלינג פֿון דער העלער הויט געוואָרן אַ מוזשיק. די אַלטע יִדן האָבן דערווײַל בײַ דעם טיש דערציילט די גאַנצע מעשׂה, ווי ר׳ שלום איז אַמאָל געווען אַ גאַנץ איידעלער יִד, אַ וווּיל־לערנער און ווי ער איז פּלוצלינג משוגע געוואָרן, האָט פֿאַרקויפֿט די קלייט, די שטוב און איז געוואָרן, אויף לײַטיש געלעכטער, אַ יִדישער מוזשיק.

אַלע האָבן איצט אָנגעוויזן מיט די פֿינגער אויף סאָלאָמאָנען:

— אָט דאָס איז דעם יִדישן מוזשיקס אייניקל.

סאָלאָמאָן איז אָבער אַזוי געווען פֿאַרדרייט דער קאָפּ, אַז ער האָט אַפֿילו נישט באַמערקט, אַז מען רעדט פֿון אים.

*

[60] צעריבענע רפואה ווי אַ מעל, און יעדע דאָזע אין אַ באַזונדערן קאָנווערטל.

אין דער זעלביקער צײַט האָט סיציליע שפּאַצירט בײַ זיך אין שטוב, אָנגעטאָן אין אַ זײַדענעם כאַלאַט, געכאַפּט יעדע ווײַלע אַ קוק אין שפּיגל און פֿאַרוואָרפֿן אויף די פּלייצעס די האָר.

— דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ווען ער וועט קומען פֿון די קיִעווער קאָנטראַקטן, וועט ער אײַנלייגן דעם נדן און עס וועט זײַן בײַ מיר אַ קנס־מאָל. די חתונה וועט מען אָפּלייגן אויף ראש־חודש ניסן. אוי, ווי איך האָב נישט געוואָלט, ווען ער איז מיך געקומען אָנקוקן, אַז ער זאָל אַזוי גיך אַוועקפֿאָרן! ייִדל שדכן האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט מורא, איך זאָל אים נישט געפֿעלן... געטראָפֿן! ער אַליין האָט מיר געזאָגט, אַז ער וואָלט שוין גאָר נישט געוואָלט פֿון מיר אַוועקפֿאָרן... וואָס פֿאַר אַ בריוו ער שרײַבט מיר! נישט אומזיסט איז ער שוין אויסגעוועזן אַ וועלט, אַפֿילו אין פּאַריז אויך... ווי שיין ער איז, וואָס פֿאַר אַ שיינע מאַניערן ער פֿאַרמאָגט!

זי האָט זיך דערמאָנט אין גאָלדשמידן, אַז זי האָט אים נאָך ליב, אָבער... זי... זי... זי...

— זי טאָר נישט לעבן! זי וועט נישט חתונה האָבן מיט גאָלד־שמידן... איך וועל אַלץ מקריבֿ זײַן פֿאַר סאָלאָמאָנען, יאָ, ער וועט דאָס טאָן! קיינער קען עס נישט טאָן, נאָר סאָלאָמאָן... ער האָט מיך ליב... נאָר ווי דערלעבט מען שוין?...

מיט די געדאַנקען האָט זי זיך אויסגעטאָן און געלייגט שלאָפֿן, נאָר לאַנג, לאַנג נישט געקענט אַנטשלאָפֿן ווערן.

## נישט דערוואַרטע געסט

אויפֿן קנס־מאָל איז שוין געווען נאָך אַלעמען. מען האָט שוין אָפּגעלייענט די תּנאים, געבראָכן די טעפּ און טעלער, אָפּגעגעסן די וועטשערע. דער פֿרעמדער עולם האָט שוין אָנגעהויבן זיך צעגיין אַהיים. יאַכצי האָט זיך נאָך אַלץ געדרייט ווי אַ מחותּנתטע. זי האָט אָנגעקוואָלן פֿון גרויס נחת און מען האָט געזען, ווי זי ווערט פֿאַר

שׂמחה ברייטער ווי לענגער. דער היימישער עולם איז געבליבן זיצן און יאַכצי האָט געזאָגט, אַז זי וועט די היימישע געסט נישט אָפּלאָזן אַהיים ביז זיי וועלן נישט האָבן געטרונקען טיי, צו וועלכער זי האָט צוגעגרייט אַ גוט פּלעשעלע ראָם. יאַכצי האָט אויפגעשטעלט ביידע סאַמאָוואַרן: איינעם אַ קליינעם, וואָס מען פּלעגט אויפזידן אַלע אין דער פרי און אויף דער נאַכט, און איינעם אַ גרויסן, וואָס פּלעגט שטיין אויסגעפּוצט פון איין פּסח צום אַנדערן. מען האָט אים קיין מאָל נישט חמצדיק געמאַכט, נאָר הײַנט, צוליב גאָלדעניוס תּנאים, האָט זי אים געלאָזט אויפשטעלן מיט חמצדיקן וואַסער.

— אויף פּסח, אַז מיר וועלן אי״ה אַלע דערלעבן און געזונט זײַן, וועל איך אים געבן אויסווײַסן, וועט ער ווײַטער זײַן פּסחדיק — האָט יאַכצי געזאָגט.

איידער די סאַמאָוואַרן זײַנען אויפגעזאָדן האָט דער עולם צווישן זיך געשמועסט. דער דאָקטער פרידמאַן האָט גערעדט מיט סאָלאָ־מאָנען און אים דערציילט:

— איך בין די טעג געווען אין סטעפּקיווקע און מיך וווּנדערט וואָס דו געפינסט זיך שטענדיק אין שטאָט. עס וואָלט, דאַכט זיך, גלײַכער געווען, אַז דו זאָלסט הײַנט וווינען אין דאָרף. ווען דײַן טאַטע האָט געלעבט, איז אַנדערש געווען. אַלץ האָט זיך געפירט אַזוי ווי עס דאַרף צו זײַן. אָבער הײַנט...

סאָלאָמאָן, וואָס איז די גאַנצע צײַט געזעסן פאַרטראָגן און כמעט נישט געזען און נישט געהערט, וואָס עס טוט זיך אַרום אים, האָט נאָר דערהערט עטלעכע ווערטער, וואָס דער דאָקטער האָט אים גע־פרעגט, און האָט אים געענטפערט, נאָך דעם ווי דער דאָקטער האָט אים נאָך אַ מאָל איבערגעפרעגט:

— איך ווייס? איך ווייס אַליין נישט פאַר וואָס איך קום נישט אין דאָרף...

— איך פאַרשטיי דיך נישט, סאָלאָמאָן, ווי קומט צו דיר אַזאַ ענטפער ווי „איך ווייס?“...

— די מאַמע שרײַבט מיר, אַז די ווירטשאַפֿט פֿירט זיך, ווי עס דאַרף צו זײַן. זי האָט געמוזט צונעמען פֿאַן קאַרלען פֿאַר אַ פֿאַרוואַלטער אויף געהאַלט. איך קען גוט פֿאַן קאַרלען. ער איז מיט מיר געבוירן אין סטעפּקיווקע, און מײַן טאַטן ע״ה איז ער געווען דער בעסטער פֿרײַנד. בײַ אונדז אין הויז איז ער ווי אַן אייגענער. איך אַליין האָב אים זייער ליב. איך ווייס, אַז ער איז קלאָר אין ערד־אַרבעט, ווי זײַן פֿאָטער פֿאַן יאַן, און וועט געוויס גוט פֿירן אונדזערע געשעפֿטן. די מאַמע שרײַבט, אַז צײַט דער טאַטע איז געשטאָרבן קען זי שוין ניט זײַן אַזוי אָפּגעהיט און פֿרײַ, ווי בײַ דעם טאַטנס לעבן. ווען איך זאָל זײַן אין דער היים, וואָלט איר גרינגער געווען, נאָר זי וויל, איך זאָל נאָך לערנען אַ פּאָר יאָר אין שטאָט. הײַנט וואָס האָב איך מיך צו אײַלן פֿאָרן אין דאָרף אַרײַן?

דער דאָקטער, אויסהערנדיק סאָלאָמאָנען, האָט מער גאָר נישט געזאָגט, נאָר עפּעס געמאַכט מיט די ליפּן און פֿאַרדרייט דעם קאָפּ, ווי איינער זאָגט: „איך ווייס? אפֿשר?“

נאָך דעם איז ער איבערגעגאַנגען אויף אַן אַנדערן שמועס:

— און מען האָט טאַקע נישט געפֿונען קיין שפּור פֿון די גזלנים, וואָס האָבן דײַן פֿאָטער געהרגעט?

— דערפֿון ווייס איך גאָר נישט... איך האָב שוין געוואָלט פֿרעגן אײַך וועגן דעם. איך ווייס נאָר פֿון דער ערשטער דערקלערונג, וואָס די סטעפּקיווקער גויִים האָבן אָפּגעגעבן בײַ דעם נעזווינקער געריכט־אויספֿאָרשער, אַז זיי האָבן געכאַפּט פֿיש און אַרויסגעשלעפּט אַ שווערן זאַק, וווּ עס איז געלעגן אַ טויטער מענטש מיט אַ שטיין צוגע־בונדן אויפֿן האַלדז. אין דעם טויטן האָט מען באַלד דערקענט מײַן אומגליקלעכן טאַטן. ווען דער אויספֿאָרשער האָט זיי געפֿרעגט, וועמען זיי זײַנען חושד, האָבן די פּויערים געענטפֿערט, אַז זיי ווייסן נישט, ווײַל מײַן פֿאָטער האָט מיט יעדן געלעבט גוט און קיין שׂונאים נישט געהאַט. די דאָקטוירים, וואָס האָבן באַטראַכט דעם הרוג, האָבן געפֿונען, אַז מען האָט אים דערוואָרגן און דאָס איז נישט מער ווי אַ מעת־לעת צײַט, אַז מען האָט אים געהרגעט. דער סטעפּקיווקער

וואָלאָסט האָט צונויפֿגערופֿן דאָס גאַנצע דאָרף און מען האָט געפֿרעגט: צי האָט עמעצער נישט באַמערקט מענטשן שטיין בײַ דעם טײַך? אַ טייל האָבן געענטפֿערט: אַז דאָס פֿאַרברעכן איז געוויס געשען אין דער פֿינצטערער נאַכט, אין וועלכער עס איז געווען דער גרויסער שלאַגסרעגן מיט דונערן און בליצן, און קיין לעבעדיקער מענטש איז דעמאָלט נישט געווען אין דרויסן. דערפֿאַר האָט קיינער נישט געקענט עפּעס באַמערקן. מײַן פֿאָטער האָט מען באַלד געבראַכט צו קבֿר־ישׂראל. ווײַטער ווייס איך גאָר נישט. אונדזער האַרץ איז אַזוי פֿאַרביטערט, אַז מיר האָבן מער נישט געוואָלט איבערפֿרעגן. און פֿון דעמאָלט אָן קען איך פֿאַר צרות נישט געפֿינען קיין מוט אין דאָרף צו קומען.

— שוין לאַנג, אַז איך האָב דעם אויספֿאָרשער געפֿרעגט וועגן דעם פּראָצעס — האָט זיך אָנגערופֿן דער דאָקטער — אָבער ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער דענקט, דער סטעפּקיוּוקער וואָלאָסט וועט אים געבן צו וויסן, אַז עס איז שוין דאָ עפּעס אַ שפּור. נאָר ביז איצט האָט מען נאָך גאָר נישט געפֿונען און דערפֿאַר וועט מען מוזן אָפּשטעלן דעם פּראָצעס.

סאָלאָמאָן האָט מער נישט געהערט דעם דאָקטערס רייד. מיט אים האָט אָנגעהויבן ריידן גאָלדע. זי האָט אים געשטראָפֿט, פֿאַר וואָס ער איז אַזוי טרויעריק אויף איר שׂמחה. דער דאָקטער האָט זיך אַרײַנגעמישט אין שמועס, וואָס שפּיצבובים, ייִדל שדכן און גאָלדשמיד מיט דעם איבעריקן עולם האָבן געפֿירט פֿון וועלטזאַכן. דערווײַל האָט דער סאַמאָוואַר אויפֿגעזאָטן און גאָלדע איז אַוועקגעגאַנגען אָנגיסן טיי. סאָלאָמאָן איז ווײַטער געבליבן אַליין מיט זײַנע טרויעריקע געדאַנקען.

צום טיש האָט מען דערלאַנגט די ערשטע גלעזער טיי. בײַ דעם טרינקען האָט דער עולם נאָך מער זיך פֿאַרשמועסט.

ווען סאָלאָמאָן האָט אויסגעטרונקען דאָס ערשטע גלאָז, האָט ער גענומען זײַן ליידיק גלאָז און נאָך אַ ליידיק גלאָז פֿון דעם טיש, און האָט זיך אָנגערופֿן צו גאָלדען, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער זײַט

און געוואַרט, דער עולם זאָל אָפּטרינקען דאָס ערשטע גלאָז, כּדי זי זאָל קענען אָנגיסן דאָס צווייטע:

— גאָלדע, איר זײַט הײַנט אַ כּלה און דעם גאַנצן אָווגט שפּרינגט איר אַרום, באַדינט יעדן און האַלט אין איין אַרבעטן. אַ כּלה דאַרף זיצן אויף אַן אָרט און קוקן אויף איר חתן. איצט װעל איך באַדינען דעם עולם און אײַך אויך. איך װעל אײַך צוטראָגן אַ גלאָז טיי...

— נו, נאָר מאַך עס גוט, ווי אַ באַלעבאָסטע!

סאָלאָמאָן איז מיט די צוויי ליידיקע גלעזער אַוועקגעגאַנגען צום סאַמאָוואַר, וואָס איז געשטאַנען אין קיך אויף אַ באַנק. ווען איינער וואָלט איצט אָנגעקוקט סאָלאָמאָנען אין קיך, וואָלט ער אים גאָר נישט דערקענט: ער איז געווען אַזוי בלאַס, אַזוי דערשראָקן, אַלע גלידער האָבן זיך אין אים אַזוי געטרייסלט פֿאַר שרעק, אַז עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, די אויגן קריכן אים אַרויס פֿון קאָפּ און זײַנע אייגענע האָר שטעכן אים. די פֿיס זײַנען אים געוואָרן אונטערגע־האַקט. ער האָט געפֿילט, אַז אָט, אָט, פֿאַלט ער אום מיט די גלעזער אין די הענט... פֿון דעסט וועגן האָט ער נאָך געהאַט גענוג שטאַרקייט אַרויסצונעמען צוויי פּראָשקעס, איינעם האָט ער אַרײַנגעשאָטן אין גאָלדעס גלאָז און דעם צווייטן אין זײַן גלאָז. דערנאָך האָט ער אָנגעגאָסן טיי.

ווען ער האָט שוין אָנגעהויבן מיט בײדע גלעזער אין די הענט אַרײַנצוגיין אין שטוב, ווו גאָלדע מיט דעם עולם זײַנען געזעסן, אין דער מינוט האָט זיך געעפֿנט די טיר. סאָלאָמאָן איז געבליבן ווי פֿאַר־שטיינערט.

— אַ גוט ב'אָוונט אײַך אַלע! — מיט די ווערטער איז אַרײַנגע־קומען אַן אַלטע ייִדענע אָנגעשפּאַרט אויף דער האַנט פֿון אַ יונגן מיידל מיט צוויי שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן באַשײַנט די גאַנצע שטוב, אַז עס איז ליכטיק געוואָרן אין יעדן ווינקל — איך זע, אַז עס איז דאָ אַ שׂמחה, מזל־טובֿ אײַך! מען האָט מיר געזאָגט, אַז מײַן סאָלאָמאָן איז דאָ.

— פֿריידע! רחל! — האָט אויסגעשריִען דער דאָקטער פֿרידמאַן
— וואָס טוט איר איצט דאָ?

דער גאַנצער עולם האָט אַרומגערינגלט די אַלטע ייִדענע מיטן יונגן מיידל. סאָלאָמאָן, וועלכער איז געשטאַנען אין רעדל מיט די צוויי גלעזער טיי אין די הענט, האָט קיין וואָרט נישט געקענט אויסריידן. פלוצלינג זײַנען די גלעזער טיי אַראָפּגעפֿאַלן פֿון זײַנע הענט אויף דער ערד מיט אַ געקלינגערײַ פֿון די צעבראָכענע שטיקלעך גלאָז. סאָלאָמאָן האָט אָנגעכאַפּט רחלס האַנט און געפֿאַלן אויף דער באָבען, נישט אויפֿהערנדיק זי צו האַלדזן און קושן.

— באַבעניו! מײַן טײַערע רחל!... — האָט ער געשריִען נישט מיט זײַן קול און טרערן האָבן זיך אים געגאָסן.

סאָלאָמאָן האָט געוויינט ווי אַ קליין קינד. עס האָט געדויערט אַ ווײַלע. פּלוצלינג האָט ער דערפילט, אַז עס איז אים גרינגער געוואָרן אויפֿן האַרצן, די אויגן זײַנען ליכטיקער געוואָרן און אין קאָפּ רײנער, גלײַך ווי ער וואָלט פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן אַ באַרג מיט ערד.

*

ווען די סומאַטאָכע [61] איז אין גאַנצן אַריבערגעגאַנגען, האָט זיך די אַלטע פֿריידע געזעצט אויף אַ שטול און אָפּגערוט.

גאָלדע האָט רחלען געבעטן זיצן נעבן זיך. זי האָט איר דערלאַנגט טיי און דערציילט, אַז הײַנט איז בײַ איר דאָס קנס־מאָל; זי האָט איר פֿון דער ווײַטנס אָנגעוויזן אויף גאָלדשמידן, אַז דאָס איז איר חתן. רחל האָט איר ווידער דערציילט, אַז די אַלטע פֿריידע האָט פּלוצלינג געוואָלט פֿאָרן אין שטאָט אַרײַן, וואָס דאָס איז אַ גרויס וווּנדער, ווײַל זי איז שוין אַ סך יאָרן אין שטאָט נישט געווען. זי האָט דורכויס פֿאַרלאַנגט, אַז רחל זאָל מיט איר פֿאָרן, ווען נישט, וועט זי אויך נישט פֿאָרן.

— כאָטש איך האָב קיין צײַט נישט געהאַט הײַנט — האָט רחל

[61] צעטומלעניש, כאַאָס, אַנאַרכיע.

ווײַטער דערציילט — האָב איך צוליב דער באָבעניו שוין געמוזט אַוועקוואַרפֿן די אַרבעט.

גאָלדע האָט זי אויסגעפֿרעגט, ווי עס קומט, וואָס פריידע האָט זיך פּלוצלינג באַשלאָסן צו פֿאָרן און וואָס איז דאָרט אַזוינס געשען, וואָס זי איז געקומען זוכן סאָלאָמאָנען דאָ אויפֿן קנס־מאָל; האָט רחל איר געענטפֿערט, אַז זי ווייסט אַליין נישט ווער, וואָס און ווען.

— גאָר פּלוצלינג, הײַנט בײַ טאָג... — האָט רחל דערציילט — איך בין אַזוי געזעסן בײַ מיר אין שטוב... איז צוגעפֿאָרן די באָבע און האָט מיר געזאָגט: „פֿאָר מיט מיר אין שטאָט אַרײַן!“ האָב איך אַוועקגעוואָרפֿן אַלע אַרבעטן און בין געפֿאָרן. ווען מיר זײַנען געקומען אין שטאָט אַרײַן, זײַנען מיר צוגעפֿאָרן צו ר׳ יואל רידערסקיס שטוב, צו אסתּרס שוועסטער, ווו סאָלאָמאָן שטייט־אײַן. זי האָט מיך אַראָפּגעשיקט פֿרעגן, צי סאָלאָמאָן איז דאָ און, אַז מען האָט אונדז געזאָגט, ער איז בײַ אײַך, האָט זי געהייסן גלײַך פֿאָרן צו אײַך. ווײַטער ווייס איך גאָר נישט. געוויס איז עפּעס בײַ זיי אין הויז געשען, ווײַל צײַט איר איינציקער זון, חיים, איז געשטאָרבן, קען זיך געוויס די שטוב נישט אַזוי פֿירן ווי פֿריִער. וואָס דאָרט איז אַזוינס? קען איך נישט וויסן. פֿרעגן, ווען מען דערציילט מיר נישט, איז נישט מײַן געוווינהייט און, ווידער, האָב איך גאָר קיין צײַט נישט. געוויס וועלן מיר איצט שוין זיך דערוויסן, ווײַל נישט אומזיסט איז זי געפֿאָרן צו סאָלאָמאָנען.

— פֿון וואַנען זשע ווייסט איר, אַז דאָרט אין שטוב פֿירט זיך הײַנט נישט ווי בײַ חיימס לעבן? — האָט גאָלדע געפֿרעגט.

— פֿון וואַנען? ערשטנס, האָב איך אויגן... צווייטנס, האָב איך אַ סימן דערפֿון: זינט איך בין געבוירן, וווינען מיר אין קרעטשמע און פֿון די דרײַ דעסיאַטינס ערד, וואָס ס׳איז אָפּגעטיילט צו דער קרעטשמע, לעב איך מיט מײַן פֿאָטער. מײַן מאַמע, זי זאָל האָבן דעם ליכטיקן גן־עדן, פֿלעגט מיר דערציילן, אַז די ערד האָט אונדז געשענקט סאָלאָמאָנס זיידע, ר׳ שלום. בײַ חיימס לעבן האָט אונדז קיינער נישט געטשעפּעט. נאָר צײַט חיים איז געשטאָרבן פֿאָדערט

דער פֿאַרוואַלטער, פֿאַן קאַרל, אַז מיר זאָלן נאָר בלײַבן בײַ דער קרעטשמע, ווײַל די ערד, זאָגט ער, געהערט צו רויטמאַנען און זיי דאַרפֿן די ערד צו פֿאַראַקערן קאָרן. און נאָך אַנדערע פּרעטענזיעס האָט ער צו אונדז. דאָ פֿאַרנעמט ער מײַן קו, ווײַל זי האָט געטראָטן אויף די פֿעלדער. דאָ שיקט מען מיר נישט אַריין קיין היי און קיין שטרוי ווי פֿריִער. ער האָט מיך שוין איין מאָל דערצו געבראַכט, אַז איך האָב געמוזט בעטן די באָבען, זי זאָל אים באַפֿעלן, ער זאָל מיך נישט טשעפּען. די באָבע האָט דערפֿון גאָר נישט געוווּסט און האָט זיך געריסן די האָר פֿון קאָפּ פֿאַר ווייטיק, פֿאַר וואָס עס קענען גאָר אַזוינע זאַכן פֿאָרקומען. דערפֿון קען איך פֿאַרשטיין, אַז דאָרטן אין שטוב געשעען פֿיל נײַסן, וואָס האָבן געקענט דערצו ברענגען, אַז די באָבע זאָל פֿאָרן צו סאָלאָמאָנען.

גאָלדע האָט גלײַך געקוקט רחלען אין מויל אַרײַן און האָט אויפֿמערקזאַם אויסגעהערט, וואָס רחל האָט דערציילט. זי האָט זיך געוווּנדערט, ווי קומט עס, אַז אַ דאָרפֿמיידל זאָל זײַן אַזוי שיין, מיט אַזוינע שיינע אויגן. רחל האָט אויך פֿון גאָלדען קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט און זיך אויך געוווּנדערט אויף דער כלה, וואָס איז אַזוי שיין און גייט אַזוי שיין אָנגעטאָן, גאָר ווי אַ פּריצטע.

די אַלטע פֿריידע, וואָס איז ביז אַהער געזעסן אויף איר שטול אָן ווערטער און זיך אָפּגערוט, ווי נאָך אַ שווערער אַרבעט, האָט זיך פּלוצלינג אָנגערופֿן צום דאָקטער פֿרידמאַן:

— הער דאָקטער! גוט, וואָס איר זײַט אויך דאָ. איר זײַט שטענדיק געווען מײַן שלומס בעסטער פֿרײַנד. זעצט זיך נענטער צו מיר. איך קען נישט הויך ריידן. און דו, מײַן טײַערער סאָלאָמאָן, זעץ דיך אויך נעבן מיר. איך וויל מיט אײַך אַלע ריידן. גאָלדשמיד און דער איבעריקער היימישער עולם זײַנען אָפּגעטראָטן און צוגעלאָזט שפּיצבוימען, דעם דאָקטער און סאָלאָמאָנען. זיי אַלע האָבן זיך געזעצט נעבן פֿריידען.

יאַכצי, וואָס איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען און האָט זיך נאָר געוווּנדערט, וואָס דאָ קומט־פֿאָר, האָט זיך זייער געפֿרייט, ווען זי

האָט זיך דערוווּסט, אַז די אַלטע ייִדענע איז סאָלאָמאָנס באָבע, אַ גבֿירטע, וואָס האָט אַן אייגן דאָרף. זי איז בײַ זיך זייער גרויס געוואָרן, וואָס די גבֿירטע איז בײַ איר אויף דעם קנס־מאָל. עס האָט איר נאָר באַנג געטאָן, וואָס אַ סך ווײַבער זײַנען זיך שוין צעגאַנגען און האָבן איר גרויסן כּבֿוד נישט געזען און וועלן ערשט מאָרגן וועגן דעם זיך דערוויסן.

פֿריידע האָט ווידער אָנגעהויבן ריידן, נאָך דעם ווי זי האָט זיך פֿרי:ער שטיל, גוט אויסגעוויינט.

— נאָר גענוג וויינען! מיט דעם וועל איך גאָר נישט מאַכן...

— ווען מײַן חיים איז געהרגעט געוואָרן — האָט פֿריידע אָנגעהויבן דערציילן — האָב איך געמיינט, אַז מײַן סאָלאָמאָן וועט קומען פֿון שטאָט און פֿאַרנעמען זײַן פֿאָטערס אָרט, כּדי אַלץ זאָל זיך פֿירן אין אָרדענונג. נאָר אסתּר, מײַן שנור, האָט מיט מיר אָנגעהויבן צו טענהן: „וואָס איז דאָס קינד שולדיק, אַז זײַן פֿאָטער איז געשטאָרבן?"... עס איז גלײַכער פֿאַר אים, ער זאָל נאָך בלײַבן אין שטאָט לערנען. זי וועט צונעמען אַ פֿאַרוואַלטער און עס וועט זיך אַלץ פֿירן אין דער בעסטער אָרדענונג, ביז סאָלאָמאָן וועט אַ ביסל אונטערוואַקסן און קענען ווערן אַליין באַלעבאָס. האָב איך איר צוליב געטאָן. איך האָב זי געהאַלטן פֿאַר אַ געטרײַע מוטער. נאָר באַלד האָב איך דערזען, אַז איר פֿאַרוואַלטער, פֿאַן קאַרל, האָט זיך אָנגעהויבן שלעכט אויפֿפֿירן... ער איז געוואָרן בײַ אונדז דער גאַנצער באַלעבאָס... האָב איך געפֿרעגט אסתּרן, צי עס איז גוט, אַז אונדזער ווירטשאַפֿט זאָל זיך אַזוי שלעכט פֿירן. האָט זי מיר געענטפֿערט, אַז אַזוי ווי איך האָב מיך ביז אַהער נישט געמישט, זאָל איך מיך אויף די אַלטע יאָרן אויך נישט מישן... עס פֿעלט נישט קיין טאָג, אַז פֿאַן קאַרל זאָל בײַ אונדז נישט מאַכן קיין וועטשערינקעס [62]. עס פֿאָרן זיך אָן געסט, זײַנע באַקאַנטע, און מ׳לעבט אַ גוטן טאָג. אויף וועמענס חשבון דאָס איז — ווייס איך נישט. דאַכט זיך, אַז פֿאַן קאַרל אַליין

[62] אָוונט־פֿאַרווײַלונגען מיט עסן, טרינקען און טענץ.

האָט נישט קיין פּרוטה און, אַז זײַן פֿאָטער, דער אַלטער פֿאַן יאַן, זאָל אים נישט געבן, וואָלט ער נישט געהאַט פֿון וואָס צו לעבן. און אסתּר הוליעט אויך טאָג ווי נאַכט. מען מאַכט בעלער, מען שפּאַצירט אין קאַרעטעס, אַלץ נאָך פֿאַן קאַרלס קאָפּ. און וואָדאָפּיאַנאָוו דרייט זיך אויך אין מיטן. מיט איין וואָרט, אַזוי זיך פֿירן באַלד נאָך אַ מאַנס טויט האָב איך נישט געזען בײַ קיין שום לײַטישן גוי אַפֿילו, און בפֿרט נאָך בײַ ייִדן. אַזוי קענען נאָר לעבן שאַרלאַטאַנעס, ווי פֿאַן קאַרל און פֿאַני אסתּרקע!

— האָב איך געוואָלט, אַז סאָלאָמאָן זאָל קומען! — האָט פֿריידע ווײַטער דערציילט, נאָר שוין מיט אַ שוואַכערן קול, פֿון מידקייט — אָבער דערפֿון האָב איך נישט געטאָרט דערמאָנען. איך האָב אַלץ געטראַכט, טאָמער וועט עס זיך איבערדרייען. נאָר אונדזערע אַלטע, גוטע, געטרײַע פֿרײַנד, זײַנען צו מיר געקומען און האָבן מיר דער־ציילט, אַז זיי זעען יעדן טאָג, ווי אסתּר מיט פֿאַן קאַרלען און דער שיכּור וואָדאָפּיאַנאָוו מאַכן אַ תּל פֿון מײַןווירטשאַפֿט. די פֿעלדער פֿאַרזייעט מען נישט אין דער צײַט, מען שנײַדט נישט צו דער צײַט און פֿון דעם מזומנעם געלט, וואָס פֿאַלט־אַרײַן, שאַרלאַטאַנעוועט מען, אַז הײַנט־מאָרגן וועט אַלץ גיין צו גרונט...

פֿריידע האָט אויפֿגעהערט צו ריידן. זי איז געפֿאַלן אין חלשות. אַלע אין שטוב, וואָס האָבן געהערט פֿריידען דערציילן, זײַנען געזעסן ווי פֿאַרשטיינערטע.

*

מיט מי איז דעם עולם געלונגען פֿריידען צו דערמינטערן. מען האָט זי אַנידערגעלייגט אויפֿן בעט. דער עולם האָט געוואָלט זי לאָזן רויִק ליגן, נאָר זי האָט געעפֿנט די אויגן, זיך אַרומגעקוקט, אָפּגע־זיפֿצט און זיך געבעטן:

— גייט נישט אַוועק פֿון מײַן בעט. וואַרפֿט מיך נישט אַוועק אויף דער עלטער! איך פֿיל, אַז איך געפֿין מיך צווישן מײַנע פֿרײַנד. איך וויל אײַך דערציילן אַ שרעקלעכן חלום, וואָס איך האָב געהאַט. הערט! איך האָב געזען, ווי איך מיט מײַן מאַן, שלום, און מיט אַלע

מײַנע קינדער שטייען אַזוי אין מיטן פֿעלד, צווישן הויכע, געדיכטע, פֿולע זאַנגען. איך הער דאָס זינגען פֿון די פּויערים. די זון שײַנט איבער אונדז און די גאָלדענע זאַנגען פֿליִען אין דער לופֿטן אונטער די קאָסעס. איך הער ווי די קאָסעס קלינגען און ווי מײַנע קינדער זינגען שיינע לידער... פּלוצלינג, איך ווייס נישט ווי אַזוי, האָבן זיך מײַנע קינדער פֿאַרטשעפּעט בײַ די שאַרפֿן פֿון די קאָסעס און זיך צעבלוטיקט. איך האָב געזען רינען מײַנע קינדערס בלוט צווישן די פֿאַרטיקע זאַנגען. פּלוצלינג האָט אונדזער פֿערד, וואָס איז געשטאַנען אין דער זײַט אײַנגעשפּאַנט, אָנגעהויבן ווילד לויפֿן און איז אויף מײַנע קינדער אַרויף. מײַן זון האָב איך אויך געזען. עס איז געווען טאָג, עס איז געוואָרן נאַכט. איך טו אַ קוק, זע איך פֿאַר זיך אַ באַרג פֿון מײַן מאַנס און מײַנע קינדערס צעבראָכענע ביינער... איך האָב געוואָלט שרײַען, וויינען, נאָר איך האָב מיך אויפֿגעכאַפּט און געזען, אַז עס איז אַ חלום...

— פֿריידע! — האָט שפּיצבוים זיך צו איר געווענדט מיט טרערן אין די אויגן — קיינער פֿילט נישט אַזוי אײַער צעבראָכן האַרץ ווי איך, וואָרעם קיינער קען נישט וויסן און פֿילן, וואָס עס הייסט ווייטיק, נאָר דער וואָס האָט אַליין אַזוינע צרות! פֿון דעסט וועגן... איך בין געבליבן לעבן! קוקט־אָן, פֿריידע, אָט די צוויי קינדער, וואָס זײַנען הײַנט חתן־כּלה געוואָרן! דאָס זײַנען צוויי עלנטע קינדער געווען. און אײַך, פֿריידע, זאָג איך, אַז די אייגענע טרייסט וועט פֿאַר מיר זײַן, ווען איר וועט מיך לאָזן זײַן אַ פֿאָטער פֿאַר אײַערע קינדער — פֿאַר אײַער סאָלאָמאָנען, דעם איינציקן צווײַג, וואָס איז איבערגעבליבן פֿון מײַן בעסטן פֿרײַנד, שלום רויטמאַן, וועלכער האָט בײַ די נעזווינקער ייִדן קיין אַנדערן נאָמען נישט געהאַט ווי „דער ייִדישער מוזשיק“... און כּל־זמן איך לעב, וועל איך אַלע מײַנע קרעפֿטן נישט שפּאָרן, אַז איך מיט מײַן אַלטן שׂכל און מיט מײַן גאָלדשמידס יונגע כּוחות זאָלן מיר ענדיקן דאָס, וואָס אײַער מאַן, מײַן אַלטער פֿרײַנד שלום, האָט אָנגעהויבן...

דער אַלטער שפּיצבוים האָט זיך אומגעקוקט אויף אַלע זײַטן, און

מיט די אויגן געזוכט גאָלדשמידן מיט סאָלאָמאָנען, כאָטש זיי זײַנען געשטאַנען נעבן אים.

— מײַן פֿרײַנד שלום רויטמאַנס אידייע, וועלכער האָט ביז זײַן טויט מיט שטאָלץ געטראָגן דעם נאָמען „ייִדישער מוזשיק“ — האָט ער זיך געווענדט צו זיי ביידע — מוזן מיר פֿאָרזעצן און פֿאַראייביקן. איך בין שוין אַלט, דאָך, מיט מײַנע לעצטע קרעפֿטן, וועל איך אײַך מיטהעלפֿן. נאָר די גאַנצע האָפֿענונג איז אויף אײַערע יונגע כּוחות, אויף דיר, סאָלאָמאָן, און אויף דיר, גאָלדשמיד. איך ווייס, אַז דו, סאָלאָמאָן, האָסט דײַן לערער גאָלדשמיד ליב און געטרויסט אים אין אַלץ און מיך האָסטו אויך נישט פֿײַנט. גלייב איך, אַז דו וועסט אונדז פֿאָלגן און וועסט גיין אויף דעם וועג, אויף וועלכן מיר וועלן דיר אָנווײַזן.

שפּיצבוים האָט מער קיין וואָרט נישט אַרויסגעלאָזט. אַלע האָבן געוואַרט אויף סאָלאָמאָנס ענטפֿער. סאָלאָמאָנס ליפּן האָבן געפּרוווט עפּעס זאָגן, נאָר זיי האָבן זיך געקרימט און קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסזאָגן. טרערן האָבן אים אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז. ענדלעך האָט ער זיך אָפּגערופֿן, ווי אויסגעשריִען:

— טײַערע באָבעניו! איך וועל אַלץ טאָן, וואָס ה׳ שפּיצבוים מיט מײַן לערער וועלן מיר הייסן. איך בין שוין נישט דער סאָלאָמאָן, וואָס איך בין געווען פֿריִער מיט אַ שעה... איידער דו, באָבעניו, ביסט געקומען... דו, באָבעניו, מיט אונדזער רחלען, איר ביידע... מיט אײַער קומען איצט אַהער האָט איר מיך געראַטעוועט... מיר געעפֿנט די אויגן...

רחל און די באָבע האָבן נישט פֿאַרשטאַנען זײַנע רייד, נאָר דער חתן גאָלדשמיד און די שיינע העפּטעריין, זײַן כּלה, האָבן יאָ האַלב פֿאַרשטאַנען.

## אין דרײַ יאָר אַרום

אין דער צײַט האָט סיציליע טאַקע אויסגעפֿירט אירס: זי האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט פֿאַר מיכל טייטלשוואָם, שוין געהאַט מיט אים אַ קינד און מיטן צווייטן איז זי אויף דער צײַט. זינט דעם קנס־מאָל בײַ גאָלדשמידן מיט גאָלדען האָט זי סאָלאָמאָנען נישט געזען. זי האָט פֿון דער צײַט אָן אויף גאָלדשמידן אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. „אַ דאָרפֿיינגל בלײַבט טאַקע אַ דאָרפֿיינגל" — פֿלעגט זי אָפּט צו זיך אַליין זאָגן און צײַטנווײַז געוואָרפֿן אַן אומחן אויף אַלע מאַנספּאַרשוינען פֿון קליין ביז גרויס. זי האָט זיי אָנגעהויבן פֿײַנט האָבן און באַקומען אַ מיינונג, אַז מאַנספּאַרשוינען שטייען נישט העכער פֿון הינט, און אַז אַ קלוגע פֿרוי אָדער אַ פֿרײַלין דאַרף נאָר פֿאַרשטיין אַרײַנצוכאַפּן די לײַט אין די הענט און זיך רייצן מיט זיי, ווי מען רייצט זיך מיט אַ הונט אויף אַ קייט. דערפֿאַר אָבער איז זי געווען זייער צופֿרידן מיט איר מאַן. זי האָט אין אים געפֿונען דעם אמתן אַריסטאָקראַט, ווי זי פֿלעגט רופֿן „דעם שיינעם, געבילדעטן" יונגן מאַן.

מיכל טייטלשוואָם האָט נאָך דער חתונה זיך אָנגעהויבן גאָר אַנדערש פֿירן. אָנגעטאָן אין די שענסטע קליידער, ריין, ציכטיק, ווי אַן אמתער איראָפּייער. קאָמפּלימענטן פֿלעגט ער מאַכן זײַן פֿרוי, אַז אַלע נעזווינקער יונגע לײַט וואָלטן געמעגט בײַ אים הייצן אין אויוון. בײַ יעדער געלעגנהייט פֿלעגט ער זי רופֿן: „מײַן קרוין", „נשמה", „האַרץ", „מײַן ענגל". סיציליע האָט זייער ליב געהאַט צו הערן אַזוינע ווערטער פֿון יעדן, בפֿרט נאָך פֿון איר מאַן. איבער הויפּט ווען זי האָט זיך געפֿונען צווישן מענטשן, האָט זי גאָר אָנגעקוואָלן פֿון אַזעלכע לאַקריץ־זיסע ווערטער. צו איר גליק און צופֿרידנקייט פֿלעגט זיך סיציליע נאָך ווינטשן איין זאַך, ווען טייטלשוואָם פֿלעגט זי קושן און גלעטן: „אַז גאָלדשמיד זאָל דאָס אַלץ זען און הערן, און ער זאָל צעזעצט ווערן קוקנדיק, ווי גליקלעך איך בין!"...

נאָר גאָלדשמיד איז נישט געווען און נישט געזען איר גליק. די גאַנצע צײַט האָבן זיי זיך קיין איינציק מאָל נישט באַגעגנט און ער האָט שוין געוויס פֿאַרגעסן, אַז עס איז גאָר דאָ אַ סיציליע אויף דער וועלט.

וועגן סאָלאָמאָנען פֿלעגט זי אויך אַ מאָל טראַכטן און זיך ווינטשן, ער זאָל כאָטש נאָך איין מאָל ליגן בײַ אירע פֿיס. זי פֿלעגט אין כּעס ווערן, ווען זי האָט זיך דערמאָנט, אַז סאָלאָמאָן איז נישט מער ווי אַ שמאַטע, אַ ייִנגל; זי האָט זיך געטרייסט — אַז מען דאַרף זיך פֿון אַזוינע ייִנגלעך גאָר נישט מאַכן. עס איז גענוג, וואָס ער וועט פֿון דער ווײַטנס וויסן, אַז זי איז איצט זייער גליקלעך.

אין נעזווינק האָט טייטלשוואָם באַקומען אַ נאָמען, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַן אײדעם פֿון אַזאַ גבֿיר ווי ה׳ רידערסקי. ער האָט טאַקע נישט אַנדערש געהייסן, ווי דעם „גבֿירס אײדעם“. פֿאַרדינט ער טאַקע, מען זאָל אים אָפּגעבן כּבֿוד. איז ער געווען אַ גרויסער חשובֿ בײַ שווער און שוויגער און אַפֿילו בײַ זײַנע אייגענע עלטערן, וועלכע האָבן נישט איין מאָל איבערגערעדט צווישן זיך:

— אַז אַ ייִדישע נשמה קען מען ניט שאַצן. ווער האָט זיך גע־ריכט, אַז פֿון אונדזער מיכלען זאָל ווערן אַזאַ פֿײַנער יונגער מאַן? הײַנט זעט מען באַשײַנפּערלעך, אַז אַ מענטש קען פֿון זיך אַלץ מאַכן — פֿלעגט ר׳ זעליגל, מיכלס פֿאָטער, זאָגן זײַן ווײַב — און ספּעציעל איבערמאַכן אַ מאַנסביל קען נאָר אַ ווײַב... און ווער ווייסט, וואָס פֿון אַלע מאַנסבילן וואָלט געוואָרן, ווען נישט די ווײַבער?

## ווידער אין דאָרף

בײַ וואָדאָפּיאַנאָוו, ביים פּאַן פּיסאַר, סאָלאָמאָנען, גאָלדשמידן און אַלע אַנדערע, וואָס געפֿינען זיך איצט אין סטעפּקיווקע, איז אין די לעצטע דרײַ יאָר זייער פֿיל פֿאָרגעקומען אין זייער לעבן.

ווען די באָבע פֿריידע האָט צוריקגעבראַכט סאָלאָמאָנען אין

סטעפּקיווקע, האָט ער שוין נישט געקוקט אויף אַלץ מיט קינדערשע אויגן, ווי ביז אַהער. איצט האָט ער אויף דער ווירטשאַפט, אויף זײַן מוטערס אויפֿירונג און אויף פֿאַן קאַרלען געקוקט מיט אויגן פֿון אַ דערוואַקסענעם מענטשן. זײַן באָבע האָט אים איצט אויך מער באַקאַנט געמאַכט מיט דער פֿאַרגאַנגענהייט פֿון זײַן זיידן שלום, וואָס ער איז פֿרי̇ער געווען און ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַן ערדאַרבעטער, מיט וויפֿל מי ער האָט דערוואָרבן זײַן ווירטשאַפט אין דאָרף און וואָס פֿאַר אַ צוואה ער האָט איבערגעלאָזט זײַן זון חיים, סאָלאָמאָנס פֿאָטער.

סאָלאָמאָן האָט איצט נישט אָפּגעלאָזט פֿון זיך זײַן געטרײַען לערער גאָלדשמיד, וועמען מ׳האָט געמאַכט פֿאַר אַן אַפּוטרופּוס איבער סאָלאָמאָנען, ביז ער וועט ווערן אַ דערוואַקסענער מענטש. אַחוץ דעם האָט אים סאָלאָמאָן פֿאַרגעלייגט צו ווערן פֿאַרוואַלטער אויף געהאַלט. פֿאַן קאַרל, ווען ער האָט זיך פֿון דעם דערוווּסט, איז אַרײַנגעלאָפֿן צו אסתּרן און געזאָגט:

— מיט פֿיל ווייטיק אין האַרצן מוז איך מיך פֿון דיר שיידן. איך קען מער נישט אַריבערטראָגן די בזיונות פֿון דײַן זון. איך וואָלט שוין לאַנג דאָ נישט געווען, נאָר צוליב דיר...

— איצט זע איך דײַן געטרײַשאַפֿט צו מיר — האָט פֿאַני אסתּר־קע מיט אַ שטיל געלעכטער אַרויפֿגעלייגט אויף אים בײדע הענט — איך בין גליקלעך... זײַ רו̇יק. סאָלאָמאָן וועט דאָס צווייטע מאָל נישט וואַגן דיר ווײ צו טאָן.

זי האָט באַלד געשיקט אַרײַנרופֿן צו זיך סאָלאָמאָנען.

סאָלאָמאָן איז די מינוט געקומען. פֿרי̇ער צוגעגאַנגען צו דער מוטער און איר אַ קוש געגעבן, דערנאָך זיך באַגריסט מיט פֿאַן קאַרלען.

— סאָלאָמאָן! — האָט זי געזאָגט — פֿאַן קאַרל האָט מיר אי־בערגעגעבן, אַז כאָטש איך האָב אַזוי פֿיל מי אַוועקגעלייגט און דיך געלאָזט לערנען אין שטאָט, ביסטו נאָך אַלץ יי̇נגליש, נאַריש און דאָרפיש. דו האָסט מיטגעבראַכט דײַן לערער און מאַכסט אים פֿאַר

אַ באַלעבאָס. עס פּאַסט גאָר נישט, אַז מען זאָל אַ שטובלערער אַזוי פּיל רעכט געבן. דער לערער זאָל זיך מישן אין אונדזערע היימישע געשעפֿטן, זאָגן אַ דעה פֿאַן קאַרלען, אונדזער פּאַרוואַלטער?... אַז דײַן פֿאָטער איז געשטאָרבן, וואָס וואָלטן מיר געטאָן אָן פֿאַן קאַרלען? אַז גאָט האָט מיך געשטראָפֿט און איך בין אַ יונגע אַלמנה געבליבן...

אסתּר האָט גענומען דאָס טיכל צו די אויגן. סאָלאָמאָן איז טרויעריק געוואָרן, נאָר באַלד זיך געשטאַרקט. ער האָט געמאַכט עטלעכע טריט נענטער צו דער מוטער און אָנגעהויבן שטיל און געלאַסן צו ריידן:

— עס איז מיר זייער שווער צו זען, וואָס איך האָב דיך מיט מײַנע לעצטע אויפֿפֿירונגען געבראַכט צו טרערן. נאָר גאָט ווייסט דעם אמת, אַז איך בין אין דעם ניט שולדיק. דו ווייסט איצט אומ־זיסט. דיך וואָלט באַדאַרפֿט פֿרייען, ווען דו זאָלסט זיך ווען צוקוקן צו דײַן איינציקן זון; דו וואָלסט געדאַרפֿט זען, אַז ער איז שוין נישט קיין קינד מיט אַ קינדערשן שׂכל, ווי דו מיינסט. איך פֿיל מיך איצט אין שטאַנד אַליין צו זײַן באַלעבאָס און צו האַלטן אַ פּאַרוואַלטער וועמען איך פֿאַרשטיי און וויל. ווען דליק איך קען פֿאַן קאַרלען, איז ער אַ רײַכן גוטבאַזיצערס אַ זון. ער דאַרף גאָר נישט אַזאַ שטעלע. ווי זאָגט איר, פֿאַן קאַרל? — האָט זיך סאָלאָמאָן צו אים געווענדט.

פֿאַן קאַרל איז געווען אָנגעצונדן פֿון כּעס. ער האָט פֿאַרקוועטשט די ליפּן צווישן די ציין און איז נישט געווען אין שטאַנד אַרויסצו־ריידן קיין איין וואָרט.

אסתּר האָט קיין אויג נישט אַראָפּגענומען פֿון פֿאַן קאַרלען און פֿון איר זון. זי האָט גוט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָ גייט־פֿאָר: אַז איר זון האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין אירע אויפֿפֿירונגען און מ׳קען אים שוין מער נישט אָפּנאַרן. נאָר פֿון דעסט וועגן האָט זי זיך אָנגערופֿן:

— סאָלאָמאָן, דו זעסט דאָך, כאָטש עס איז אים קיין נויט נישט, ווי דו מיינסט, פֿון דעסט וועגן שענקט פֿאַן קאַרל אונדז זײַן טײַערע צײַט. נאָר עפּעס רעדסטו אַזוי מיט דײַן מוטער, וואָס איך האָב מיך אויף דיר קיין מאָל נישט געריכט. דו ביסט נאָך אַזוי יונג און ווילסט

שוין אַזוי פֿרי באַווײַזן דײַנע רעכט אויף אַלץ. ווילסט שוין ווערן באַלעבאָס אויף דעם, וואָס איך מיט דײַן פֿאָטער האָבן אונדזער גאַנץ לעבן שווער געשאַפֿן.

זי האָט ווײַטער גענומען דאָס טיכל צו די אויגן.

— ניין, מאַמע! — סאָלאָמאָן איז איר געפֿאַלן אויפֿן האַלדז — איך מיין ניט דיך צו שטעלן נידעריקער, חס־ושלום, פֿון דעם שטאַנד, וואָס דיר קומט. מיין נישט, אַז איך וועל זײַן איבער דיר באַלעבאָס. איך וויל נאָר איבער מיר אַליין זײַן באַלעבאָס. איך בין שוין מער קיין קינד נישט. אויך פֿאַרגעס נישט, מאַמע, אַז איך האָב נאָך אַ מוטער, די באָבע פֿריידע, וועלכע האָט מיך דערצויגן און אויף די הענט מיך געטראָגן.

סאָלאָמאָן האָט ווײַטער געוואָלט ריידן, נאָר אסתּר האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון איר אָרט און מיט אַ ווילד קול זיך צעשריִען:

— נאָך אַ מוטער האָסטו? — די שוויגער מיינסטו? איצט פֿאַרשטיי איך שוין אַלץ! איבער איר קען איך נישט לעבן אין מײַן הויז! איך וויל נישט, זי זאָל זײַן בײַ מיר אין שטוב!...

פֿאַן קאַרל האָט אויך אַזוי געזאָגט, אַז די אַלטע פֿריידע דאַרף נישט וווינען אונטער איין דאַך מיט אסתּרקען.

סאָלאָמאָן האָט זי געפּרוווט אײַננעמען:

— דו ווייסט, מאַמע, אין וואָס פֿאַר אַן אומגליקלעכער לאַגע איך געפֿין זיך איצט? פֿון איין זײַט מײַן מוטער, וועלכע איך האָב ליב, ווי אַ קינד קען נאָר זײַן מוטער ליב האָבן, און פֿון דער צווייטער זײַט מײַן עלטער־מוטער, די באָבעניו, וועלכע האָט מיך דערצויגן. איר ביידע, וואָס זײַט מיר אַזוי ליב, פֿירט אַ קריג פֿאַר מײַנע אויגן און איך מוז דאָס צוזען... איך בעט נאָר בײַ גאָט, ער זאָל מײַנע כּוחות שטאַרקן דאָס אַלץ אַריבערצוטראָגן. נאָר, מאַמע, איך קען שוין מער ניט זיצן פֿון דער ווײַטנס, ווי ביז אַהער, און צוזען ווי פֿון מײַן זיידנס און פֿאָטערס שווערער אַרבעט זאָל ווערן אַ תּל. איך קען אונדזער ווירטשאַפֿט נישט מער פֿאַרטרויען פֿאַן קאַרלען! דאָס זאָג איך אים אָפֿן אין די אויגן.

פֿאַן קאַרל האָט שוין מער נישט געקענט שווײַגן:

— סאָלאָמאָן, דו ביסט בײַ מיר קיין באַלעבאָס נישט. איך קען נאָר פֿאַני אסתּרקע.

סאָלאָמאָן האָט געפֿונען פֿאַר איבעריק אים אַפֿילו צו ענטפֿערן. ער האָט ווײַטער געזאָגט צו דער מוטער:

— איך וויל נישט און וועל קיין מאָל נישט וועלן, מאַמע, זײַן קעגן דיר. טו דיר, ווי דו פֿאַרשטייסט, נאָר ווייס, מאַמע, אַז פֿון דער צײַט, וואָס איך בין אַהיימגעקומען, וויל איך מיך פֿאַרנעמען מיט ערדאַרבעט און מיט אונדזער פֿאַרמעגן, ווי מײַן זיידע און מײַן טאַטע האָבן געטאָן און האָבן געוואָלט. עס זאָל אַזוי זײַן אויך מיט מיר. מער וויל איך דערפֿון נישט ריידן.

מיט די ווערטער איז ער אַרויסגעגאַנגען פֿון זײַן מוטערס צימער.

זינט עס איז פֿאָרגעקומען דער געשפּרעך צווישן סאָלאָמאָנען מיט זײַן מוטער איז אַוועקגעגאַנגען דער גאַנצער ווינטער. סאָלאָמאָן מיט גאָלדשמידן איז געלונגען אין דער צײַט אַלץ צו ברענגען אין אָרדענונג, חוץ אַזוינע זאַכן, וואָס עס איז שוין נישט מעגלעך געווען צוריקצושטעלן אַזוי ווי פֿריִער.

ווען פֿאַן קאַרל האָט געזען, אַז ער קען באַין אופֿן מער נישט זײַן קיין באַלעבאָס, האָט ער אָנגעהויבן ווייניקער אַרײַנצוגיין צו פֿאַני אסתּרקע אין שטוב; דערפֿאַר אָבער פֿלעגט ער טאָג ווי נאַכט אָפּליגן בײַ דעם פֿאַן פּיסאַר.

— וואָס טוט מען מיט דעם זשידעק? — פֿלעגט ער אָפּט זיך ווענדן צום פֿאַן פּיסאַר.

— דו פֿרעגסט מיך איצט, וואָס טוט מען מיט אים? ווו ביסטו געווען אין דער צײַט, וואָס מען האָט געקענט מיט אַלע ייִדן עפּעס טאָן? קיין בעסערע צײַט האָבן מיר נישט געהאַט, זיך אָפּצורעכענען מיט די ייִדן, ווי אין דער צײַט, ווען עס איז געווען די מלחמה מיט טערקײַ. אין אַזאַ אומרויִקער צײַט קען מען מיט אַ פֿאָלק אַלץ מאַכן. אָבער איצטער? איצטער שטעל־אַרויס די צונג, פֿאַן קאַרל!

וואָדאָפּיאַנאָוו האָט טאַקע דערבײַ פּאַן קאַרלען אַרויסגעשטעקט די צונג, וועלכע איז תּמיד געווען פֿאַרברענט פֿון בראַנפֿן.

פּאַן קאַרל האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן. רחל איז איצט פֿון אים אַזוי ווײַט, גלײַך זי וואָלט געווען נישט קיין ייִדישן קרעטשמערס אַ טאָכטער, נאָר פֿון אַ פּוילישן פֿירשט. ער האָט אַ שטאַרקן זיפֿץ געטאָן:

— נאָר וואָס טוט מען פֿאָרט מיטן יונגן זשידעק? ווי אַזוי קומט מען פֿאָרט צו רחלען?

— אָט דאָס איז שלעכט מיט דיר, פּאַן קאַרל, וואָס דו האָסט פֿײַנט נאָר איין זשיד, וועלכער שטערט דיר אין דײַן פּערזענלעכן לעבן. ווען דו וואָלסט אָבער פֿײַנט געהאַט אַלע ייִדן, וואָלט גאָר אַנדערש געווען...

— לאָז זײַן אַלע! איך בין הײַנט אויף אַלעם גרייט. איך האָב פֿריִער נישט געוווּסט, ווי אַזוי דײַנע רייד צו שאַצן, מײַן ליבער וואָדאָפּיאַנאָוו!

— פֿאַרשטיי זשע אָבער, מײַן ליבער פּאַן קאַרל, אַז איצטער, ווען עס איז שלום אין רוסלאַנד און די רעגירונג היט גוט אָפּ איר אינעווייניקסטע אָרדענונג, איז שווער עפּעס אויסצופֿירן. מען מוז אָפּוואַרטן אויף אַ גוטער געלעגנהייט. דערווײַל טו איך און אַלע אונדזערע לײַט, וואָס מען קען נאָר. מען שרײַבט אין גאַזעטן און אין ביכער, מען רעדט, מען טראַכט, מיט איין וואָרט, פּאַן קאַרל, מען זיצט נישט ליידיק...

— איך מוז דיר זאָגן דעם אמת, אַז איך זע נישט, עס זאָל עפּעס דערפֿון אַרויסקומען, און איך פֿאַרשטיי נישט, וואָס פֿאַר אַ געלעגנהייט מען קען דאָ אָפּוואַרטן. אַז רוסלאַנד זאָל אַזוי גיך ווידער מלחמה פֿירן, איז שווער צו דערוואַרטן. וואָס זשע דען?

— וואָס פֿרעגסטו גאָר אַזוינע נאַרישקייטן? געפֿינען אַ געלעגנהייט ייִדן צו דערוואַרגן, דאַרף מען דען עפּעס האָבן אַ סך? מען דאַרף גאָר דערצו נישט האָבן קיין גרויסע אורזאַכן. דאַכט זיך, אַז אַ מינדסט קינד קען דאָס טאָן. אָט וועל איך דיר ווײַזן: ערשט נישט

לאַנג איז געווען אין קאַווקאַז אַ פּראָצעס אויף ייִדן, וואָס אויף אַלע ייִדן אין גאַנץ רוסלאַנד האָט גוט געציטערט די הויט. ווער האָט פֿאַרקאָכט די גאַנצע קאַשע? אײַ, עס האָט זיך מיט גאָר נישט גע־ענדיקט? מען האָט דערוויזן, אַז די ייִדן זײַנען ניט שולדיק און מען האָט זיי באַפֿרײַט? דאָס אַרט מיר גאָר ווייניק. דערווײַל האָבן נײַן זשידעס זיך געוואַלגערט אין פֿעסטונג אַ גאַנץ יאָר און אַ גאַנץ יאָר האָט מען געהאַט ייִדן צו שטעכן די אויגן! בפֿרט נאָך איצטער, אין אַ צײַט ווען פֿון אונדזערע לײַט האָבן זיך געבילדעט חבֿרות, אונטער דעם נאָמען אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן עפֿנטלעך מודיע געווען, אַז זייער צוועק איז צו פֿאַרניכטן די ייִדן אויף דער וועלט! איינער פֿון אונדזער חבֿרה האָט עפֿנטלעך געשריבן אין די צײַטונגען, אַז מען דאַרף די ייִדן ערגער פֿאַרפֿאָלגן ווי די ווילדע וועלף אין וואַלד. „קען מען דען צוגעבן, האָט ער געזאָגט אין זײַן אַרטיקל, וועלף זאָלן טענהן, אַז זיי האָבן דאָס רעכט צו לעבן אויף דער וועלט, ווײַל זיי זײַנען גאָטס באַשעפֿענישן און האָבן אויך אַ מויל צו עסן, ווי די ייִדן טענהן אין זייערע צײַטונגען?...“ הײַנט פֿאַרשטייסטו שוין ווי אַזוי מען קוקט אויף ייִדן? נאָר מען מוז פֿאָרט אָפּוואַרטן אַ צופֿאַל, ליבער פֿאַן קאַרל!

אין אַזוינע רייד פֿלעגן די צוויי פֿרײַנד אָפּט פֿאַרברענגען די צײַט און ענדיקן פֿלעגט זיך עס מיט דעם, וואָס מען האָט פֿאַר־טרונקען מיט עטלעכע פֿלעשער ווײַן און אַזוי אָנגעשיכורט, אַז פֿאַן קאַרל פֿלעגט בלײַבן ליגן ווי אַ טויטער אויפֿן בעט און וואָדאָפּיאַנאָוו האָט מיט דער צונג נישט געקענט רירן, נאָר דאָס וואָרט „זשיד“ האָט ער שיכּורערהייט אַזוי לאַנג געקײַט, ביז ער איז אײַנגעשלאָפֿן.

*

פֿאַני אסתּרקע האָט זיך אין דער צײַט אויך אַ סך פֿאַרענדערט. זי פֿלעגט זיך נאָך אָפּט זען מיט פֿאַן קאַרלען, אָבער נישט אַזוי ווי פֿריִער. דערפֿאַר איז איר געבליבן מער צײַט זיך אָנצוקוקן אין שפּיגל. זי האָט אָנגעהויבן ביסלעכווײַז באַמערקן, אַז זי איז שוין נישט מער

די אַמאָליקע שיינע „יונגע פּאַני אסתּרקע". די באַקן זײַנען עפּעס ווי אַ ביסל אײַנגעטריקנט. פֿון דעסט וועגן איז זי בײַ זיך נישט אַראָפּגעפֿאַלן.

— כאָטש איך זע שוין נישט אַזוי יונג אויס — פּלעגט זי זאָגן, זיך אָנקוקנדיק אין שפּיגל — דאָך וועל איך מיך נאָך נישט בײַטן מיט קיין יונגער. אײַ, פּאַן קאַרל איז אַ ביסל ברוגז און קומט נישט אַזוי אָפֿט? אייביק וועט אָבער אַזוי ניט זײַן... איך וויל נאָך לעבן...

איין מאָל, ווען זי איז געזעסן מיט אַזוינע געדאַנקען ,איז צו איר אַרײַנגעקומען פּאַן קאַרל פֿאַרטראָגן, דערשראָקן:

— פּאַני אסתּרקע! איך האָב זיך דערוווּסט, אַז דײַן איינציקער זון וויל חתונה האָבן פֿאַר דעם אַרענדאַרסקן מיידל, פֿאַר לעמלס טאָכטער, רחל, וואָס איך וואָלט זי אַפֿילו פֿאַר קיין דינסט צו מיר אין שטוב נישט אַרײַנגענומען...

אסתּרקע איז אונטערגעשפּרונגען און אויסגעשרי:ען נישט מיט איר קול:

— מיט איר? דאָס וועט ניט זײַן! נאָר פֿון וואַנען ווייסטו דאָס?

— איך האָב עס אַליין געהערט פֿון זײַן מויל.

אסתּרקע איז געפֿאַלן חלשות אויף קאַרלס האַלדז.

## אַמאָל און איצט

כאָטש פּאַן קאַרל איז געווען באַוווּסט פֿאַר אַ גרויסן ליגנער, נאָר דאָ האָט ער גראָד געזאָגט דעם אמת. דאָס איז געווען אין דער צײַט, ווען עס האָט אָנגעהויבן ווערן זומער.

אַ גאַנצן ווינטער האָבן סאָלאָמאָן מיט רחלען נאָר זעלטן זיך געזען. סאָלאָמאָן האָט גרויס חשק געהאַט מיט איר צו ריידן, נאָר ערשטנס איז ער געווען שטאַרק פֿאַרנומען מיט דער ווירטשאַפֿט, וועלכע איז געווען זייער אָפּגעלאָזן, צווייטנס האָט ער זיך געשעמט צו גייך צו רחלען. וויפֿל מאָל ער האָט זיך געשטאַרקט דאָס האַרץ

און בײַ זיך באַשלאָסן צו איר צו גיין, האָט ער פּאָרט נישט געוואַגט... דאָס האָט אים שטאַרק געפּלאָגט און ער איז שטענדיק געווען פֿאַר־טראַכט, פֿאַרטראָגן און פּלעגט אָפּט טרויעריק ווערן.

גאָלדשמיד האָט באַמערקט סאָלאָמאָנס בענקשאַפֿט נאָך רחלען און האָט אים געפֿרעגט:

— איך פֿאַרשטיי דיך נישט, דו זאָגסט, אַז דו האָסט רחלען ליב...

— יאָ, מיט מײַן גאַנצן האַרצן, מיט מײַן גאַנצן לעבן! — האָט סאָלאָמאָן אויסגערופֿן מיט אַנטציקונג.

— נו, ווער זשע שטערט דיר? דאַכט זיך, דו דאַרפֿסט זיך איצט האַלטן פֿאַר גליקלעך, וואָס דו ביסט נישט מער פֿאַרפֿירט...

— דערמאָנט מיר נישט איר נאָמען!

— און ווידער, אַז דו האָסט ליב רחלען... איך מיין, אַז זי האָט דיך אויך ליב, דאַכט זיך...

— איך ווייס נישט, גאָלדשמיד, צי זי האָט מיך איצט ליב. און אַפֿילו, אויב זי זאָל יאָ וועלן פֿאַר מיר חתונה האָבן, ווייס איך נישט, צי זי וועט דאָס האַלטן פֿאַר איר גליק. איך האָב פֿיל געזינדיקט קעגן איר...

— פֿאַר וואָס זשע רעדסטו מיט איר נישט? פֿאַר וואָס גייסטו נישט צו איר? דו וואָלסט געקאָנט באַלד וויסן דעם אמת.

— עס קען זײַן, נאָר דאָס איז מײַן אומגליק. איך וואַג זיך נישט צו באַגעגענען מיט איר. וויפֿל איך האָב מיך נישט געפּרוווט אָנ־הייבן צו ריידן, קען איך נישט און קען איר אין די אויגן נישט קוקן...

— איך פֿאַרשטיי דיך נישט, סאָלאָמאָן. דו זאָגסט, אַז קינדווײַז האָט איר זיך ליב געהאַט און דערפֿון גערעדט גאַנץ אָפֿן און זיך נישט געשעמט... וואָס זשע האָסטו דיך איצט צו שעמען?

פֿון סאָלאָמאָנס ריידן מיט גאָלדשמידן וועגן רחלען איז גאָר נישט געוואָרן.

רחל האָט נישט געהאַט קיין שום גוטן פֿרײַנד, אַ גאָלדשמיד, אַזוי ווי סאָלאָמאָן, זי זאָל האָבן פֿאַר וועמען זיך אויסצורײדן און אויסגיסן איר האַרץ. זי האָט געמוזט אַלץ אַראָפּשלינגען און אַ מאָל זיך אויסרײדן פֿאַר זיך אַליין, ווען זי פֿלעגט די קו מעלקן אָדער ווען זי האָט אירע שאָף פֿאַרטריבן אין דער קאַמער.

— ווי בין איך אומגליקלעך! אַזוי זינדיק! איך בין שוין נישט קיין קליין מײדעלע, ווי אַמאָל, אַז איך זאָל נישט פֿאַרשטיין. סאָלאָמאָן איז אַ גוטבאַזיצערס אַ זון, אונדזער פּריצס זון. אַליין איז ער אַזאַ געלערנטער, און איך האָב אים ליב!... וויפֿל עבֿירות באַגײ איך דערפֿאַר... מעג דען אַן ערלעך מײדל אַזוי טראַכטן פֿון אַ פֿרעמדן יונגן מאַן? די באָבע פֿרײדע האָט מיר געזאָגט, אַז ייִדל שדכן רעדט מיר אַ שידוך, אַ שטאָטייִנגל, דעם שול־שמשס אַ זון. זי זאָגט, אַז ער איז זײער אַ וויל ייִנגל, אַ ייִנגל פֿון לערנען, און וועט אַ מאָל זײַן אַן ערלעכער ייִד, און איך טראַכט גאָר פֿון אונדזער פּריצס זון, זאָל מיך גאָט דערפֿאַר נישט שטראָפֿן.

נאָר אַז דער זומער איז געקומען, אַלץ האָט אויפֿגעלעבט, האָט פֿאַר רחלען און סאָלאָמאָנען אויך זיך געעפֿנט אַ נײַע וועלט.

די נאַקעטע פֿעלדער האָבן זיך אָנגעהויבן באַדעקן מיט פֿריש גראָז און רחל האָט, ווי אין די פֿריִערדיקע צײַטן, אָנגעהויבן אַלע פֿאַר נאַכט, אונטער דעם שאָטן פֿון דעם וועלדל, טרײַבן אירע שאָף מיט דער קו זיך פּאַשען אויף דעם פֿרישן גראָז. די זאַנגען פֿון דעם ייִדישן מוזשיקס פֿעלדער האָבן זיך גענומען ביסלעכווײַז אָנפֿולן און דעם ייִדישן מוזשיקס אייניקל, סאָלאָמאָן, דער באַלעבאָס, צוזאַמען מיט זײַן פֿאַרוואַלטער גאָלדשמיד, האָבן אויך אָנגעהויבן אָפֿטער פֿאַרברענגען אין פֿעלד.

איין מאָל האָט זיך סאָלאָמאָן פֿאַרשפּעטיקט אויפֿן פֿעלד. זײַן פֿאַרוואַלטער איז שוין לאַנג אַהײמגעפֿאָרן און ער, סאָלאָמאָן, האָט זיך שוין אויך געלאָזט אַהיים אויף זײַן קאַרע[63] פֿערד, האָט ער

---

[63] טונקלברוין.

פֿלוצלינג באַמערקט, ווי רחל פֿאַרנעמט איר קליינע טשערעדע נעבן וואַלד, זי צו טרײַבן אַהיים. ער האָט אין דעם אויגנבליק פֿאַרגעסן, אַז ער איז עלטער געוואָרן. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער איז נאָך דער אייגענער סאָלאָמאָן, ווי אַמאָל: אָט האָט ער דערזען רחלען בײַם וואַלד און איז צוגעלאָפֿן צו איר, ווי אַ קליין קינד, און זיי האָבן גערעדט, געלאַכט, דערציילט. עס איז געווען פֿריילעך. סאָלאָמאָן האָט אַ קוק געטאָן אַרום זיך און געזען דעם אייגענעם פֿאַרוואַקסענעם גרינעם וואַלד, דעם אייגענעם בלויען הימל און ווי די זון פֿאַרגייט איצט אונטער בײַ דעם וועלדל מיט די זעלביקע גאָלדענע פּאַסן, אַקוראַט ווי אַמאָל.

— אוי, ווי גוט עס איז, וואָס אַלץ איז אַזוי ווי אַמאָל! — האָט ער זיך געטראַכט רײַטנדיק אויף דעם פֿערד און איז אַלע מאָל נענטער און נענטער צו רחלען צוגעקומען — ווי גליקלעך בין איך, וואָס איך פֿיל זיך איצט ווי אַמאָל... אַפֿילו די פֿייגל פֿון דעם וואַלד זינגען מיט די אייגענע טרעלן ווי אַמאָל...

נאָר ווי פֿאַרוווּנדערט איז סאָלאָמאָן געוואָרן, ווען ער איז צוגעקומען נענטער צו רחלען און אין איר געפֿונען אַ גרויסע פֿאַרענדערונג. ער האָט שוין פֿאַר זיך נישט מער געזען דאָס קליינע מיידעלע רחל, נאָר אַ שיין, יונג, דערוואַקסן פֿרײַלן מיט ברייטע, שלאַנקע אַקסלען, לעבעדיקע, שוואַרצע אויגן און מיט לאַנגע צעפּ.

רחל, אָנגעטאָן אין איר פּראָסטן קליידל, מיט אַ קווייטנדיק אויסגעהאַפֿטן, ווײַסן, לײַוונטענעם העמד, מיט אַ רויטער סטענגע פֿאַרפֿלאָכטן די האָר, האָט אויסגעזען בײַ סאָלאָמאָנען אין די אויגן אַזוי שיין, אַזוי ליב, אַז ער האָט פֿון איר קיין אויג נישט געקענט אַראָפּלאָזן. אַחוץ רחלען האָט ער פֿאַר זיך גאָר נישט געזען.

ער האָט נישט געדענקט, ווי אַזוי ער איז דערנאָך אַראָפּ פֿון פֿערד און איז צוגעלאָפֿן צו רחלען. ביידע האָבן קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסריידן. זיי זײַנען אַזוי געשטאַנען שטיל. נאָר פֿלוצלינג איז רחל אָפּגעטראָטן פֿון אים אויף עטלעכע שריט. סאָלאָמאָן האָט זיך נישט גערירט פֿון זײַן אָרט, זיך געפֿילט ווי צוגעקאָוועט, גלײַך

ווי דיביימער אין וואַלד צו זייערע שטאַרקע וואָרצלען. סאָלאָמאָן האָט אָנגעהויבן ריידן, נאָר רחל האָט אים איבערגעשלאָגן:

— סאָלאָמאָן! — האָט זי זיך ענדלעך אָנגערופֿן, אָבער אַזוי שטיל, אַז נאָר אַ דאַנק דער שטילקייט פֿון דעם רויִקן זומער־אָונט האָט ער זי געקענט דערהערן — מעג איך דאָס טאָן? איך בין שוין נישט קיין קליין מיידעלע, ווי אַמאָל, ווען מיר זיינען ביידע קליינע קינדער געווען און האָבן קיין שום חכמות נישט געוווּסט, און אויך נישט געוווּסט קיין חילוק פֿון גרויס ביז קליין, פֿון רייך ביז אָרעם. מיר האָבן זיך דעמאָלט ביידע געפֿילט גלייך. אָבער איצט, סאָלאָמאָן, איצט ווייס איך, אַז איך בין אַן עלנטע יתומה, דעם אָרעמען אומ־גליקלעכן לעמלס טאָכטער און, ווען נישט דיין באָבעס גוטסקייט צו אונדז, וואָלטן מיר אַפֿילו נישט געהאַט פֿון וואָס צו לעבן. איך בין נישט געלערנט, סאָלאָמאָן, און דו ביסט רייך און אַ סך געלערנט...

— רחל! דו ביסט גערעכט, מיר זיינען שוין נישט קיין קינדער און מיר דאַרפֿן שוין טאַקע מער נישט זיין קיין קינדער. טאָ לאָמיר ריידן ווי גרויסע, ווי דערוואַקסענע, און אַוועקוואַרפֿן די קינדערשע שיכלעך: דיר, רחל, איז גוט באַקאַנט מיין איצטיקע לאַגע און דער צושטאַנד פֿון מיינע עלטערנס באַלעבאַטישקייט. דיר איז אפֿשר נאָך מער באַקאַנט ווי מיר, ווי מען האָט געמאַכט פֿון אַלץ אַ תּל און ס'האָט זיך ביי אונדז געפֿירט אַ צייט אָן אַ באַלעבאָס. וויל איך דיר זאָגן, אַז איצט, ווען אונדזער באַלעבאַטישקייט זאָל זיך פֿירן ווי עס דאַרף צו זיין, מוז זיין אַ באַלעבאָס און... נאָך מער... אַ באַלעבאָסטע...

ביי די ווערטער זיינען זיי ביידע רויט געוואָרן און רחל איז פֿון אים נאָך ווייטער אָפּגעטראָטן.

— רחל! — האָט ער ווייטער אָנגעהויבן ריידן — מיר האָבן נישט פֿאַר וואָס רויט צו ווערן און דו דאַרפֿסט זיך פֿון מיר נישט דערווייטערן. אמת, איך האָב פֿיל קעגן דיר געזינדיקט, נאָר איך בין אין דעם נישט אַזוי פֿיל שולדיק... די שטאָט! די שטאָט!... איך וואָלט אַ סך אַוועקגעגעבן, איך זאָל גאָר נישט געווען קענען די וויסטע שטאָט. נאָר עס איז שוין פֿאַרפֿאַלן!... איצט אָבער וויל איך

לעבן מיט דיר, ווי מײַן זיידע שלום האָט מיט דער באָבע פֿריידען געלעבט...

רחל איז אים ווידער אַרײַנגעפֿאַלן אין די רייד:

— איז דען מעגלעך, סאָלאָמאָן, אַז מיר זאָלן אַזוי לעבן, ווי דער זיידע מיט דער באָבען האָבן געלעבט? דו ביסט דאָך אַ געלערנ־טער. ווי קומט עס, דו זאָלסט אַזוינס זאָגן?

— איך פֿאַרשטיי נישט, רחל, וואָס דו ווילסט זאָגן. איצט איז דער איינציקער צוועק פֿון מײַן לעבן נאָר זיך אין גאַנצן איבערגעבן דער ערדאַרבעט, ווי מײַן זיידע. און דו, רחל, וואָס איך וויל, אַז דו זאָלסט מיט מיר דאָס לעבן טיילן. זאָגסט, אַז ס'איז נישט מעגלעך...

— לאָז מיך אויסריידן, סאָלאָמאָן! דו ווייסט, אַז איך בין נישט קיין געלערנטע... איך האָב אין מײַן לעבן גאָר נישט געלערנט און ווייס גאָר נישט, חוץ וואָס די באַבעניו פֿריידע האָט מיר נאָך קינד־ווײַז דערציילט...

רחל איז פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן. סאָלאָמאָן האָט זי געבעטן דערציילן.

— צו וואָס? דו וועסט נאָך לאַכן פֿון מיר, אַ פּראָסט מיידל...

— איך ווייס נישט, פֿאַר וואָס זאָל איך לאַכן פֿון דיר. איך בעט דיך, דערצייל.

— די באָבע האָט מיך אויסגעלערנט זייער שיינע און טײַערע ווערטער, ווי אַזוי מען לויבט און מען בענטשט גאָט, בשעת מען שטייט־אויף אין דער פֿרי, ווען מען עסט אָפּ און ווען מ'לייגט זיך שלאָפֿן. ווײַטער האָב איך גאָר נישט געלערנט און פֿאַרשטיי נישט. איך האָב אויך אויגן און זע און וואָלט אויך געוואָלט אַ סך וויסן, אַזוי ווי דו! איך זיץ נישט איין מאָל אַזוי פֿאַרטראַכט און קוק אויף דעם הימל, ווי די לבֿנה גייט, ווי די שטערן פֿליִען און בײַטן זיך, און מיר גלוסט זיך אויך צו וויסן, אַזוי ווי געלערנטע מענטשן ווייסן, פֿאַר וואָס, און ווי אַזוי גייט די לבֿנה, ווי אַזוי עס ווערט טאָג, וואָס עס טוט זיך אין דער ווײַטער, ווײַטער וועלט, ווו דער הימל מיט דער ערד קומען זיך צוזאַמען... עס גלוסט זיך מיר אַזוי דאָס צו וויסן,

סאָלאָמאָן, אַז ווען איך זאָל האָבן פֿליגלען וואָלט איך געפֿלויגן אַזוי ווײַט אין דער וועלט און געוווּסט אַלץ, ווי די געלערנטע וויסן, ווי דו, סאָלאָמאָן, ווייסט! איצט פֿאַרשטייסטו שוין, סאָלאָמאָן, פֿאַר וואָס איך מיט דיר קענען נישט צוזאַמען לעבן, ווי דײַן באָבע מיט דײַן זיידן האָבן געלעבט. זיי זײַנען געווען גלײַכע מענטשן, ביידע גלײַך געלערנט. מיר ביידע אָבער זײַנען איינער פֿון דעם אַנדערן אַזוי ווײַט!...

— רחל! דו זאָרגסט, וואָס דו ביסט נישט געלערנט. איך שווער דיר בײַ מײַן לעבן, אַז איך וואָלט גערעכנט זיך פֿאַר גליקלעך, איך זאָל נישט מער וויסן ווי דו ווייסט, אַז קיין שום זאַך אין דער גאַנצער וועלט געהער נישט דעם מענטשן, נאָר גאָט, און אים דאַרף מען תּמיד לויבן און דאַנקען. איידער איך האָב געלערנט אין שטאָט, האָב איך אויך מער נישט געוווּסט, נאָר פֿון זינט איך האָב געוווינט אין שטאָט, האָב איך זיך דערוווּסט אַ סך זאַכן...

— אין שטאָט זײַנען אַלע געלערנטע, אַלץ וויסן זיי!...

סאָלאָמאָן האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק און ווײַטער גערעדט:

— איך האָב זיך דערוווּסט, אַז צווישן מענטשן איז דאָ קנאה און שׂנאה. אַז אַ מענטש איז הונגעריק, גיט מען אים נישט קיין שטיקל ברויט, ער זאָל ווערן זאַט, און טאָמער האָט ער דערטאַפּט דאָס שטיקל ברויט און האַלט עס שוין צווישן די ציין, טוט מען אַלץ וואָס מעגלעך איז און מען רײַסט עס אים אַרויס פֿון די ציין. גאָט האָט געהייסן „אַרבעטן אויפֿן ברויט“, נאָר אַ סך מענטשן אַרבעטן און עסן זיך קיין מאָל נישט אָן זאַט מיט דעם שטיקל ברויט... מער מענטשן טוען אָבער גאָר נישט און געניסן פֿון דער וועלט אַלץ, אַ סך, אַ סך! און די איבעריקע האָבן אַפֿילו קיין ביסן ברויט נישט...

רחל איז בלאַס געוואָרן און שטאַרק דערשראָקן. זי האָט קוים שטיל גערירט מיט די ליפּן:

— אוי, אַזוינע מענטשן זײַנען דאָ אויף דער וועלט! און דו האָסט אַזוינע געזען? געלעבט מיט זיי, צווישן זיי?

— יאָ, רחל, איך אַליין בין אויך שוין געווען ווי זיי.

רחל האָט אַ ציטער געטאָן מיט אַלע אירע אבֿרים און נישט ווילנדיק האָט זי זיך פֿון אים אָװעקגערוקט. סאָלאָמאָן האָט דאָס נישט באַמערקט און װײַטער גערעדט:

— איך האָב געלערנט און זיך דערוווּסט, ווי אַזוי די שטערן גייען, ווי די ערד דרייט זיך, ווי אַזוי יעדע זאַך לעבט אויף דער וועלט... דערנאָך האָב איך אָנגעהויבן זוכן גאָט...

— אוי, סאָלאָמאָן, איך האָב מורא...

ער האָט ערשט איצט באַמערקט, ווי רחל טרעט־אָפּ אַלע מאָל װײַטער און װײַטער פֿון אים.

— רחל, דו אַנטלויפֿסט פֿון אַ געלערנטן?... נאָר איצט בעט איך דיך, רחל, אַנטלויף נישט פֿון מיר. איך וויל ניט זײַן העכער פֿון דיר. איך וויל נישט וויסן מער ווי דו און וועל זיך באַמיִען אַלץ צו פֿאַרגעסן, וואָס איך ווייס... איך וועל לערנען בײַ דיר צו וויסן, וואָס דו ווייסט... דו ביסט בײַ מיר הייליק ווי די תּורה, וועלכע די באָבע לויבט דיר אַזוי שטענדיק. יאָ, יחל, דו ביסט מײַן תּורה. איך וויל לעבן, ווי דו לעבסט. מיר וועלן לעבן, ווי דער זיידע מיט דער באָבען האָבן געלעבט. דו געדענקסט וואָס די באָבע האָט מיר איבערגעגעבן די לעצטע ווערטער פֿון דעם זיידן, ווען ער איז געשטאָרבן?

רחל האָט אָנגענומען סאָלאָמאָנען בײַ דער האַנט. זי האָט געוואָלט ריידן, נאָר זי האָט נישט געקענט. די טרערן האָבן איר געשטיקט. זי האָט קוים אויסגערעדט די ווערטער:

— סאָלאָמאָן! גיב אַכטונג אויף מײַנע שאָף. איך וועל באַלד קומען...

רחל איז אַרײַנגעגאַנגען אין וואַלד און בײַ דעם ערשטן געדיכטן בוים האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט מיט דעם קאָפּ אויף די הענט און האָט זייער לאַנג געוויינט:

—מאַמע! מײַן ליבע מאַמע! ווו ביסטו, אַז דו זאָלסט מיר געבן דײַן ברכה צו מײַן פֿאַרבינדונג מיט סאָלאָמאָנען? ווער קען מיר איצטער פֿאַרטרעטן דײַן אָרט?... איך האָב נאָר איין אומגליקלעכן פֿאָטער. ער קען מיר קיין גוט וואָרט ניט זאָגן... נאָר דו, גאָט אין

הימל, ביסט מײַן אײנציקער פֿאָטער! פֿאַרגיב מיר אַלע מײַנע זינד און זײַ מוחל סאָלאָמאָנען פֿאַר זײַנע גרויסע זינד!... מיר װעלן דיך ליב האָבן, מיר װעלן דיך לויבן. שענק אונדז נאָר אַ גליקלעך לעבן!

רחל האָט אויפֿגעהערט צו װײנען. זי האָט זיך אויסגעװישט די אויגן. אין דער שטילקייט פֿון דעם פֿאַרנאַכט, אין דעם שװײַגנדיקן װאַלד האָט זי געזען און געהערט, װי איר מוטער נחמה שטייט אויף די קני פֿאַר דעם רבונו של עולם און בעט פֿאַר איר אײנציקן עלנטן קינד, און גאָט פֿאַרשפּרייט זײַנע הייליקע הענט און בענטשט זי מיט אַלע זײַנע טײַערע ברכות...

רחל איז פֿריילעך און גליקלעך צוריקגעקומען צו סאָלאָמאָנען.

— נו, סאָלאָמאָן, עס איז שוין צײַט צו טרײַבן מײַנע שאָף אַהיים. איבער אונדז האָבן זיי פֿאַרשפּעטיקט. דו האָסט געװיינט, סאָלאָמאָן?

— יאָ, רחל, איך האָב אויך אויף װאָס צו װײנען. איך האָב יאָ אַ מוטער... נאָר, רחל, גענוג װײנען! אַז מיר װעלן פֿאַרטרײַבן די שאָף, װעלן מיר גיין צו אונדזער ביידנס מוטער, צו דער באָבע פֿריידע, זי װעט אונדז בענטשן. זי װעט אירע קינדער געבן אירע ברכות. איצטער זײַנען הימל און ערד געװען אונדזערע צװיי עדות... די באָבע װעט זײַן דער דריטער עדות...

אַז רחל איז פֿאַרטיק געװאָרן מיט איר אַרבעט, האָט זי אָנגעטאָן דאָס שענסטע קלייד, װאָס זי האָט פֿאַרמאָגט, און סאָלאָמאָן איז מיט איר געגאַנגען צו זײַן מוטער אסתּר און צו דער באָבע פֿריידע בעטן, מען זאָל זיי װינטשן גליק.

זיי האָבן גערעכנט, אַז בײַם װאַלד זײַנען געװען נאָר צװיי עדות, נאָר עס איז געװען אַ דריטער עדות — ער איז באַלד געלאָפֿן אַלץ מודיע זײַן פֿאַני אסתּרקען און אײדער סאָלאָמאָן מיט רחלען זײַנען געקומען צו איר האָט אסתּרקע שוין געװוּסט פֿון אַלץ, װאָס צװישן דעם יונגן פֿאַרפֿאָלק איז פֿאָרגעקומען.

## וואָס טוט גאָט?

— ער זיצט אויבן און מאַכט לייטערלעך:
דעם לאָזט ער אַראָפּ און דעם שלעפּט ער אַרויף...

אין נעזווינק, אויפֿן מאַרקפּלאַץ, ווו עס געפֿינען זיך די גבֿירישע הײַזער, איז איצט אַ גרויס געררודער. מען לויפֿט, מען גייט, מען רעדט, מען סודעט זיך אויפֿן אויער, מען סמאַטשקעט מיט די ליפּן און מען וווּנדערט זיך. איינער לויפֿט נאָך דעם אַנדערן. טייל ווייסן פֿאַר וואָס זיי לויפֿן און טייל ווייסן נישט און לויפֿן אויך. מען זעט אויף אייניקע ערטער קליינע און גרויסע רעדלעך שטיין. די וואָס ווייסן נאָך נישט קריכן פֿון דער הויט און זײַנען נייגעריק צו הערן וואָס דאָ איז אַזוינס.

— האָט איר געהערט, וואָס עס קען זיך פֿאַרלויפֿן אויף דער וועלט? ווער האָט זיך עס גערעכנט ריכטן?...

— וואָס איז? וואָס איז? וואָס לויפֿט מען עס?

בײַ אַ הויז מיט אַ גרויסן גאַניק פֿון פֿראָנט איז נישט מעגלעך זיך דורכצושטופּן. אַזאַ ענגשאַפֿט איז דאָ. די טירן, די פֿענצטער, דאָס גאַנצע הויז איז באַלאַגערט מיט מענטשן, אַז קיין שפּילקע איז נישט דורכצוּוואַרפֿן. עס שטייט בײַ די טירן פּאָליציי און מען לאָזט נישט יעדן אַרײַן, נאָר געציילטע מענטשן. דורך די פֿענצטער זעט מען, אַז אין שטוב דרייען זיך מענטשן מיט קנעפּלעך.

דער עולם רעדט צווישן זיך:

— אָ־וואַ, אָ־וואַ, אַזאַ מעשׂה זאָל זיך טרעפֿן! ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז מיט אים זאָל זיך אַזוי אויסלאָזן?

— יאָ, ווער האָט זיך געקענט ריכטן?

— דאַכט זיך, אַז קיינער האָט נישט געקענט זאָגן אויף אים, אַז ער איז אַן אָרעמאַן.

— ווער האָט נישט געוווּסט, אַז ר׳ יואל רידערסקי איז אַן אַדיר, אַ גבֿיר!

— זעסטו פֿאָרט, וואָס עס האָט זיך פֿון אים אויסגעלאָזט!

— ער האָט עס פֿון דעסט וועגן נישט פֿאַרדינט... ער איז פֿאָרט געווען אַן ערלעכער ייִד און דער שענסטער באַלעבאָס אין שטאָט.

— און אַ סך אַלמנות און יתומים זײַנען איצט געבליבן אומגליקלעך...

— טאַקע נאָר אַזוינע קבצנים, ווי איך מיט דיר, איז ער ניט שולדיק קיין געלט. זעסט, וואָס דאָ טוט זיך?

— וואָס זשע, מען וויל אים אײַנזאַלצן? פֿאַר וואָס באַהאַלט מען אים נישט?

— וואַרט נאָר, וואָס האָסטו קיין צײַט נישט? מיר זײַנען דאָך נאָר וואָס געקומען... מיר וועלן נאָך אַ ביסל שטיין, וועלן מיר שוין געוויר ווערן...

— און דעם אידעם, זאָגט מען, זעט מען גאָר נישט... מען שמועסט, אַז ער איז הײַנט בײַ נאַכט אַוועק... אפֿשר איז דאָס געווען אַן אָפּגערעדטע זאַך. ווער קען עס וויסן?

— אויב איר ווילט וויסן, וואָס איז אַזוינס פֿאָרגעקומען בײַ ר׳ יואל רידערסקי אין הויז — האָט זיך איינער אָנגערופֿן צום עולם — מוז מען זיך אומקערן צוריק מיט אַ יאָר, צו דער צײַט, ווען עס איז געווען די לעצטע מלחמה צווישן רוסלאַנד מיט טערקײַ. ווער עס האָט דאַן נאָר געהאַט אַ גראָשן אין קעשענע איז געפֿלויגן ווי אַ רוח קיין רומעניע, בולגאַריע פֿאַרדינען געלט. פֿון די גבֿירים איז גאָר קיין רייד נישט. און אַפֿילו דער אבֿיון, וואָס האָט זײַן לעבן גאָר נישט געהאָפֿט צו פֿאַרדינען, האָט אויך אַוועקגעוואָרפֿן דעם וואַרעמען אויוון און איז געפֿאָרן ווערן אַ פּאָדריאַדטשיק [64] אויף אַ יאָר, ווייל ער האָט אים אויסגעליגן אויף אַ פּאָר פֿערד מיט אַ וואָגן. דאָס

[64] צושטעלער פון סחורות, שפּייז אָדער קליידונג, פֿאַרן מיליטער.

רובֿ האָבן זיך אַהין געלאָזט יונגע לײַטלעך און שײנע שישי־ייִדן[65], װעלכע האָבן זיך צו ביסלעכװײַז אונטערגעשױרן די בערד און פּיאות, און אונטערגעהאַקט די פּאָלעס פֿון די קאַפּאָטעס, אַװעקגעלײגט די גאַרטלען, זיך אָנגעהױבן קלײדן קורץ, װי די דײַטשן. דאָרטן, אױף דער מלחמה, האָבן די שײנע ייִדן, די זײַדענע יונגע לײַט, געגעסן טרפֿות, נישט געװוּסט פֿון קײן שבת און יום־טובֿ, געפֿירט באַקאַנט־שאַפֿטן מיט „דאַמעס" און „פֿרײַלנס"... אַ הײם, צו זײערע װײַבער אין שטאָט, פֿלעגן זײ שרײַבן, אַז מען גײט אין גאָלד און זײ װעלן ברענגען טױזנטער אַהײם. זײערע װײַבער פֿלעגן װערן ברײטער װי לענגער פֿון דעם, אַז אָט־אָט װעט קומען דער מאַן און װעט ברענגען די טױזנטער און זי װעט װערן אַ גבֿירטע. אײניקע פֿלעגן באַקומען גרוסן, אַז זײערע מענער זײַנען געװאָרן אױס ייִדן און שפּאַצירן מיט אױסגעפּוצטע מאָלדאַװאַנקעס...

דער גבֿיר, ר' יואל רידערסקי, װאָס האָט מיט אַלץ געהאַנדלט און זיך געכאַפּט צו יעדן געשעפֿט, איז אױך געפֿאָרן קײן בולגאַריע מיט שײנע עטלעכע טױזנט רובל. ער האָט אָנגענומען אַ פּאָדריאַד[66] און דערלײגט געלט אױפֿן פּוד, כאָטש ער האָט גוט געװוּסט, אַז ער דערלײגט ניט זײַנס, װײַל דאָס גאַנצע געלט האָט ער אָנגעליִען בײַ זיך אין שטאָט. פֿון דעסט װעגן האָט ער זיך באַטראַכט, אַז מען מוז עפּעס אױפֿטאָן, זײַן גבֿירישער נאָמען זאָל נישט פֿאַלן. ער האָט געטאָן, װאָס אַלע גבֿירים האָבן געטאָן אין בולגאַריע, בשעת זײ האָבן געבראָכן רוק און לענד: ער האָט אָנגעהױבן שרײַבן און טעלעגראַ־פֿירן אַהײם, אַז ער פֿאַרדינט הונדערטער טױזנטער, און אױף ר' יואל רידערסקין האָט מען געקענט גלײבן. װער דען קען פֿאַרדינען אַזױ פֿיל געלט, װען נישט ער? ער איז אױך אַלע מאָל געפֿאָרן אַהײם און, עס פֿאַרשטײט זיך, אַז דאָ האָט מען געמוזט קומען צו זיך אַהײם

---

[65] מיוחסים, די װאָס קריגן אין שול די עליה צו שישי.

[66] פֿאַרפּליכטונגען צוצושטעלן סחורות (ס'רובֿ פֿאַר דער אַרמײ), אימפּרע־זעס מיט קאָנטראַקטן.

מיט אַ גרויסן קנאַק. פֿאַר דאָס לעצטע געלט האָט מען געבראַכט אַהיים דעם ווײַב מיט דער טאָכטער טײַערע מתּנות: קליידער, טערקישע שאַלן, אַזוינע טײַערע אוירינגלעך און פֿינגערלעך, וואָס מען האָט נאָך אין נעזווינק קיין מאָל נישט געזען, און די גאַנצע שטאָט האָט געקלונגען פֿון די גליקן, וואָס ער מאַכט אויף דעם דונײַ, און ר׳ יואל רידערסקי איז נאָך מער בטוח געוואָרן. מען האָט אים אויף דאָס נײַ אָנגעהויבן טראָגן געלט און ער האָט גענומען. ווײַל ווי מען האָט גערעדט אין שטאָט, האָט ער ווײַטער אָנגענומען פּאָדריאַדן, פֿאַר וועלכע מען מוז אַרײַנטראָגן זאַלאָגן [67]. דאָס מאָל האָט ר׳ יואל רידערסקי אויך מיטגענומען זײַן איידעם, ער זאָל אים העלפֿן אין די געשעפֿטן, ווײַל מיכל טייטלשוואָם איז דאָך אַ וועלטלעכער יונגער מאַן. טייטלשוואָם האָט זיך אויפֿן דונײַ אויפֿגעפֿירט, ווי עס פּאַסט זיך פֿאַר אַ גרויסן פּאָדריאַדטשיקס אַן איידעם.

אַז די מלחמה האָט זיך געענדיקט און עס זײַנען שוין שלעכטע געשעפֿטן אויך נישט געווען און מען האָט געמוזט פֿאָרן אַהיים, האָט ר׳ יואל רידערסקי באַשלאָסן, אַז מען מוז קומען אַהיים נישט ווי אַ נאַר: ער האָט אָפּגעשניטן אַלע זײַנע ביטערע געשעפֿטן. פֿון אַלץ, וואָס נאָר מעגלעך, האָט ער געמאַכט מזומן געלט, כּדי ער זאָל האָבן אויף ברייטע הוצאות צו פֿאָרן אַהיים, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַזאַ מיליאָנער. אין דער היים דאַרף אַזאַ גבֿיר קיין געלט נישט. מען טראָגט אים געלט אַקעגן און מען בעט אים נאָך, ער זאָל צונעמען אויף אַ קליינעם פּראָצענט אָדער גאָר אָן פּראָצענט. ער האָט ווײַטער אָנגעקויפֿט רײַכע מתּנות דעם ווײַב און קינדער און איז מיט זײַן איידעם אַהיימגעפֿאָרן.

מיט וואָס פֿאַר אַ גרויסן כּבֿוד די שטאָטלײַט פֿון נעזווינק האָבן באַגעגנט דעם גרויסן מיליאָנער! אַזוינס האָט מען דעמאָלט געזען אין אַלע ייִדישע שטעט, בשעת די „דונײַ־גבֿירים" זײַנען צוריקגעקומען פֿון דער מלחמה.

---

[67] האַנטגעלט.

ר׳ יואל רידערסקי האָט באַלד איבערגעבויט זײַן דירה, געקויפֿט אַ שענערע קאַרעטע מיט פֿערד. זײַן ווײַב, חיה, האָט אויף זיך אַרויפֿגעשלעפּט אַ סך נײַע קליידער מיט אַזוי פֿיל שליאַרקעס[68] פֿון די טײַערסטע סטענגעס, אַז ווען מען זאָל זי געווען אויפֿהענגען פֿאַר אַ שילד נעבן אַ גאַלאַנטעריי־קלייט, וואָלטן זיך געוויס אַ סך ווײַבער געווען אָפּגעשטעלט און געגעבן צו לייזן. זי האָט אָנגעטאָן אַזוינע אוירינגלעך, אַז זיי האָבן איר שיִער אָפּגעריסן די אויערן, נאָר עס איז אַלץ כּדאַי געווען, ווען די ווײַבער פֿלעגן אויף איר קוקן אין שול. סיציליע האָט ערשט אויף דאָס נײַ אָנגעהויבן אַ לעבן און זיך נוקם געווען אין גאָלדשמידן. זי איז געווען זיכער, אַז גאָלדשמיד וויסט פֿון איר רײַכקייט און אַז ער קוקט איר נאָך אויף יעדן שריט, ווי אַזוי זי לעבט, און ער ווערט נאָר צעזעצט קוקנדיק.

אַזוי האָט ר׳ יואל רידערסקי מיט זײַן הויזגעזינד געלעבט גבֿיריש און געוויס וואָלט ער נאָך ווײַטער אַזוי געלעבט, און ייִדעלעך, קעסטקינדער, מחותּנים פֿון חתן־כּלה, יתומים און אַלמנות, וואָלטן אים ווײַטער געטראָגן נײַ געלט אויף פּראָצענט אָדער אָן פּראָצענט, אַבי זייערע אָנגעקליבענע גראָשנס זאָלן ליגן אויף אַ זיכערן אָרט. נאָר פּלוצלינג איז ר׳ יואל רידערסקי קראַנק געוואָרן אויף עטלעכע וואָכן. ווען אַן אַנדערער זאָל ווערן קראַנק, קען זײַן אַז עס וואָלט גאָר נישט אויסגעמאַכט. ער וואָלט אָפּגעלעגן עטלעכע וואָכן און וואָלט געזונט געוואָרן. נאָר ר׳ יואל רידערסקי האָט נישט געטאָרט קראַנק ווערן אַפֿילו אויף איין טאָג. ער האָט געמוזט זײַן מאַשין פֿון נעמען און געבן געלט לאָזן אַרבעטן יעדן טאָג: בײַ דעם נעמען געלט, דעם אָפּגעבן און נאָך מער נעמען. אַרויסנעמען פֿון איין לאָך און פֿאַרשטופּן צען לעכער אָדער פֿאַרקערט, כּדי די מאַשין זאָל נישט בלײַבן שטיין. קיינער האָט זײַן אָרט נישט געקאָנט פֿאַרטרעטן. זײַן ווײַב האָט שטענדיק געמיינט, אַז דאָס געלט צאַפּט זיך בײַ איר מאַן. נאָר ווו מען נעמט עס און נאָך אַזוינע פֿראַגעס זײַנען איר קיין

[68] באַפּוצונגען.

מאָל נישט אײַנגעפֿאַלן. פֿון זײַן טאָכטער מיט דעם אײדעם און די אַנדערע קינדער איז גאָר קיין רייד נישט: זיי זײַנען געוווינט געוואָרן נאָר קומען צום גרייטן. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אַ קראַנקן, ער מעג אַפֿילו זײַן אַ גבֿיר, טראָגט מען נישט אַקעגן נײַ געלט אויף פּראָצענט. דערפֿאַר אָבער זײַנען אַלע מאָל נײַע טערמינען אָנגעלאָפֿן, וואָס אַ טאָג מערער און מערער. ווען מען איז געקומען מאָנען, האָט מען אַקעגנגעטראָגן אַ תּירוץ: אַז דער באַלעבאָס איז קראַנק — און מען האָט געמוזט וואַרטן.

אַז ר׳ יואל רידערסקי איז אין דריי פֿיר וואָכן געקומען צו זיך, האָט ער גוט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען און ווי ער דאַרף איצט ענטפֿערן די אַלע אָנגעלאָפֿענע טערמינען[69]. פֿאַר יסורים איז ער נאָך ערגער קראַנק געוואָרן. דערווײַל זײַנען נײַע טערמינען אָנגעלאָפֿן, געלט אויף פּראָצענט האָט מען נישט געבראַכט. אין שטוב איז די הוצאה געווען גלײַך ווי פֿריִער און אפֿשר נאָך גרעסער, ווײַל מען האָט באַדאַרפֿט אָראָפּברענגען די גרעסטע דאָקטוירים און געלט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער. עס איז געקומען דערצו, אַז אין שטוב איז פּשוט נישט געווען אויף דער הוצאה, כאָטש עס האָט זיך דאָרטן געפֿונען גענוג צירונג, זילבער, פּערל, בריליאַנטן, טײַערע קליידער און מעבל.

אין נאָמען פֿון דעם קראַנקן ר׳ יואל רידערסקי האָט מען אָנגעהויבן בסוד־סודות אַרײַנגיין צו די גוטע פֿרײַנד לײַען הונדערט און צוויי הונדערט רובל. אין אָנהייב האָבן די גוטע פֿרײַנד נישט געקענט אָפּזאָגן, נאָר שפּעטער האָבן זיי, ווי דער שטייגער איז, אָנגעהויבן פֿאַרדרייען מיט דער נאָז און מען האָט געמוזט בסוד־סודות אַוועקפֿירן אין אַ פֿרעמדער שטאָט זילבער אָדער אַ שנור פּערל, בריליאַנטענע אוירינגלעך, אַפֿילו אַ טײַער קלייד פֿאַרקויפֿן. אַזאַ סוד קען אָבער לאַנג נישט געדויערן און מען איז טאַקע באַלד געוויר געוואָרן פֿון די אַלע סודות. אויף אַלע קרעדיטאָרן האָט אָנגעהויבן

---

[69] דאַטע פֿון הייבן, צאָלן, אונטערגעשריבענע דאָקומענטן, התחייבֿותן.

ציטערן די הויט. די בעלי־חובֿות האָבן שוין אָנגעהויבן באַרעכענען, וויפֿל דאָס מעבל מיט ר׳ יואל רידערסקיס באַלעבאַטישקייט באַטרעפֿט.

ר׳ יואל רידערסקי איז געווען שטאַרק קראַנק, נאָר זײַן שׂכל איז געבליבן די גאַנצע צײַט געזונט און דאָס איז אפֿשר געווען זײַן געפֿערלעכסטע קרענק. ליגנדיק אויפֿן בעט, האָט ער גוט פֿאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך אין שטאָט וועגן אים און, נאָך מער, ווי אומגליקלעך זײַן פֿאַמיליע איז.

— וועגן מיר — פֿלעגט ער צו זיך ריידן, ליגנדיק איינער אַליין — דאַרף איך ניט זאָרגן. אַז עס איז מיר באַשערט צו שטאַרבן, איז שוין אפֿשר צײַט. איך האָב אין מײַן לעבן גענאָסן פֿון אַלע פֿאַרגעניגנס. ציפּעס מאַן איז יונג, ער וועט אַרבעטן, וועט ער האָבן. איך בין אויך געווען אַמאָל אָרעם. נאָר מײַן ווײַב מיט די איבעריקע קינדער, וואָס וועלן זיי, נעבעך, טאָן? אויף וועמען לאָז איך זיי איבער? איך וועל נאָר צומאַכן אַן אויג, וועלן די בעלי־חובֿות אַלץ צעטראָגן ביזן לעצטן העמד...

— גוט האָט אַמאָל געטאָן שלום רויטמאַן... ער האָט אַלץ פֿאַרקויפֿט פֿון קליין ביז גרויס און איז געוואָרן אַ ייִדישער מוזשיק אין דאָרף... נאָר דאָס האָט מען געקענט אַמאָל טאָן, נישט הײַנט. הײַנטיקע יאָרן וואָלט אַפֿילו שלום רויטמאַן דאָס אויך נישט אויסגעפֿירט... געווען פּראָסטע, ערלעכע ווײַבער, אמתע מאַמעס פֿאַר זייערע קינדער... זיי האָבן נישט ליב געהאַט צו זיצן פֿאַרלייגט די הענט... מיט אַזאַ פֿרוי, ווי פֿריידע, האָט שלום אַלץ געקענט... אָבער הײַנט, ווי האָב איך געקענט פֿאַרלאַנגען אַזאַ זאַך פֿון מײַן ווײַב? איר גאַנץ לעבן באַשטייט דאָך נאָר אין אַ סך זײַדענע שמאַטעס מיט פּערל... זי זאָל זיך קענען באַרימען פֿאַר די ווײַבער שבת אין שול... האָב איך גאָר געקענט ריידן מיט איר פֿון אַזוינע זאַכן? זי וואָלט מיך אָנגעקוקט פֿאַר אַ משוגענעם און וואָלט מיר אָנגעהויבן אַרײַנשיטן אין טיי פּראָשקעס פֿון דער אַלטער כּישופֿמאַכערין, איך זאָל גאָר נישט וויסן, כּדי איך זאָל צוריק קלאָר ווערן... איר שטייט נאָך עד־היום

נישט אָן, וואָס איר שוועסטער, אסתּר, איז דעם ייִדישן מוזשיקס שנור... זאָל איך געווען ריידן דערפֿון מיט ציפּען, וואָס איז פֿון דער הײַנטיקער וועלט און קליגער פֿון דער מאַמען? דאָס וואָלט אַוודאי געווען אומזיסט. זי איז טאָג ווי נאַכט פֿאַרטראָגן מיט איר טואַלעט און מיט שפּאַצירן, מיט וויזיטן, מיט קאַוואַלירן און מיט גיין אין טעאַטער... מײַנע קלענערע קינדער זײַנען אויך דערצויגן פּריציש, מיט בלאַסע פּנימלעך און ווײַסע הענטלעך. ניין, נישט מיט אַזוינע לײַט קען מען ווערן אַן ערדאַרבעטער... אַזוי פֿלעג איך אַלע מאָל טראַכטן און די אַלע פֿראַגעס פֿלעגן מיר שטיין ווי אַ ביין אין האַלדז. און, ווידער, האָט דען אַ סוחר אָפּט צײַט צו טראַכטן? ווען איך האָב זיך דערמאָנט, האָב איך געטראַכט... דערנאָך זײַנען אַזוי אַוועקגעגאַנגען אַלע מײַנע יאָרן און איך בין טאַקע געבליבן אַ סוחר... און בין געקומען צו מײַן איצטיקער שרעקלעכער לאַגע!

די טרויעריקע געדאַנקען, וואָס פֿלעגן אים קיין רו נישט לאָזן, האָבן ר׳ יואל רידערסקיס קרענק נאָך פֿאַרערגערט. דעם לעצטן טאָג, ווען ר׳ יואל רידערסקי האָט געפֿילט, אַז ער האַלט בײַם שטאַרבן, האָט ער געהייסן אַרײַנרופֿן דעם איידעם. ער האָט געבעטן אַלעמען אַרויסגיין און איז מיט אים געבליבן אַליין. ער האָט אים געוויזן, אַז די חובֿות באַטרעפֿן צען מאָל אַזוי פֿיל ווי זײַן פֿאַרמעגן און, ווען ער וועט נאָך אַן אויג צומאַכן, וועלן די קרעדיטאָרן אַלץ צונעמען. דעריבער בעט ער אים, נאָך זײַן טויט זאָרגן פֿאַר זײַן ווײַב מיט די איבעריקע קינדער, וועלכע וועלן בלײַבן, נעבעך, ווי אויפֿן וואַסער.

טייטלשוואָם האָט ביז איצט נישט געגלויבט, אַז זײַן שווער געפֿינט זיך אין אַזאַ שלעכטן שטאַנד, כאָטש ער האָט תּמיד געוווּסט, אַז ער איז אַ סך שולדיק, און ער האָט געענטפֿערט דעם שווער:

— איך האָב קיין מאָל נישט דערוואַרט...

— מיר דאַכט זיך, מײַן קינד, דו האָסט שוין געקאָנט באַמערקן אין דער לעצטער צײַט, ווי אַזוי אונדזער הויז פֿירט זיך... מען בייטיקט זיך פּראָסט אין אַ פּאָר רובל...

— ווייס איך? איך האָב גערעכנט, אַז עס פּאַסט אַזוי צום געשעפּט... — האָט דאָס איידעמל געענטפֿערט.

— ניין, מײַן קינד, עס איז דער אמת אַזוי...

טייטלשוואָם האָט דערזען, אַז עס איז זייער שלעכט. שרײַען פֿאַר זײַן נדן, האָט ער פֿאַרשטאַנען, איז אומזיסט. ער איז גלײַך אַוועקגעגאַנגען אין זײַן צימער און אָנגעהויבן צו באַטראַכטן די נײַע לאַגע:

— מען דאַרף אָנהייבן טראַכטן עפּעס צו טאָן... אָפּגעלעבט עטלעכע יאָר... גוט, זייער ווויל! איצט מוז מען באַטראַכטן, ווי אַזוי ווײַטער צו לעבן פֿרײַ אויף דער וועלט, נאָר זיך נישט באַנאַרישן... וואָס זשע טוט מען? איבערבלײַבן דאָ? דאַרף איך אַרבעטן פֿאַר דעם ווײַב מיט די קינדער און האָבן אין זינען דעם ווײַבס אָרעמע משפּחה... בין איך גאָר נישט מחויבֿ! און, ווידער, בײַ וואָס זאָל איך אַרבעטן? מיט וואָס זאָל איך זיך פֿאַרנעמען? קיין געלט האָב איך נישט. פֿאַרדינען קען איך נישט. קיין בעל־מלאָכה בין איך נישט. אײַ, עס זײַנען דאָ אַ סך אַזוינע מענטשן? אמת, נאָר איך בין דערצו נישט געוווינט... איך וויל נישט!... אײַ, עס איז נישט ערלעך קעגן מײַן ווײַב און קינדער?... נאָר וואָס איז מיר אַ ווײַב מיט קינדער? איך דאַרף נישט קיין ווײַב, איך דאַרף נישט קיין קינדער. איך וויל נישט אַרבעטן אַ גאַנץ לעבן איבער זיי. איך זאָל זײַן אַ גביר, וואָלט איך זיי אויך געגעבן, אָבער פּלאָגן זיך פֿון זייערט וועגן וויל איך נישט... איך וויל אויך נאָך לעבן... ווען איך וועל זײַן אַ מענטש אַליין, וועל איך אויף דער וועלט נישט פֿאַרפֿאַלן ווערן...

מיט גיכע טריט האָט ער גענומען שפּאַנען איבערן צימער, געריבן דעם שטערן, געביסן די נעגל אָדער מיט אַלע פֿינף פֿינגער זיך אויף גיך געקאַמט די האָר ווי מיט אַ קעמל.

— מען טאָר נישט אָפּלייגן אויף קיין מינוט! ער איז געפּערלעך קראַנק און יעדע מינוט קען ער שטאַרבן... דאַן וועט שוין זײַן צו שפּעט...

און דאָס גבֿירישע איידעמל האָט טאַקע באַלד זיך גענומען צום

דורכפֿירן זײַן פּלאַן: האָט פֿון דער שאַפֿע אַרויסגענומען דעם ווײַבס און שוויגערס צירונג, דאָס שטובזילבער און זײַנע קליידער און איז פֿאַר נאַכט אַוועקגעפֿאָרן, אָנזאָגנדיק אין שטוב, אַז ער פֿאָרט ברענגען אַ נײַעם דאָקטער, וועלכער וווינט עטלעכע מײַל פֿון דער שטאָט. די שוויגער און דאָס ווײַב האָבן אים געוווּנטשן אַ גליקלעכן וועג און אים אָנגעזאָגט ניט צו שפּאָרן קיין געלט, נאָר גיכער ברענגען דעם דאָקטער. קיינער האָט נישט באַמערקט, ווי ער האָט פֿאַרנומען דאָס גאַנצע זילבער און צירונג.

ווען טייטלשוואָם איז אַרויסגעפֿאָרן הינטער דער שטאָט און דערזען די פֿרײַע פֿעלדער און וועלדער, איז ער פֿריילעך געוואָרן.

— ווידער אַ פֿרײַער פֿויגל!... איז אויף מײַן פּנים אָנגעשריבן, אַז איך האָב אַ ווײַב מיט קינדער?

טייטלשוואָם איז אַזוי פֿריילעך און צופֿרידן געווען, אַז ער האָט צוגעזאָגט דעם בעל־עגלה „נאַ וואָדקו" [70], כּדי ער זאָל פֿריילעכער פֿאָרן.

*

אויף מאָרגן איז ר׳ יואל געשטאָרבן. די גרויסע קרעדיטאָרן, וואָס האָבן אים שוין לאַנג געהיט די נשמה, זײַנען באַלד, ווי ער האָט נאָר די אויגן צוגעמאַכט און איידער מען האָט אים צו קבֿורה געבראַכט, געקומען מיט דעם פּריסטאַוו [71] איבערשרײַבן „פֿון גרויס ביז קליין", וואָס האָט זיך נאָר געפֿונען אין הויז. די קליינע קרעדי־טאָרן, וועלכע זײַנען באַשטאַנען פֿון כּמעט דער גאַנצער שטאָט, זײַנען ערשט איצט געוויר געוואָרן, אַז דער גרויסער גבֿיר ר׳ יואל רידער־סקי האָט אָנגעזעצט. די נײַס האָט זיך ווי אַ דונער צעטראָגן איבער דער גאַנצער שטאָט און עס איז געוואָרן אַ געלויף פֿון אָרעמע אַלמ־נות, יתומים און אַנדערע מענטשן, וואָס זייער גאַנץ פֿאַרמעגן איז

---

[70] (רוסיש) אויף בראָנפֿן.

[74] פּאָליציי־קאָמיסאַר.

באַשטאַנען פֿון די עטלעכע רובל, וואָס זײַנען געלעגן בײַ ר׳ יואל רידערסקי.

— הײַנט, גיי גלייב יענעם! ווען זאָל מען שוין גלייבן, אַז מיט אַזאַ גבֿיר איז מען אויך נישט זיכער! — האָט מען נאָר געהערט אָכקען און אויקען נעבן ר׳ יואל רידערסקיס הויז, וווּ מען איז געגאַנגען און געשטאַנען.

— וואָס זאָלן מיר שוין זאָגן, אַז אַזאַ גבֿיר איז אויך אַן אָרעמאַן גלײַך מיט אונדז? — האָבן אַנדערע זיך געטרייסט.

— אַ מענטש ווייסט גאָר נישט, וואָס מאָרגן קען זיך מיט אים טרעפֿן. עס קען זײַן, אַז מיר זאָלן גאָר ווערן גבֿירים...

— און פֿאַר וואָס נישט גלייבן? ווי באַלד עס האָט זיך געקאָנט טרעפֿן, אַז דער גבֿיר ר׳ יואל רידערסקי זאָל ווערן אַ קבצן, קען זײַן אַז מיר זאָלן ווערן נגידים. דו ווייסט דען, וואָס גאָט טוט אויבן?

— איך ווייס? ער פֿירט מסתּמא די וועלט.

— עס פֿאַרשטייט זיך, אַז גאָט פֿירט די וועלט. נאָר ווי אַזוי? מיט וואָס? שנײַדערײַ פֿירט מען מיט אַ שער און אײַזן. שוסטערײַ מיט נאָדלען און דראַטוועס. מיט וואָס זשע פֿאַר אַ געצײַג פֿירט גאָט די וועלט?

— איך ווייס?

— נו, זאָלסטו וויסן: מיט לייטערלעך!... גאָט איז אַ לייטער־מאַכער. ער זיצט אויבן און מאַכט לייטערס: איינעם שלעפּט ער אַרויף און דעם אַנדערן לאָזט ער אַראָפּ. אָט האָט ער איצט אַראָפּ־געלאָזט ר׳ יואל רידערסקין און מאָרגן קען ער מיך און דיך אַרויפֿ־שלעפּן אויף זײַנע לייטערלעך...

אַזוי האָט מען גערעדט בעת דער פּריסטאַוו האָט געהאַלטן בײַם איבערשרײַבן דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן און מען האָט ר׳ יואל רידערסקין צו קבֿורה געבראַכט.

# אַ יום־טובֿ און אַ חתונה

דעם נײַנצנטן פֿעברואַר, אין דעם טאָג װען מ׳האָט אין אַלע דערפֿער געפֿײַערט דעם גרױסן יערלעכן יום־טובֿ פֿון באַפֿרײַען די פּױערים פֿון פּאַנשטשיזנע, פֿון קנעכטשאַפֿט בײַ די פּריצים, און דאָס גאַנצן דאָרף סטעפּקיװקע האָט געפֿילט, אַז עס איז באמת אַ גרױסער יום־טובֿ, איז צו דעם אַלעמען אין סטעפּקיװקע צוגעקומען אין דעם טאָג נאָך אַ באַזונדער יום־טובֿ — עס איז אין דאָרף געװען אַ חתונה. דער פֿאַרװאַלטער פֿון שלום רױטמאַנס פֿעלדער האָט התונה געהאַט מיט דער „גאָלדענער העפּטערין”. סאָלאָמאָן, װעלכער איז איצט געװען באַלעבאָס פֿון זײַנע עלטערנס פֿאַרמעגן, האָט צוליב די צװײ יום־טובֿים געשענקט בראָנפֿן מיט פֿאַרבײַסן פֿאַר אַלע מוזשיקעס און באַצאָלט די קלעזמער, אַז זײ זאָלן שפּילן פֿאַר דעם עולם, און די ייִדישע מוזשיקעס פֿון רױטמאַנס פֿעלדער האָבן צוזאַמען געטאַנצט מיט אַ קאָזאַק אַ פּױליש און אַ ייִדיש, און אַלע געסט פֿון דער חתונה האָבן אָנגעקװאָלן קוקנדיק.

דער גוטבאַזיצער, פּאַן יאַן, און דער גלח, אָטיעץ[72] דאַנילאָװ, האָבן זיך דאָ אױך געפֿונען און צוגעזען, װי די פּױערים מיט די ייִדן טאַנצן צוזאַמען.

— איר זעט, פּאַן יאַן? — האָט זיך אָנגערופֿן דער גלח — עס איז פֿאָרט מעגלעך, אַז אין דעם גרױסן רוסלאַנד זאָלן אַלע פֿעלקער נישט נאָר קענען לעבן בשלום, נאָר אַפֿילו טאַנצן אױך צוזאַמען.

— איך װאָלט דאָס געװאָלט טאַקע זען אַזױ אין גאַנץ רוסלאַנד!

— האָט דער אַלטער פּריץ געענטפֿערט.

— אונדזער פֿאָלק איז ערלעך, רויק און קען מיט יעדן לעבן גוט, נאָר װען קײנער זאָל נישט רײצן! — האָט דער גלח אַרײַנגערעדט אין גוטבאַזיצער — די מאַסע איז װי אַ קינד און מוז שטענדיק

---

[72] (קלױסטער־טיטל) פֿאָטער.

האָבן אַ לערער. נאָר ווי ביטער איז, ווען שלעכטע מענטשן ווערן פֿאָלקסלערערס! פֿון אַזוינע לײַט קען דאָס בעסטע פֿאָלק שלעכט ווערן און טאַקע פֿאַרדאָרבן אויך. אָט זעט, ווער האָט אויסגעלערנט אונדזערע פּויערים צו ריידן אונטער דער נאָז ווי אַ זידלוואָרט „זשיד" און „פּאָליאַק"? דאָס קומט אַרויס פֿון די פּלאַפּלערײַען, וואָס געוויסע צײַטונגען דרוקן.

— מיר דאַכט זיך — האָט געזאָגט פֿאַן יאַן — אַז דער סאָרט צײַטונגען און ביכער קען גיכער אויפֿרייצן די העכערע קלאַסן מענטשן, וועלכע לייענען זיי, אָבער נישט דאָס פּראָסטע פֿאָלק, וואָס איז שטענדיק פֿאַרטראָגן מיט זײַן אַרבעט און קען גאָר נישט לייענען.

— איך קען אַלע פּויערים פֿון די דערפֿער אַרום סטעפּקיוווקע. וויפֿל איז שוין דאָ צווישן זיי, וואָס האָבן אָנגעהויבן פֿײַנט צו האָבן ייִדן און וואָלטן זיך געקילט אין זייער בלוט! פֿרעגט זיך, ווו האָבן זיי דאָס גענומען? דאָס האָט מען צו פֿאַרדאַנקען אַזעלכע שרײַבערס ווי אונדזער סטעפּקיוווקער וואָדאָפּיאַנאָוו.

— ווו זשע זײַט איר, גײַסטלעכער, מיט אײַערע הייסע ווערטער?

— האָט געפֿרעגט דאָקטער פֿרידמאַן, וועלכער האָט זיך צוגעהערט צום שמועס.

— וואָס העלפֿן אונדזערע רייד? צו מײַן גרויס קרענקונג מוז איך אײַך זאָגן, אַז אונדזער מאַסע פֿאַרמאָגט אַזוינע וואָדאָפּיאַנאָווס, וועלכע שיכּורן צוזאַמען מיט זיי, און זיי ווירקן מער ווי אַלע גײַסט־לעכע. אומעטום הערשט נאָך בײַ דער מאַסע שלעכטסקייט מער ווי גוטסקייט.

דער יונגער פֿאַן קאַרל, וואָס איז געווען בײַ דעם געשפּרעך, האָט נישט געקענט אָפּשווײַגן און זיך אָנגערופֿן:

— געערטער אָטיעץ! איר באַשולדיקט צו פֿיל אײַערע אייגענע ערלעכע ברידער, ווײַל זיי האָבן אַ שלעכטע מיינונג וועגן ייִדן. איר מיינט געוויס אַזוינע ייִדן, ווי מיר זעען איצט דאָ פֿאַר זיך, איך מיין, ווי דער פֿאַן דאָקטער פֿרידמאַן אָדער דער פֿאַן גאָלדשמיד, אָבער די איבעריקע ייִדן אין די שטעט מיט זייער האַנדל און וואַנדל...

פֿאַן קאַרל האָט געהאַט דעם אייגענעם טאַקט, ווי דאָס רובֿ קריסטן וואָס דרייען זיך אַרום די שיינע יידישע טעכטער אָדער זײַנען באַקאַנט מיט עטלעכע אינטעליגענטע יידישע פֿאַמיליעס, וועלכע נעמען זיי אויף פֿאַר גוטע פֿרײַנד און פֿאַרטרויען זיך פֿאַר זיי ווי פֿאַר אייגענע ברידער. האָט ער אָנגעהויבן לויבן די אינטעליגענטע יידן, די אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים און אַנדערע געבילדעטע, נאָר אויף די שטעטישע יידן, „עקספּלאָטאַטאָרס", בלוטזויגערס, האָט ער נישט אויפֿגעהערט אָנצופֿאַלן.

— אמת — האָט גאָלדשמיד אים געענטפֿערט — צווישן יידן געפֿינען זיך אויך נישט קיין אָרנטלעכע, אָבער אַזעלכע לײַט געפֿינען זיך אויך בײַ יעדן פֿאָלק. אין אַ ים געפֿינען זיך אַלערליי פיש. טאָר מען נישט באַשולדיקן אַ גאַנץ פֿאָלק איבער אַ טייל שלעכטע מענטשן. אָבער יידן באַשולדיקט מען אַלע מאָל איבער עטלעכע שווינדלערס.

סאָלאָמאָן האָט מיט גרויס אינטערעס זיך צוגעהערט צום גאַנצן געשפּרעך. ער האָט נישט איין מאָל זיך געפֿרעגט: וואָס ריידן זיי? וואָס וויל יעדער מיט זײַנע רייד באַווײַזן? ער האָט גאָר נישט געקענט פֿאַרשטיין, פֿאַר וואָס מען האָט אַזוי פֿיל צו טאָן מיטן יידן. עס האָט אים אַלע מאָל אונטערגעטראָגן און ער האָט געוואָלט ריידן. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט עפּעס זייער פֿיל צו זאָגן, נאָר ער האָט נישט געזאָגט. ער האָט געטראַכט:

— וואָס וועל איך מיך אַרײַנמישן צווישן עלטערע מענטשן, וועלכע ווייסן מער פֿון מיר?

נאָר פֿאַן קאַרלס לעצטע ווערטער האָבן אים אַזוי אָפּגעבריט, אַז ער האָט גאָר פֿאַרגעסן, צי עס פּאַסט פֿאַר אים צו ריידן אָדער נישט. ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון זײַן שטול, די באַקן און דאָס גאַנצע פנים האָבן אים געפֿלאַמט, און ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ ציטערדיקן קול:

— און איר, פֿאַן קאַרל, ווער זײַט? איר, פּאָליאַק, ווער זײַט? אויף אײַך זוכט מען גאָר נישט אַזוי פֿיל חסרונות ווי אויף יידן?

— אָ, אָ, דער זשיד האָט זיך אין אים אָנגערופֿן! — האָט פֿאַן

קאַרל געוואָרטשעט אונטער דער נאָז, אַז קיינער זאָל נישט הערן, נאָר אויפֿן קול האָט ער געזאָגט, אַז אַלע זאָלן הערן:

— מיר הייסן ניט שכנים, און איר, ייִדן, יאָ. מיר זײַנען איבערגעבליבן זיצן אויף אונדזער אייגענער פּוילישער ערד, וווּ אונדזערע עלטערן האָבן זעלבשטענדיק געלעבט. אָבער איר זײַט אָנגעקומען ערגעץ פֿון אַזיע אָדער פֿון אַנדערע לענדער... איר זײַט אָנגעלאָפֿענע פֿון דער פֿרעמד...

די תּשובֿה האָט סאָלאָמאָנען אונטערגעצונדן.

— מיר, זאָגט איר, זײַנען פֿרעמדע, אײַנגעבעטענע... איך בין אויך אַ ייִד. און איר וועט אפֿשר זאָגן, אַז אַזאַ ייִדן, ווי איך, האָט מען מער ליב, ווײַל איך בין אַן ערדאַרבעטער. איך קום־אַרויס פֿון ערדאַרבעטערס און מען האָט נאָר פֿײַנט די שטאָטייִדן, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט האַנדל? ניין! דער אמתער קריסט, וועלכער לערנט, אַז מען דאַרף יענעם ליב האָבן ווי זיך אַליין, האָט גלײַך ליב דעם ייִדן דעם ערדאַרבעטער און דעם ייִדן דעם סוחר, ווײַל יעדער אין זײַן פֿאַך ברענגט נוצן די מענטשן און דער מדינה. אַזוינע מענטשן, ווי דער פּיסאַר וואָדאָפּיאַנאָוו, האָבן פֿײַנט אַלע ייִדן גלײַך: דעם פֿאַקטאָר, דעם סוחר, דעם פּראָפֿעסאָר און דעם ייִדישן ערדאַרבעטער אויך. איר וועט פֿרעגן, פֿאַר וואָס האָבן אַזוינע לײַט ווי וואָדאָפּיאַנאָוו פֿײַנט ייִדן? מוז איך אײַך זאָגן, אַז דאָס איז גאָר אָן אַ שום אורזאַך. דאָס קומט נאָר אַרויס דערפֿון, ווײַל זיי אַליין זײַנען פֿאַרדאָרבענע מענטשן, וועלכע עס קרענקט פֿאַר וואָס יענער לעבט. די לײַט האָבן נישט נאָר פֿײַנט ייִדן, נאָר איבער הויפּט מענטשן. אײַ, פֿאַר וואָס שרײַען זיי נישט אויף קריסטן? ווײַל זיי ווייסן, אַז פֿאַר שרײַען אויף קריסטן וועט מען זיי באַלד פֿאַרמאָכן די מײַלער, נאָר אויף ייִדן איז שוין אָנגענומען, אַז יעדער מעג זאָגן אויף זיי, וואָס מען וויל. די לײַט פֿאַרדריסט, פֿאַר וואָס יענער לעבט און זיי זײַנען זיך נוקם אין דעם שוואַכערן — אין דעם ייִדן. ווען איר פֿרעגט זיי, פֿאַר וואָס זיי שרײַען אויף ייִדן, מוזן זיי זאָגן דעם אַלטן אויסגעדראָשענעם תּירוץ, אַז ייִדן זײַנען אָנגעלאָפֿענע, פֿרעמדע, זיי אַרבעטן

נישט און טוען גאָר נישט. און וואָס טוט וואָדאָפּיאַנאָוו? ער באַראַבעוועט וויניק דעם אָרעמען מוזשיק? צאַפּט ער דען נישט אױס פֿון אים דאָס בלוט? פֿון יעדן גראָשן, וואָס דער מוזשיק פֿאַראַרבעט אַ גאַנץ יאָר, מוז ער דעם פּאַן פּיסאַר געבן... אויך פֿון קאַרטאָפֿל, פֿון ווייץ, קאָרן און דאָס גלײַכן... דאַרף דער מוזשיק אַ מעטריקע, צי אַזוי עפּעס אַ שטיקל פּאַפּיר פֿונעם וואָלאָסט, מוז ער דעם פּאַן פּיסאַר אַוועקגעבן דעם לעצטן רובל און דער פּאַן פּיסאַר פֿאַרשיכּורט דאָס געלט. און די אַנדערע וואָדאָפּיאַנאָווס, וואָס האָבן אין די לעצטע יאָרן אָנגעהויבן וואַקסן אין רוסלאַנד ווי קראָפּיווע, אַרבעטן אַ סך? זיי עקספּלאָטירן דען נישט זייער פֿאָלק? די מיט צײַטונגען און פֿינצטערע ביכלעך, די מיט שענקען און פּראָצענט... זיי פֿאַרפֿירן דאָס פֿאָלק מיט פֿאַרשיידענע פּאַשקווילן אויף ייִדן, כּדי מען זאָל זיך אויף זיי אַליין נישט אומקוקן. דאָס פֿאָלק אַליין וואָלט שטענדיק געלעבט מיט ייִדן אין אַחדות. נאָר דאָס אומגליק איז, וואָס בײַ דעם פֿאָלק איז אַ צײַטונג ווי אַ תּורה. אַז מען שרײַבט אין די צײַטונגען, איז מסתמא אמת. אויף דעם רעכענען טאַקע די דאָזיקע יונגע לײַט און הערן נישט אויף צו העצן דאָס פֿאָלק און דערציילן, אַז ער איז דער באַלעבאָס און ייִדן זײַנען אײַנגעבעטענע, אָנגעלאָפֿענע, פֿרעמדע! פֿרעגט מיך בחרם, פּאַן קאַרל, פֿון וואַנען איך בין אָנגעקומען קיין רוסלאַנד — ווייס איך נישט! איך ווייס נאָר, אַז מײַן טאַטע, מײַן זיידע און עלטערזיידע האָבן דאָ געוווינט אויף דער ערד, ווו איך געפֿין זיך איצט. קיין אַנדער פֿעלד, קיין אַנדער הימל האָב איך נישט געזען, נאָר דעם...

ווער ווייסט ביז וואַנען סאָלאָמאָן וואָלט נאָך אַזוי זיך געהיצט און גערעדט, ווען פּאַן קאַרל זאָל אים נישט געווען אַרײַנפֿאַלן אין די רייד:

— וואָס פֿײַערסטו אַזוי, סאָלאָמאָן? איך האָב פֿריִער געזאָגט, אַז אַזוינע ייִדן, ווי דו און גאָלדשמיד, האָב איך אויך ליב, אָבער די שטאָטייִדן...

— אומזיסט היצט איר אײַך אַלע! — האָט זיך אָנגערופֿן דער

אָטיעץ דאַנילאָוו — אַזעלכע וואָדאָפּיאַנאָווס וועלן אויך פֿײַנט האָבן אַזאַ ייִדן ווי דו, סאָלאָמאָן און ווי דאָקטער פֿרידמאַן, מיטן ייִדישן סוחר אָדער שענקער גלײַך. נאָר דערפֿאַר וואָס דו גיסט אים נישט אַוועק דײַן ערד, דער דאָקטער זײַן דיפּלאָם און דער שענקער זײַן ביסל בראָנפֿן. מיט דײַן פֿאַרענטפֿערן זיך, סאָלאָמאָן, וועסטו בײַ אַזעלכע לײַט גאָר נישט פּועלן. גלייב מיר, סאָלאָמאָן, אַז דער אמתער רוס, וואָס האָט באמת ליב זײַן פֿאָלק, האָט די לײַט אויך נישט גערן, וואָרעם אין אמתן האָבן מיר, רוסן, אונדזערע אייגענע צרות, אונדזערע אייגענע פֿעלערן, וואָס מיר וואָלטן געדאַרפֿט אויסבעסערן.

דער גלח האָט אויסגעגלײַכט זײַן באָרד און זײַן פּנים האָט זיך באַדעקט מיט טרויער.

— נאָר וואָס זאָל מען טאָן, אַז די פֿאַלשקייט און שלעכטקייט האָט אין אונדזערע צײַטן מער דערפֿאָלג ווי דער אמת און די גוטסקייט? די וואָדאָפּיאַנאָווס זײַנען היײַנט אין דער מאָדע און האָבן זיך געגעבן אַ קלינגענדיקן נאָמען אַנטיסעמיטן, מיט וועלכע עס פֿאַרנעמען זיך אַלע צײַטונגען און ביכער. מען האָט איבער דעם פֿאַרגעסן די וויכטיקסטע זאַכן פֿון דעם מענטשלעכן לעבן...

סאָלאָמאָן האָט דעם גלח געדריקט די האַנט און געדאַנקט פֿאַר זײַנע רייד. דער גלח האָט זיך שטאַרק געוווּנדערט, וואָס בײַ דעם שמועס האָט שפּיצבוים זיך נישט אָנגערופֿן מיט קיין אייניציקן וואָרט. ער האָט אַפֿילו געהערט פֿון דעם געבילדעטן ייִדן. נישט ווייניקער האָט עס אים געוווּנדערט, וואָס דער ייִדישער דאָקטער מיט דעם חתן זײַנען געזעסן ווי שטומע. שפּיצבוים האָט דאָס באַמערקט אויף דעם גלחס פּנים און ער איז צוגעגאַנגען צו דעם עולם, ווו מען האָט געטאַנצט און זיך געווענדט צום גלח:

— איך ווייס, אַז איר ווונדערט זיך, וואָס איך האָב זיך אין דעם געשפּרעך נישט אַרײַנגעמישט. מיר איז געוויס זייער אײַנגענעם צו ריידן מיט אײַך, נאָר אַז מען הייבט אָן צו ריידן פֿון די אַנטיסעמיטן און ווי זיי הייסן אַלע דאָרט, נעמט קיין סוף נישט. זאָל איך אָנהייבן

מיך אויסטענהן מיט פֿאַן קאַרלען? צו וואָס וועט דאָס פֿירן? מיר האָבן שוין עפּנטלעך, פֿאַר דער גאַנצער וועלט, אַרויסגעזאָגט אונדזערע פֿעלערן און דערוויזן, אַז מיר זײַנען אויך נישט מער ווי מענטשן, אַז עס געפֿינען זיך צווישן אונדז גוטע און שלעכטע, אַזוי ווי בײַ אַלע פֿעלקער. נאָר וואָס קומט אַרויס פֿון אַלע אונדזערע רייד? דערטאַפּט מען בײַ אונדז עפּעס אַ פֿעלער — צופּויקט מען אים איבער דער גאַנצער וועלט. ווילן מיר זיך פֿאַרענטפֿערן — הערט מען אונדזערע רייד נישט. דערפֿאַר איז מײַן איבערצײַגונג, אַז עס איז אַלץ איינס, צי יִדן פֿאַרענטפֿערן זיך אָדער נישט. אפֿשר איז גאָר שווײַגן בעסער. חוץ דעם איז שוין פּשוט נמאס געוואָרן זיך פֿאַר יעדן שרײַער צו פֿאַרענטפֿערן זיך. טאַקע נאָר אַזאַ יונגער, נישט דערפֿאַרענער מענטש ווי סאָלאָמאָן, קען ריידן מיט אַזאַ פֿײַער, ווײַל בײַ אים איז דאָס אַ נײַס. עס פֿאַרדריסט אים! סטײַטש, ער רעדט רוסיש ווי אַ רוס. ער האָט ליב רוסלאַנד. מיט זײַן שוויס אַרבעט ער אויף רוסישער ערד. אין רוסלאַנד איז ער געבוירן און דערצויגן. זײַנע עלטערן זײַנען אויך אין רוסלאַנד געבוירן. און צום סוף קומט אַ ליידיקגייער, ווי פֿאַן קאַרל, אָדער אַ שיכור, ווי וואַדאַפּיאַנאָוו, און זאָגט אים, אַז ער איז אַ פֿרעמדער — אַ גר אין דעם לאַנד! ווען סאָלאָמאָן וועט עלטער ווערן, וועט ער, דער יונגער יִדישער מוזשיק, געוווינט זען פֿאַר זיך און איבערלעבן קאַלטס און וואַרעמס, און וועט זיך אויפֿהערן צו היצן פֿון אַזעלכע פֿאַן קאַרלס. ער וועט זיך מוזן צוגעוווינען צו אַ סך ערגערע זאַכן...

## נישט אַלע פֿרייען זיך אויף אַ שׂמחה

דער ליאַרעם פֿון די צווײ שׂמחות איז אַלע מאָל גרעסער געוואָרן. אויף דעם הויף און אַרום דער שטוב, ווו די פּויערים האָבן געהוליעט און אין שטוב, ווו די פֿאַרבעטענע מחותּנים זײַנען געווען — אומעטום האָבן זיך געהערט פֿריילעכע קולות. נאָר דרײַ מענטשן זײַנען נישט

צופֿרידן געווען: פֿאַן קאַרל, וואָדאָפּיאַנאָוו און די הויפּט־מחותנתטע יאַכצי, דער כּלהס מוטער.

וואָדאָפּיאַנאָוו איז געקרענקט געווען, ווײַל מען האָט אים גאָר נישט געבעטן אויף דער שׂמחה. פֿון דעסט וועגן איז ער אַליין געקומען און איז שיִער צעשפּרונגען געוואָרן, וואָס פּאַני אסתּרקע, אין וועלכער ער איז שטאַרק פֿאַרליבט געווען, האָט אַפֿילו קיין איינציק מאָל אויף אים אַ קוק נישט געטאָן און נאָר גערעדט מיט פּאַן קאַרלען, וועלכער איז אויך אומצופֿרידן געווען, ווײַל ער האָט געזען די שיינע רחל, ווי זי האָט איצט נאָך שענער אויסגעזען, נאָר זי האָט אויף אים זיך נישט אומגעקוקט.

יאַכצי האָט געחלומט פֿון אַ חתונה ווי אַ יאַריד. דעם שבת פֿון דעם אויפֿרופֿן וועלן אַלע ווײַבער וועלן קומען פֿירן יאַכצין, די מחותנתטע, אין שול אַרײַן. יאַכצי וועט גיין פֿאַר אַלע ווײַבער אויסגעשלייערט און אפֿשר צוויי הונדערט ווײַבער וועלן איר נאָכגיין! פֿון אַלע הײַזער וועלן די מיידלעך, וואָס גייען נישט אין שול אַרײַן דאַווענען, און די ניאַנקעס מיט די קליינע קינדער אויף די הענט אַרויסלויפֿן אויף דער גאַס זען, ווי מען פֿירט יאַכצי די מחותנתטע. אַלע וועלן פֿרעגן און אָנווײַזן מיט די הענט אויף איר.

— וועלכע איז יאַכצי די מחותנתטע?

— אָט די מיט דעם ווײַסן, זײַדענעם טיכל, איז יאַכצי די מחותנתטע!

— וואָס פֿאַר אַ שיין קלייד יאַכצי טראָגט!

ווער וועט איצט דען נישט דערמאָנען יאַכצין? אַלע צוויי הונדערט ווײַבער, וואָס וועלן זי פֿירן אין שול אַרײַן, וועלן נאָר וועגן איר ריידן, נאָר דאָס אַלץ איז נאָך גאָר נישט. דאָס רעכטע וועט זיך אָנהייבן בײַ דער וועטשערע, נאָך דער חופּה, און עס וועט געוויס געדויערן אַ וואָך צוויי, איידער דער רעש פֿון דער חתונה וועט אַוועק.

מיט די געדאַנקען האָט זיך יאַכצי אַרומגעטראָגן אַ גאַנצע צײַט. נאָר אַז פֿון דעם אַלעמען האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טײַך. די חתונה האָט געמוזט זײַן אין דאָרף. קיין אויפֿרופֿן מיט צוויי הונדערט ווײַ־

בער איז גאָר נישט געווען. קיין ניאַנקעס מיט קינדער און יונגע מיידלעך זײַנען נישט אַרויסגעלאָפֿן אויף דער גאַס זען, ווי מען פֿירט יאַכצי די מחותּנתטע. קיין „חתן־מאָל" [73] איז אויך נישט געווען. עס איז נאָר געווען אַ שיינע חופּה־וועטשערע. לעקעך מיט אַלע אַנדערע זאַכן האָבן רויטמאַנס דינסטן אָפּגעבאַקן אָן געפּילדער, אָן רעש, און מען האָט דערבײַ אַפֿילו יאַכציס נאָמען נישט דערמאָנט... האָט נאָך דעם אַלעמען יאַכצי געקאָנט זײַן צופֿרידן?

סאָלאָמאָן מיט רחלען זײַנען עפּעס אויך נישט געווען ווי צווײ יונגע מענטשן דאַרפֿן זײַן אויף אַ חתונה. זיי זײַנען גאָר געווען טרויעריק. רחל איז געשטאַנען פֿון איין זײַט נעבן דער באָבע פֿריידע, וועלכע איז מער געשלאָפֿן מיט אַ האַלב פֿאַרוויינט פּנים... און סאָלאָמאָן איז געזעסן אין אַ באַזונדערן ווינקל צווישן די מאַנסלײַט, שטאַרק פֿאַרטראַכט און עפּעס אויך ווי פֿאַרוויינט. איינס צום אַנדערן האָט נישט געטאָרט צוגיין, וואָרעם פֿאַני אסתּרקע האָט זיך אַרומגעדרייט און יעדן געוויזן, אַז זי איז אַ פֿאַני, און פֿאַן קאַרל האָט מער נישט געטאָן ווי אַכטונג געבן, אַז סאָלאָמאָן מיט רחלען זאָלן נישט ריידן איינס מיטן אַנדערן, כאָטש דאָס האָט זיי נישט געהאָלפֿן, ווײַל זיי האָבן דאָך אַ ביסל גערעדט און געטאַנצט צוזאַמען, ווען די כּלה האָט זיי געבעטן. נאָר דאָס גאַנצע ריידן און טאַנצן איז געווען טרויעריק.

ווען סאָלאָמאָן האָט זײַן מוטער דערציילט וועגן רחלען און ווי אַ קינד געבעטן איר דערלויבעניש, איז אסתּר געוואָרן אַנגעצונדן:

— איך האָב נישט געגלויבט פֿאַן קאַרלען, אַז ער האָט עס מיר אויס גוטפֿרײַנדשאַפֿט דערציילט. צום סוף זע איך, אַז עס איז אמת: דו מיט דעם קרעטשמערס מיידל?...

— יאָ, עס איז אמת.

— סאָלאָמן! דו וואַגסט מיר נאָך צו זאָגן, אַז עס איז אמת?

— מאַמע!...

---

73 — מאָלצייט.

— סאַלאָמאָן, דו האָסט מיר דאָ גאָר נישט וואָס צו זאָגן! איך וויל נישט הערן דײַנע נאַרישע, ייִנגלשע רייד. מיין נישט, אַז דאָס וועט דיר אָפּגיין ווי פֿריִער. אָן דײַן מוטערס וויסן האָסטו אָנגעהויבן געוועלטיקן מיט אונדזער גאַנץ פֿאַרמעגן און האָסט אַראָפּגעבראַכט נײַע פֿאַרוואַלטערס. איך האָב מיך דעמאָלט מײַשבֿ געווען, אַז דאָס איז אַ זאַך פֿון אַ מאַנסביל, און אַז מײַן קינד וויל זײַן באַלעבאָס — זייער פֿײַן. און, ווידער, וואָס האָב איך צו ריידן? עס איז שוין פֿאַרפֿאַלן! דו האָסט אָפּגעטאָן. אָבער אין דער זאַך בין איך מוטער!... איך קען און וועל עס נישט דערלאָזן. איך האָב גענוג בלוט איבער דיר פֿאַרגאָסן, גענוג צרות איבערגעטראָגן איידער איך האָב דיך אויפֿגעצויגן.

— מאַמע! — האָט סאַלאָמאָן ווידער געוואָלט ריידן.

נאָר אסתּר האָט אים נישט געוואָלט אויסהערן.

— ווי קומט גאָר צו דיר אַזאַ נאַרישקייט, צו האָבן צו טאָן מיט אַזאַ מיידל, וואָס איז גאָר נישט דײַן גלײַכן? פּאַסט דאָס פֿאַר דיר? פֿאַר אונדז? איך מוז דיר זאָגן, אַז דו האָסט נישט אַזאַ מוטער, ווי אַלע נאַרישע ייִדישע מוטערס, וואָס גלייבן נישט אין ליבע און זײַנען זיך אין זייערע קינדער נוקם, ווי באַלד עס פֿאַרלויפֿט זיך בײַ זיי אַזאַ מעשׂה... נאָר באַרעכן פֿריִער, צי עס איז נישט אַ בזיון פֿאַר דיר און פֿאַר דײַנע עלטערן...

— די באָבע פֿריידע זאָגט, אַז עס איז גלײַך, אַז עס פּאַסט, און עס קען פֿאַר מיר קיין בעסערער שידוך נישט זײַן. זי האָט אונדז ביידע הײַנט געגעבן איר ברכה...

— אַ! אַ!... די באָבע! ווער איז דײַן באָבע? נישט קיין קרעטשמערקע, וואָס האָט אַמאָל פֿאַרקויפֿט קעז און פּוטער? דו מיינסט, אַז דײַן מאַמע וואָלט אָנגעקומען צו די גראָביאַנעס, ווען...

פּאַני אסתּרקע האָט זיך צעוויינט:

— איך וואָלט געקענט אָנקומען אין אַנדערע הענט... פּאַסט צו מיר אַזאַ שוויגער? דו קוקסט־אָן אַלץ, וואָס עס איז נאָך דאָ אַ ביסל לײַטיש, אַז אַ לײַטישער מענטש קען נאָך אַרײַנגיין צו אונדז... דאָס

איז אַלץ אַ דאַנק מיר, אַ דאַנק מײַנע הענט! יאָ, מײַן קינד, דײַן מוטער, וואָס האָט נאָך געקענט לאַנגע יאָרן זײַן יונג, האָט איר לעבן פֿאַרשפּילט...

— די באָבע האָט...

אסתּר האָט אים ווידער נישט געלאָזט אויסריידן:

— און דו טוסט מיר אָן בזיונות מיט וויטיקן! איך בין נישט קיין נאַרישע מוטער, ווי אַנדערע ייִדישע מוטערס, איך זאָל מיט דיר טאָן אַ שידוך און דיך נישט פֿרעגן. אָבער ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז מײַן קינד זאָל זיך פֿאַרליבן אין אַן „אַרענדאַרסקע מויד“? איצט זע איך, אַז פֿאַן קאַרל איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געוואָלט לעמלען מיט זײַן טאָכטער אַרויסוואַרפֿן פֿון דאָרף. און איך ווייס טאַקע נישט, פֿאַר וואָס זיי האָבן זיך אָנגעזעצט אויף מײַן קאָפּ... נאָר יעדער זאַך מוז האָבן אַן ענדע! פֿאַראַן אַ סך אָרעמע לײַט. נאָר זאָגן זאָג איך דיר, סאָלאָמאָן, אַז טאָמער וועל איך ווײַטער הערן אַזוינע זאַכן, ווי איך האָב געהערט ביז אַהער פֿון דיר, וועט זייער פֿוס ניט זײַן בײַ אונדז אין דאָרף און דעמאָלט וועט צו אַלץ נעמען אַ סוף!

סאָלאָמאָן האָט געפּרוּווט ריידן און בעטן, נאָר אסתּר האָט גאָר נישט געוואָלט הערן און איז פֿון אים אַוועקגעגאַנגען און האָט אים איבערגעלאָזט אַליין.

סאָלאָמאָן איז, ווי תּמיד, געלאָפֿן אויסגיסן זײַן האַרץ פֿאַר גאָלד־שמידן מיט דער האָפֿענונג, אַז דער קלוגער און געטרײַער פֿרײַנד וועט אים געבן אַ רעכטע עצה און עס וועט זיך אַלץ ענדיקן צום גוטן, נאָר ווי צעבראָכן איז ער געוואָרן, ווען גאָלדשמיד האָט אים דערויף געענטפֿערט:

— דײַן מוטער איז גערעכט: קיינער קען נישט אָפּלייקענען, אַז זי איז דײַן מוטער און קיינער קען בײַ איר די מוטערלעכע רעכט נישט צונעמען, און קיין שום זײַטיקער מענטש טאָר זיך אין דער זאַך נישט אַרײַנמישן. ווען דו האָסט איבערגענומען די ווירטשאַפֿט און זיך אַ ביסל שטרענג באַגאַנגען מיט דײַן מוטער, און געטאָן אַלץ

מיט דײַן שׂכל — איז אויך געווען אַ שטיקל עוולה. אַ מוטער האָט דאָס רעכט בײַ אירע קינדער צו זאָגן אומעטום אַ דעה. נאָר פֿאַר דעם האָט מען דיך נישט געקענט אַזוי פֿיל באַשולדיקן, ווײַל זי האָט אַלץ שלעכט געפֿירט און עס וואָלט פֿון אַלץ געקענט ווערן אַ תּל. אָבער אין דער זאַך, ווען זי זאָגט, אַז דו קענסט טאָן אַ גרעסערן און אַ בעסערן שידוך, און עס שטייט איר נישט אָן, אַז רחל זאָל זײַן איר שנור... ווייס איך?... זי איז אַ מוטער גלײַך מיט אַלע און מעג זאָגן דעות בײַ איר קינדס גליק. חתונה האָבן איז דער וויכטיקסטער שריט בײַם מענטשן...

— אָבער, גאָלדשמיד, איר זאָלט עס זאָגן? איר ווייסט דען נישט, אַז איך קען פֿון קיין אַנדערער אויסער רחלען נישט דענקען?

— איך זאָג דיר נישט, אַז רחל שטייט נידעריקער פֿון אַנדערע!

— האָט גאָלדשמיד זיך פֿאַרענטפֿערט — נאָר גלייב מיר, און דו ווייסט עס אַליין זייער גוט, אַז די שטילע, פּראָסטע, שיינע און ערלעכע רחל שאַץ איך פֿיל מער פֿון אַ סך אַנדערע ייִדישע מיידלעך. ווען עס זאָל זיך ווענדן אין מיר, וואָלט איך דיר געוויס מיט בײדע הענט געגעבן מײַן ברכה. נאָר בײַ אַזאַ זאַך האָב איך קיין רעכט נישט צו זאָגן דיר דעות... ביז דײַן מוטער וועט פֿריִער נישט געבן איר הסכּמה.

— אַזאַ גוטער פֿרײַנד זײַט איר מיר, גאָלדשמיד? — האָט סאָלאָמאָן מיט האַרצווייטיק אויסגעשריִען.

— ביסטו נישט אַ ייִנגל, ווען דו זאָגסט דאָס? אַז דײַן מוטער וויל באין אופֿן נישט, טאָ ווער קען זיך דאָ אַרײַנמישן? אַ מוטער איז איר אייגן קינד קיין שׂונא נישט און וויל אין איר קינד גליק זען. הײַנט, ווער קען דאָ עפּעס זאָגן?

— מײַן מוטער איז מיר דערמיט דער גרעסטער שׂונא!

— זאָג דאָס נישט, סאָלאָמאָן! אַלע קינדער האָבן ליב צו דענקען, אַז דאָס, וואָס די עלטערן זאָגן זיי, איז קרום... עס לאָזט זיך אָבער דאָס רובֿ אויס, אַז די עלטערן גייען מיטן ריכטיקן וועג.

— וואָס טויג מיר, גאָלדשמיד, וואָס איר דערציילט מיר מעשׂיות,

װער עס איז קליגער? לאָז זײַן, אַז די עלטערן! װאָס טוט מען אָבער? איך קען אָן רחלען נישט לעבן... איך בין געקומען צו אײַך, איר זאָלט מיר געבן אַ גוטע עצה, װי אַזױ איך זאָל מיך נוהג זײַן, כּדי מײַן מוטער זאָל מסכּים זײַן. איך מוז אײַך זאָגן, אַז איך װאָלט גאָר אױף קײנעם נישט געקוקט, נאָר רחל האָט מיר געזאָגט, אַז זי װעט מיט מיר נישט חתונה האָבן, ביז מײַן מוטער װעט נישט געבן איר הסכּמה, און זי װעט געװיס האַלטן װאָרט.

— זעסטו, אַז רחל איז קליגער פֿון דיר. פֿאָלגן!

— װאָס הײסט פֿאָלגן? נישט חתונה האָבן מיט רחלען? דאָס קען גאָר נישט זײַן!...

— װי אַזױ דו זאָלסט פֿאָלגן דײַן מוטער, װײס איך נישט, נאָר דאָס גלײַכסטע װאָלט געװען, דו זאָלסט בײַ קײנעם קײן עצות נישט פֿרעגן און נאָך װײניקער בײַ מיר.

סאָלאָמאָן האָט זיך װײַטער אָנגעהױבן היצן, נאָר ער האָט פֿון גאָלדשמידן קײן שום ענטפֿער נישט באַקומען. און װיפֿל סאָלאָמאָן האָט געטענהט מיט זײַן מוטער, האָט עס נישט געהאָלפֿן. זי איז געװען שטאָל און אײַזן. און רחל האָט נישט געװאָלט הערן פֿון חתונה האָבן אָן דער מוטערס הסכּמה. פֿאַן קאַרל פֿלעגט שטענדיק פֿאַני אסתּרקען איבערגעבן פֿון יעדער זאַך, װאָס ער האָט געזען און אַפֿילו נישט געזען פֿון סאָלאָמאָנען און רחלען.

האָבן פֿאַר די קינדער זיך אָנגעהױבן טרױעריקע טעג: אױף דעם פֿעלד אָדער אין גאַס האָבן זײ זיך נישט געטאָרט באַגעגענען און רײדן. נאָר אײן טרײסט איז זײ איבערגעבליבן — זײ פֿלעגן זיך אַ מאָל צונױפֿקומען בײַ גאָלדשמידן אין הױז און זיך אָנרײדן פֿאַר דער גאַנצער צײַט. נאָר װאָס האָט עס געהאָלפֿן, אַז מען פֿלעגט זיך מוזן פֿון דאָרט צעגײן מיט צעבראָכענע הערצער און מיט שװאַכע האָפֿענונגען, אַז אין גיכן זאָלן זײ חתונה האָבן? דעריבער זײַנען זײ געװען אַזױ טרױעריק אױף דער חתונה, גלײַך מיט פֿאַן קאַרלען, װאָדאָפּיאַנאָװן און יאַכציק, װעלכע זײַנען אױך נישט געװען צופֿרידן.

## אַ צײַט פֿאַר גנבֿים און מערדערס

איין יאָר איז אין גאַנצן אַוועקגעגאַנגען פֿון דער צײַט, זינט מען האָט אין רוסלאַנד געיומטובֿט דעם נײַנצנטן פֿעברואַר, דעם טאָג פֿון דער פּויערים־באַפֿרײַונג. אין דער צײַט זײַנען די אַנטיסעמיטן און נאָך מער די אָדעסער צײַטונג, ווו וואָדאָפּיאַנאָוו האָט געשריבן, גאָר אַרויס פֿון די כּלים און שוין גאַנץ אָפֿן גערייצט קעגן ייִדן און אויסגעטראַכט אויף זיי די שרעקלעכסטע זאַכן. איין צײַטונג האָט גאַנץ פֿרײַ נבֿיאות געזאָגט, אַז אין דעם רוסישן פּסח וועט מען אין אָדעס, אין יעליסאַוועטגראַד און אין אַנדערע שטעט שלאָגן ייִדן. מען האָט זיך אָבער אויף דעם גאָר נישט אומגעקוקט. עס איז געווען אין רוסלאַנד רויִק און מען איז זיכער געווען, אַז ווײַטער וועט אויך אַזוי זײַן. אין דער אָ צײַט האָט מען אויף די פּעטערבורגער גאַסן דערהרגעט אַלעקסאַנדער דעם צווייטן און יעדער ייִד האָט דערפֿילט, אַז דער כּעס וועט אויסגעלאָזט ווערן צו ייִדן.

אַלע זײַנען אַ לאַנגע צײַט געווען דערשלאָגן. בײַ יעדן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט הענט און פֿיס. יעדער האָט דערוואַרט, אַז עס וועט עפּעס געשען... איינער דעם אַנדערן האָט געפֿרעגט: וואָס וועט ווײַטער זײַן? קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע. די ייִדן האָבן געפֿילט, אַז ווי באַלד עס וועט נאָר עפּעס געשען, וועט עס זיי צום ערשטן טרעפֿן, זיי וועלן זײַן דאָס ערשטע כּפּרה־הינדל...

פּעליכאָוו און לגונאָוו האָבן דעמאָלט געעפֿנט די אויגן. אַפֿילו וואָדאָפּיאַנאָוו, וועלכער האָט די לעצטע צײַט פֿאַר צרות גאָר געשיכּורט, האָט זיך איצט אויסגעניכטערט און זיך געריבן די אויגן. פּאַן קאַרל איז זיך מודה געווען, אַז דער פּאַן פּיסאַר איז גערעכט. אַלע גנבֿים און מערדערס, וואָס פֿלעגן גאַנצע טעג איבערליגן אין די נאָרעס און נאָר שפּעט בײַ נאַכט זיך ווײַזן אויף גאָטס וועלט, האָבן איצט, אין העלן טאָג, פֿרײַ אַרומגעשפּאַצירט אין די גאַסן און האָבן אָנגעהויבן

שמעקן און זיך צוהערן וואָס מען רעדט. זיי האָבן אויך דערוואַרט, אַז עפּעס וועט געשען...

מען האָט אָנגעהויבן פֿלײַסיק לייענען צײַטונגען. אַפֿילו דאָס פּראָסטע פֿאָלק האָט געוואָלט וויסן, וואָס די צײַטונגען שרײַבן פֿאַר אַ נײַס. עס זײַנען אַרומגעפֿלויגן פּאָטשטן מיט ליגנס, אַ דאַנק וואָדאָפּיאַנאָוון און אַנדערע אַזעלכע חבֿרה־לײַט.

— איצט איז געקומען פֿאַר אונדז די צײַט צו אַרבעטן! — האָבן די לײַט צווישן זיך גערעדט.

די ערשטע פּאָטשט, וואָס מען האָט צעטראָגן איבער שטעט און באַזונדערס איבער די דערפֿער, איז געווען, אַז אַ ייִד האָט געהרגעט דעם צאַר. דאָס פֿאָלק האָט שוין אָנגעהויבן טײַטלען מיט די פֿינגער אויף ייִדן. דערנאָך האָבן זיך, ווי פֿון אונטער דער ערד, געהערט נײַסן אין די דערפֿער, אַז מען הייסט אַרויסטרײַבן ייִדן פֿון רוסלאַנד און צונעמען זייער פֿאַרמעגן, ווײַל זיי האָבן געהרגעט דעם צאַר. עס האָט נאָר געפֿעלט אַ שוועבעלע, דאָס פֿײַער אָנצוצינדן...

דער יום־טובֿ פּאַסכאַ[74] איז געווען פֿאַר דעם פֿאָלק דאָס שוועבעלע. ס'איז געווען געננוג, וואָס פֿון אַ ייִדישער שענק האָט מען אַרויסגעשטופּט אַ שיכּור, וואָס דאָס טרעפֿט זיך אַלע טאָג, ווען אַ שיכּור וויל נישט באַצאָלן אָדער מען וויל אים נישט מער געבן קיין בראָנפֿן אויף באָרג. בײַ אַנדערע צײַטן וואָלט דערפֿון גאָר נישט געווען. נאָר איצט, איז עפּעס אַנדערש: דער שיכּור האָט גאָר אָנגעהויבן שרײַען: „ייִדן שלאָגן אונדז!“... און דאָס איז שוין געננוג געווען, אַז אין יעליסאַוועטגראַד זאָל ווערן אַ פּאָגראָם אויף דרײַ טעג און ייִדיש געלט, ייִדיש פֿאַרמעגן, ייִדיש בלוט — זײַנען הפֿקר געוואָרן. ייִדישע טעכטער, ייִדישע שולן, ייִדישער כּבֿוד און ייִדישע ספֿר־תּורהס האָט מען געשענדט.

נאָך איידער דער יעליסאַוועטגראַדער פּאָגראָם האָט זיך געענדיקט איז מען שוין פֿון אים געוווּיר געוואָרן אין אַלע דערפֿער אַרום און

---

[74] דער רוסישער „פּסח“.

אַרום. די וואָדאָפּיאַנאָווס, האָבן אויפֿגעקלערט דאָס פֿאָלק, אַז דער פּריקאַז[75] אויף ייִדן איז שוין אָנגעקומען, אַז מען האָט שוין אָנגעהויבן אין יעליסאַוועטגראַד, און איצט קענען זיי גיין פֿאַרנעמען ייִדיש גוטס...

מאַן און ווײַב, אַלט און יונג זײַנען מיט זעק געגאַנגען אין שטאָט אַרײַן און זיך איבערגעצײַגט, אַז דער פּיסאַר האָט אמת געזאָגט, אַ סימן — זיי האָבן פֿון דער שטאָט מיטגעבראַכט פֿיל זעק און פֿורן מיט ייִדישע סחורות און שטובזאַכן, און געטרונקען ייִדישן בראָנפֿן און ווײַן אומזיסט, וויפֿל מען האָט נאָר געוואָלט. קיינער האָט זיי נישט געשטערט. די ייִדן אַליין האָבן זיך באַהאַלטן. אַז מען האָט אַ ייִדן באַגעגנט, האָט מען אים אַרײַנגעלייגט קלעפּ וויפֿל מען האָט נאָר געקאָנט. אַהיים איז מען געקומען מיט ייִדישן גוטס, מיט געזאַנג און מען האָט אָנדערציילט ניסים. די וואָס זײַנען פֿריִער אין דער היים געבליבן האָט עס שטאַרק באַנג געטאָן, וואָס זיי זײַנען נישט געווען אין שטאָט. כּדי זיי זאָלן זיך האָבן מיט וואָס צו טרייסטן, האָט מען זיי געגעבן די עצה צו מאַכן פּאָגראָמען אין די דערפֿער און דאָרט ראַבעווען דאָס ייִדישע פֿאַרמעגן. אַ דאַנק די וואָדאָפּיאַנאָווס האָט מען צווישן דעם פֿאָלק אַלע טאָג אַרומגעטראָגן נײַע פּאָטשטן[76] מיט באַפֿעלן אין פֿאַרשיידענע קלענערע שטעט און אין דערפֿער. עס האָט זיך אָנגעהויבן נײַע פּאָגראָמען אין קיִעוו, סמיעלאַ, זשמערינקע, וואָלאָטשיסק, אָדעס, באַלטע און אין אַנדערע שטעט.

דער פּאַן פּיסאַר האָט באַוויזן, אַז ער האָט טאַקע גרויסע פֿעיִקייטן: ער האָט זײַנס אויסגעפֿירט און אָנגעמאַכט אין סטעפּקיוּוקע אַ פּאָגראָם. מען האָט געשלאָגן, געראַבעוועט, געריסן ייִדישע קישנס און בעטגעוואַנט, געבראָכן פֿענצטער און מעבל, געשענדט ייִדישע פֿרויען. עס איז געווען איינער פֿון די שרעקלעכסטע פּאָגראָמען אין דעם דאָרף סטעפּקיוּוקע.

[75] באַפֿעל, דעקרעט.

[76] פּאָסט: נײַעס, געזאָגט־גערעדט, רכילות (פֿון איינעם קעגן אַנדערן).

צום מייסטן האָט מען זיך פֿאַרלייגט אויף דעם יידישן „פּאָמיעש־טשיק" [77]. פֿון זײַן הויז מיט די פֿעלדער האָט מען געמאַכט אַ תל. אַפֿילו די שאָף און די בהמות האָט מען איבערגעהאַקט די רוקנס מיט די פֿיס. דאָס ברויט פֿון די מאַגאַזינען האָט מען צעשאָטן און פֿאַרברענט. די תּבֿואות אויף די פֿעלדער האָט מען צעטראָטן. קיין גאַנץ בענקל האָט מען דעם רײַכן יידישן גוטבאַזיצער נישט איבער־געלאָזט. דעם אָרעמען לעמלס קרעטשמע האָט מען צעטראָגן אין אַ מינוט.

צווישן דער גאַנצער קאָמאַנדע האָט זיך אויסגעצייכנט דער פּיסאַר וואָדאָפּיאַנאָוו. ער האָט געאַרבעט אויף אַלע כלים. מיט אים צוזאַמען האָט מען געזען אַרבעטן דעם וועכטער, יאַכטעם דרוטשאָק, דעם וואָלאָסטנאָיס זון און נאָך עטלעכע וואָדאָפּיאַנאָווס פֿרײַנד. דער גלח דאַנילאָוו האָט געהאַלטן דרשות פֿאַר דעם פֿאָלק און זיך אַרומ־געדרייט מיט דעם צלם און מיט די הייליקע בילדער. ער האָט גע־בעטן, געסטראַשעט, געוויינט פֿאַר די פּויערים, זיי זאָלן זיך צעגיין און נישט גלייבן, אַז עס איז דאָ אַן „אוקאַז" [78] צו ראַבעווען יידן, און מען וועט זיי פֿאַר אַזאַ גרויס פֿאַרברעכן, וואָס זיי טוען, שטרענג באַשטראָפֿן. דער אַלטער פּאַן יאַן האָט אים מיטגעהאָלפֿן. עס איז אָבער געווען אומזיסט.

דער פּאָגראָם האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט. דער עולם איז זיך ערשט צעגאַנגען, ווען עס איז שוין נישט מער געבליבן, וואָס צו ברעכן און צו ראַבעווען. בשעת די פּויערים האָבן געבושעוועט, האָט וואָדאָפּיאַנאָוו דערזען פּאַני אסתּרקע און האָט זי איבערגעגעבן די שיכּורים. נאָך דעם פּאָגראָם האָט מען זי געפֿונען אויף דער גאַס ליגן. זי האָט נאָך קוים געזשיפּעט. אין עטלעכע שעה שפּעטער איז

---

[77] גוטבאַזיצער (אין גענדזנפּיסלעך). דער פּאָמיעשטשיק לעבט געווייגטלעך נישט פֿון זיין אַרבעט, נאָר פֿון זיין קאַפּיטאַל.

[78] באַפֿעל פֿון דער רעגירונג.

זי געשטאָרבן. די אַלטע פֿריידע האָט מען באַלד אין אָנהייב מיט איין קלאַפּ דערהרגעט.

סאָלאָמאָנען, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט די מערדערס צו ראַטעווען זײַן מוטער, האָט מען פֿאַרווונדעט. גאָלדשמיד איז אויך געווען צעשלאָגן. זײַן ווײַב, גאָלדע, האָט דער גלח באַהאַלטן בײַ זיך אין הויז. דעם אָרעמען לעמל האָט מען געמוטשעט. די פּאָגראָמ־שטשיקעס האָבן מיט אים געמאַכט קאָמאַנדעס: זיי האָבן אים געהויבן אין דער לופֿטן און געלאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער, ווען זײַנע פּיאות האָבן אַרומגעטאַנצט. דער אומגליקלעכער האָט נאָר געשריִען „גוואַלד!”, וואָס האָט נאָך מער געמאַכט לאַכן די שיכּורע חבֿרה.

דעם צווייטן טאָג זײַנען אָנגעקומען סאָלדאַטן צו שטילן דעם פּאָגראָם און צו מאַכן אויספֿאָרשונגען. געוווּנדערט האָבן זיך אַלע, וואָס מען האָט אויף דעם פֿעלד געפֿונען פֿאַן קאַרלען שטאַרק פֿאַר־וווּנדעט: איין האַנט איז בײַ אים געווען איבערגעהאַקט און איין אויג אויסגעשטאָכן. נאָך מער האָט מען זיך געוווּנדערט, וואָס מען האָט נישט געקענט געפֿינען רחלען, לעמלס טאָכטער. זי איז פֿאַרשוווּנדן, ווי אין וואַסער אַרײַן. סאָלאָמאָן האָט אין זײַן עדות זאָגן דערציילט, אַז ווי דער פּאָגראָם האָט זיך נאָר אָנגעהויבן, איז ער געלאָפֿן צו לעמלען און האָט שוין געטראָפֿן די קרעטשמע צעראַבירט, נאָר רחל איז דאָרט נישט געווען. ער האָט זי געזוכט צווישן די פּאָגראָמשטשי־קעס און נישט געפֿונען. האָט ער שוין געהאַט געגנוג צו טאָן מיט דעם ראַטעווען זײַן מוטער, ביז מען האָט אים אַליין געשלאָגן, אַז ער איז געבליבן אין חלשות, און ווייסט נישט, וואָס ווײַטער איז געווען.

גאָלדשמיד האָט דערציילט, אַז ווען ער האָט געוואָלט מיט זײַן ווײַב אַרויס פֿון דער שטוב, איז אים אַנטקעגנגעקומען דער גלח; ער האָט אים איבערגעגעבן זײַן ווײַב און אויך געוואָלט לויפֿן ראַטעווען רחלען, ווײַל ער האָט גערעכנט, אַז די פּאָגראָמשטשיקעס וועלן גע־וויס אָנפֿאַלן אויף דעם יונגן מיידל. נאָר איידער ער איז צוגעלאָפֿן צו דער קרעטשמע, האָט ער געהערט אסתּרס און סאָלאָמאָנס גע־

שרייען. איז ער געלאָפֿן גלײַך צו זיי. דאָ האָט מען אים דערלאַנגט אַ זעץ אין קאָפּ, און ער איז אַנידערגעפֿאַלן און נישט געקענט אויפֿשטיין.

מען האָט געפֿרעגט די גויִים, האָבן זיי געענטפֿערט, אַז זיי האָבן גאָר רחלען די גאַנצע צײַט נישט געזען. פֿאַן קאַרלען האָט מען נישט געקענט פֿרעגן, ווײַל ער איז געלעגן בײַ דעם פֿאָטער אין הויז קראַנק. מען האָט אין אָנהייב אַרעסטירט אַ צוויי הונדערט פּויערים. דעם אַנדערן טאָג האָט מען אַ הונדערט אַרויסגעלאָזט. און נאָך אין עטלעכע טעג אַרום זײַנען נאָר געבליבן צען. די הויפּטשולדיקע אין דעם פּאָגראָם האָט מען נישט געפֿונען. זיי זײַנען אַרומגעגאַנגען פֿראַנק און פֿרײַ אויף גאָטס ערד. פֿון די צען האָט מען אַכט איבערגעגעבן דעם מיראָוואָי [79] און צוויי דעם אונטערזוכונג־ריכטער, און מיט דעם האָט זיך געענדיקט די גאַנצע אויספֿאָרשונג וועגן דעם סטעפּקיווקער פּאָגראָם.

יאַכצי, וואָס האָט בשעת דעם פּאָגראָם זיך באַהאַלטן הינטער אַ קוימען אויף דעם בוידעם, איז אַנטלאָפֿן קיין נעזווינק. זי האָט באַוויזן אָפּצוראַטעווען פֿון דעם פּאָגראָם איר זאַק מיט די שפּיזלען און ווײַטער געדרייט. אָבער נישט לאַנג. ווײַל איידער מען האָט זיך אומגעקוקט, איז אין נעזווינק אויך געווען אַ פּאָגראָם. יעדן דריטן טאָג האָט מען געהערט פֿון אַ נײַעם פּאָגראָם. די וואָדאָפּיאַנאָווס האָבן נישט גערוט. סיבות האָט מען באַלד געפֿונען: דאָ האָט זיך דער פּאָגראָם אָנגעהויבן איבער אַ שיכּור, דאָרט איבער אַ קינד — איין פּאָגראָם האָט אויסגעזען ווי דער אַנדערער.

אַבֿרהם גאָלדשמידס ברידער, דעם שמיד מיט דעם שלאָסער, האָט מען צעטראָגן די קוזניע מיט דער סליעסאַרניע [80]. מען האָט געשלאָגן זייער אַלטן פֿאָטער, זלמן מקובל, און אויך יאַכצין. סאָלאָמאָן מיט גאָלדשמידן און זײַן ווײַב גאָלדע, וואָס זײַנען געקומען אין

[79] פֿרידנס־געריכט.
[80] שמידעריי און שלאָסעריי.

שטאָט אַרײַן זוכן רחלען, האָט אויך געטראָפֿן דאָס אייגענע אומגליק. זיי זײַנען פֿון איין פֿײַער אַרײַנגעפֿאַלן אין דעם אַנדערן. סאָלאָמאָן איז געווען פֿאַרצווייפֿלט. ווי נאָר ער האָט געזען, אַז זײַן באָבע מיט דער מוטער זײַנען טויט, האָט ער זיך געוואָלט וואַרפֿן אין וואַסער אַרײַן. מען האָט אים אָבער נישט געלאָזט. דער אומגליקלעכער האָט נאָר געשריִען:

— איר לאָזט מיך איצט נישט שטאַרבן, נאָר נישט אייביק וועט איר מיך היטן. איך זוך דעם טויט און וועל אים געפֿינען!

נאָר ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זײַן רחל איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, האָט ער ווילד געשריִען:

— איצט וויל איך לעבן! איצט מוז איך לעבן, ביז איך וועל זי געפֿינען טויט אָדער לעבעדיק! איך וויל מער נישט קענען סטעפּקיווקע און די ערד, וווּ מען האָט מײַן באָבען מיט מײַן מאַמען דערהרגעט!

— איך וועל אַוועקגעבן די פּויערים די נאַקעטע פֿעלדער, וואָס מײַנע עלטערן האָבן באַאַרבעט — האָט ער געזאָגט און זײַן שטימע האָט געציטערט פֿון גרויס אויפֿרעגונג — און וועל אַרויס אין שטאָט. דאָרט וועל איך געפֿינען רחלען און וועל ווערן אַ שטאָטייִד, גלײַך מיט אַלע ייִדן: אַ קרעמער, אַ שענקער, אַ פּראָצענטניק. איך וויל מער ניט זײַן קיין פּויער אויף דער ערד, וווּ אַזוינע וואָדאָפּיאַנאָווס מעגן טאָן מיט די ייִדן, וואָס זיי ווילן, און די אמתע באַלעבאַטים, די אָרנטלעכע קריסטן, ווי דער גלח מיט פּאַן יאַן, האָבן קיין דעה נישט. דער ערלעכער גלח האָט זיך בײַ די פּויערים געבעטן, זיי זאָלן נישט ווערן קיין מערדערס — נאָר אומזיסט; וואָדאָפּיאַנאָוו האָט אויך גערעדט און — אים האָט מען געפֿאָלגט. אַלצאיינס: אַ ייִדישער מוזשיק, אַ פּראָצענטניק, אַ דאָקטער, אַ לערער, אַבי אַ ייִד!

*

ווי נאָר סאָלאָמאָן, גאָלדשמיד און גאָלדע זײַנען געקומען קיין נעזוויִנק, איז זייער ערשטער געדאַנק געווען צו זוכן רחלען. נאָר

דער נײַער פּאָגראָם האָט זיי פֿאַרשלאָגן דעם קאָפּ, אַז זיי האָבן גאָר נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט זיי. און דאָ האָט מען נאָך זייערע גוטע פֿרײַנד, ווי פֿרידמאַן, שפּיצבוים, אויך צעראַבירט און געשלאָגן.

די אומגליקלעכע סיציליע, וועלכע מען האָט נאָך איר פֿאָטערס טויט ווידער גענומען רופֿן מיט איר יידישן נאָמען ציפּע, האָט מיט אירע צוויי קליינע קינדער נישט געהאַט פֿון וואָס צו לעבן און זיך אויסגעהאַלטן מיט דעם, וואָס איר מומע אסתּר מיט סאָלאָמאָנען האָבן איר געשיקט. זי האָט זיך אין גיכן דערוווּסט, אַז איר מאַן טייטלשוואָם האָט ערגעץ חתונה געהאַט. זי האָט פֿאַרזעצט און פֿאַרקויפֿט אַלץ, וואָס זי האָט נאָר געהאַט, און איז געפֿאָרן צו אים נעמען אַ גט. מיט שווערער מי האָט זי דאָס בײַ אים געפּועלט און איז נאָך אָרעמער צוריקגעקומען אַהיים. איצט איז איר אומגליק נאָך גרעסער געווען, ווײַל איר איינציקע הילף און שטיצע האָט זי שוין נישט געהאַט. סאָלאָמאָן איז אַליין אָרעם און איר מומע אסתּר איז געהרגעט געוואָרן. איר מוטער האָט די חרפּה פֿון איר מאַנס באַנקראָט נישט געקענט איבערלעבן און איז באַלד נאָך ר׳ יואל רידערסקיס טויט געשטאָרבן. די קינדער, ציפּעס ברידערלעך, האָבן צוגענומען די קרובֿים, און זי איז געבליבן אַליין אויף דער וועלט מיט אירע אייגענע צוויי קליינע קינדער. אין נעזווינק האָט זי דער פּאָגראָם אויך געטראָפֿן און מען האָט אַ תּל געמאַכט פֿון דעם לעצטן. אַפֿילו די קישעלעך פֿון אירע קינדער האָבן די פּאָגראָמשטשיקעס צעריסן און געלאָזט פֿליִען די פֿעדערן אין דער לופֿטן, איר אָרעם שטיבל, ווו זי האָט געוווינט, האָט מען צעטראָגן אויף שטיקלעך, און זי האָט זיך געוואַלגערט מיט אירע קינדער אויף דער גאַס.

דעם „געפֿערלעכן עקספּלאָטאַטאָר“ יידל שדכן, וועלכער האָט קיין מאָל אויף שבת נישט געהאַט, האָט מען אויך צעטראָגן זײַנע אַלטע ביינער. די באָרד מיט די פּיאות אויסגעריסן. זײַן איינציקע פּערינע, מיט וועלכער זײַן ווײַב פֿלעגט זיך צודעקן ווינטער, האָבן די פּאָגראָמשטשיקעס אויך צעפֿליקט. אַפֿילו די פּאָר קאָטשערעס

מיט לאָפּעטעס און עטלעכע טעפּלעך, ר׳ ייִדלס גאַנץ פֿאַרמעגן, האָט מען אויך צעבראָכן אויף שטיקלעך.

דער פּאָגראָם אין נעזווינק האָט זיך געענדיקט און עס איז שטיל געוואָרן, ווײַל אין שטאָט איז נישט איבערגעבליבן קיין גאַנץ פֿענצטער, קיין גאַנץ בענקל אָדער אַ קישן, און אויך אַ דאַנק דעם, וואָס דער איספּראַווניק [81] האָט טעלעגראַפֿירט צום גובערנאַטאָר, מען זאָל שיקן סאָלדאַטן. ביז דער ענטפֿער איז אָנגעקומען צום איספּראַווניק און ביז מען האָט אַרויסגעשיקט סאָלדאַטן, איז שוין דערווײַל געוואָרן אויס פּאָגראָם. מען האָט שוין געמעגט אַרויסווײַזן די נאָז אויף דער גאַס. מען האָט אויסגעקערט די פֿעדערן, צוזאַמענגעקליבן די צעבראָכענע פּיסלעך פֿון די טישלעך מיט די בענקלעך, און די אויספֿאָרשונג האָט זיך אָנגעהויבן. מען האָט אַרעסטירט פֿיר הונדערט פּאָגראָמשטשיקעס. אויפֿן צווייטן טאָג נאָך דער אויספֿאָרשונג האָט מען אַרויסגעלאָזט צוויי הונדערט. נאָך דער דריטער אויספֿאָרשונג נאָך הונדערט און פֿופֿציק. און פֿון די איבערגעבליבענע פֿופֿציק האָט מען פֿינף און פֿערציק איבערגעגעבן דעם פֿרידנס־ריכטער און פֿינף דעם אויספֿאָרשער. צווישן די פֿינף איז אויך אַרײַנגעפֿאַלן דער וועכטער פֿונעם וואָלאָסט, יאַכטעם, מיט אַ פּאָר אַנדערע סטעפּקיווקער גויִים. וואָדאָפּיאַנאָוו האָט מען אויך געהאַט אַרעסטירט, ווײַל צווישן די סטעפּקיווקער פּויערים, וועלכע האָבן גענומען אײַנטייל אין דעם פּאָגראָם, האָבן סאָלאָמאָן מיט גאָלדשמידן אָנגעוויזן, אַז זיי זײַנען געווען די הויפּט־פּאָגראָמשטשיקעס. נאָר וואָדאָפּיאַנאָוו האָט אין זײַן ערשטן עדות זאָגן זיך מודה געווען, אַז ער איז טאַקע געווען צווישן די פּאָגראָמשטשיקעס, נאָר נישט אויף צו ראַבעווען אָדער העצן, נאָר ווײַל ער איז דער שרײַבער פֿון וואָלאָסט, האָט ער גערעכנט, אַז זײַן חובֿ איז צו זײַן צווישן דעם פֿאָלק און נישט דערלאָזן די פּאָגראָמען... און מען האָט אים דערווײַל באַפֿרײַט. סאָלאָמאָן האָט פֿאַרזיכערט, אַז ער איז געווען דער הויפּטהעצער, ווײַל ער האָט פֿאַר

---

[81] אויספֿאָרשער.

די פּויערים פֿאַרגעלייענט גאַזעטן, וואָס שרײַבן קעגן ייִדן. נאָר וואָדאָפּיאַנאָוו האָט געענטפֿערט, אַז ער שרײַבט בלויז קעגן די ייִדן, וואָס עקספּלאָטירן דאָס רוסישע פֿאָלק. דאָס איז געווען פֿאַר אים דער בעסטער תּירוץ. אין די אויגן פֿון די אויספֿאָרשערס איז ער ווײַטער געבליבן אַ רוסישער פּאַטריאָט.

די נעזווינקער ייִדן זײַנען דערווײַל אַרומגעגאַנגען די הענט פֿאַרלייגט, דער מיט אַ צעשלאָגענעם קאָפּ, דער מיט אַ צעבראָכענער האַנט. די געשטאָרבענע האָט מען מקבר געווען, און איינער האָט געפֿרעגט בײַם אַנדערן, וואָס מען זאָל טאָן און צו וואָס זאָל מען זיך נעמען. יעדער האָט פֿאָרגעלייגט אַן אַנדערן פּלאַן. אַלע האָבן אויסגעהערט, און מען איז ווײַטער אַרומגעגאַנגען און מען האָט גאָר נישט געטאָן. דער סוחר און דער בעל־מלאָכה האָבן זיך מיט זייער שטענדיקער אַרבעט נישט געוואָלט פֿאַרנעמען. זיי האָבן זיך נאָר פֿאַרנומען מיט דעם, וואָס מען האָט פֿאַרקויפֿט אַלץ, וואָס איז איבערגעבליבן פֿונעם פּאָגראָם.

— וואָס טוט איר? — האָט איינער אָפּגעשטעלט דעם אַנדערן און געפֿרעגט. — נאָך וואָס פֿאַרקויפֿט איר אַלץ?

— וואָס דען? — האָט מען געענטפֿערט — וואָס דען זאָל איך טאָן ?

— וואָס הייסט, וואָס איר זאָלט טאָן? מען מאַכט ווידער אַ קראָם אָדער אַן אַנדער געשעפֿט!

— איר זײַט משוגע צי חסר־דעה? איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז אַ ייִד מאַכט נישט אַזוי גיך אַ קראָם אָדער אַן אַנדער געשעפֿט. ער אַרבעט גענוג יאָרן לאַנג און דרייט זיך אויס דעם קאָפּ מיט פֿרעמד געלט איידער ער קומט צו אַ געשעפֿט, פֿון וועלכן ער ציט קוים די פּרנסה. נאָר זאָל זײַן, איך וועל מיך לייגן אין דער לענג און אין דער ברייט, איך וועל בעטן, אויסוויינען עפּעס געלט און ווײַטער עפֿענען אַ קראָם, איך זאָל כאָטש קענען האָבן טרוקן ברויט פֿאַר מײַנע קינדער, און וועל ווײַטער מיט מײַן ווײַב אַרבעטן און פֿאַר־

שוואַרצט ווערן. וואָס זשע וועט דערפֿון אַרויסקומען? פֿאַר וועמענס וועגן וועט זײַן מײַן אַרבעט? פֿאַר די פּאָגראָמשטשיקעס?

— הײַנט, פֿון וואַנען וועלן מיר זשע אַלע לעבן?

— אויף צו לעבן? — האָט דער אומגליקלעכער צעראַבעוועטער איבערגעפֿרעגט און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן.

— יאָ, אויף צו לעבן! — האָט יענער איבערגעחזרט.

— טשעפּעט זיך אָפּ פֿון מיר און פֿרעגט מיך גאָר נישט, וואָרעם איך ווייס נישט וואָס אײַך צו ענטפֿערן. איך וויל נישט אָנגרייטן אַ קרעמל פֿאַר די שיכּורים, מערדערס און גנבֿים, זיי זאָלן האָבן דערנאָך וואָס צו ראַבעווען, גזלענען און מיך אומגליקלעך מאַכן...

און אַזוי האָבן די ייִדן אין נעזווינק נאָך דעם פּאָגראָם פֿאַרקויפֿט פֿאַר האַלב געלט, וואָס זיי האָבן נאָר פֿאַרמאָגט, און מען האָט זיך קיין חשבון נישט אָפּגעגעבן, פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען זיי טוען אַזוי.

## ווער איז שולדיק?

דערווײַל האָבן זיך די אומגליקלעכע געוואַלגערט אויף דער גאַס אין פּאַלאַטקעס [82], וואָס מען האָט אויפֿגעשטעלט פֿון זייערט וועגן. יעדער איז געלעגן לעבן זײַנע אָפּגעראַטעוועטע זאַכן, ווי נאָך אַ שריפֿה. מען האָט שוין מער נישט געהערט וויינען און קרעכצן. וואָרעם וואָס וועט דאָס העלפֿן? מען איז שוין מיט דעם אומגליק געוווינט געוואָרן. אַרבעטן? נעמען זיך צו עפּעס? דאָס איז גאָר קיינעם נישט אײַנגעפֿאַלן, וואָרעם קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס מען זאָל טאָן און צו וואָס זאָל מען זיך נעמען. יעדער האָט דערוואַרט, אַז פֿון די פּאָגראָמען, וואָס האָבן זיך אַלע טאָג פֿון אַן אַנדער אָרט געלאָזט הערן, וועט עפּעס אַרויסקומען. און דערפֿאַר האָבן זיך אַלע

---

[82] אימפּראָוויזירטע ביידלעך.

אָנגעהויבן אינטערעסירן, וואָס די בלעטער שרײַבן. מען האָט יעדעס בלאַט איבערגעלייענט צען מאָל. אַפֿילו יאַכצי מיט יידל שדכן, וואָס האָבן גאָר נישט געקאָנט לייענען, פֿלעגן זיך פֿלײַסיק צוהערן צו דעם, וואָס אַנדערע פֿלעגן פֿאָרלייענען.

שפּיצבוים, סאָלאָמאָן און גאָלדשמיד האָבן זיך אויך געפֿונען אין די פּאַלאַטקעס. ד״ר פֿרידמאַן פֿלעגט קומען עטלעכע מאָל אין טאָג באַזוכן די פֿאַרוווּנדעטע. מער פֿון אַלץ האָבן זיי אינטערעסירט די באַשרײַבונגען פֿון דעם סטעפּקיוּוקער און נעזווינקער פּאָגראָם, ווײַל די פּאָגראָמען האָבן זיי אַליין געזען, איבערגעלעבט און פֿאַראומגליקט געוואָרן. סאָלאָמאָן פֿלעגט מיט כּעס צערײַסן און אַוועקוואַרפֿן די בלעטער מיט די באַשרײַבונגען וועגן די פּאָגראָמען. גאָלדשמיד איז געווען רויִקער. ער האָט געגלויבט אין גערעכטיקייט, געגלויבט אין די בעסערע רוסישע מענטשן, אַז זיי וועלן ניט שווײַגן אַזאַ אומרעכט ווי פּאָגראָמען אויף אומשולדיקע מענטשן, און ער האָט באַרויִקט דעם יונגן אויפֿגעקאָכטן סאָלאָמאָנען, וועלכער האָט נישט אויפֿגעהערט זײַן גאַנצן כּעס אויסגיסן אויף רוסלאַנד.

— זאָלסט נישט מיינען, סאָלאָמאָן, אַז מען וועט די פּאָגראָמשטשיקעס לאָזן לאַנג קאָמאַנדעווען — האָט ער צו אים געזאָגט — אין רוסלאַנד זײַנען, געלויבט גאָט, נאָך דאָ געזעצן... אָט שרײַבט מען, אַז מען שיקט צו אונדז אַראָפּ אַ באַאַמטן, אַ הויכן באַאַמטן, ער זאָל אויספֿאָרשן די סיבות פֿון פּאָגראָם. אין די הויכע פֿענצטער וויל מען אויך צוזאַמענשטעלן אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל אויסגעפֿינען, ווער איז שולדיק אין די אומגליקן. ווײַל איצט זאָגט יעדער, אַז אין דעם ליגט אַן עקאָנאָמישע פֿראַגע. דאָס פֿאָלק איז אָרעם און הונגעריק, דעריבער ווערט עס ווילד, ווי אַ וואָלף און וואַרפֿט זיך אויף די רײַכע און פֿאַרמעגלעכע, און יידן האַלט מען שטענדיק פֿאַר די רײַכערע... אַנדערע זאָגן ווידער, אַז אין דעם שטעקט אַ רעליגיעזע שׂנאה. ווידער אַנדערע מיינען, אַז יידן עקספּלאָטירן די אַרבעט פֿון דעם רוסישן פּויער... מוז מען גוט אויספֿאָרשן, אויפֿדעקן די שולדיקע און זיי שטרענג באַשטראָפֿן, ווי זיי האָבן פֿאַרדינט נאָכן געזעץ.

סאָלאָמאָן, אַ פֿאַרביטערטער, האָט זיך צעלאַכט:

— ביז איצט האָב איך גע͏מיינט, אַז אַלע געלערנטע זײַנען קלוג. איצט זע איך, אַז צווישן גרויסע געלערנטע געפֿינען זיך אויך גרויסע נאַראָנים. באַרעכן נאָר, וואָס עס טוט זיך פֿאַר אַ טאַראַראַם: מען וויל שיקן באַאַמטע, מאַכן גאַנצע קאָמיסיעס. אויף אַזאַ זאַך, ווי צוויי מאָל צוויי איז פֿיר, דאַרף מען גאָר נישט קיין הויכע באַאַמטע מיט קאָמיסיעס, וואָס זאָלן יאָרן לאַנג פֿאָרשן די סיבות פֿון די היינטיקע פּאָגראָמען.

שפּיצבוים האָט זיך צוגעהערט, ווי דער יונגער מאַן האָט זיך צעהיצט, נאָר עס איז אים שווער געווען צו ענטפֿערן. די אַלטע טענות זײַנען אים שוין לאַנג באַקאַנט געווען. וויפֿל מאָל האָבן שוין דאָס זעלביקע געשריבן די געציילטע ייִדנפֿרײַנדלעכע צײַטונגען, נאָר וואָס האָט געהאָלפֿן? אונדזערע שונאים זײַנען שטענדיק געבליבן גערעכט. ווער ענטפֿערט איבער הויפּט אויף ייִדישע טענות? ווער הערט זיך צו צום ייִדישן וואָרט? די שונאים שרײַען צו ייִדן: „איר זײַט פֿרעמדע, גייט אײַך אַהין פֿון וואַנען איר זײַט געקומען!“ און „ווי באַלד מען לאָזט זיי אַזוי פֿרײַ ריידן, איז אַ סימן, אַז מען וויל אונדז גאָר נישט הערן“...

וואָלט שפּיצבוים געקענט ענטפֿערן סאָלאָמאָנען: זעסט דען נישט, אַז מען וויל אונדז נישט האָבן אין לאַנד? מיר מעגן זײַן גוט און פֿרום, נאָר ווי קען מען אונדז זאָגן „גיי־אַוועק פֿון דײַן שטוב, פֿון דײַן ערד, וואָס דו האָסט ליב, אויף וועלכער דו ביסט אויפֿגעצויגן געוואָרן, זאָגט מען דאָס אונדז!...“ שפּיצבוים האָט אָבער נישט געהאַט דאָס האַרץ צו געבן אַזאַ ענטפֿער דעם יונגן סאָלאָמאָנען.

נאָר פּלוצלינג האָט זיך אָנגערופֿן אַ יונגער מאַן, אַ סטודענטל, וואָס איז געקומען אויף די וואַקאַנסן צו זײַנע עלטערן קיין נעזווינק און וועלכער האָט צוזאַמען מיט זײַנע עלטערן אויך געליטן פֿון דעם פּאָגראָם. ער איז געווען אַ הייסער רוסישער פּאַטריאָט. בשעת דעם טערקישן קריג האָט ער זיך געוואָלט פֿאַרשרײַבן אין דער רוסישער אַרמיי צו פֿאַרגיסן זײַן בלוט פֿאַרן פֿאָטערלאַנד. פֿון ייִדן האָט ער גאָר

נישט געוואָלט וויסן: „מיר זײַנען רוסן מאָיסײַעוואָ זאַקאָנאַ“ [83], פֿלעגט ער שטענדיק זאָגן. קיין ייִדיש וואָרט האָט ער קיין מאָל נישט געוואָלט ריידן. „רוסיש איז אונדזער מוטערשפּראַך“, פֿלעגט ער זאָגן. ייִדישקייט האָט ער שוין לאַנג פֿאַרגעסן. און איצט האָט מען אים מיט זײַנע עלטערן געשלאָגן, געהרגעט דערפֿאַר, וואָס ער איז אַ ייִד! עס האָט אים גאָר נישט געפּאַסט, ווען ער האָט געהערט, ווי סאָלאָמאָן האָט אויסגעגאָסן זײַן כּעס אויף רוסלאַנד, און עס האָט זיך בײַ אים אָנגעצונדן זײַן רוסישער פּאַטריאָטיזם:

— ווער איז דען שולדיק אין דעם אַלעם — האָט דער סטודענט אים געענטפֿערט — אויב נישט אונדזערע ייִדעלעך אַליין? זיי לעבן נאָר פֿון ווינט. זיי פֿאַרנעמען זיך נאָר מיט שענקען, מיט פּראָצענט...

— פֿון וואַנען ווייסט איר, ווי אַזוי און פֿון וואָס ייִדן לעבן, ווער ייִדן זײַנען, אַז איר וווינט אין קיִעוו און קומט זיך נאָר צונויף מיט קריסטן, און אײַערע ברידער מײַדט איר אויס? נישט אַנדערש, אַז איר קענט די ייִדן פֿון וואָדאָפּיאַנאָווס דרשות... פֿון וואָס דען זאָלן ייִדן לעבן, אַז די שונאי־ישׂראל לאָזן זיי נישט אַרבעטן גלײַך מיט דעם רוסישן מוזשיק? גוט, לאָז מען זיי דערלויבן צו קויפֿן ערד און אַרבעטן, וועט מען זען, אויב עס וועלן ניט זײַן קיין פֿעיִקע ייִדישע מוזשיקעס. דער וואָס קען דעם ייִדן ווייסט זייער גוט, אַז די אַלע ייִדישע פּרנסות זײַנען אים נמאס. נאָר וואָס זאָל דער ייִד טאָן, אַז זײַן ווײַב און קינדער שרײַען: ברויט! דאָס אומגליק איז, וואָס פֿון זיצן אין די גרויסע שטעט, וווּ ייִדן טאָרן דאָס רובֿ נישט וווינען, איז שווער צו קענען דאָס ייִדישע לעבן, וואָס איז פֿול מיט די גרעסטע ליידן, נאָר מיט אַ סך שיינקייט און גרויסקייט.

דער סטודענט האָט אויפֿגעעפֿנט מויל און אויערן. פֿאַר אים איז דאָס אַלץ געווען אַ נײַס. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפֿערן. עס איז געווען עטלעכע מינוט שטיל. צום סוף האָט זיך גאָלדשמיד אָנגערופֿן:

---

[83] פון משהס גלויבן.

— דאָס, וואָס דו רעדסט איצט, סאָלאָמאָן, און פֿאַרענטפֿערסט ייִדן, האָבן מיר שוין לאַנג געהערט, עס איז שוין נמאס געוואָרן... איצט, ווען מען רעדט שוין נישט מיט שרײַבפֿעדערס, נאָר מיט דריקעס, ווען מען ראַבעוועט אונדז אין מיטן העלן טאָג, איז נישט מער קיין צײַט זיך צו פֿאַרענטפֿערן...

— וואָס זשע, זאָלן מיר אויך נעמען דריקעס?

— ניין, מיר קענען דאָס נישט! אַ ייִד קען קיין האַנט נישט אויפֿהייבן אַפֿילו אויף זײַן שונא, ובפֿרט נאָך בלוט פֿאַרגיסן.

— וואָס זשע דען זאָל מען טאָן?

— דאָס קען איך אײַך איצט נישט זאָגן, ווײַל איך ווייס אַליין נישט וואָס, נאָר דאָס פֿיל איך, אַז מען וועט מוזן עפּעס טאָן. אַזוי ווײַטער לעבן, ווי די ייִדן האָבן ביז איצט געלעבט, איז נישט מעגלעך. אַ סך ענדערונגען וועלן מוזן פֿאַרקומען אין אונדזער לעבן! דאָס זעט און פֿילט יעדער ייִד!

— ווונדערלעך! — האָט זיך איינער אָנגערופֿן — די אַלע אָרעמע, דערשלאָגענע ייִדן האָבן נאָכן פּאָגראָם פֿון טאָג אויף טאָג געלעבט מיט דער האָפֿענונג, אַז מיט ייִדן וועט עפּעס געשען, כאָטש קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס.

נאָר סאָלאָמאָן האָט געלעבט אָן אַ שום האָפֿענונג. ער איז אין גאַנצן געווען דערשלאָגן:

— וואָס האָב איך און וואָס קען איך טאָן, אַז רחל איז נישטאָ? וואָס דאַרף איך גאָר לעבן אויף דער וועלט, אַז איך האָב געזען, ווי מען האָט פֿאַר מײַנע אויגן מײַן מוטער און מײַן טײַערע באָבע געהרגעט. רחלען האָבן די מערדערס געוויס ערגעץ אַוועקגעפֿירט אָדער זי איז פֿון זיי אַנטלאָפֿן און איז ערגעץ אומגליקלעך... ווער ווייסט, צי זי לעבט נאָך גאָר! פֿאַר וואָס קומט עס מיר? פֿאַר וואָס?

אַזוי פֿלעגט סאָלאָמאָן ריידן טאָג און נאַכט און אָפֿט אויך ריידן נישט צו דער זאַך, אַז די דאָקטוירים פֿלעגן זיך שרעקן, ער זאָל נישט אַראָפּ פֿון זינען.

— איך מוז זײַן געזונט! — האָט ער געשריִען — איך מוז וויסן, ווו רחל איז אַהינגעקומען!...

סאָלאָמאָן איז געבליבן אין נעזווינק. ער האָט געהאָפֿט צו געפֿינען אַ שפּור פֿון רחלען, ווען פֿאַן קאַרל וועט געזונט ווערן. נאָר אַז פֿאַן קאַרל איז צו זיך געקומען און מען האָט אים געפֿרעגט, ווער עס האָט אים אַזוי שטאַרק פֿאַרווונדעט, אַז ער האָט פֿאַרלוירן אַן אויג, האָט ער געזאָגט, אַז ער געדענקט נישט. וועגן רחלען האָט ער געענטפֿערט, אַז ער האָט זי גאָר נישט געזען.

ווען סאָלאָמאָן האָט אויך די לעצטע האָפֿענונג אָנגעווירן, האָט ער באַשלאָסן אַרויסצופֿאָרן פֿון נעזווינק און אַרומפֿאָרן זוכן רחלען. ער האָט בײַ קיינעם נישט געפֿרעגט קיין עצה, זײַן גאַנצע ערד אָפּגעגעבן אַ קריסטלעכן גוטבאַזיצער אויף צוויי יאָר און גענומען האַלב געלט פֿאָרויס. פֿאַרזאָרגט רחלס פֿאָטער מיט לעבנסמיטלען טאַקע אין סטעפּקיווקע און אָפּגעמאַכט מיטן גוטבאַזיצער, ער זאָל אויף דעם אָרט, ווו לעמלס קרעטשמע איז געשטאַנען, אויפֿבויען אַ נײַע דירה. ער האָט אויך צוגענומען אַ מענטשן, ער זאָל באַדינען לעמלען, און באַשטימט, אַז פֿון דעם אַרענדע־געלט זאָל מען אים אַרויסצאָלן חודשוויַיז אויף צו לעבן.

סאָלאָמאָן האָט זיך געזעגנט מיט זײַנע פֿרײַנד און אַוועקגעפֿאָרן.

## דער ייִד אין אַ צרה

ייִדן זײַנען געלאָפֿן, געפֿאָרן פֿון איין שטאָט אין דער אַנדערער, אין אָט דער שרעקלעכער צײַט. דער האָט נישט געוווּסט ווו זײַן קינד איז אַהינגעקומען, דער האָט געזוכט זײַן מוטער, דער זײַן ווײַב און דער זײַן כלה — זייער גאַנצע האָפֿענונג, זייער גאַנץ לעבן האָבן זיי געזוכט. מען איז געפֿאָרן הערן און זען וואָס עס טוט זיך, וואָס מען זאָגט, וואָס עס וועט ווײַטער זײַן. אין דער היים איז נישט מער מעגלעך געווען צו בלײַבן. דאָס האָט יעדער פֿאַרשטאַנען. נאָר עפּעס

אויסצוטראַכטן, אויף צו פֿאַרבעסערן די לאַגע, האָט קיינער נישט געוווּסט.

פּלוצלינג האָט זיך באַוויזן אין די צײַטונגען אַ ידיעה, אַז שפּאַניע וויל תשובֿה טאָן און בעט ייִדן צוריק צו זיך. דערפֿון איז אַרויסגעקומען דער ערשטער געדאַנק פֿון אַ ייִדישער עמיגראַציע. מען האָט אָנגעהויבן קלערן, צי זאָל מען פֿאָרן קיין שפּאַניע, ווו עס איז נישטאָ קיין שטיקל ערד, וואָס איז נישט באַגאָסן מיט ייִדיש בלוט. „איידער קיין שפּאַניע — האָט מען געזאָגט — איז גלײַכער אין אַן אַנדער לאַנד". ווו מען טוט אָבער אַ קוק, האָט מען דאָס ייִדישע פֿאָלק גערודפֿט, געראַבירט, געקוילעט. אייניקע האָבן געקוקט אויף דער ערד, געזוכט אונטער דער ערד, אפֿשר קען מען דאָרט געפֿינען אַ שטיקל ערד, ווו מען זאָל קענען רויִקער לעבן. אַזוי איז מען געפֿאַלן אויף אַמעריקע! — איין אָרט ווו ייִדיש בלוט איז נאָך נישט פֿאַרגאָסן געוואָרן — אַ נײַע וועלט!

אין אַמעריקע האָבן זיך אַ סך אָנגעכאַפּט און עס האָבן זיך געבילדעטע חבֿרות אונטערן נאָמען אַמעריקאַנצעס, און מען האָט אָנגעהויבן אויסוואַנדערן. פֿון דער אַנדערער זײַט זײַנען אַרויסגעשפּרונגען נײַע חבֿרות, וואָס האָבן צוגעזאָגט נײַע גליקן פֿאַר ייִדן. איינע פֿון די נײַע חבֿרות האָט געטראָגן דעם נאָמען נאָווי איזראַעל[84]. טייל האָבן געשריִען, אַז מען דאַרף זיך גאָר אויסשמדן, און אַנדערע, אַז מען דאַרף זיך ניט שמדן, נאָר מען דאַרף זיך אויסמישן צווישן די קריסטן, מען זאָל נישט מער דערקענען די ייִדן, וועט מען פֿאַרשפּאָרן צו אַנטלויפֿן און אויסוואַנדערן, און יעדער וועט קענען בלײַבן רויִק אויף זײַן אָרט.

די פּאָגראָמען האָבן דערווײַל נישט אויפֿגעהערט. מען האָט געשלאָגן, געהרגעט, געראַבירט און מען האָט דעם ייִדן נישט געלאָזט כאַפּן דעם אָטעם.

און עס איז געשען אַ וווּנדער: אין דער צײַט פֿון די אומגליקן

---

[84] (רוסיש) ניי ישראל.

האָבן זיך געפֿונען געציילטע ייִדן, יונגע און שטאַרקע, וואָס זײַנען בײַ זיך גרויס געוואָרן, פֿול מיט מוט און גלויבן אין זיך. האָבן זיי זיך אַליין געפֿרעגט:

— וואָס זײַנען מיר? ציגײַנער, וואָס דאַרפֿן זיך אייביק אָנוואַרפֿן אויף יענעם? וואָס דאַרפֿן מיר זוכן נײַע לענדער, ווו מען דאַרף ווידער אָנהייבן פֿירן אַ נײַ לעבן?... טאָמער האָט מען אונדז נאָך דאָרטן נישט געשלאָגן און אונדז געגעבן אָנצוהערן, אַז מיר זײַנען פֿרעמדע... האָבן מיר דען נישט קיין אייגענע היים? נײַע קלעפּ מיט פֿרישע צרות דאַרפֿן מיר נישט פֿאָרן זוכן!

פֿרעמד און נאַריש האָבן די ווערטער „אייגענע היים" געקלונגען אין די אויערן פֿון די אַסימיליאַטאָרן און אַנדערע אַזעלכע ייִדן, וואָס האָבן נאָך מער זיך דערווײַטערט פֿון ייִדן. זיי האָבן אַלע געלאַכט פֿון די יונגע לײַט, אין וועלכע עס האָבן זיך מיט אַ העליש פֿײַער אָנגעצונדן זייערע ייִדישע הערצער מיט אַ הייס בענקעניש נאָך דער אַלטער היים פֿון זייערע עלטערן. נאָר די יונגע לײַט האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף דעם געלעכטער פֿון די אַסימיליאַטאָרן און אויף די וואָרענישן פֿון עלטערע ייִדן:

— וווּהין פֿאָרט איר, משוגעים? וואָס פֿאַר אַ היים האָט איר זיך אײַנגערעדט? דאָרטן איז אַ שטאַרקע רעגירונג און ווער ווייסט, צי מען וועט אײַך אַרײַנלאָזן...

די יונגע לײַט האָבן זיך אַפֿילו נישט אומגעקוקט אויף זייער געשריי. אַ באַזונדערע קראַפֿט האָט זיי געצויגן אין לאַנד פֿון זייערע עלטערן.

דאָקטער פֿרידמאַן האָט נאָך די פּאָגראָמען זיך פּלוצלינג אָנגע־הויבן באַשעפֿטיקן מיט דער ייִדישער פֿראַגע. נאָר ווי אַלע הײַנט־מאָדישע ייִדן האָט ער אַליין נישט געוווּסט, וואָס אייגנטלעך ער וויל. דאָ איז ער געווען אַן אַסימיליאַטאָר, באַלד איז ער געוואָרן אַן אַמע־ריקאַניעץ. נאָר איינס איז געווען זיכער: ער האָט נישט געהאַלטן פֿון עמיגראַציע קיין פּאַלעסטינע און האָט באַטראַכט פֿאַר משוגעים אַלע וואָס זײַנען געפֿאָרן אָדער נאָר גערעדט וועגן עמיגרירן קיין פּאַלעס־

טינע. דעריבער איז ער אויפֿגעבראַכט געוואָרן, ווען זײַן פֿרײַנד גאָלדשמיד האָט זיך אַנטשלאָסן מיט זײַנע ברידער כײַקל און בערל און מיט נאָך יונגע לײַט צו פֿאָרן קיין פּאַלעסטינע, און איז זיך געקומען געזעגענען צו פֿרידמאַנען ער האָט זיך פּשוט צעשריִען אויף אים מיט זײַנע ברידער און אויף זייערע חבֿרים:

— וווהין פֿאָרט איר, משוגעים? וואָס האָט איר זיך אַרײַנגעשלאָגן אין קאָפּ אַרײַן פּאַלעסטינע? איר וועט נאָך דעם טערק מיט קיין דונער נישט דערהרגענען, מילא, אויף וועמען — אָבער אויף אײַך, גאָלדשמיד, האָב איך זיך נישט געריכט, איר זאָלט זיך אַרײַנלאָזן אין אַזוינע נאַרישקייטן? ווו זײַט איר באַוואָרנט, אַז דאָרטן וועט מען אויף אײַך נישט מאַכן די זעלביקע פּאָגראָמען?

— איך פֿאָר איצט אַוועק און גאָט ווייס, צי מיר וועלן זיך נאָך אַ מאָל זען — האָט גאָלדשמיד געענטפֿערט — נישט איצטער איז די צײַט, איך זאָל מיט אײַך גיין, מײַן ליבער דאָקטער, וויכּוחים האָבן. איר וועט זאָגן, אַז איר האָט רעכט, וואָס איר זײַט אַן אַסימילאַטאָר און איך... אַ נאַרישער חובֿבֿ־ציון. איר וועט דערויף זאָגן גלײַכע ווערטלעך מיט וויצן. פֿון דעם אַלעמען איז גוט צו ריידן נאָך אַ גוטן מיטאָג אָדער זיצנדיק בײַ אַ גלאָז טיי, אָבער נישט איצטער, אין אַזאַ צײַט. אײַ, איר מיינט, אַז דאָרטן קענען אויך פֿאָרקומען די אייגענע פּאָגראָמען? איז עס טאַקע מעגלעך. נאָר עס וועט אונדז ליבער זײַן, מען זאָל פֿאַרגיסן אונדזער בלוט אויף דער ערד, וואָס איז מיט אונדזערע עלטערנס בלוט אָנגעזאַפּט, אַבי נישט דאָ, אין חזיר־לאַנד... דער געדאַנק צו פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל, האָט נאָך בײַ קיין אמתן ייִדן קיין מאָל נישט אויפֿגעהערט די גאַנצע צוויי טויזנט יאָר, וואָס מען האָט אונדז פֿון דאָרט פֿאַרטריבן. דער חילוק איז נאָר דער, וואָס ביז איצט זײַנען ייִדן געפֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל שטאַרבן, לעבן זייערע לעצטע יאָרן פֿון גרייט געלט אָדער נדבֿות, און איצט פֿאָרט מען לעבן פֿון אַרבעט, זײַן באַלעבאַטים אויף דער ערד, ווו קיינער וועט קיין רעכט נישט האָבן אויף אים צו זאָגן, אַז ער איז אַ פֿרעמדער...

— און דער אַלטער שפּיצבוים פֿאָרט אויך מיט אײַך?

— ניין, ער בלײַבט אין דער היים.

— ווי קען דאָס זײַן? ער פֿלעגט דאָך נאָך פֿאַר די פּאָגראָמען שטענדיק קלאַפּן מיט ארץ־ישׂראל און פּאָעטיזירן פֿון דער וואַנט, וואָס איז איבערגעבליבן פֿונעם בית־המקדש, מיט די בערגלעך און טאָלן, וואָס נעמען־אַרום די מערת־המכפּלה... נאָר דעמאָלט האָט אים קיינער נישט געהערט. אַלטע ווײַבער און אַלטע ייִדן זײַנען אַהין געפֿאָרן שטאַרבן. אָבער איצט?... און אין אַזאַ צײַט בלײַבט ער דאָ?

גאָלדשמיד האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד און אויסגעשריִען:

— איך דערלויב אײַך נישט זיך צו ווערטלען וועגן שפּיצבוימען! ריידן מיט אײַך אויספֿירלעך פֿון דעם טײַערן ייִדן, פֿון דעם מערקווערדיקן מענטשן שפּיצבוים, איז איצט אויך נישט די צײַט.

— איר האָט זיך שוין מיט אים געזעגנט?

— ניין. איר ווייסט, מען זאָגט: אַחרון אַחרון חבֿיבֿ...

— אויב אַזוי, וויל איך זיך צוזאַמען מיט שפּיצבוימען געזעגענען מיט אײַך און מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע עמיגראַנטן, און ווען יעדן ווינטשן אַ גליקלעכן וועג.

*

אין איינער פֿון די שמאָלע גאַסן פֿון דער שטאָט בעזווינק זײַנען געשטאַנען עטלעכע וועגענער מיט אײַנגעפּאַקטע קעסטלעך, קאַסטנס און קלימעקלעך.

— באַגאַזש, משטיינס געזאָגט! וואָס פֿאַר אַ באַגאַזש איז איבערגעבליבן די אומגליקלעכע ייִדן נאָך דעם ווי די פּאָגראָמשטשיקעס זײַנען געוואָרן די באַלעבאַטים בײַ זיי אין שטוב אויף עטלעכע טעג! — האָט גאָלדשמיד באַמערקט.

— נאָר וואָס ליגט אין די קלומקעלעך? — האָט דער דאָקטער געפֿרעגט.

— פּרווט, פֿרעגט דעם אָרעמאַן: „וואָס שלעפּט איר זיך מיט אײַערע אַלטע שמאַטעס, וואָס זײַנען נישט ווערט קיין צוויי גראָשן?".

— ווער וואָלט עס געגלויבט, אַז די ייִדישע יונגע לײַט מיט די

אידעלע ווײַסע הענטלעך זאָלן זיך אַנטשליסן שווער צו אַרבעטן, אַוועקצוואַרפֿן זייערע פֿריִערדיקע באַשעפֿטיקונגען: מסחר, שענקען, פּראָצענט!

— נאָר פֿאַר וואָס פֿאָרן זיי נישט קיין אַמעריקע? — האָט דער דאָקטער געפֿרעגט — דאָרטן איז דאָ געלט גענוג, דאָרטן האָבן ייִדן אַלע רעכט, דאָרטן...

— דאַכט זיך, דאָקטער, אַז די לעצטע צײַט האָבן די פּאָגראָמען, וואָס די ייִדנפֿרעסערס האָבן אַרויסגערופֿן, באַוויזן אַז מ׳וועט אונדז, ייִדן, אומעטום פֿאַרפֿאָלגן. עס איז אַלץ איינס: דאָ פֿריִער און דאָרט שפּעטער! אין די פֿריִערדיקע, פֿינצטערע צײַטן, ווען אויף ייִדן זײַנען געקומען צרות, האָבן זיי געקענט האָפֿן, אַז די וועלט וועט אייביק נישט זײַן פֿינצטער, אַז עס וועט קומען אַ מאָל די ליכטיקע צײַט, ווען אַלע מענטשן וועלן זײַן גלײַך, ווײַל גאָט האָט זיי אַלע באַשאַפֿן גלײַך. די האָפֿענונג האָט זיי אַזוי געפֿירט ביז צום ליכטיקן, אויפֿגעקלערטן נײַנצנטן יאָרהונדערט. איך פֿרעג אײַך, דאָקטער, איז עס מעגלעך, אַז אין אַ צײַט פֿון טעלעגראַפֿן, דאַמף־מאַשינען, לופֿט־באַלאָנען זאָל מען נאָך נישט פֿאַרשטיין, אַז ייִדן זײַנען אויך מענטשן גלײַך מיט אַלע!

— אין אייניקע לענדער האָט מען שוין ייִדן געגעבן אַפֿילו גלײַכע פּאָליטישע רעכט, נו, פֿאַרפֿאָלגט מען זיי נישט? — האָט דער אַלטער שפּיצבוים פֿאָרגעזעצט — אומזיסט דערוואַרטן מיר ישועות פֿון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. מען וועט אפֿשר אין דער צײַט מאַכן נײַע מערקווערדיקע דערפֿינדונגען. מען וועט געפֿינען אַ מיטל צו פֿאָרן זיכער אין דער לופֿטן. און אפֿשר גאָר צו פֿאָרן צו דער לבֿנה... אָבער ייִדן וועט מען ווײַטער פֿײַנט האָבן און פֿאַרפֿאָלגן. פֿאַרשטייען דען אונדזערע שׂונאים איצט נישט, אַז ייִדן זײַנען אויך מענטשן, וואָס דאַרפֿן לעבן? און פֿון דעסט וועגן... וואָס זעען מיר ?

— אַלץ איז גוט! — האָט דאָקטער פֿרידמאַן איבערגעריסן — אָבער וואָס וועט דאָרטן זײַן?

— וואָס ווילט איר זאָל זײַן? דאָס איז שוין זייער פּיל, אַז בײַ אונדזער יוגנט האָט זיך באַוויזן דער גרויסער חשק צו באַאַרבעטן די ערד אין אונדזער אַמאָליקן אייגענעם לאַנד! דאָס וועט אונדז געוויס צו גוטן פּירן. איך זאָג גאָר נישט, אַז מען וועט מאַכן גליקן אין פּאַלעסטינע. עס איז מעגלעך, אַז מען וועט דאָרט פֿאַרשוואַרצט ווערן גלײַך ווי אין דער פּרעמד. נאָר איר ווייסט דען נישט, אַז קראַנק זײַן, צרות האָבן — איז פֿאָרט בעסער אין דער היים? מען מוז מיט אַלץ מיטהעלפֿן די ייִדן, וואָס פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל: זייער שטאַרקער ווילן צו זײַן פּראָסטע אַרבעטערס מוז צו גוטן פּירן! עס איז מעגלעך, אַז דער ערשטער דור פֿון די, וואָס פֿאָרן איצט, און אפֿשר נאָך דער צווייטער, וועלן פֿאַרלוירן ווערן אָדער זיי וועלן צו גאָר נישט קומען, נאָר די שפּעטערדיקע דורות וועלן שוין געוויס באַשטיין פֿון אמתע פֿעיִקע אַרבעטערס. פֿון זיי וועט זיך אויסבילדן אַ פֿאָלק פֿון ערדאַרבעטערס און אין דעם ליגט אונדזער גאַנצע האָפֿענונג, אונדזער גאַנץ גליק! כּל־זמן מיר, ייִדן, וועלן ניט זײַן קיין אַרבעטלײַט, וואָס ברענגען אַהיים די מיטלען צום לעבן דורך פּיזישער אַרבעט, וועלן מיר פֿאַרשוואַרצט ווערן, אַזוי ווי מיר זײַנען שוין פֿאַרשוואַרצט געוואָרן באַלד צוויי טויזנט יאָר. עס וועט טאַקע לאַנג געדויערן ביז מיר וועלן דאָס דערגרייכן, נאָר אָן דעם האָבן ייִדן נישט קיין צוקונפֿט אויף דער וועלט. דאָ קען מען דאָס נישט דערוואַרטן דורך פֿאַרשיידענע סיבות, אָבער דאָרט איז גאָר עפּעס אַנדערש. דער גײַסט פֿון באַאַרבעטן ארץ־ישׂראל־ערד וועט די ייִדן געבן אַן אַנדערן כּוח צו דער אַרבעט. דאָרט וועלן זיי אויף יעדן שריט ערד געפֿינען אַ בלאַט פֿון אונדזער אַלטער געשיכטע. די מאָראַלישע קראַפֿט וועט זיי פֿאַרשאַפֿן מוט אויף אַריבערצוטראָגן אַ סך צרות, לייד און הונגער, ביז זיי וועלן גאָר אַנדערע מענטשן ווערן!

— ה׳ שפּיצבוים! — האָט זיך אָנגערופֿן דער דאָקטער — ווי זשע קומט עס, איר זאָלט דאָ בלײַבן, ווי באַלד איר האָט אַזוי ליב פּאַלעסטינע? אָדער וועט איר אפֿשר אויך פֿאָרן?

— אָ, ניין! איך האָב ליב ארץ־ישׂראל, נאָר אויף דאָרט צו לעבן

און אַרבעטן, אָבער נישט אויף צו שטאַרבן... איך קען שוין גאָר נישט טאָן. איך בין שוין אַלט און קראַנק. וואָס זשע וועל איך דאָרט טאָן? ניין, נישט אַזוינע ווי איך דאַרפֿן פֿאָרן! מיר האָבן שוין אונדזער וועלט אָפּגעלעבט און דאַרפֿן דאָ בלײַבן און נישט מאַכן דאָרטן ענג די, וואָס קענען עפּעס יאָ טאָן. געגנוג פֿון מײַנעט וועגן, אַז איך האָב מײַן גאָלדשמידן, וועלכער איז בײַ מיר פֿאַררעכנט ווי אַן אייגן קינד, אַזוי דערצויגן, אַז ווען עס איז אויף ייִדן געקומען אַ צרה, האָט זיך אין אים דערוועקט דאָס ייִדישע האַרץ און זײַנע אויגן האָבן זיך געווענדט צו אונדזער אַלטער היים.

שפּיצבוים איז ווי מיד געוואָרן ריידנדיק. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט בײַ דעם בוים און זיך אַ ביסל אָפּגערוט. דער דאָקטער האָט פֿון אים קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט. ער האָט אים נאָך געוואָלט אַ סך פֿרעגן, נאָר ער האָט געשוויגט דעם אַלטנס רו.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צוריק אין שטאָט אַרײַן. פֿרידמאַן האָט געזען, ווי שפּיצבוים איז זייער פֿאַרזאָרגט און ווערט טרויעריק. ער האָט אים געפֿרעגט די סיבה דערפֿון.

— צו איין זאַך קען איך קיין טרייסט נישט געפֿינען: ווען איך דערמאָן מיך די אומשולדיקע רחל, וואָס איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן ווי אין וואַסער אַרײַן, און סאָלאָמאָן...

שפּיצבוים האָט נישט געקאָנט ווײַטער ריידן. די טרערן האָבן אים געשטיקט.

— אַ חוץ וואָס דאָ איז זייער טרויעריק — האָט געזאָגט פֿרידמאַן — איז עס אַ רעטעניש אויך. איך האָב אײַך, ה׳ שפּיצבוים, נאָך נישט דערציילט וועגן פּאַן קאַרלען, ווײַל איך האָב אײַך נישט געוואָלט טרויעריק מאַכן און אײַך דערמאָנען רחלען און סאָלאָמאָנען...

— וואָס איז דען? — האָט זיך שפּיצבוים אַ כאַפּ געטאָן ווי אַן אָפּגעבריטער — איר ווייסט עפּעס פֿון רחלען? עס איז דאָ עפּעס אַ שפּור?

— איך האָב אײַך נישט געוואָלט דערציילן...

— איך בעט אײַך, פּײַניקט מיך נישט! — האָט דער אַלטער שפּיצבוים געבעטן און דער דאָקטער האָט אָנגעהויבן דערציילן:

— איר געדענקט געוויס דעם וווּנדערלעכן צופֿאַל מיט פֿאַן קאַרלען, בשעת דעם סטעפּקיווקער פּאָגראָם, ווי ער איז שטאַרק פֿאַרוווּנדעט געוואָרן און מען ווייסט עד היום נישט פֿון וועמען? נו, ווײַזט אויס, אַז פֿאַרוווּנדעט האָט אים רחל...

— ווער, רחל? ווי אַזוי? פֿאַר וואָס זי!? — איז שפּיצבוים אויפֿגעשפּרונגען אויסער זיך.

— יאָ, רחל... ווען פֿאַן קאַרל איז קראַנק געווען איז געקומען גרויסע היץ, בין איך געזעסן בײַ זײַן בעט, ער האָט גערעדט, געפּלוידערט, אָנגעהויבן רײדן פֿון איין זאַך און אַריבערגעשפּרונגען אויף אַן אַנדערער, אַז פֿרעמדע מענטשן וואָלטן דערפֿון גאָר נישט געקענט פֿאַרשטיין. נאָר פֿון די אַלע ווערטער, וואָס איך האָב געהערט, געקענט צונויפֿשטעלן אַ געדאַנק, בין איך איבערגעצייגט, אַז מײַן מיינונג איז ריכטיק, אַז פֿאַן קאַרל איז פֿאַרוווּנדעט געוואָרן פֿון רחלען. דער גאַנצער צוועק פֿון זײַן געפֿינען זיך צווישן די פּאָגראָמשטשיקעס, ווײַזט אויס, איז געווען רחל. זי האָט זיך גאַנץ געוויס מיט אַלע קרעפֿטן געווערט און געראַנגלט זיך און האָט אים פֿאַרוווּנדעט מיט אַ שווערער קײַלעכיקער זאַך. דאָס איז זיכער ווי צוויי מאָל צוויי איז פֿיר. איצט בלײַבט נאָר די פֿראַגע: ווּ איז רחל אַהינגעקומען? נעמען מיר אָן, אַז זי איז אין אָנהייב אַנטלאָפֿן, ווײַל זי האָט געוווּסט, אַז זי האָט פֿאַרוווּנדעט אַ מענטשן און אפֿשר האָט זי געמיינט, אַז זי האָט אים אויף טויט דערהרגעט. נאָר וווּהין האָט זי געקענט אַנטלויפֿן?

דער אַלטער שפּיצבוים איז אויפֿגעשפּרונגען:

— ניין, ניין, רחל איז נישט אַזאַ מענטש זיך צו באַהאַלטן פֿאַר אַזוינע זאַכן. יעדער אָרנטלעכער מענטש, ווען ער באַגייט אַ מאָל אין אַ נויט אַ פֿאַרברעכן, זוכט דערנאָך אַליין זײַן שטראָף. עס לאָזט אים נישט לעבן, ביז ער שטייט נישט פֿאַרן געריכט און וואַשט־אָפּ זײַנע זינד, בפֿרט נאָך אַזאַ אומשולדיק קינד ווי רחל איז. הלוואַי

זאָל עס זײַן, ווי איר זאָגט, ה׳ פֿרידמאַן, אַבי זי זאָל לעבן און געזונט זײַן!

זיי זײַנען ווײַטער געגאַנגען און שווײַגנדיק זיך דערנענטערט צו דער שטאָט.

## דאָס ביסעלע ייִדן

ווען שפּיצבוים איז מיטן דאָקטער געקומען פֿונעם באַגלייטן די עמיגראַנטן צוריק צו זיך אין הויז, האָט ער זיך בײַ דער טיר באַגעגנט מיט ייִדל שדכן.

— איך בין שוין בײַ אײַך געזעסן און האָב געוואַרט אויף אײַך, ר׳ יעקבֿ, פֿאַרשטייט איר מיך... — האָט ייִדל גענומעןריידן, ווי איינער וואָס האָט קיין צײַט נישט — זייער גוט, וואָס דער דאָקטער איז אויך דאָ. זיי וועלן אויך זאָגן, אַז עס איז גלײַך, פֿאַרשטייט איר מיך... איז ווי איך האָב קיין צײַט נישט, בין איך אַרײַנגעלאָפֿן צו אײַך... וואָרעם אויך די אייגענע מעשׂה: די עמיגראַנטן האָב איך געמוזט גיין באַגלייטן, און מען זאָגט, אַז ווען מ׳האָט נישט קיין ווײַב, לאָזט מען דאָרט נישט אַרײַן... צו וועמען זשע קומט מען אָן, אַז נישט צו ייִדל שדכן, פֿאַרשטייט איר מיך?... כ׳לעבן, ר׳ יעקבֿ, ווען איך זאָל שוין אויספֿירן די עטלעכע שידוכים, וואָס איך האָב אָנגעהויבן, וואָלט איך שוין דערנאָך אויך אַוועקגעפֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל, פֿאַרשטייט איר מיך... וואָרעם וואָס? מען איז דאָך אַ ייִד גלײַך מיט אַלע. ייִדן בלײַבן טאַקע ייִדן... איך פֿלעג שטענדיק דען ניט זאָגן, אַז אַ ייִד דאַרף נאָר פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל? די הײַנטוועלטיקע פֿלעגן גאָר לאַכן פֿון מיר. הײַנט האָבן זיי זיך מײַשבֿ געווען און טוען נאָך די ערלעכע ייִדן. זייער גלײַך, יעדער ערלעכער ייִד דאַרף שטאַרבן אין ארץ־ישׂראל...

אַרײַנגייענדיק אין שטוב מיטן גאַסט, איז שפּיצבוים נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפֿער:

— ר׳ ייִדל! אַזוינע אַלטע ייִדן ווי איר און איך דאַרפֿן נישט פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל. ווײַל וואָס קענען טאָן אַזוינע אַלטע שמאַטעס, ווי מיר, אין ארץ־ישׂראל?

— וואָס הייסט, וואָס האָט אַ ייִד צו טאָן אין ארץ־ישׂראל? איך פֿאַרשטיי אײַך נישט, ר׳ יעקבֿ? זאָל זאָגן דער דאָקטער, כאָטש זיי זײַנען אַ הײַנטוועלטיקער! ווער ווייסט עס דען נישט? אָט לאָז מיר נאָר גאָט העלפֿן, איך זאָל אויספֿירן די עטלעכע שידוכים, איך זאָל האָבן אויף הוצאות און עטלעכע רובל אין קעשענע, וועל איך פֿאָרן אויף דער עלטער זיך אָפּרוען, כאָטש אויף דער עלטער ניט זינדיקן ווי דאָ... נישט פֿאַרגעסן אין דעם וואָס לעבט אייביק, פֿאַרשטייט איר מיך... אַ פּרק משניות, אַ קאַפּיטל תהילים... וואָס דען איז אַ ייִד, פֿאַרשטייט איר מיך?...

— אײַ, ר׳ ייִדל, דאַכט זיך אַ קלוגער און רעדט אָפּט נישט צו דער זאַך. ביז וואַנען וועט איר אין זינען האָבן אַזוינע זאַכן? אין דער צײַט, ווען מען טרײַבט און מען שלאָגט ייִדן, ווען מען דאַרף עפּעס רעכטס און וויכטיקס אין זינען האָבן, האָט איר נישט מער אין קאָפּ ווי אײַער משניות מיט די קאַפּיטלעך תהילים און מיינט, אַז איר מאַכט דערמיט גאָט אַ מענטליק[85] און גליקלעך כל ישׂראל? גלייבט מיר, אַז גאָט נייטיקט זיך איצט נישט אין אײַער משניות לערנען און תהילים זאָגן.

— איך פֿאַרשטיי אײַך נישט, פֿאַרשטייט איר מיך, ר׳ יעקבֿ? כאָטש איר זײַט אויך פֿון דער הײַנטיקער וועלט, נאָר מיר קענען אײַך פֿאַר אַן אידעלן ייִדן, אַ ייִדן פֿון לערנען. ווי זשע קומט דאָס, אַז איר זאָלט גאָר אַזוינס זאָגן? וואָס איז? מיר, ייִדן, זײַנען עפּעס גוייִם ?

— אמת, אָבער אין אַזאַ צײַט אין זינען האָבן נאַרישקייטן?

— ר׳ יעקבֿ! איך האָב זיך אויף אײַך נישט געריכט! וואָס הייסט

[85] (מיט חוזק) אַ טובה.

„נאַרישקייטן״? משניות און תהילים זאָגן איז ביי אייך „נאַרישקייטן״? אַ ייִד איז אַ ייִד און וועט בלייבן אַ ייִד!

— יאָ, נאָר ווער האָט אין זינען זיך זעצן לערנען און זאָגן תהילים אין אַזאַ צייט!...

— וואָס זשע איז פאַר אַ צייט? מען שלאָגט ייִדן? מען האָט פיינט ייִדן? ווען זשע האָט מען אונדז נישט געשלאָגן? ווען האָט מען אונדז נישט פיינט געהאַט? אויף דעם זיינען מיר דאָך ייִדן! און כל־זמן מיר וועלן זיין ייִדן, וועט מען אונדז פיינט האָבן... און אַז מיר זאָלן ניט זיין קיין ייִדן — דאָס וועט קיינער נישט דערלעבן!

— אָט דאָס איז טאַקע אונדזער אומגליק. איבער אַזוינע ייִדן ווי מיר, וואָס ריידן זיך איין, אַז אייביק מוז מען אונדז פיינט האָבן, ווייל מיר זיינען ייִדן, אַז אונדזער גאַנצע וועלט באַשטייט נאָר אין תהילים זאָגן און אויף דער עלטער אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישׂראל שטאַרבן, איבער אַזוינע ייִדן, זאָג איך, קען די לאַגע פון דעם כלל ישׂראל נישט פאַרבעסערט ווערן.

— ר׳ יעקבֿ, איר האָט שוין אָנגעהויבן אַריינגיין מיט מיר אין צו ווייטע דרכים! דאָ פאַרשטיי איך שוין גאָר נישט. איך בין אַ פּראָסטער ייִד, פאַרשטייט איר מיך...

נאָר שפּיצבוים האָט אים נישט געהערט און נישט אויפגעהערט צו ריידן, ווענדנדיק זיך אַלע מאָל צום דאָקטער:

— גלייבט מיר, ה׳ פרידמאַן, נאָך דעם פּאָגראָם, ווען פאַר ייִדן איז קיין שום האָפענונג נישט געבליבן, פלעג איך זיך נאָר טרייסטן דערמיט, וואָס איך האָב געזען, אַז ביי ייִדישע יונגע לייט האָט זיך באַוויזן דער געדאַנק פון דער עמיגראַציע קיין פּאַלעסטינע. איך באַטראַכט אָפט און געפין, אַז נאָר אין דעם קענען ייִדן זייער גליק און רו געפינען. נאָר אַז איך הייב מיך אָן דערמאָנען אין אַזעלכע ייִדן ווי ייִדל, לאָזן זיך ביי מיר אַראָפּ הענט און פיס. ווען דאָס רובֿ פון אונדזערע ייִדן זאָל פאַרשטיין די איצטיקע לאַגע און קומען צו דער איבערצייגונג, אַז מען מוז זוכן אַן אָרט, ווו מען זאָל נישט דאַרפן מער הענגען אין דער לופט, און אַז דאָס בעסטע אָרט דערצו

איז טאַקע פּאַלעסטינע, וואָלטן מיר מיט דער צײַט טאַקע געקומען צו אַ צוועק און גובֿר געווען אַלע שטערונגען, וואָס ליגן אויף דעם שווערן וועג. נאָר וועלן אונדזערע ייִדן דאָס פֿאַרשטיין? וואָס קען אַליין אויפֿטאָן דאָס ביסעלע ייִדן, וואָס מיר האָבן הײַנט באַגלייט אין זייער ווײַטן שווערן וועג? זיי אַליין וועלן געוויס זייער פֿיל צרות אַריבערטראָגן ביז זיי וועלן קומען האַלבוועגס צו עפּעס אַ שטאַנד, נאָר עס איז קיין צווייפֿל נישט, אַז מיט דער צײַט וועלן זיי קומען צו זייער צוועק, און קיינער וועט אויף זיי נישט קענען שרײַען, אַז זיי זײַנען פֿרעמדע. נאָר עס פֿרעגט זיך: צי מיט דעם ביסעלע ייִדן, וואָס וועלן ווערן ערדאַרבעטערס און וועלן זײַן גליקלעך — וועט ווערן פֿאַרבעסערט די לאַגע פֿון כּל ישׂראל? איך וואָלט זייער געוואָלט וויסן די מיינונג פֿון אײַך, ה׳ דאָקטער?

— נאָך מײַן מיינונג — האָט דאָקטער פֿרידמאַן באַמערקט — וועט געוויס ווערן בעסער פֿאַר אַלע. עס וועט ווערן גרוימער...

— איך ווייס שוין. איך ווייס שוין, וואָס אירווילט זאָגן. איך האָב שוין די מיינונג געהערט פֿון אַ סך. נאָר איר האָט אין דעם אַ גרויסן טעות, אַ פֿאַלשן חשבון. עס איז אַלץ איינס. מיט פֿינף צי מיט צען טויזנט וועט נישט גרינגער ווערן די אַנדערע מיליאָנען ייִדן! און איידער מען קוקט זיך אַרום, וואַקסן־אָן נײַע צוואַנציק טויזנט! עס איז אַקוראַט ווי מען זאָל זאָגן, אַז ווען מ׳נעמט אָן עמער וואַסער אַרויס פֿון טײַך, וועט דאָרט ווערן ווינציקער וואַסער! ניין, נישט דערפֿון וועט בעסער ווערן די לאַגע פֿון כלל ישׂראל. בעסער וועט ווערן טאַקע נאָר דעם ביסעלע ייִדן אַליין! דער כּלל וועט אָבער בלײַבן אין דער גרויסער בלאָטע, אין וועלכער ער שטעקט אַצינד. ניין, איך מוז עס אַרויסזאָגן. כּל־זמן אונדזערע ייִדן וועלן דענקען און פֿאַרשטיין דאָס לעבן ווי אַצינד, וועט קיין שום זאַך נישט העלפֿן. ניין, ה׳ דאָקטער! לאָז קומען משיח אַליין, וועל איך אים זאָגן, אַז ער זאָל די ייִדן לאָזן צו רו, וואָרעם ער וועט פֿון זיי גאָר נישט מאַכן. די לעצטע האָפֿענונג פֿאַר דעם ייִדנטום, די איינציקע רעטונג איז דאָס ביסל ייִדן, וואָס באַשטייען פֿון געזונטע יונגע לײַט, ווי גאָלד־

שמיד און זײַנע חבֿרים, וואָס זײַנען געפֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל. אָבער די ייִדן וואָס ווילן נישט פֿאָרן און בלײַבן אויף זייערע ערטער, זאָלן זיי זיך אָפּלעבן זייערע יאָרן ווי זיי ווילן...

— די ייִדישע ערדאַרבעטערס מעגן דאָ אויך בלײַבן! עס וועט זיי דאָ אויך גוט זײַן! נאָך וואָס דאַרפֿן זיי פֿאָרן קיין פּאַלעסטינע? — האָט פֿרידמאַן זיך געהאַלטן בײַ זײַנס.

— ניין, הער דאָקטער, מיר האָבן דערלעבט אַזוינע צײַטן, אַז אַן אַרבעטער און אַ שענקער, אויב זיי זײַנען נאָר ייִדן, זײַנען אין אונדזערע שׂונאימס אויגן גלײַך און זיי וועלן זיי קיין רו נישט געבן. וואָס דאַרפֿן מיר דאָ ווײַט גיין? האָבן מיר דען נישט געזען מיט אונדזערע אויגן, ווי מען האָט אין סטעפּקיווקע דעם ייִדישן מוזשיק מיט אַלע ייִדישע ערדאַרבעטערס, וואָס האָבן געאַרבעט אויף די פֿעלדער, גלײַך געשלאָגן, געהרגעט און באַראַבעוועט ווי דעם שענקער? פֿאַר ייִדן איז איצט איין וועג — עמיגראַציע! אין אַנדערע לענדער דאַרפֿן זיי זוכן אַ נײַ פֿאָטערלאַנד: דאָרט מוזן זיי אין גאַנצן זיך איבערדערציִען, ווערן פֿרײַע און ניצלעכע מענטשן. עס קען זײַן, אַז זיי וועלן דאָרט אויך לײַדן צרות און נויט, אָבער די צײַט וועט זיי אָדער זייערע קינדער מאַכן גליקלעך. אונדזער אויפֿגאַבע איז — דאָ צוצוגרייטן פֿעיִקע ערד־ און פֿאַבריק־אַרבעטערס און זיי אונטערשטיצן, ווען זיי וועלן עמיגרירן אין אַנדערע לענדער.

*

אין דער צײַט, וואָס שפּיצבוים מיט דעם דאָקטער האָבן גערעדט, איז ייִדל שדכן געזעסן און האָט פֿון זיי קיין אויג נישט אַראָפּגענומען. ער האָט זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט, וואָס די „דײַטשן" — די הײַנטוועלטיקע ריידן, כאָטש ער האָט אַ סך פֿון זייערע רייד נישט פֿאַרשטאַנען.

— אַ וווּנדער, כ'לעבן! — האָט ער זיך געטראַכט — זיי ריידן, דאַכט זיך, ייִדיש און איך פֿאַרשטיי נישט קיין איין וואָרט...

שפּיצבוים האָט באַמערקט, אַז ר' ייִדל זיצט ווי אויף שפּילקעס, האָט ער אים געזאָגט:

— איר, ר׳ יידל, האָט דאָך קיין מאָל קיין צייט נישט. אַז איר זייט יאָ געקומען, האָט איר דאָך מסתּמא געבראַכט נייַס.

— יאָ, איך בין טאַקע וועגן דעם צו אייַך געקומען, נאָר איר ווייסט, אַז איך האָב פֿייַנט יענעם אַרייַנצופֿאַלן אין די רייד, פֿאַרשטייט איר מיך... נאָר וואָס האָב איך אייַך געוואָלט זאָגן? יאָ, איך בין צו אייַך געקומען, פֿאַרשטייט איר מיך... איך בין דאָך עפּעס יידל שדכן! און אויף וואָס קומט יידל שדכן, אויב נישט וועגן אַ שידוך?

— ר׳ יידל, מיר זייט איר געקומעןריידן אַ שידוך? — האָט זיך שפּיצבוים צעלאַכט.

— ניין, ר׳ יעקבֿ, איר זאָלט מיר געזונט זייַן, יידל שדכן ווייסט וואָס ער רעדט, פֿאַרשטייט איר מיך... איך רייד אַ שידוך דעם אַרענדאַר לעמלען פֿון סטעפּקיווקע.

שפּיצבוים און דער דאָקטער האָבן מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און זיך צעלאַכט.

— איך פֿאַרשטיי אייַך נישט, איר זאָלט מיר זייַן געזונט, פֿאַרשטייט איר מיך... וואָס איז? קיין עלטערע אַלמנס האָבן דען נישט חתונה? וואָס איז פֿאַר אַ תּכלית, אַז לעמל ווױנט אַליין, אָן קינדער, אָן אַ ווייַב? אַזוי לעבט נישט קיין ייִד!

— יאָ, עס איז אַוודאי נישט קיין תּכלית פֿאַר לעמלען אַזוי צו לעבן. פֿאַר אים וואָלט געווען גלייַכער, ער זאָל האָבן אַ ווייַב, נאָר וואָס פֿאַר אַ משוגענע וועט מיט אים לעבן? איז ער דען אַ מענטש?

— איר זאָלט מיר קיין פֿאַראיבל נישט האָבן, ר׳ יעקבֿ, און טאַקע איר אויך, ליבער דאָקטער, פֿאַרשטייט איר מיך... איר זייט טאַקע געלערנטע און דייַטשע ייִדן מיט גרויסע קעפּ, נאָר גאָטס ווונדער פֿאַרשטייט איר מיך...

— נו, לאָמיר הערן, ר׳ יידל, אפֿשר איז טאַקע גלייַך?

— וואָס דען? יידל זאָגט שטענדיק גלייַך, פֿאַרשטייט איר מיך... אָט וועל איך אייַך ווייַזן: אַזוי לאַנג ווי ער האָט בייַ זיך געהאַט זייַן טאָכטער רחל, האָב איך געטראַכט, אַז ווען זי וועט חתונה האָבן,

וועט ער זײַן בײַ דער טאָכטער. אָבער איצט, אַז רחל איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן און לעמל איז געבליבן אַליין מיט אַ קרעטשמע און אַרענדע און האָט נאָך חודש־געלט אויך, מיט וואָס סאָלאָמאָן האָט אים פֿאַרזאָרגט, הײַנט וואָס פֿאַר אַ לעבן וועט ער פֿירן אָן אַ ווײַב און אָן אַ קינד? איצט מוז לעמל חתונה האָבן, פֿאַרשטייט איר מיך...

— יאָ, אָבער פֿאַר וועמען? ווער וועט וועלן פֿאַר אים חתונה האָבן?

— וואָס הייסט, ר׳ יעקבֿ, איך פֿאַרשטיי אײַך נישט? פֿאַר וואָס זאָל מען פֿאַר אים נישט חתונה האָבן? ער קען נאָך בפֿירוש קומען צו אַ פֿײַנעם שידוך. קיין חתנים וואַלגערן זיך הײַנטיקע יאָרן נישט. בפֿרט, ווען יונגע לײַט האָבן אָנגעהויבן איצט אַוועקפֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל און קיין אַמעריקע. אײַ, לעמל איז נישט אַזוי יונג און נישט מיט אַלע מעלות? וואָס זשע איז? ביידע אינאיינעם איז נישטאָ בײַ קיינעם, פֿאַרשטייט איר מיך...

— פּלאָגט אונדז נישט, ר׳ ייִדל! — האָט דער דאָקטער זיך שוין נישט געקענט אײַנהאַלטן, ווײַל ער איז זייער נײַגעריק געווען צו וויסן, מיט וועמען קען מען לעמלען ריידן אַ שידוך.

— איך וועל אײַך זאָגן. פֿאַר וואָס נישט? — דאָס איז נישט קיין שידוך פֿון אַ ייִנגעלע מיט אַ מיידעלע, וואָס מען זאָל דאַרפֿן ריידן צווישן פֿיר אויגן און עס באַהאַלטן אין אַ פּושקעלע... איך בין דאָך טאַקע וועגן דעם געקומען צו אײַך, פֿאַרשטייט איר מיך...

— אוי, ר׳ ייִדל, אײַער „פֿאַרשטייט איר מיך״ ליגט מיר שוין אין גאָרגל. זאָגט, ענדלעך, ווער און וואָס?

— אוי, ליבער דאָקטער, איר קענט נאָך אַ פּנים ייִדל שדכן נישט... וואַרט אויס, אײַערע קינדערלעך וועלן נאָך אונטערוואַקסן, זיי זאָלן אײַך געזונט און שטאַרק זײַן, וועט איר מוזן אָנקומען צו ייִדל שדכן, פֿאַרשטייט איר מיך...

דער דאָקטער האָט געזען, אַז ער קען מיט אים גאָר נישט מאַכן און אַז ייִדל שדכן וויל אָנהייבן דערציילן אַ נײַע מעשׂה, האָט ער אים איבערגעשלאָגן און נישט געלאָזט ווײַטער ריידן.

— מיר ווייסן, מיר ווייסן, ר׳ יידל, מיר ריידן דאָך איצט פֿון לעמלס שידוך.

שפּיצבוים, וואָס האָט שטענדיק געהאַט גרויס פֿאַרגעניגן פֿון יידל שדכנס רייד, איז געזעסן רויק און זיך צוגעהערט מיט געדולד.

— יאָ! — האָט געזאָגט יידל — איר זײַט גערעכט, ליבער דאָק־טער, מיר ריידן איצט פֿון לעמלס שידוך. איר געדענקט אַוודאי דעם אַמאָליקן גבֿיר ר׳ יואל רידערסקי. ער איז געווען אַ גרויסער גבֿיר און אַ גרויסער מיוחס בײַ אונדזער רבין, זאָל לעבן. ער פֿלעגט זאָגן אויף אים...

— אָן מעשׂיות, ר׳ יידל, דערציילט ווײַטער!

— זינט ער איז געשטאָרבן, איז פֿון אַלץ, נישט פֿאַר קיינעם געדאַכט, געוואָרן אַ תּל. נאָר מער אומגליקלעך פֿון אַלע איז געבליבן, נעבעך, זײַן טאָכטער ציפּע מיט צוויי קינדער...

— נו, רעדט איר זי לעמלען? — האָט שפּיצבוים מיטן דאָקטער אויסגעשריִען — וואָס זאָגט איר, ר׳ יידל? איר זײַט, דאַכט זיך, אַ קלוגער ייִד, איז דאָס גלײַך? ווי קען דאָס זײַן?

— איר זאָלט מיר אַלע לעבן און געזונט זײַן! וואָס וווּנדערט איר זיך? ס׳קען זײַן, אַז דאָס איז אַ זיווג מן השמים. יידל שדכן טוט נישט אָן דעם רבונו של עולם קיין שידוך. דער רבונו של עולם הייסט און יידל שדכן איז זײַן שליח. אפֿשר האָט דער איבערשטער געפֿירט אַזוי, אַז ר׳ יואל רידערסקי זאָל צוליב דעם זיווג שטאַרבן אָן אַרעמאַן, כּדי דער שידוך זאָל ווערן צווישן זײַן טאָכטער ציפּע מיט לעמלען? אפֿשר צוליב דעם האָט ציפּען גאָט צוגעשיקט אַ מאַן אַ שאַרלאַטן, טייטלשוואָמען, וואָס זאָל זי באַראַבעווען און זי נאָך לאָזן מיט צוויי קינדער און נאָך מיט גענוג צרות אַ גט בײַ אים אַרויסקריגן. אפֿשר איז דאָס אַלץ, כּדי דער זיווג מיט לעמלען זאָל ווערן? וואָרעם, ווי ציפּע זאָל זײַן אומגליקלעך, ווען זי זאָל נישט האָבן די צוויי קינדער, וואָס זײַנען שטענדיק הונגעריק און זי האָט נישט פֿון וואָס זיי מפֿרנס צו זײַן, וואָלט זי בעסער געגאַנגען דינען און וואָלט נישט חתונה געהאַט פֿאַר לעמלען... אפֿשר האָט דאָס גאָט

אַזוי געפֿירט, ווײַל עס איז אַ זיווּג מן השמים? אפֿשר זײַנען צוליב דעם די פֿאַגראַמען געווען און לעמלס טאָכטער, רחל, איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן, כּדי זיי זאָלן חתונה האָבן? ווער ווייסט?... ציפּעס איינציקער פֿאַרמעגלעכער קרובֿ, סאַלאָמאָן, וואָס וואָלט איר אפֿשר געקענט מיט עפּעס העלפֿן, זי זאָל ניט שטאַרבן פֿון הונגער, איז אַוועקגעפֿאָרן זוכן רחלען, מיט וועלכער ער וויל חתונה האָבן, און מען הערט נישט און מען זעט נישט. דערווײַל איז ציפּען זייער נישט גוט און קיין אַנדער פּלאַן איז פֿאַר איר נישטאָ. זי מוז חתונה האָבן. און צו אײַך בין איך געקומען, איר זאָלט זיך אויך אַרײַנלייגן אין דעם שידוך, כּדי ער זאָל למזל ווערן ווי צום גיכסטן...

— נאָר, ר׳ ייִדל, וויל ציפּע דען דעם שידוך? — האָט שפּיצבוים געפֿרעגט אַ פֿאַרוווּנדערטער — איז דאָס מעגלעך?

— איך האָב שוין מיט איר גערעדט, פֿאַרשטייט איר מיך, און זי באַשטייט...

— וואָס? זי באַשטייט?

— יאָ, אַזוי ווי איר הערט. ציפּע איז נישט קיין נאַריש ווײַבל. זי איז שוין נישט אַזוי נאַריש ווי זי איז געווען מיידלווײַז. זי פֿאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז בײַ הײַנטיקער צײַט וואַלגערן זיך נישט קיין חתנים... ציפּע איז נישט קיין יונג ווײַבל. זי איז אַ מאַמע פֿון צוויי קינדער. ווער וועט זי נעמען אָן אַ גראָשן נדן? לעמל האָט אַן אייגענע קרעטשמע מיט חודש־געלט. אַליין האָט ער קיין קינדער נישט... אײַ, ער איז נישט מיט אַלע מעלות, פֿאַרשטייט זי אויך זייער גוט, אַז איינער מיט מעלות וועט זי נישט נעמען. מיט איין וואָרט: פֿאַר ציפּען איז דאָס אַ גליק...

— אַזוי? נו און פֿאַר לעמלען?

— אויך זייער גוט... איר דאַרפֿט וויסן, אַז ציפּע איז נישט מער דאָס, וואָס זי איז אַמאָל געווען. צרות און נויט האָבן זי צוגעוווינט צו אַלץ. זי איז איצט אַן ערלעכע ייִדישע טאָכטער גלײַך מיט אַלע, און דענקט נאָר מפּרנס צו זײַן אירע צוויי קינדער. זי וועט

געוויס אָפּהיטן איר מאַן, ווען זי וועט געפֿינען אַ היים פֿאַר זיך און פֿאַר אירע קינדער.

יידל האָט באַמערקט, אַז זיי וווּנדערן זיך און גלייבן נאָך נישט, האָט ער זיך ווידער אָנגערופֿן:

— גלייבט מיר, ר׳ יעקבֿ, אויף גאָטס וועלטל קען זיך אַלץ טרעפֿן און אומעטום זײַנען דאָ וווּנדער, פֿאַרשטייט איר מיך... ווער וואָלט עס געגלויבט, אַז דעם יידישן מוזשיק מלמדס זון, דער תּמע־וואַטער לעמל, זאָל גאָר אַ מאָל חתונה האָבן און האָבן אַזאַ שיין קינד, ווי רחל איז, און ר׳ שלומס אייניקל, וואָס איז רײַך, זאָל אַלץ אַוועק־וואַרפֿן און אַרומפֿאָרן זי זוכן? וואָס איז? ער וויל קיין אַנדערן שידוך נישט ווי נאָר לעמלס טאָכטער! זעט איר דאָך, אַז אויף גאָטס וועלטל קען זיך אַלץ טרעפֿן...

שפּיצבוים מיטן דאָקטער האָבן נישט געהערט זײַנע לעצטע ווערטער. זיי האָבן זיך ווידער פֿאַררעדט וועגן עפּעס אַן ענין. נאָר יידל שדכן האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן, ביז שפּיצבוים האָט אים געמוזט צוזאָגן, אַז ער וועט פֿאָרן צו לעמלען זיך אַרײַנלייגן אינעם שידוך. און יידל איז נישט אַוועקגעגאַנגען ביז ער האָט נישט אויס־געטרונקען עטלעכע לחיימס און געווונטשן, אַז עס זאָלן קומען ישועות ונחמות אויף יידן, אַז די אַלע עמיגראַנטן, וואָס זײַנען אַוועקגעפֿאָרן, זאָלן אָנקומען בשלום אין ארץ־ישׂראל.

— און מיר זאָל גאָט העלפֿן — האָט יידל ווײַטער געווונטשן — אַז מײַנע ביינער זאָלן זוכה זײַן צו ליגן אין ארץ־ישׂראל אין איינעם מיט ר׳ יעקבֿ שפּיצבוים און אַלע יידן...

— עט, וואָס זײַנען מיר? — האָט שפּיצבוים געענטפֿערט — אונדז איז אַלץ איינס. אונדזערע קינדער...

— נו, נו, לחיים... זאָל זײַן פֿאַר אונדזערע קינדער... אַלץ איינס, אַבי יידן זאָלן זײַן אין ארץ־ישׂראל! — לחיים, לחיים! אויף דעם בעטן מיר אַזוי פֿיל יאָרן אַלע טאָג בײַם דאַוונען, זאָלן מיר דען גאָר נישט פּועלן בײַ אונדזער רבונו של עולם?

און ר׳ ייִדל האָט אויסגעטרונקען דאָס קעלישעקל [86] ביז דנאָ [87].

אין אַ קורצער צײַט אַרום איז למזל געווען די חתונה בײַ לעמלען מיט ציפּען. זי איז מיט אירע קינדער אַרויסגעפֿאָרן קיין סטעפּקיווקע און געוואָרן אין דער קרעטשמע אַ באַלעבאָסטע. דעם מענטשן, וואָס מען האָט פֿריִער געהאַלטן, ער זאָל אָפּהיטן לעמלען, האָט מען אָפּגעזאָגט. ציפּע האָט באַלד נאָך דער חתונה געקויפֿט אַ קו, אין שטוב איז שטענדיק געווען מילכיקס און וואָס עס איז געבליבן, פֿלעגט זי פֿאַרקויפֿן. זי האָט זיך אויך אויסגעלערנט פֿאַראַקערן דעם גאָרטן, פֿאַרזייען קאַרטאָפֿל, קרויט און אַנדערע גרינוואַרג, ווי די פֿאַרפֿאַלענע רחל פֿלעגט טאָן.

## אויף קבֿר־אָבֿות

אין דער שטאָט נעזווינק געפֿינט זיך אַן אַלטער בית־עולם מיט קבֿרים פֿון צדיקים און קדושים, וואָס זײַנען אומגעקומען אין כמעלניצקיס און אין גאָנטעס צײַטן און פֿון נאָך אַלערליי הײַדאַמאַקעס [88], וואָס זײַנען עטלעכע מאָל אָנגעפֿאַלן אויף דער אוקראַיִנישער שטאָט נעזווינק, ווו זיי האָבן אויסגעקוילעט און פֿאַרברענט ייִדן מיט ווײַבער און קינדער הונדערטערווײַז. מען האָט זיך באַהאַלטן אין די שולן און אין די בתי־מדרשים, וועלכע די הײַדאַמאַקעס האָבן אונטערגעצונדן, און די ייִדן מיט די תּפֿילות אויף די ליפּן האָבן אין פֿײַער אויסגעהויכט זייערע הייליקע נשמות. אַלטע פֿרומע ייִדן פֿון גאַנץ אוקראַיִנע און פּאָדאָליע פֿאָרן פֿון לאַנגע יאָרן אָן, ראש חודש אלול, אויף קבֿר־אָבֿות קיין נעזווינק צו די צדיקים און קדושים.

דאָרטן שטייט אַ הויכע, שטיינערנע מצבֿה, אויף וועלכער ס׳איז אויסגעקריצט: ר׳ שלום רויטמאַן. דאָ ליגט דער ייִדישער מוזשיק פֿון סטעפּקיווקע. קיינער איז דאָ נישט געבליבן פֿון דעם ייִדישן מוזשיקס קינדער. און קיינער קומט נישט אויף קבֿר־אָבֿות.

---

[86] גלעזעלע (אַנשטאָט אַ בעכערל). — [87] דעק. — [88] אַזוי רופֿט מען די אוקראַיִנישע באַנדעס פֿון כמעלניצקיס צייטן (גזירת ת״ח — 1648) און די שפּעטערדיקע פּאָגראָמשטשיקעס.

# צו דער כאראקטעריסטיק

## פון מרדכי ספעקטאָרס לעבן און שאַפן

בלעטער פון געשיכטע, שפּראַכפאָרשונג, קריטיק און זכרונות

### שמעון דובנאָוו

### וועגן ספעקטאָרס נאַטור און סביבה *

... צעדערבוים האָט איינגעלאַדן ספעקטאָרן קיין פּעטערבורג און האָט אים אַוועקגעזעצט אין דער רעדאַקציע פון זיין „פאָלקס־בלאַט". דאָ האָב איך זיך באַגעגנט מיט אים, מיט זיין קינפּטיקער פרוי, די קלוגע איזאַבעלאַ, און מיט איר קלוגן פאָטער, דעם באַוווסטן העברעיִסט פרידבערג, וואָס איז דאַן געווען מיטרעדאַקטאָר אין המליץ.

צופעליק און זעלטן האָב איך זיי געזען, ווייל אונדזערע קרייזן זיינען געווען פאַרשיידענע: מיר, דער קרייז פון וואָסכאָד, האָבן זיך גערעכנט פאַר מיוחסים און האָבן געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די העברעיִסטישע מליצים, די „בטלנים", פון איין זייט, און אויף די זשאַרגאָנישע „לערייִנגלעך" — פון דער אַנדערער. דאָס איז געווען אַ גרויסער שאָדן, ווייל אַ סך וואָלטן מיר געקאָנט לערנען פון זיי, די פרישע מענטשן פון דער לעבעדיקער יידישער סביבה, אַזוי ווי זיי האָבן געלערנט פון אונדז אין דער היגזיכט פון ליטעראַרישן טאַקט און אייראָפּעיִשן סטיל.

---

* פון בוך פון „זשאַרגאָן" צו יידיש, ווילנע 1929, זז' 17—23.

... דאָס מיטאַרבעטן אין דער רעדאַקציע פונעם פאָלקס־בלאַט אין פעטערבורג האָט ספעקטאָרן געבראַכט פיל נוצן: ער האָט זיך דאָ אַ ביסל אויסגעפיילט, אויסגעלערנט ווי צו פירן אַ צייטשריפט, און לסוף דערוועגט זיך אַרויסצוגעבן אַן אייגן ליטעראַריש יאָרבוך אויף יידיש, נאָך דעם מוסטער פון די העברעישע יאָרביכער האָסיף און כנסת ישראל אין וואַרשע.

אין יאָר 1887 איז ספעקטאָר אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע און האָט דאָ געגרינדעט דאָס יאָרבוך הויז־פריינד. דאָ האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט אָפטער מיט אים זיך צו טרעפן. אין שפּעטן האַרבסט 1887 בין איך געקומען קיין וואַרשע אויף אַ פּאָר חדשים, כדי צו שטודירן דאָרט די קוועלן פון דער חסידישער באַוועגונג און איינזאַמלען וואָס איז נאָר מעגלעך פון דער חסידישער ליטעראַטור. דער אומאַנער ספעקטאָר, וואָס איז געווען איינגעטונקען אין חסידות, איז פאַר מיר געווען אַן אוצר... מיט אַ ברען פלעגט אונדז ספעקטאָר דערציילן וועגן חסידים און רביים; ער האָט געמאָלן שטיקער לעבן פון זיין יוגנט אין דער עכט־חסידישער סביבה, צווישן די טאַלנער, ראַכמיסטריווקער און די אומאַנער „נחמנטשיקעס".

... אָרעמער־ ספעקטאָר! וויפל צרות האָט ער, נעבעך, געהאַט פון זיין אונטערנעמונג!... ווען דער ערשטער „הויז־פריינד" איז שוין, נאָך גרויסע מאַטערנישן, אַרויס פון דרוק. ער קלאָגט זיך, אַז אים האָט אָפּגעקוילעט שלום עליכם, וואָס האָט גראָד אין יענער צייט אַנאָנסירט, אַז ער גיט־אַרויס אין קיעוו אַ גרויס יאָרבוך „די יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק"... ער האָט אויך געפּאָלגט דער מאָדע און קאָרעספּאָנדירט מיט מיר די ערשטע צייט אין רוסיש: „ער — האָט ספעקטאָר געשריבן אין דעם בריוו — איז אַן עושר פון הונדערט טויזנט רובל, און איך — פון הונדערט רובל. די בעסטע שרייבערס, וואָס שרייבן פאַר מיר אומזיסט, באַקומען פון אים ביז 20 קאָפּיקעס פאַר אַ שורה..."

... ספעקטאָר האָט (אָבער) דערלעבט בעסערע צייטן פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

... אָדעס ... דאָ האָב איך אים צום לעצטן מאָל געזען. איך בין געקומען אין ווינטער 1913 פון פעטערבורג קיין אָדעס אויף אַ פּאָר וואָכן אָפּרוען און זען זיך מיט מיינע אַלטע פריינד — דעם „זיידן" מענדעלע און די „אייניקלעך"... דאָס מאָל איז צו אונדזער אָדעסער חברה צוגעקומען ספעקטאָר — אַ פריילעכער, אַ לעבעדיקער, אַ בריה אין הלכות עסן און טרינקען, אַ פייערדיקער חסיד דעם „זיידנס", גרייט צו כאַפּן שיריים ביי אים פון טיש. ווער וואָלט דען געגלויבט, אַז אָט דער לעבעדיקער סאַנגווינער וועט שפּעטער ליידן הונגער און נויט אין דער באָלשעוויסטישער אָדעס און וועט מוזן מיט סכנות נפשות לויפן קיין אַמעריקע און דאָרטן געפינען דעם טויט!...

יעפים ישורין

# מרדכי ספעקטאר-ביבליאגראפיע

ספעקטאָר־בוך ... 232, 235.

1 צוזאַמענגעשטעלט פון דוד קאַסעל, זכרונות, אָפּשאַצונגען, געשיכטע, פון ש. העפּנער, אַברהם רייזען, א. פייגע־לעס, מיקאַעלאָ, ש. גרינער, דוד פריש־מאַן, ראובן ברײנין, ב. גאָרין, פיליפּ קראַנץ, מ. פינעס, ש. ניגער, א. קאָ־ראַלניק, א. מוקדוני, ב. צ. גאָלדבערג, י. פיכמאַן, רחל פייגענבערג, שכנא עפּ־שטיין, ב. קאַרלינער, יואל מאַסטבוים, דער לעבעדיקער, שלמה שרעבעק, א. דראַזשנער, מרדכי קאַפּלאַן, מ. יאָפע, י. וויינשטיין, א. גאָלדבערג, י. ש. סטופּ־ניצקי, צבי כהן, פנחס גראַובאַרד. — פ׳ „אחיספר״ ביי געז׳ „צענטראַל״, וואַרשע 1929, זז׳ 262.

## וועגן מרדכי ספעקטאָר אין ביכער

### בערדיטשעווסקי, מ. י.

2 ספּעקטאָר און פרוג, יידישע כת־בים, ב׳ 2, נ״י 1951, זז׳ 190—191.

### ישורין, יעפים

3 אין ביבליאָגראַפישן אַרכיוו, יעפים ישורין יובל־בוך, נ״י 1955, ז׳ 172.

### ליריק, א.

4 מ. ספעקטאָרס מאָמענט־פאָטאָגראַ־פיעס, וואַרשע, (יאָר ניט אָנגעגעבן).

### מאָזעס, מענדל

5 דער מאָמענט, פון נאָענטן עבר, ב׳ 2, אַרויסג׳ אַלוו׳ ייד׳ קולטור־קאָנ־גרעס, נ״י 1956, ז׳ 298.

### מאַרגאָליסאָוו, לעאָ

6 „קאַליקעס״ פון מ. ספעקטאָר, אַברהם רייזענס יאָרבוך פּראָגרעס, וואַרשע 1904, זז׳ 118—125.

### מוקדוני, ד״ר א.

7 אין וואַרשע און אין לאָדזש, ב׳ 1, נ״י 1955, זז׳ 24—36.

### ניגער, ש.

8 דערציילערס און ראָמאַניסטן, נ״י 1946, זז׳ 111—129.

### פינעס, ד״ר מ.

9 די געשיכטע פון דער ייד׳ ליט׳ ביזן יאָר 1890, ב׳ 2, וואַרשע, זז׳ 171—177.

### פוקס, חייב לייב

10 דאָס ייד׳ ליטעראַרישע לאָדזש, אַר׳ קו״ק, נ״י 1957, זז׳ 200, 201.

### פרישמאַן, דוד

11 שריפטן, וואַרשע 1911, זז׳ 91—95.

### רייזען, א.

12 דערצ׳ פון מ. ספעקטאָר, דאָס צוואָנציקסטע יאָרהונדערט, זאַמלביכער, וואַרשע 1900.

13 מ. ספעקטאָרס וואָכנשריפט „פריי־טאָג״, אויפן מוסטער פון עפּיזאָדן פון מיין לעבן, 3טער טייל, ווילנע 1935, זז׳ 235, 236, 237.

### שאַצקי, ד״ר יעקבֿ

14 זלמן רייזען: „די ווייבערשע קניפּלעך״ און זייער מחבר, אַרכיוו פאַר דער געש׳ פון ייִד׳ טעאַטער און דראַמע, ב׳ 3, ווילנע־נ״י 1930, ז׳ 477.

### שלום עליכם־בוך

15 נ״י 1926, זז׳ 8, 105, 106, 130, 161—165, 168, 169, 176, 195—202, 204, 205, 216, 217, 220, 223, 224, 231, 232, 251—253, 259, 264, 266 268, 324, 326, 328, 351, 362—364.

### שלום עליכם

16 בריוו צו מרדכי ספּעקטאָר, שלום עליכם־ז״ב, פּאַריז 1959, זז׳ 150—151.

## מ. ספּעקטאָר אין כרעסטאָמאַטיעס און לייענביכער

### א—ן.

17 דאַס ייִדישע וואָרט, ליט׳ כרעסטאָמאַטיע, ב׳ 1, ווילנע, זז׳ 54—60.

### אָסטראָווסקי, ב.־הורוויץ, ש. (זאַלקעס)

18 ייִדיש, פּ׳ פ״ש, נ״י 1927, זז׳ 54—58, 129—131.

### באָסטאָמסקי, ש.־רייזען ז.

19 דאַס לעבעדיקע וואָרט, כרעסטאָמאַטיע, פּ׳ „ייִד׳ פאָלקשול״, ווילנע 1928, זז׳ 206—207, 242—246.

### ברקוביץ, י. ד.

20 מרדכי ספקטור אצל שלום עליכם, הראשונים כבני־אדם, ספר שלישי, תל־אָביב, תש״ג, זז׳ תקפד—תקצב.

### גורשטיין, א.

21 יכנה׳ז און די אידישע ליטעראַטור פון די 80ער יאָרן, מ. לעוויטאַן, ייִד׳ ליטעראַטור, כרעסטאָמאַטיע, פּ׳ קולטור־ליגע, קיִעוו 1928, ז׳ 166.

### דובנאָוו, שמעון

22 מרדכי ספּעקטאָר און זיין „הויז־פריינט״, פון זשאַרגאָן צו ייִדיש, ווילנע 1929, זז׳ 17—23.

### הײלפּערין, פֿ.

23 עברית, חלק ראשון, ורשה, תר״פ, זז׳ 128—131.

### יעפּרויקין, ז.־בעז, ח.

24 דאַס ייִדישע וואָרט, לייענבוך, בילדונגס־קאָמ׳ אַרבעט־רינג, נ״י 1947, זז׳ 233—235.

### לעווין, יעקבֿ־עלבע, לעאָן

25 פון אידישען קוואַל, לערנבוך און כרעסטאָמאַטיע, פּ׳ מאַקס מייזעל, נ״י 1916, זז׳ 100—103.

### לעוויטאַן, ש.

26 זשורנאַליסטישע עלעמענטן אין ספּעקטאָרס ווערק, ספּעקטאָר געזעל־שאַפטלעכער ראָמאַן. — ספּעקטאָר און דער ייִדישישער פאָלקלאָר, ייִדישע ליטעראַטור כרעסטאָמאַטיע, פּ׳ קולטור־ליגע, קיִעוו 1928, זז׳ 155—158.

### ענטין, יואל־עלבע, לעאָן

27 פון ייִדישן קוואַל, כרעסטאָמאַטיע, פּ׳ מאַקס מייזעל, נ״י 1916, זז׳ 100—109.

### פֿיכמאַן, יעקבֿ

28 פאַר שול און פאָלק, כרעסטאָמאַטיע, פּ׳ א. גיטלין, וואַרשע 1913, זז׳ 137—139.

29 ספּעקטאָר — דער פאָלקשרייבער, מ. לעוויטאַן, ייִדישע ליטעראַטור, כרעסטאָמאַטיע, פּ׳ קולטור־ליגע, קיִעוו 1928, זז׳ 158—159.

## קרינסקי, מ.

30 הסגנון העברי, כרעסטאָמאַטיע, חלק ראשון, בדפוס „האור״, וואַרשע 1909, זז׳ 524—538.

## שלום עליכם

31 שילדערונג פון ייִדישן דלות אין ספּעקטאָרס ראָמאַן, „אניאים וועעווי־נים, מענדעלעס ווירקונג אויף ספּעק־טאָרן, ייִדישע ליטעראַטור, כרעסטאָ־מאַטיע, קיִעוו 1928, זז׳ 159—160.

## שרפשטיין, צבי

32 מ. ספּעקטאָר, בן־ישראל, כרעס־טאָמאַטיע, חלק שני, נ״י 1925, זז׳ 113—120.

# וועגן מרדכי ספּעקטאָר אין לעקסיקאָנען און ענציקלאָפּעדיעס

## ניגער, ש.

33 ייִדי׳ ליט׳ אין דער צווייטער העלפט 19טן י״ה, אַלגעמיינע ענציק־לאָפּעדיע, ייִדן־ג, דובנאָוו־פאָנד און ציקאָ, נ״י 1942, שפּאַלטן 111, 115, 117. — ייִדי׳ ליט׳ פון 1900 ביז 1942, 143, 145, 161.

## רייזען, זלמן

34 מרדכי ספּעקטאָר, לעקסיקאָן פון דער ייִדי׳ ליט׳ און פּרעסע, וואַרשע 1914, שפּאַלטן 427—431.

35 מרדכי ספּעקטאָר, לעקסיקאָן פון דער ייִדי׳ ליט׳, פּרעסע און פילאָלאָגיע, ב׳ 2, ווילנע 1930, שפּאַלטן 691—708.

## שאַצקי, יעקב

36 מרדכי ספּעקטאָר, „מיין לעבן״ (3 בענד), פנקס, ב׳ 2, נ׳ 1, נ״י 1929, זז׳93—94.

37 פּרעסע ביי ייִדן, געשיכטע פון דער ייִדי׳ פּרעסע, אַלגעמיינע ענציקלאָ־פּעדיע, ייִדן־ג, נ״י 1942, שפּאַלטן 227, 232, 235.

**ABRAMOVITCH, RAPHAEL R.**

38. The Jewish Socialist Movement in Russia and Poland (1897-1919), **The Jewish People, Past and Present,** Vol. 2, Jewish Encyclopedic Handbooks, N.Y. 1948, P. 375.

**AUSUBEL, NATHAN**

39. **Pictorial History of The Jewish People,** N. Y. 1953, pp. 240, 288.

**BAYON, LEIB**

40. La Literatura Idish, Tesoros del Judaísmo Literatura Idish, México D.F. 1957, p. 19.

41. **Literatura Idish,** México D.F. 1957, pp. 92-97.

**BIRNBAUM, SALOMO**

42. The Flowering of Yiddish Literature, **The Universal Jewish Encyclopedia,** Vol. 7, N. Y. 1942, p. 129.

**HAAS, JACOB DE.**

43. **The Encyclopedia of Jewish Knowledge,** N.Y. 1946, p. 533.

**MENES, ABRAHAM**

44. **The Jewish Socialist Movement in Russia and Poland, 1870-1897,** Jewish Enciclopedic

Handbooks, Vol. 2, N.Y. 1948, p. 367.

**NIGER, SAMUEL**

45. **Yiddish Literature in the Past Two Hundred Years,** Jewish Encyclopedic Handbooks, Vol. 3, N.Y. 1952, pp. 184, 189.

**R[ENZER], J[ACOB]**

46. Mordechaj Spektor, **Judisches Lexicon,** Berlin 1930, Band 4/2, S. 545-546.

**S[ELIGSOHN], M[AX]**

47. Mordecai Spector, **The Jewish Encyclopedia,** Vol. II, N.Y. and London, 1912, pp. 502-503.

**S[ONNTAG], J.**

48. Mordechai Spektor, **Cassels Encyclopedia of World Literature,** Vol. 2, N.Y. 1953, p. 2026.

**WIENER, LEO**

49. **The History of Yiddish Literature in the nineteenth century,** N. Y. 1899, pp. 31, 106, 179, 180, 181, 185, 186, 187, 193, 194, 195, 199, 203, 207, 214, 215, 252, 253.

**WININGER, S.**

50. Mordechai Spector, **Grosse Judische Biographie,** B. 5, Cernauti, S. 583-584.

**PHILO-LEXICON**

51. **Philo,** Berlin 1935, S. 318.

**PHILO-LEXICON**

52. **Philoverlag,** Berlin 1935, S. 680, Mordechai Spektor.

**THE STANDARD JEWISH ENCYCLOPEDIA**

53. Col. 1746, Mordecai Spector.

**THE UNIVERSAL JEWISH ENCYCLOPEDIA**

54. Vol. 9, N.Y. 1943, pp. 691-692, Mordecai Spector.

**Цинбергъ, С.**

55. Литература разговорно-евр. **Еврейская Энциклопедія,** Том 10, Изд. Брокгауз-Ефрон. С. Петербург, Столб 289.

56. Мордехай Спекторъ. **Еврейская Энциклопедія,** Т. 14, С. Пет., Столбы 526-527.

**AUSUBEL, NATHAN**

57. Mordche Spektor, **A Treasury of Jewish Humor,** N.Y. 1951, pp. 338,727.

**FRANK, HELENA**

58. Mordecai Spektor, **Yiddish Tales,** Philadelphia 1948, pp. 81-112.

**GREENBERG, ELIEZER**

**HOWE, IRVING**

59. Mordecai Spector (1858-1925), **A Treasury of Yiddish Stories,** N. Y. 1954, pp. 77-78, 250-255.

**MARK, B.**

60. **Spoleczenstwo Zydowskie Na Przelomie 19, 20 Stulecia,** Warszawa 1959, Str. 15.

**MEISEL, NACHMAN**

61. Sholom Aleichem and his "Find", **Sholom Aleichem Panorama,** London, Canada 1948, p. 49.

**NOSSIG, VON ALFRED**

62. Moderne Jüdische Dichtung, Berlin 1907, p. 10.

**PINES, M.**

63. **Historie de la Literature,** Judeo-Allemande.

**RAISIN, MAX**

64. Russian Empire, **A History of The Jews in Modern Times,** N. Y. 1919, p. 186.

**RESNICK, SALOMON**

65. Renacimiento Literario, Mordoqueo Spector, El Periodismo, **Esquema de la Literatura Judía.** Bs. Aires 1933, pp. 43-44, 102-103.

**RICH, JACOB C.**

66. **Yiddish Literature.** American Writers on American Literature, N. Y., p. 457.

**ROBACK, A. A.**

67. **Curiosities of Yiddish Literature,** Cambridge, Mass. MCMXXIII, p. 187.

68. Synthesis of "Golden Age", **A Story of Yiddish Literature;** Spektor - The Realist, **A Story of Yiddish Literature;** The Epigones as Masters, **A Story of Yiddish Literature.** Yiddish Scientific Institute, N. Y. 1940, pp. 148, 163, 164, 209.

**WAXMAN, MEYER**

69. Yiddish Literature. Yiddish Poetry of the Second Period; Rise and development of Yiddish Literature in the nineteenth century; Other Novelists and Short Story Writers, **A History of Jewish Literature.** Vol. IV, N. Y. 1947, pp. 128, 523-524.

**W[EINREICH], U[RIEL]**

70. Sholom Aleichem Principal Research Sources, **The Field of Yiddish.** N. Y. 1954, p. 280.

**WIENER, LEO**

71. **The History of Yiddish Literature in the nineteenth cen-**
194, 195, 199, 203, 207, 214, 215,
**tury.** N. Y. 1899, pp. 51, 106,
252, 253; Prose Writers Since 1881: Spektor, pp. 177-193.

**Дубнова-Эрлих, София**

72. **Жизнь и Творчество С. М. Дубнова,** Нью Иорк 1950 Стр. 48, 68, 217, 218.

**Красный, Г. Я.**

73. Еврейская Художественная Литература за 1902 годъ. **Художественно-Беллетристическій Сборникъ,** С. Пет. 1903, Стр. 115.

**Марк, Юдл.**

74. **Книга о Русском Еврействе,** Союз Русских Евреев, Нью Иорк 1960, Стр. 530, 531, 538, 539.

**Нусинов, И.**

75. Еврейская Литература, **Литературная Энциклопедия,** Том 4, Москва 1930, Столб 28.

**Цинбергъ, С. Л.**

76. **Исторія Еврейской Печати въ Россіи въ связи съ общественными теченіями.** Петроградъ 1915, Стр. 15.

**Цинбергъ, С.**

77. Мордехай Спекторъ, **Еврейская Энциклопедія,** Т. 14, С. Петербургъ, Столбы 526-527.

# נאָכבאַמערקונגען

◈ אַט דער 15טער באַנד, **מרדכי ספעקטאָר — דער ייִדישער מוזשיק**, איז דער ערשטער פון די **מוסטערווערק**, וווּ די רעדאַקציע האָט געהאַלטן פאַר **וועזנטלעך** נייטיק צו **קירצן** אַ סך שטעלן, בעיקר, **דיאַלאָגן**. דער **איבערפלוס פון פּובליציסטישן** עלעמענט איז פון דער קריטיק באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ חסרון גלייך ביים אָנהייב, ווען דער ראָמאַן האָט אַ שטורמישן דערפאָלג געהאַט, ממש **געמאַכט געשיכטע.**

◈ ממילא — ביים גאַנצן איינשטעל פון דער רעדאַקציע, אָפּצוהיטן דעם לשון, סטיל, נוסח און אַטעם פון די מחברים, די שאַפונגען זאָלן פאַרבלייבן **אויטענטיש** — איז פאַרט געווען נייטיק צו **באַזייטיקן נישט־פאַרדייטע סלאַוויזמען** און גערמאַניזמען.

◈ נאָך די פריידיקע געשעענישן פון 1948 אין ארץ־ישראל און נאָך דער טרויעריקער דערפאַרונג פון 1948 אין ראַטנפאַרבאַנד איז **דער ייִדישער מוזשיק אַזוי אַקטועל** געוואָרן, **אַז עס דאַכט, עס איז אַ טעות פון דרוק, וואָס ווערט** אָנגעגעבן, אַז דער ראָמאַן האָט זיך געענדיקט דרוקן אין 1884...

ש. ר.

M. SPEKTOR

# EL COLONO JUDIO

Y ESTUDIOS LITERARIOS
SOBRE SU APORTE A LA LITERATURA IDISH

Director
SAMUEL ROLLANSKY

●

ATENEO LITERARIO EN EL IWO
Pasteur 633 - 3er. piso Buenos Aires
1 9 6 3

M. SPEKTOR

# THE JEWISH FARMER

AND STUDIES ON THE JEWISH LITERATURE

●

ATENEO LITERARIO EN EL IWO
Buenos Aires
1 9 6 3

**Joseph Lifshitz Fund**

ביז איצט דערשינען פֿאַר דער ביבליאָטעק

## מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור

1) שלמה עטינגער — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (264 זייטן)
2) מאַרק וואַרשאַווסקי — **יידישע פֿאָלקסלידער מיט נאָטן** (216 זייטן)
3) ה. ד. נאָמבערג — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (256 זייטן)
4) מענדעלע מוכר ספרים — **מסעות בנימין השלישי** (256 זייטן)
5) לייב נייִדוס — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (208 זייטן)
6) יעקבֿ דינעזאָן — **יאָסעלע און דער קריזיס** (256 זייטן)
7) משה בראָדערזאָן — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (272 זייטן)
8) אליה בחור — **בבֿא־בוך** (256 זייטן)
9) דוד פינסקי — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (352 זייטן)
10) שמעון פֿרוג — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (216 זייטן)
11) י. ל. פרץ — **אין 19טן יאָרהונדערט** (272 זייטן)
12) י. ל. פרץ — **אין 20סטן יאָרהונדערט** (272 זייטן)
13) מאָריס ראָזענפֿעלד — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (240 זייטן)
14) דוד האָפּשטיין — איזי כאַריק — איציק פֿעפֿער
**אויסגעקליבענע שריפֿטן** (272 זייטן)
15) מרדכי ספעקטאָר — **דער יידישער מוזשיק, ראָמאַן** (272 זייטן)
16) ה. לייוויק — **אויסגעקליבענע שריפֿטן** (352 זייטן)

אין 1963 דערשיינען נאָך:

17) שלום עליכם — **מנחם־מענדל**
18) אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען — **אויסגעקליבענע שריפֿטן**

IMPRESO EN LA ARGENTINA PRINTED IN ARGENTINA

Se terminó de imprimir el día 30 de abril de 1963, en los Talleres Gráficos "Zlotopioro Hnos.", San Luis 3149, Bs. Aires.